STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02242

LITERATUR

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

30 סענט. 60 קאָפּיקעס.

ליטעראַטור

אַ זאַמעלבוך

ארויסגעגעבען
פון פעראיין
ליטעראַטור

הויפּט פערקויף אין מייזעל'ס בוכהאנדלונג,
422 גרענד סטריט, ניו יארק.

MAX N. MAISEL, 422 GRAND ST.,
NEW YORK, N. Y.

אינהאלט:

ליעדער:

י. י. שווארץ : אָקטאָבער.
י. אדלער : מיין הײם.
י. ראָלניק : ליעדער.
ה. רויזענבלאַט : פראַגמענט.
י. רייז : שאָטען־טענץ.
מ. באסין : באַגינען.
י. סלאָנים : געלייטערט.

ערצעהלונגען:

א. ראבאי : דאָס ברענגבעל.
מ. י. חאַימאָוויטש : אין גרויען־ליכט.
י. עפשטיין : הינטער'ן קוזניע.

ארטיקלען:

י. ענטין : צווישען מזרח און מערב.
מ. קאַטץ : גאָט זוכעניש און זיך־גופא זוכעניש.
מ. ליעאָנטיעוו : באָדלער און זיין פאָעזיע.
יודא א. יאָפפע : שרייבן אָדער שרייבען?
י. סלאָנים : אָסקאר ווײלד.

ליטעראַרישע איבערזיכט:

י. ס.: דער דיכטער פון בענקשאַפט.
צאַרטע קלאַנגען.
א פאָעט א מאָלער.
פערשפרעכענדע פראָבע.
י. ע.: די נייע אידישע באַלאַדע.
א רייהער טאַלאַנט.
א יונגער טראַכטער.
מ. י. ח. דער ים.
א זוכער פון אידישע גבורים.

ליטעראטור

זאמעלבוך ארויסגעגעבען פון

פעראיין ליטעראטור

רעדאגירט פון

יואל ענטין, יואל סלאָנים, מ. י. האאימאָוויטש.

יולי, 1910.

/.

ערשטע אבטהיילונג:

ליעדער און ערצעהלונגען.

צווייטע אבטהיילונג:

ארטיקלען.

דריטע אבטהיילונג:

קריטיק און ביבליאגראפיע.

י. י. שוואַרץ:

אקטאבער.

לעצטע ליכטיגע פריה־מאָרגענס פון אָפּשטאַרבענדען זומער...
ס'איז שטיל און קלאָר אַרום און שטיל און קלאָר איז אויפ'ן האַרצען.
עס אָטהעמט איין די מיעדע ברוסט דעם פרישען קאַלטען ריח
פון שוואַרצע פייכטע ערד וואָס איז מיט פּערלען טהוי בעשאָטען,
דעם ריח פון צופוילטען געלען גראָז און בוימער־פייכטקייט.
עס זינקען טיעף די פיס אין קופּער־רויטע, בראַנזען־ברוינע בלעטער,
וואָס רוישען שטיל און זאַנפט צום ריטהם פון דיין פוס־טראָט.
דו שניידסט זיך דורך דורך קוסטעס, וועלכע שפּריצען טראָפּענס דיר אין פּנים,
און פוילע בלעטער זיגזאַגען און דרעהען זיך אין לופטען,
און פאַלען אויף דיין קאָפּ, אויף דיינע שולטערען פאַמעליך....

עס הייגט די זון, דאַכט, ערגעץ וואו אין וואַלד דאָ צווישען בוימער
פערהילט אין מאַטע, ווייסע, נעבעלדיגע וואָלקענס
און קרומע בלאַסע שטראַהלען גלאַנצען אויף די שטילע בלעטער.
פערדרויטלען מעהר די שפּיצען פון די רויט־געפלעקטע בוימער;
בעראָזען העל די יינגלעך זשוראַווינעס ווי קאָראַלען
בעזעצט מיט טראָפּענס פּערלען פון בעגינען־טהוי....
און ווייט אַרום איז אַלעס שטיל. „או—הו! או—הו!" עס ענטפערט נור
אַ וויי טער היימליך־אומעדיגער: „קו—קו! קו—קו!"....

לעצטע ליכטיגע פריה־מאָרגענס פון אָפּשטאַרבענדען זומער...
ס'איז שטיל און גוט... ס'איז גוט צו בלאָנדזשען דאָן אַליין אין וועלדער.
דער וויי טאָג אין דיין האַרץ ווערט שטילער, זאַנפטער, דורכזיכטיג
ווי דער פערבלאַסטער שטראַהל, וואָס פאַלט אויף די פערוועלקטע בלעטער...

י. אדלער:

מיין היים.

כ'זעה פאר זיך דאָס קליינע שטיבעל
אין אַ שוואַרצער פּחד־נאַכט;
דאָרטען זיצט מיין אַלטע מאַמע,
קוקט אין פענסטער און זי טראַכט.

קוקט אַרוים פון בלינדען פענסטער
אין דעם ווייטען, שוואַרצען־רוים —
ביי דעם פענסטער אין דעם חושך
רוישט דער אַלטער קאַרשען־בוים.

רוישט, שפּרייט אוים די אַלטע צווייגען,
בעט זיך רחמים ביי דעם ווינד —
און עס זיצט די אַלטע מאַמע
אַ פערבענקטע נאָך איהר קינד:

„אָ, מיין קינד, איך וואָלט איהם הארציג
יעדען אבר אויסגעקוסט,
און זיין קאָפּ, דעם בלאָנדען, וואָלט איך
היים געטוליעט צו מיין ברוסט.

„מיט אַ קוואַל פון פריידען־טרערען
וואָלט בעגעגענט איך מיין קינד —
ווייסט איין בורא נור אין הימעל
וואו ער איז, מיין זוהן, אַצינד".

און דאָס לעמפּעל אויף דעם טישעל,
ציטערט קרענקליך... אָטעמט קוים...
ביי דעם פענסטער אין דעם חושך
רוישט דער אַלטער קאַרשען־בוים.

רוישט און קרעכצט א יאוש־ניגון,
זינגט א קאלטע קראהען־ליעד;
פון דעם קאלטען קראהען־ניגון
קיהלט און גליווערט יעדעס גליעד...

און עס הערט זיך צו די מאמע
צו דעם ניגון פון דעם ווינד; —
ערגיץ וואו פון ווייט דערטראגט זיך
ס'בילען פון א סטייע הינד....

ערגיץ גיט א סקריפ א לאדען,
ערגיץ טשירקעט קוים א גריל;
ערגיץ שפיעלט מען אויף א פייפעל, —
און אט ווערט עס פלוצים שטיל....

עמיץ דאכט זיך שטעהט ביים פענסטער
און ער ווארפט מיט הויפענס שטויב;
ערגיץ ברעכט דער ווינד א צווייגעל,
און ער ווארפט עס אין א שויב....

ערגיץ שלאגט אן אלטער זייגער,
עס צוואוויינט זיך וואו א קינד,
און דער קארשען־בוים, דער אלטער,
בעט זיך רחמים ביי דעם ווינד....

און עס זיצט די אלטע מאמע
א פערבענקטע און זי טראכט,
קוקט ארוים פון בלינדען פענסטער
אין דער שווארצער פחד־נאכט....

י. ראַלניק:

ליעדער.

1.

קלעפּט דער שלאָף די אויגען מיר
מיט אַטלעס פינגער צו,
זיצט ביים בילצע פון מיין בעט,
וויעגט מיך ליו־ליו־ליו

טראָגט אויף ווייכע ארעמס מיך
אין אַ וויטער לאַנד;
לויפט אַ קלאָרער טייכעל דאָרט —
ברעגען געלער זאַמד.

„אַ בת־מלכה זיצט ביים ברעג
קוקט ז׳דער ווייט אריין.
„מיידעל אין אַ וויטער לאַנד
ווערסט היינט מיינע זיין!“

2.

מיין שטערען ווערט ווערען פערלאָשען,
און איך וועל פון זינען אַראָפּ,
און וואַנדלען צומישט אין די גאַסען:
ווי פייער ווערט ברענען מיין קאָפּ.

און נאָכלויפען וועלען מיר קינדער,
ס׳וועט טהאָן ווער אַ צופּ, ווער אַ שלעפּ,
און אַלטע ערהפאהרענע אידען
מיר נאָכשאָקלען וועלען די קעפּ.

נור ווען ס'וועט אַ מיידעל אַ יונגע
מיינע בלאַנדזשעדנע אויגען דערזעהן,
דערשרעקען וועט זי זיך און טראַכטען:
„וואָס ס'קען דורך אַ ליעבע געשעהן"....

.3

(טהעמא ענטנומען).

זעה, דער בעטלער, בלייך און באָרוועס,
איבער פרעמדע הייזער געהט,
הויבט זיין בליק צו יעדען פענסטער,
בויגט זיין קאָפּ פאר יעדען טויער,
בעטעלט שטום אַ שטיקעל ברויט.

און עס עפענען זיך רוישלאָז
טיהר און פענסטער דאָ און דאָרט;
ווער עס גיעט איהם אַן אַקראַיעץ,
זוער אַן אָפּגעשייערט פרוטה,
זוער עס שיינקט אַ גוטען וואָרט.

פאר דעם מזל'ס ברייטען טויער
שטעה איך מיעד און אָפּגעשוואַכט,
און דער מזל, ווי אַ קמצן,
זיצט און צעהלט די גאָלד'נע רענדלאך,
קוקט פון פענסטער נאָך און לאַכט

.4

איהר זיצט אין אַ ליכטיגער שטוב,
און קיינער פון אייך זיך דערמאָנט
אַן איינעם וואָס פינסטערט אין גרוב, —
איהר זיצט אין ליכטיגער שטוב!

אין קבר איז שטיינערדיג קאַלט,
און עמיצער זיצט אויף מיין ברוסט,
און פעסט פאַר'ן גאָרגעל מיך האַלט, —
אין קבר איז שטיינערדיג קאַלט!

אין קבר איז פינסטער און שטום,
די ווערים זיי קושען מיין לייב,
און פויזען שטיל שווייגענד ארום —
אין קבר איז פינסטער און שטום!

ארום ליגען מתים צוזייט
ווי קערנער פערלארען אין וועג,
און פוילען דארט שטילינקערהייט, —
ארום ליגען מתים צוזייט!

איהר זיצט אין א ליכטיגע שטוב
און קיינער פון אייך זיך דערמאנט
אן יענעם וואס פינסטערט אין גרוב, —
איהר זיצט אין א ליכטיגער שטוב!

ה. רויזענבלאט:

* *
*

(פראגמענט).

נמאס איז מיר דאָ דאָס לעבען
אין דער גרויסער שטאָדט, דער קאַלטער;
כ'האָב פערביינקט זיך נאָך מיין דערפעל,
נאָך מיין ליעבער היים מיין אַלטער.

אַלע וואונדער פאַנאָראַמען
טויכען אויף אין מיין זכרון — —
— — — — — — — — — — — — — —
אויף דער קעלניע זיצט מעקאַלע,
און מיר פאָהרען און מיר פאָהרען.

מיר פאָהרען און מילד איז
דער פריהלינג פריה־מאָרגען;
פון אונטער דעם נעבעל
דעם בלויען פערבאָרגען.

דערזעה איך עס קומען
מיר אַן פון דער ווייטען,
אויף בערג גרין געזאַטעלט,
פאַמעלאך צורייטען,

א פאַרטיע פון וועלדער
אין יום־טוב בגדים,
געשפונען אוים ראָזע
און זילבערנע פאָדים

זיי קומען אנטקעגען,
מיר אפגעבען שלום.
„וואס מאכסטו? ווי געהט עס
דיר, בלייבער בעל־חלום?

מיר האבען געוואוסט, אז
דו וועסט זיך פערבייגקען
נאך אונז און אמאל א
וויזיט נאך אונז שיינקען,

דו וועסט ווען עס איז נאך
צוריק צו אונז קעהרען“.
איך הער און פאר שמחה
מיר קייקלען זיך טרעהרען.

אט איז דער „סקארזשעניוועקער וואלד“,
דער אלטער אמאליגער גיבור,
דער זעלבער נאר שטאלצער, מיר דאכט,
און שעהנער און גרינער און ליעבער.

„א דאנק, ליעבער גאט!“ רוישט א דעמב,
„מען זעהט ווי עס איז זיך כאטש ווידער;
ביזט מיעד, ליעבער פריינד מיינער, קום
און לעג נעבען מיר זיך אנידער.

„איך פלעכט פון די צווייגען דיר אויס
א שאטען א קיהלען, געדיכטען;
איך האב צו דערציילען דיר, פריינד,
א סך אינטערעסאנטע געשיכטען.

„געדיינקסט דאך מסתמא ביים „יאר“
דעם דוב, יענעם גדלן דעם אלטען;
איהם האט לעצטען זומער איין טאג
א דונער אויף צווייען צושפאלטען“.

איך ליג אין דעם שאטען פון בוים,
דער וואלד רוישט ארום מיר און זשומעט,

און ביסלאַך ווײַס נעמט מיר אַרום
א זיסער און צערטליכער אומעט.

„דערצייל, אַ דערצייל, ליעבער דעמב,
איך וועל מיט קיין שאָרך דיר ניט שטערען,
דערצייל מיר וואָס האָט דורך דער צייט
פּאַסירט דאָ, דערצייל, איך וויל הערען“.

„געדיינקסט דאָך דעם סטאַראָזש יאַכים“,
האָט מורמלען דער דעמב אָנגעפאַנגען,
„דער שעהנער יאַכים באַרעניוק,
ער האָט זיך אין וואַלד אויפגעהאַנגען“.

„מען ווייסט ניט פאַר וואָס און פאַר ווען,
מען קען ניט דערגעהן די סיבה;
צי איז דאָס געווען משוגעת,
צי פאַלשע און הערצלאָזע ליעבע.

„פאַראַנען נור איינער וואָס ווייסט
די סיבה, און דאָס איז זיין פייפעל;
נאָר איהר האָט עס ערגיץ אין וואַלד
בעגראָבען דער אָרימער טייפעל,

„פערדרוימט, אום זי זאָל נאָך אַמאָל
ניט אויספּלאַפּלען ערגיץ די סיבה
טהייל דרינגען דאָס איז משוגעת,
טהייל האַלטען — אונגליקליכע ליעבע.

„נאָר אָפט אין אַ פריעדליכער נאַכט
צוגיסט זיך אַריבער דעם שטילען,
פער׳חלום׳טען וואַלד מיט געוויין
דער פייפעל׳ס צוּאוועהטאָגטעס טרילען.

„נאָר באַלד הויבט אָן כאָרכלען פערשטיקט
די דודקע, אָט ווי אַ נשמה,
וואָס גוססט: — מען זאָגט אַז יאַכים
דאָן האַלט מיט זיין פייפעל מלחמה:

„ער וויל ניט דאָס פייפעלע זאָל
דעם סוד פון זיין האַרצען אונז זאָגען,
און נאָכדעם זאָל קומען אַ ווינט,
און זאָל אויף דער וועלט עס צוטראָגען.

„דערשטיקט ווערט די דודקע און אוים,
פערשטאָרבען דער ווייגענדער נגון,
און ערגעץ אין וואַלד הויבט זיך אָן
אַ בוים מיט געטומעל צו וויגען.

„עס טרייסעלט דער בוים מיט גערויש
די צווייגען געשווינד און געשווינדער.
און ס'זויים יעדער איינער פון אונז,
אַז דאָרט הייגט יאָכים ז"ך אַצינדער".

איך ליג אין דעם שאָטען פון בוים,
דער וואַלד רוישט און מורמעלט און זשומעט,
און מיך הילט פאַמעלאַכעל איין
אַ זיסער און האַרציגער אומעט.

יצחק רייז:

שאָטען טענץ.

שאָטען־מחנות שוועבען שטומע
אויף די ווענט ביי מיר אין צימער,
און זיי טאַנצען צו דעם ריטהם
פון דעם קראַנקען לאָמפּען־שימער.

און זיי טאַנצען און זיי הוליען —
׳רום מיין שטאַרבענדיגען לעבען: —
וואָס־זשע ווילט איהר בעזע שאָטענס?
וואָס־זשע קען איך אייך נאָך געבען?

ווען דער מעריב־זונ׳ס נשמה
האָט געפלאַטערט אויף די שויבען, —
טיעף אין ים פון נאַכט פערזונקען
איז מיין ווייסע שיף פון גלויבען...

וואָס־זשע וואַכט איהר נאָך אַרום מיר?
וועקט איהר דאָך נאָר טויטע קלאַנגען
פון געזאַנגען לאַנג שוין טויטע, —
פון געשטאָרבענע פערלאַנגען!....

* * *

שטומע שאָטענס, יענע שטונדען
זאָלט איהר מיר שוין צוריק ניט ברענגען!
כ׳וועל די האַרפע פון מיין האַרצען
אויף אַן אַלטען בוים אויפהענגען.

אויף אַן אַלטען בוים... מיין מאַמע,
זי וועט היטען יעדען ציטער, —
פון מיין האַרצענ׳ס ריינער האַרפע...
זי וועט היטען יעדען ציטער.

*　　*　　*

שטומע שאָטענס ׳רום מיין בעטיל....
וואַכען ביי מיין שטילען צאַנקען...
דורך מיין פענסטער זעה איך ווייסע
רויזען אויף די פעלדער בלאַנקען...

זעה איך לאַנגע רייהען בוימער,
זעה איך תבאות גאָלד־בעלויכטען...
אָך, פון העלע שטראַהלען־בענדער
ווערט אַ קבר־קראַנץ געפלאָכטען!....

*　　*　　*

שטומע שאָטענס ברענגט די טרוימען
פון דעם גין־גאָלד צויבער־גאָרטען,
וואו עס וואַכען בלאָנדע פוקסען,
און די פרוכטען פאַלען דאָרטען...

ברענגט די טרוימען פון דעם וועלדיל —
וואו די ווייסע בריזעם זענען,
וואו דער זילבער־מאָך זיך ווארצעלט, —
און די שפּיצען בוימער ברענען....

ברענגט די קראַנצען מיר פון ליעדער —
וואָס געפלאָכטען האָב איך דאָרטען;
ברענגט מיר די צופליקטע ראָזען,
ברענגט צוריק מיין יונגען גאָרטען!

*　　*　　*

שאָטען־מחנות פלעכטען הערנער
׳רום מיין טויט געבלייכטען שטערען,
און זיי זינגען גוסס־ליעדער...
ליעדער פון פערגעסען ווערען...

*　　*　　*

שטומע שאָטענס, פאָלגט אַ קראַנקען,
געהט ארוים אויף ווייטע וועגען, —
טרעפט איהר ערגיץ יונגע קינדער
זיך אין זומער־טאַנץ בעוועגען, —

זאָגט זיי אָן, עס וואַרט אַ גוסס,
און ער קוקט זיך אוים די אויגען,
דאָס געזאַנג פון יונגע קינדער
זאָל זיין לעצטען אָטהעם זויגען...

פיהרט זיי, שאָטענס, דורך די טהאָלען....
שנעלער, שנעלער הייסט זיי קומען...
ס'האָט דער טויט שוין אין מיין הארצען
אָנגעריהרט די לעצטע בלומען!....

* * *

שאָטען-מחנות, טויטען-היטער,
באַלד וועט איהר אויך זיין פערשוואונדען...
און ערוואַכען מיט דעם מאָרגען —
וועלען ווידער מיינע וואונדען...

און ערוואַכען וועלען ווידער —
טויט-געזויגטע הערצענס-קינדער...
גאָט פון לעבען! שיק דיין שאָטען, —
שיק דיין מלאך מיר אַצינדער....

מ. באַסין.

באגינען

עס ליגט שוין די לעצטע געליעבטע א מיעדע אין רוהיגע אַרעמ׳ס,
אַזוי ווי א נעסט אין דער טיפקייט פון שטאַרקע, בעוועגלאַזע צווייגען
עס טרייבט זיך דאַס שווייגען אַרום אין די גאַסען און וויגט זיינע קינדער,
און זינגט אין דער שטיל זיי די ליעדער פון אויביגער רוה און פון שווייגען . . .

עס שטייען די הייזער פערלאַזען, אַזוי ווי צושטעלטע מצבות. —
און יעטוועדער גאַס ווי א סטיעזשקע, אַן איינזאַמער וועג צווישען קברים —
אין יעטוועדער לאַמפּ ווי א יאָהר צייט נאָך לאַנג שוין פאַרגעסענע לעבענס,
אין יעטוועדער מיסט־בלאַט — א צייכען פון אַלטע צוריסענע ספרים . . .

קיין איינציגער ביל פון א שטוב־הונד, קיין איינציגער קרייען פון הענער,
קיין איינציגער טאָן פון א פּאַסטוך וואָס זאָגט אָן דער גאַס פון באַגינען.
עס טראָגט זיך פון וויטען א שאָטען, א קינד פון דעם טאָגיגען לעבען,
אַזוי ווי א וואָגלענדער גלגול וואָס קען זיך קיין רוה ניט געפינען . . .

עס האָט שוין די נאַכט איהרע גליקען פאַרקויפט און פאַרמאַכט שוין דאָס קרעמעל.
פון ערגעץ א רייחען פון הערער מיט שטיינער דערטראָגט זיך צוריסען — — —
שוין רייסט אויף דער טאָג זיינע אויגען פון שוואַרצליכע ברעמען פאַרזשמורעט,
און האָט ניט קיין איינציגען פויגעל וואָס זאָל איהם מיט שירה באַגריסען....

יואל סלאָנים:

געלייטערט

ס'איז אבענד געוועזען... די זון האָט איהר ווידוי
געזאָגט און געשטאָרבען אין וואַלד...
דער טאָג האָט מיט דונקעלע שלייערס פון שאָטענס
פערהילט זיין געשטאַלט...
די נאַכט איז געקומען אין מאַנטיל פון שוואַרץ,
מיט שטערען, לבנות פערלאָשען אין האַרץ,
און בלינד האָט איהר אויג אין דעם פענסטער געבליקט
אַזוי ווי דער גייסט פון אַ זעעלע דערשטיקט...
זי איז געזעסען — אַן אונשולדיג קינד,
שאַנד־רויזען האָבען געבּרענט איהר געזיכט,
דעם קאָפּ אָנגעלעהנט אויף די ציטערענדע הענט,
די ליפּען געבּלייכט פון אַ טויטליכע ליכט... — — —
ער האָט איהר דערציילט זיינע זינד...

זינד ווי דער שרעק, שוואַרץ־פּיינליך אָהן שיעור,
האָט ער פון זיין האַרץ־קוואַל געעפענט פאַר איהר,
און זי?... אַ די ריינע, זי האָט זיך דערוואוסט,
פון נעסטען פון זינד ווי די תהומ'ען פון נאַכט
פון ווינטען וואָס וויקלען זיך מיעד און פערשמאַכט
אין גערטנער פון פלאַמען מיט סמ'ן פון וועה,
פון הערצער וואו ס'וועלקט און פערוויאַנעט דער טרוים
ווי ווערים־צופרעסענע פרוכט אויף אַ בוים
פון שכינה וואָס לעשט אין נשמות זיך אויס
אין שווידערהאַפט־שטומען, אין תענוג־געשריי,
און זי, אַ די שיינע, זי האָט ווי דערפיהלט
דעם גלוטהענדען חשק פון תאוה־עקסטאַז,
די שוואַרץ־ווילדע ריטהמען פון לוסט־טענץ און זינד,
געזעהן אַ וואַקבאַנקע מיט פלאַמענדען בליק,
פער'שיכורט פון ברויזענדען ערד־ווּיסטען גליק,
די האַרץ ווי אַ שד־פלאַם, דער מוח שטאָק־בלינד,
דערפיהלט פון דער טומאה דעם אַטהעם שוואַרץ־פויל
אומשוועבען אין לופט ווי אַ פויגעל פון גרויל
מיט גרין־שוועבעל־אויגען אין האַרץ — גיהינום־לוסט — — —

עס האָט זיך איהר ברוסט
געהויבען מיט צאָרען... עס האָט אַ געשריי
דעם צימער געריסען;
און אַנגסטליך געשריי
פון מיידעלשע צארטהייט, פון אונשולד־נשמה,
פון קללה פון עקעל, פון גיפט פון נקמה,
מיט איהם האָט געמישט זיך וויא נאַכט מיט פריהמאָרגען
אַ קרעכץ פון אַ שוואַרצען געוויסען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

זיפצען דערשטיקטע.. דעם אונשולד'ס געשריי,
פערזינקען אין נאַכט ווי אַ שאָטען פון וועה,
עס צאַפּעלט אין לופט זיך אַ פינסטערער טרעהר...
ערגעץ־וואו ווארגט אַ נשמה זיך שווער...

„שטאַרבען מוז איך!" — — און זיין רויט־פרישע בלוט
איז קלעפּעדיג־שוואַרצליך געוואָרען... מיט וואוט
האָט ווילד די חרטה געפלאַמט איהם, געברענט,
זיין מוח צוברענט...
ער זינקט זיינע בליקען אין איהר — זי שטומט...
וואכט־אויף אין זיין מוח אַ וואַהנזין און ברומט...
עס קראַמפּפט זיך זיין פנים... עס שרפה'ט זיין אויג...
די הענט זיינע שרומפּפען... אַ ראשיגער בויג;
עס בליצט דורך אַ מעסער אין לופט...

אזוי ווי אַ מוטער וואָס זעהט ווי געשווינד.
שלייכט זיך אַ וואָלף אין דעם וואַלד צו איהר קינד,
אזוי ווי אַ פויגעל וואָס קומט צו איהר בוים
און זעהט ווי אַ שפּאַרבער צושטערט איהר דאָס היים,
אזוי ווי אַ הירש'ן וואָס וואַנדעלט ביים טייך
זעהט צילען אַ יעגער, פון בוים, אויף איהר גלייך,
אזוי ווי אַ זעלע געקרייציגט אין וועה,
איז זי אויפגעשפּרונגען מיט ווילדען געשריי,
געקלאַמערט זיין האַנט און פערשליידערט געשיקט
דעם מעסער, און ווילד צו דעם האַרץ איהם געדריקט;
„ליעבער" האָט זי איהם געשעפּטשעט, „איך פיהל
דיין זעלע איז קלאָהר ווי אַ ליליע און ריין,
איך פיהל אַז די טייפעלשע נאַכט־שוואַרצע זינד
זיי זיינען אַ שטראָף שוין, אַ גהנים אליין, —

דו ביזט יעצט געלייטערט אָהן שאָטען פון זינד,
דיין האַרץ איז דאָס האַרץ פון אַן אונשולדיג־קינד״...

און צוויי מענשען פריש־דערקענטע,
און צוויי יוגענדס פריש צוברענטע,
שמייכלען פריידיג לוסטען־שמייכעלס,
ווינקען גליהענד זונען־וואונקען,
רוישען וויא צוויי פריהלינגס־שטראָמען
איבער זון־בעשטראַהלטע פעלדער,
שפּילען ווי אַ מחנה פויגעל
אין די דופט־בערוישטע וועלדער,
און מיט זאַפטיג־פרישע ליפּען
גיסען זיך אין קוס צוזאַמען,
און מיט פייער־טהוי אין האַרצען
צאַפּלען זיך אין ליעבע־פלאַמען...

ראבאי.

דאס ברעגכעל.

זומער.

פון פריהמארגען ביז מיטאג האט געגאסען א מונטערער, גראבער רעגען. נאכ־טאג ציהען די וואלקענס פון הימעל אוועק. עס ווערט לויטער. די זון קוקט ארונטער יש און היים צו דער ערד. די גאס לעבט אויף. פענסטער ווייזען אויס, מיט די טראפענס נען וואס פינקלען קעגען דער זון, אזוי ווי מיט דימענטען בעזעצט.

עס ווערען צועפענט פענסטער. פון טהאל קוקען ארויס לויכטענדע פנים'ער און צענדע אויגען: — די זון!

קליינע קינדער קלייבען זיך צונויף ארום א „טייכעל", וואס שטעהט פון רעגען ף די שטיינער אין דער מיט גאס.

באלד ברענגט מען צו טראגען שטיינדלאך און צובראכענע ציגעל, מען לעגט ארום „טייכעל" אין דעם געשטאלט פון א ברעגכעל.

און מיידלאך שפרינגען אריין מיט בארוועסע וויסע פיסלאך און נעהמען טאנצען אין דאס „טייכעל". דאס וואסער שפריצט אויף די וויסענקע, ריינע קלייד־ און מאכט דארט שווארצע פלעקאלעך.

— קינדער, זעהט נור! — הילכט אפ איינער פון די אינגלאך איבער דער גאס א דין קול'כעל, זיך בויגענדיג איבער דעם „טייכעל".

און אלע אינגלאך בויגען זיך איין און קוקען אין דאס געגלבלאכע „טייכעל" און זייערע פנים'ער רויטעלט זיך.

זיי זעהען דאס ערשטע מאל, ווי אין דעם רעגען „טייכעל" שפיגעלט זיך אפ א נקיים, עהנליך צו דער, וואס אברהם האט געזעהען, ווען ער איז מיט שרה'ן דאס טע מאהל א טייך אריבערגעגאנגען.

די זון בלינצעלט אויך אין דעם געלבליכען טייכעל, — א גאלדענער שטראהל א הימעלשען אויג; די מיידלאך זינגען א העל־קלינגענדיג ליעדעל; די אינגאלאך נען איינגעבויגען אויף זייערע קניהעלעך מיט די אויגען אין דאס געלבליכע וואסער ענדעט:

— זעהט נור!

* * *

פון א אפענעם פענסטער קוקט א מויד אין גאס אראפ. איהרע האר זיינען ארץ און הארט, איהר פנים ברייט און ברוין ווי בראנז. זי איז אנגעשפארט אויף רע פעסטע אפגעדעקטע הענט אין פענסטער.

דורך דאס אפענע פענסטער זעהען זיך פנים'ער פון פרויען, מיט אפגעדעקטע ם, וועלכע זיצען אין ווייכע פאטעלען און שוויינען.

דער רעגען איז געגאַנגען און זיי האָבען געוואַרט מיט קלעמעניש אויף דער זון. די זון ערשיינט און זיי זיצען און וואַרטען אויף איינעם, וועלכער וועט ניט קומען — און אפשר קומט ער יאָ. זיי, די לעבענסדורשטיגע, אָנצוטרינקען:

— היינט איז ביי זיי דער זיבענטער טאָג פון דער ארבייט־וואָך!

די מויד פון אָפענעם פענסטער קעהרט זיך אָפּ פון גאַס אין שטוב אריין און מיט דעם איינדרוק פון דאָס געלבליכע טייכעל זאָגט זי צו איהרע חבר'טעס:

—פאָהרען מיר אפשר ארויס צום ים?

די פרויען זיצען און שווייגען, נור זייערע אויגען צינדען זיך מיט פלאַמען, ווי ווען מען פרעגט ביי זיי: „ליעבסטו איהם מיט דעם אמאָליגען יוגענדליכען פייער?!“ די מויד פון אָפענעם פענסטער:

— נאָך אַזאַ רעגען ווי היינט איז גוט צו זיין ביים ים. די זון שיינט העל און דער ים הויבט זיינע כוואַליעס הויך. דאָס זאַמד אויפ'ן ברעג בריהט און דו געהסט ארום מיט באָרוועסע פיס, אַנטפּלעקטע הענט און אַ הוילען האַלז.

„און מיט אַ לייכטען, שוואַרצען און דורכזיכטיגען באַד־אַנצוג, מיט די האָר צור־פלאָכטען אויף די פּלייצעס גיסט דו זיך אַ וואַרף אין וואַסער אריין.

„און אַז דו טונקסט זיך אָפּ עטליכעמאָל בעקומט דיין אַנצוג אַ גלאַנץ פון שוואַרצען, נייעם זייד. און דו געהסט ארויס צום ברעג — דו געהסט ניט, נור דו שוועבסט — און דאָס וואַסער, דאָס דונקעל בלוילעכע, טרעט דיר אָפּ דעם וועג מיט ברייטע, זילבערנע כוואַליעס.

„און אַז דו מאַכסט דעם ערשטען טריט אויפ'ן ברעג, בעהערשסט דו איהם מיט דיין זיידענעם שוואַרצען, מיט זונענשטראַהלען דורכגעוועבטען ים־קלייד און דו קעניגסט איבער דעם ברעג פון איין עק ביז דעם צווייטען“.

איינע פון די פרויען:

— עס קומט מיר פאָר, איינע בין איך געוועזען אויפ'ן ברעג ים... און עטליכע יונגע בחורים, איינער שעהנער פון'ם אַנדערען, האָבען מיך ארומגערינגעלט.

„איך האָב געטראָגען אַ בלאָען, מיט ווייסע שטרייפּענגערינגעלטען באַד־אַנצוג; די בחורים, פון פערשיעדענע פאַרבען קורצע און לאַנגע. איך האָב כמעט געזעהען זייער הויט און ביינער און געפיהלט זייער בלוט דורך די דורכזיכטיגע לייב־קליידער.

אַלע זיינען געגאַנגען ארום מיר, ווי איך האָב געהאַלטען געצוימט! איך האָב זיי בעשאָטען מיט זאַמד און זיי האָבען עס צוגענומען פאַר גאָלד.

אַ שטונדע האָבען מיר לוסטיג פערבראַכט. נאָכדעם לעג איך מיך אַוועק אין זאַמד און שטעל אָן אַ ניט־צופרידענעם פּנים.

מען איז פון הויט ארויסגעשפרונגען מיך פריילאַך מאַכען.

„איינער פון זיי לעגט זיך אַוועק אויפ'ן זאַמד אין אַ גרוב, וואָס די בחורים האָבען מיט זייערע פיס אויסגעגראָבען. און זיי פאַרשיטען איהם מיט זאַמד פון אויבען — ער איז איינגאַנצען פערשאָטען! עס ווערט זיך אַ זאַמד מענש. דו זעהסט ער איז גע־מאַכט פון זאַמד און ער לעבט דאָך. די ברוסט זיינע טראָגט זיך אָפּ און אויף!

„איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען. איך הויב זיך אויף, לויף צו און צור־שטער דעם זאַמדיגען מענשען און עס הילכט אָפּ אַ מונטערער געלעכטער. איך האָב אויך געלאַכט.

„דער בחור האָט זיך אויפגעשטעלט אַ טרייסעל געטאָן פון זיך דעם זאַמד און

איך האָב זיך אוועקגעלעגט אין דער זעלבער גרוב. און מיינע בעגלייטער נעהמען מיך פערשיטען מיט זאמד.

„איך פיהל ווי א פייכטע ווארעמקייט הילט ארום מיינע גלידער.

„הענט, אַ הענט בעריהרען מיין קערפּער. איך שליס מיינע אויגען צו פעסט. באַלד בין איך אין גאַנצען פערשאָטען.

„די בחורים פּרעסען מיין ברוסט מיט זייערע פולע הויפענס זאמד. מיר איז הייס!

„און איך ליעג און פערטראַכט מיר עפּעס אַ שפּיצעל:

„זאָל איך זיך פּלוצים צולאַכען? צו זאָל איך זיך מאַכען פאַר טויט, איינציהען דעם אָטעם?

„איך קלויב אויס דאָס לעצטע!

„טאַטינקע! ווי זיי שאַרען עס אויף גיך די זאמד פון מיר אראָפּ. אַט פיהל איך שוין די זון אויף מיין פּנים. אַ מינוט ליעג איך בלומרשט אַ טויטע.

„און באַלד עפען איך מיינע אויגען אַז, אָקאָרשט אַלע ליגען אויף זייערע קניע אינ'ם זאמד, גלייך ווי דער הימעל איבער'ן ים.

„איך טהו אַ שמייכעל און זיי ווערען צוריק מונטער; איך צולאַך זיך, זיי נאָך מיר. און אזוי שנעל איז, יעצט דאָס אָנקומען פון געלעכטער געוועזען ביי זיי, ווי דער אָנפאַל פון טויט שרעק פריהער. —“

זי ווערט אַנטשוויגען און פערטראַכט זיך.

אַן אַנדערע פרוי דערצעהלט, מיט די אויגען ווייט דאָס אָפענע פענסטער גע־ווענדט און אַנגעשפּארט אין דאָס ווענטעל פון פּאָטעל:

— „מיר זיינען ביידע געשטאַנען אין ים, איינס אויף איינס. ער האָט זיך גע־האַלטען אָן שטריק, וואָס גרענעצט אָפּ דעם ווייטען ים פאַר מענשען. איך האָב זיך געהאַלטען אָן איהם.

„דער ים איז געוועזען אונרוהיג. און יעדעס מאָהל האָט מיך אַ כוואַליע צוגע־דריקט צו איהם און מיט אַ מאָהל:

אַז עס טוט זיך אַ הויב אַ כוואַליע פון'ם ברייטען ים און טוט זיך אַ גאָס איבער אונזערע קעפּ, ווי מען וואָלט אַ ים־חופּה אונז שטעלען!

„איך דריק זיך שטאַרק צו איהם און מיר קושען זיך.

חאַ, חאַ, געקושט זיך אונטער אַ הויבער כוואַליע פון'ם ים! (שווייגט אַ ווילע אין דער זעלבער פּאָזע, נאָכדעם מיט עקסטאַז).

„פערשאָלטען זאָל ווערען דער שטריק, וואָס האָט דעמאָלט דעם ברייטען ים אָפּגעגרענעצט!

אַלע זיצען אין די פּאָטעלען פון גרינעם זייד, יעדער פּערטאָן אין זיך, און שוויי־גען ווי אויסגעהאַקטע מירמעלשטיינערנע קאַריקאַטורען פון דער פערפלאָסענער יוגענד.

איינע פון די חבר'טעס הויבט זיך האַסטיג אויף פון פּאָטעל, געהט צו צום פּיאַנאָ, וואָס שטעהט אין אַ ווינקעל און נעמט זיך שפּיעלען אַ שטאַטישע, ביליגע מעלאָדי. זי קוקט אַרונטער צו די קלאַווישען און שווייגט און איהרע נעלבלעכע, פעטע פינגערלאַך לויפען איבער די קלאַווישען און ראַלען זיך איבער זיי אַהין און אַהער, ווי זיי וואָלטען עפּיס זוכען און וועלען אַרויסציהען פון זיי די ווערטער:

— „האָט איהר אין ערגעץ מ—יי—ן ברו—נע—ט געזעהען?!“ און צווישען די מוידען איז געשעהען אַ זאַך, געגליבענט צו אַ וואַלד אין אַ חשון טאָג, ווען זיינע

גראָבע, פערוואָקסענע בוימער שטעהען א צייט און שווייגען, פערטיעפט יעדע אין זיינע אייגענע הערבסט מחשבות און פלוצים טהוט א ווינטעל דעם וואַלד דורכלויפען און אַלע בוימער כאַפּען זיך אויף און הויבען זיך אָן איבערצושאָקלען איינס צום צווייטען:

— בלעטלאך פאַלען!

די מויד פון אַפענעם פענסטער זאָגט:

— „דער טאָג איז באַלד אוועק, די נאַכט איז זעהר א קליינע — און לאַנג איז די ארבייט־וואָך...“

און דאן צולאָזט זיך די פיאַנאָ אין א וואַהנזיניגען, אַלץ פערשפּאַטענדיגער מעלאָדי און די שפּיעלערין כאַפּט אונטער מיט איהר מענערשער שטים אַלע מאָל איין אנדער טאָן. און עס קומט ארויס ווי אָפּגעבראָכענע שטיקלאך פון א ווילדען געלעכטער:

— ער קומט ניט, כאַ, כאַ!

און אַלע חבר'טעס שטעהען אויף פון זייערע פּאַטעלען, שליסען אָרים און ארים און פאַנגען אָן ארומצודרעהען זיך אויף דעם ווייכען קאַוויאר פון בורדאָ סאַמעט. און זיי טאַנצען און פערנעהמען דאָס ווידער־קול פון דער פיאַנאָ. און זיי בויגען זייערע פיס און וואַקלען. מיט די קערפּער און פליעסקען מיט די הענד און זייערע פינגער קרימען זיך אין משונה'דיגע אוואַיעס:

— ער קו—מ—ט ניט דער ברו—נע—ע—ט!

* * *

די פיאַנאָ פּלאַפּעלט:

ערגעץ אין א לאַנד, ערגעץ אין א שטאָדט איז געוועזען א בלאָער ים.

אין ים האָבען געלעבט און געוועלטיגט נימפען.

ווען די זון האָט אין פריה מאָרגען זיך ארויסגערוקט ווייט אינ'ם האָריזאָנט און מיט א לייכטען, גאָלדענעם שטראַהל זיך דאָס ערשטע בעהעפט מיט דער גרינ־בלאָליכבער פלאַכע פון דעם נימפּישען פּאַלאַץ, האָבען די נימפען אויפגעוואַכט פון זייער לייכטען מאָרגען־דרימעל.

און מיט לאַנג צולאָזענע האָר, פריש שיינענדיגע פּנים'ער און בליצענדיגע אויגען, מיט קלאָר געוואַשענע ברוסטען און דינע ים'יגע קליידער זיך אַלע מיט א מאָהל ארויס־געלאָזט איבער'ן וואַסער און גענומען זינגען א ליעד.

און פארנאַכט, אז די זון פלעגט פארגעהען און פלאַמענדיג זיך שיידען מיט דעם ים, זיינען די נימפען געלעגען וויגענדיג זיך אין די לייכטע וועלכלעך, מיט זייערע אויגען צום זינקענדען פייער געווענדעט, און שטום געקוקט.

מיט א לייכטען ציטער, גליין צו די טענער פון א מאַנדאָלינע, האָבען זיי גע־וואַרט צו ווערען אומארעמט פון די פלוימען־בלויע, דונקעלע שאָטענס.

איינמאָל איז אויף דער מדינה א היץ א טרוקענע פייערדיג אָנגעפאַלען און טעג און נעכט האָט עס געברענט און געטריקענט ביז דער בלויער ים איז א געלבליכער זאַמ־דיגער זומפּ געוואָרען.

זיינען די קעניגליכע נימפען געלעגען בלאַס ווי קאַלעך, מיט פערדאַרטע איבער־געברענטע שלייערס און געגאַרט נאָך דעם, אז דער זומפּ זאָל זיך אין גיכען אָנפילען מיט וואַסער און זייער קעניגטום וועט זיך אומקעהרען מיט זיין בלויער פּראַכט.

עס פלעג זיין שטיל.

הימעל פון אויבען, זומפּ פון אונטען. געלע זאַמד און רויטע הימלען. און שטום.

צו מאָל זיינען ווינטען געקומען פון ווייט, ווי מחנות פון זיעגרייכע חילות אויף גרויסע אראבישע פערד, מיט טרומייטען אין זייערע מיילער.

און פון ווייטען רוים פלעגט א דונקעלער, געלער שטויב אויפגעהען און מיט א ווילדער פייפעריי דעם זומפ דורכוויכערען.

און דאָס געלע זאמד איז ביז אונטערען הימעל געוואָרפען געוואָרען, געפאלען און צוריק אונטערגעהויבען געוואָרען און זיך צושלייַדערט אין א געלבלעכע פינסטערניש און פערשטעלט דעם הימעל פון'ם זומפ און פערבאָרגען איין נימפע פון דער צווייטער.

איין נימפע האָט ניט געפיהלט די צווייטע, ניט געקענט זעהען און פיהלען זיך אליין און עס איז ניט געוועזען קיין גרענעץ צו קיין זאך, נור אן ענדלאָזע זאמדיגע וויסטעניש.

און איינמאָל, נאָכדעם אז די ווינטען זיינען פערשוואונדען און די נימפען האָבען זיך דערפיהלט און זיך דערווישט הינטער דער רויטער, ברענענדיגער זון פערשמאכטע און פערזאמדיגטע, האָבען זיי אָנגעגורט זייערע לעצטע כוחות און אָפגעריסען פון זיך די קווארע פערטריקענטע שלייערס און נאקעטע האָבען זיי זיך געוואָרפען איינע צו דער צווייטער מיט ברייט פונאנדער־געעפענטע ארעמס און זיך צולאָזט איבער'ן זומפ אין א גאלאָפירענדען טאנץ.

א דונקעל רויטליכער שטויב האָט זיך פון דעם ווילדען טאנץ אויפגעהויבען און זיך אויסגעמישט מיט זייער לייכטזיניגען, לעצטען געזאנג און זיך צופלאָסען איבער דעם רוים וואָס צווישען הימעל און זומפ, ביז זיי זיינען אלע געפאלען אין אונמאכט, און ליגענדיג אויסגעהויכט זייער לעצטען אָטעם.

דער שטויב האָט זיך צו־שפרייט און לייכט פערווישט פון דעם רוים זייערע קערפערס.

מ. י. האַימאָוויטש:

אין גרויען-ליכט.

1.

נאָך קיין מאָל אין לעבען האָט דער יונגער לעהרער בערנשטיין אזוי שטאַרק ניט געפיהלט די טוידקייט און איינזאַמקייט פון זיין וואַכעדיגען לעבען, ווי ער האָט'ס גע־פיהלט די ערשטע צייט נאָך זיין אריינפאָהרען אין דער פערוואָרפענער קליין ליטוויש־שטעטעל.

ס'איז געוועזען נאָך סכות. די נעכט האָבען זיך שרעקליך לאַנג אויסגעצויגען. די טעג זיינען געוועזען נאַסע און גרויע. פון איין פריהמאָרגען ביז'ן צווייטען האָט א קאַלטער שיטערער רעגען אָהן אַן אויפהער געשפריצט. א פוילער און שווערער אָסיען־ווינד האָט נאָכאַנאַנד געטריבען: געריסען די לאָדענס, געפייפט אין די קוימענס. און גאַנצע הארמידעס וואָלקען האָבען, ווי צושלאָגענע סטאַדעס שעפסען, איבער'ן הימעל געוואַנדערט.

די קליינע שטיבלאך פון שטעטיל זיינען געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשווייַנקטע סטאַיע קראָהען, שוואַרץ און פער'הושכ'ט פון רעגען, און ס'איז איבער זיי געהאַנגען, ווי א שוואַרצער רויך, אַזא איינטאָניגע מרה שחורה, גלייך ווי דעם הימעל אליין וואָלט דאָס לעבען מיאוס געוואָרען. גרויסע לוזשעס וואַסער און קויט האָבען די שמאָלע גאַסען בעדעקט, און די איינוואָהנער פון'ם שטעטיל זיינען ביז די קניע אין קויט געקראָכען. ביינאַכט איז אין די ענגע גאַסען געווען פינסטער ווי אין אַן אויג, אַזא געדיכטע פינ־סטערניש כאָטש מיט די הענט אָנצוטאַפּען. האָט וואו ניט וואו זיך א שטיקעל ליכט פון ערגעץ א לאָדען דורכגעשלאָגען און שוואָך אין דער ווייטענס געשימערט, האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק גלייך ווי א וואַנדערענדער גליה־ווערימיל וואָלט דורך א צופאַל פערבלאָנדזשעט אין דער פינסטערער נאַכט.

שווערער און בייזער געמיטה האָט זיך אין אלעמענס הערצער בעזעצט, און ס'האָט אויסגעזעהען אזוי ווי אלע וואָלטען זיך צוגעגרייט צו פערברייינגען א לאַנגע און שווערע ווינטער נאַכט.

פון אָנהויב, אז בערנשטיין איז נור וואָס אָנגעקומען אין שטעטיל און האָט בעדאַרפט קומען אין בעריהרונג מיט די פאָטערס און מוטערס, וועמעס קינדער ער האָט זיך אונטערגענומען צו אונטעררייכטען, האָט ער זיך זעהר שלעכט געפיהלט. א געפיהל פון קראַנקהאַפטע צורייצטקייט האָט איהם געפייניגט, און עס האָט זיך איהם געדאַכט אז זיי זיינען אלע עפּעס אַזעלכע גראָבע אומגעהובלעטע מענשען. שפּעטער האָט ער איינגעזעהען, אז ער האָט א טעות געהאַט, און אז בעצם זיינען די בעלי בתים און די קינדער גאָר ווייט פון צו זיין רויה און בייזמוטיג, און אז אין דעם איז אלץ שולדיג דער בייזער חשכ'דיגער אָסיען. ווארים ער אליין איז דאָך אויך אונטער דעם שווערען דרוק געוואָרען גאָר אַן אנדער מענש.

דערביי האָט ער, אום איבערצוציייגען זיך, איינגעקוקט זיך אין שפּיעגעל, און ער האָט ווירקליך אויסגעפונען אַז זיין געזיכט האָט אַ האלב ווילדען און בייזמוטיגען אויס־זעהען בעקומען.

בערנשטיין האָט זיך צוגעגרייט צו אַ לאַנגע און אומעטיגע ווינטער־נאַכט.

ער האָט אויסגעשריבען אַ פּאָר צייטונגען און זשורנאַלען און האָט איבערגעקוקט זיין אָרימע ביבליאָטעק — און האָט געדולדיג געוואַרט.

קיין בעקאַנטע האָט ער ניט געהאַט און שטאַרק זיי ניט געזוכט אויך. ווארים נייע בעקאַנטשאַפט פאַרפיהרען איז פאַר איהם געוועזען איינע פון די שווערסטע זאַכען.

אליין אַ שטילער, אַ צוריקגעצויגענער, וואָס האָט נאָך געהאַט די טבע ביי יעדער קלענסטער געלעגענהייט רויט צו ווערען, האָט זיך פון אַלעמען פון דער וויטען געהאַלטען און זיך ניט געשטופּט וואו עס איז טומעלדיג און שרייענדיג.

אַזוי האָט בערנשטיין פערבראַכט אין איינזאַמקייט זיינע ערשטע טעג און נעכט.

שפּעטער האָט ער זיך בעקענט מיט׳ן העברעאישען לעהרער, לעווין, און האָט גענומען אריינקומען צו איהם אין הויז.

דער העברעאישער לעהרער, אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט זעהר אַ סימפּאַ־טישען אויסזעהען, האָט געוואָהנט מיט זיין יונגער און שעהנער פרוי און קינד אין אַ בעזונדער שטיבעל אין עק שטאָט ניט ווייט פון טייך, און זיי האָבען דאָרט פערבראַכט די שווערע אָסיען־און ווינטער־נעכט אין שטילען גליק.

די לעווינס, פון זייער זייט, האָבען זיך מיט בערנשטיינען שטאַרק דערפרעהט — צוגעקומען נאָך איינער אין דער פאַמיליע פון פריעדען און איינזאַמקייט.

בערענשטיין האָט אָפטער גענומען בעזוכען זייער הויז, און צום סוף האָט ער גים פערפעהלט צו זיין דאָרט יעדען אבענד.

יעדען אבענד ווי ער פלעגט נור פאַרטיג ווערען מיט זיינע אוראָקען, פלעגט ער אויף גיך אָפּעסען און זיך איינוואַשען — און גלייך צו די לעווינס.

מאַן און פרוי פלעגען איהם ווארים בעגעגענען. זיי זיינען מיט איהם זעהר צו־פריעדען געוועזען. דאָס איז געוועזען קענטיג אָן זייערע אויגען און הארציגען טאָן, וואָס פלעגט זיך הערען אין זייערע ווערטער.

זייערע אבענדען זיינען שוין געווען איינגעאָרדענט ווי נאָך אַ פּראָגראַם:

אפריהער האָט מען גערעדט וועגען די נייעס פון די אידישע און העברעאישע צייטונגען, — וואריםביידע, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָבען געהאַט גלייכע סימפּאַטיען פאַר אידישע ענינים. — דערנאָך פלעגט קומען די אַלגעמיינע נייעס, און גאַנץ אָפט פלעגען זיי דערנאָך שפּיעלען אַ שאָך.

בערנשטיין איז געווען אַ גוטער שאַכשפּיעלער, אָבער ער פלעגט זיך טומלען און אָפט פלאָנטערען. לעווין, פאַרקעהרט, האָט געשפּיעלט רוהיג און אויסגערעכענט.

חנה, לעווין׳ס יונגע פרוי, פלעגט ווערן פעראינטערעסירט, און האַלב־אָנגעבויגען איבער׳ן שאַכברעט פלעגט זי אַמאָל דעם אַן עצה געבען און אַמאָל יענעם, וואָס דערביי פלעגט איהר לעווין אויף אַזאַ אופן שטענדיג גוטמוטהיג בעמערקען:

— אַך, חנה, ווי דו דרעהסט אַ קאָפּ!... זעהסט ניט אַז דיין עצה טויג נישט, ווארים די קעניגין איז געשיצט פון צוויי זייטען!...

חנה פלעגט זיך אַזוי ווי פאַרשעמען און פלעגט אַראָפּלאָזען די אויגען און וויי־טער קוקען.

זיצענדיג אזוי נאָהענט לעבען חנה'ן, פלעגט בערנשטיין שטענדיג פיהלען איהר וואַרימען אָטעם און דעם ריח פון איהרע האָר, און אַן אנגענעהמער שוידער פלעגט אריבער זיינע גליעדער, און זיינע ליפּען פלעגען זיך לייכט בעוועגען.

דערנאָך, אַז בערנשטיין פלעגט קומען צו זיך אין צימער, פלעגט ער זיין פאַרטראַכט און צושטריט. און שוין זייענדיג אין בעט, פלעגט ער שטונדען לאַנג אָפּליגען מיט'ן פּנים ארויף און קוקען מיט אָפענע אויגען אין דער פינסטערניש, פון וואַנען עס פלעגען זיך נאָכאַנאַנד קייטלען פייערדיגע רייפען און פיעלפאַרביגע קוילען.

עפּעס האָט אין זיין הארצען געגומען זיך ריהרען און אויפוואַכען. און דאָס וואָס האָט ביי איהם אין הארצען געגומען ערוואַכען האָט אַמאָל מיט ווייכען און זאַנפטען שוידער זיין וועזען אָנגעפילט, און אַמאָל מיט שאַרפען און נאָגענדען וועהטאָג.

בערנשטיין האָט זיך פאַרטראַכט.

* * *

די רעגענדיגע אָסיען־טעג און נעכט זיינען פאַראיבער. קליינע טרוקענע פרעסט־לאָך האָבען זיך געוויזען און האָבען אויסגעטריקענט די קויטיגע גאַסען. דער הימעל איז געוואָרען קלערער.

דערנאָך איז אויסגעפאַלען אַ שניי און האָט אָבגעקאַלכט די גאַסען און די דעכער פון די שטיבלאָך. די נעכט זיינען געוואָרען ליכטיגער.

בערנשטיין האָט זיך ניט געפרייט מיט'ן ערשטען שניי. עפּעס האָט די גרויע ווייסקייט פון פּלוצלונגען שניי געשטאָכען זיינע אויגען, גלייך ווי ער וואָלט פריהער פאַר זיך שטענדיג שוואַרצעס געזעהען, און דאָ מיט אַמאָל ווערט גאָר פּלוצלונג ווייס!...

די מאַטעווע פערל־ווייסקייט פון שניי האָט איהם שטענדיג דערמאָנט זיין אייגענעם לעבען, אויף וועלכען די זון פערקוקט גאָר קיינמאָל ניט, און דאָס ליכט וואָס קומט צו צו איהם פאַלט ווי דורך אַ גלעזערנעם דאַך.

בערנשטיין האָט געפיהלט אַ גייסטיגען אונרוה אין זיין נשמה, אַ אונבעשטימטען געפיהל אין הארצען. ער האָט קלאָר ניט געוואוסט וואָס מיט איהם איז. און די אונבעשטימטע אונרוה האָט איהם אריינגעוואָרפען אין אַ האַלב־דרעמלענדען צושטאַנד.

ער האָט געזוכט זיך צו צושטרייען, און ער פלעגט זעהר פיעל שפּאַציערען איבער'ן פערשנייטען טראַקט. עפּעס האָט איהם די איינפאָרמיגע ווינטער לאַנדשאַפט געצויגען.

און אָט שפּאַצירט ער איבער'ן פערלאָזענעם טראַקט.

פאַר זיינע אויגען ציהט זיך ווייט אויס אַ ווייסע איינטאָניגע פלאַכלאַנד אָהן דעם קלענסטען סמן פון לעבען און בעוועגונג. די פלאַכלאַנד ווערט ערטערווייז ביי די ברעגען הימעל איבערגעשניטען פון שוואַרצע שטרייפען וואַלד, אָדער ווערט צושטערט פון איינציגע בוימער, וואָס מאַלען זיך ווי שטיקער שאַטענדיגע פלעקען אויף'ן דונקעל־גרויען גרונד פון הימעל. הימעל און ערד האָבען איין קאָליר; אַלץ איז ווי אויפגעשמאָלצען אין איין ווייכען אומעטיגען טאָן.

פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך דאָס הייזעריגע קלינגען פון פּאָטשטאָווע גלעקלעך, וועלכע קלינגען אָפּ אין דער לערער פלאַכע אזוי פאַנטאַסטיש, גלייך ווי דער קלאַנג וואָלט ארויסגערונען פון ערגעץ ווייטע און אייביג פארשנייטע מדבריות.

בערנשטיין הערט זיך צו צום קלאַנג פון די גלעקלעך, און ער קומט איהם פאַר

אַזוי היימיש און בעקאַנט, גלייך ווי ער וואָלט פון אייביג נאָכאַנאַנד געהערט דאָס קלינ־גען — און אויפ'ן גערעדאַנק קומען איהם אַרויף די קינדער־יאָהרען.

נאָך אין די קינדער־יאָהרען האָט איהם דאָס הייזעריגע איינטאָניגע קלינגען אַזוי ווי פאַר'כשפ'ט און שטענדיג זיין אויפמערקזאַמקייט געצויגען.

און באַלד לעבט ביי איהם אין זכרון אויף די געשטאַלט פון זיין פערשטאָרבע־נער מוטער. ער דערמאָנט זיך ווי גוט זי איז צו איהם געווען, ווי זי פלעגט איהם אָפּהיטען און כאָווען, און פלעגט שטענדיג מורא האָבען פאַר זיין געזונט, און זי אַליין פלעגט איהם אָפּט פיהרען אין חדר און קומען אָפּנעמען פון חדר אין די ווינטער אָבענדען.

פאַר זיינע אויגען גלאַנצען מיט אַמאָל אויף די קינדערשע לאַמטערנעס, וואָס פלעגען ווי שטערען אָנפילען דעם שולהויף, ווען אַלע איינגלאָך פלעגען פון די חדרים אַלאָז טהון זיך אָהין אָדער אין בית המדרש, אום אין איין קאָמפּאַניע צו געהן אַהיים. ער זעהט אין געדאַנק ווי לעבעדיג די פריילי‍כע פּנים'לאָך פון די שטיפערישע חדר־אינגלאָך ווי זיי פלעגען איבערקעהרען דעם בית המדרש. ער זעהט דעם שטרייגען שמש, וואָס פלעגט זיך נאָך זיי נאָכיאָגען, און זיי פלעגען זיך מיט איהם רייצען און דרעהען זיך אין אַ קאַראַהאָד אַרום דער בימה....

בערנשטיין פיהלט איבער אין געדאַנק נאָך אַמאָל די זאָרגלאָזע קינדהייט, און בילדער נאָך בילדער קומען.

מיט אַמאָל אָבער פערשווינדען אָט די אַלע בילדער, און ער געפינט זיך גאָר איינער אַליין אויפ'ן פערלאָזענעם און פערשנייטען טראַקט, און זיינע אויגען קוקען עפּעס נעדאַנקענלאָז פאַר זיך אין דער נעבעלגרויקייט, און אויפ'ן הארצען איז אַזוי פּוסט און אומעטיג.

מיט אַמאָל צורייסט אַ ליכטיגער געדאַנק דעם פינסטערן הימעל פון זיין לעבען, און אויפ'ן הארצען ווערט איהם פרייער: אַ ליכטיגע ריינע געשטאַלט ערשיינט פאַר זיינע אויגען.

די געשטאַלט איז איהם גוט בעקאַנט, און ער פיהלט צו איהר עפּעס אַזעלכעס וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל צו קיין לעבעדיגען ניט געפיהלט....

* * *

בערנשטיין האָט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר געפיהלט, אַז די קליינע פריעדליכע פאַמיליע ווערט איהם אַלץ נעהענטער און טייערער, גלייך ווי ער וואָלט געווען מיט איהר פון יאָהרען און יאָהרען אויפגעוואַקסען.

שטיל און אַנגענעהם האָבען זיי די איינזאַמע ווינטער אָבענדען פערבראַכט.

אין הויז איז וואַרים און ציכטיג. בלויע ליכט צומישט מיט שאָטען וויקלען אין דעם צימער. דאָס פייער פון אונטער'ן בלויען אַבאַזשור פאַלט אין גאַנצען אויפ'ן טיש און אויף זייערע געזיכטער, וואָס שיינען ווי די געזיכטער פון הייליגע אויף די קירכען בילדער. און זיי זיטצען זיך און פיהלען זיך גוט און פריעדליך.

אָפּטמאָל קלעפּט זיך ניט דער שמועס, גלייך ווי ער וואָלט זיך שוין אין גאַנצען אויסגעשעפּט; נור דאָך איז בערנשטיינען אַזוי וואַרים און אַנגענעהם אַזוי זיך צו זיטצען און זיין אין האַלבען חלום פערטראַכטן.

איינמאָל אין אַזאַ אָבענד האָט חנה פּלוצלונג בערנשטיינען אַ פרעג געטהון:

— זאָגט מיר, בערנשטיין, דעם אמת!... וואָלט איהר געוואָלט חתונה האָבען?...

בערנשטיין איז רויט געוואָרען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ער האָט עפּעס אַרויסגערעדט עטליכע ניט בינדליכע ווערטער.

— וואָס איז דאָס אין מיטען פאַר אַ פראַגע? — האָט לעווין קאַלט בעמערקט און האָט אויף חנה'ן אַ פיעלבעדייטענדען קוק געטהון, גלייך ווי ער וואָלט מיט דעם קוק וועלען זאָגען: „אַך, ביסטו אַ נאַר, חנה!..."

חנה האָט זיין קוק פערשטאַנען, אָבער עס האָט איהר ווייבערשטאָלץ ניט דער־לאָזען אַז זי זאָל בלייבען אין מיטען און ניט אויספיהרען וואָס זי האָט געוואָלט ווייטער זאָגען, אָדער זיך פאַרענטפערן און צוגעבען, אַז עס איז געווען אַ פראַגע ניט אין דער צייט. — דאַרום האָט זי שמייכלענדיג ווייטער גערעדט:

— איך האָב בערנשטיינען געפרעגט דערפאַר ווייל, ווי איך פערשטעה, סימפּאַ־טיזירט ער דעם פאַמיליען לעבען, — און וואָס איז די עולה?...

— לאָז איהם צורוה, — האָט לעווין שוין גוטמוטהיג געלאַכט, — וואָס ווילסטו פון איהם?... ער איז נאָך יונג; ער וועט נאָך צייט האָבען צו טראָגען אויף זיך דעם יאָך...

בערנשטיין האָט געשמייכעלט.

חנה האָט זיך מיט אַ פאָרוואורף צו לעווינען געווענדעט:

— וואָס הייסט עפּעס „דעם יאָך"?... וואָס איז דאָס פאַר אַ אויסדרוק?...

לעווין האָט זיך פריילייך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— דו פּראָטעסטירסט, חנה!... דאָס איז גוט, דאָס איז גוט!....

בערנשטיין האָט וואָס געוואָלט זאָגען. ביי איהם אויפ'ן צונג האָט זיך געדרייט אַ קיילעכדיגע פראַזע. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז עס וועט פון זיין מויל אַזוי גלאַט ניט אַרויס ווי ער האָט עס אין געדאַנק, — ער האָט פערשוויגען.

„פאַר וואָס האָט זי דאָס מיר פּלוצלונג געפרעגט?" האָט ער נור אַ קלעהר געטהון.

יענע נאַכט האָט זיך בערנשטיין געקייקעלט פון איין זייט אויפ'ן צווייטען. ער האָט ניט געקענט איינשלאָפען. זיינע געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטערט. אַ וועהטאָג־דיגעס געפיהל האָט ווי אַ וואָרים זיין הארץ געטאָטשעט. טיעפע בענקשאַפט האָט איהם געקוועלט.

עפּעס האָט זיך אַ געשטאַלט געדרייט פאַר זיינע אויגען, און פון זיינע געדאַנקען ניט געוואָלט אָפּטרעטען. ער האָט איהר געזעהען ווי אַ שלאַנקע בוים אַרויסשווימענדיג פון דער פינסטערניס, ער האָט דוכט זיך געשפּירט איהר אָטעם און איהרע וואַרימע אָרימס, — און איהם איז געוואָרען הייס.

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשטריינגט ניט צו טראַכטען פון דער געשטאַלט. איהם האָט זיך געדוכט אַז ער טהוט אַן אונרעכט וואָס ער לאָזט זיין פאַנטאַזיע פריי. און יעדעס מאָל, ווען זיין הארץ פלעגט פון בענקשאַפט פאַרגעהן און פאַר זיינע אויגען פלעגט ניט ווילענדיג אַרויסשווימען די געשטאַלט, פלעגט ער די געדאַנקען אין לופטען לאָזען הענגען און פלעגט זיך מיט עפּעס אַנדערש נעמען פער'עסק'ן, פון וואָס אַנדערש נעמען טראַכטען.

2.

צום סוף ווינטער האָט זיך געטראָפען אַז לעווין האָט זיך שטאַרק פערקיהלט און איז קראַנק געוואָרען אויף לונגען־ענטצינדונג.

עס איז געקומען דער דאָקטאָר און האָט פערשריבען רפואות און האָט דערהויפט פאַרזאָגט אַ שטרענגען אומגאַנג מיט׳ן קראַנקען.

חנה איז געווען אַליין, און דערצו נאָך מיט אַ קליין קינד, און האָט גאָרנישט געקענט אויפטהון. האָט בערנשטיין אויף זיך איבערגענומען דעם גאַנצען כלאָפּאָט. ער איז אַרומגעלאָפען, בעשטעלט אַ הויז־פרוי, געלאָפען אין אַפּטייק, און איז ניט אָבגע־טראָטען פון קראַנקען׳ס בעט.

חנה, פערמוטשעט פון ניט דערשלאָפען, האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען. זי האָט זיך אין גאַנצען אומגעביטען: שווארצע רייפען האָבען אַרומגע־רינגעלט איהרע אויגען, די באַקען זיינען איינגעפאַלען.

בערנשטיין האָט אויף איהר פון דער זייט נאָכאַנאַנד געקוקט און זיין האַרץ האָט געשלאָגען מיט די ריינסטע און איידעלסטע געפיהלען: — וואָלט איטיצער געבעטען זיין לעבען, ער וואָלט זיך אויף אַ מינוט ניט פאַרקלעהרט און אָבגעגעבען, נור ס׳זאָל אַלץ זיין אין דער קליינער פריעדליכער פאַמיליע ווי פריהער.

נור דאָס האָט ניט געקענט טרעפען. לעווין׳ס קריינק איז אַלץ געוואָרען פאַר־צווינגענער און ערנסטער.

נאַכט אין נאַכט האָט בערנשטיין פאַרבראַכט נעבען קראַנקען. אָפטמאָל פלעגט ער אַזוי זיצענדיג איינדרעמלען און איהם פלעגען זיך פּלאָנטערען אַזעלכע מאָדנע און ווילדע חלומות.

דערנאָך, אַז ער פלעגט זיך פּלוצלונג אויפכאַפּען, פלעגט ער זיין ווי האַלב־צומישט און אַזוי ווי דערשראָקען. אין קאָפּ ביי איהם האָט זיך מאָדנע געטומעלט, אַזוי ווי עס טומעלט זיך ביי איינעם נאַכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסען אַ גאַנצע נאַכט לעבען אַ שטאַרק שפּיעלענדער קאַפּעליע.

אַ קלייניגקער רויטער פּייעריל האָט געברענט אין קראַנקען׳ס צימער, און האָט אַביסעל אונטערגעטאַנצט און געזשומעט ווי אַ בין. די ווענט פון׳ם צימער זיינען נעדריכט אין שאָטען געלעגען. עס האָט געשמעקט מיט רפואות און געבריהטע מילך. די לופט איז געווען פערשטיקט.

דער קראַנקער איז געלעגען איינגעדעקט און האָט זעהר שווער געאָטעמט און זעהר אָפט געהוסט מיט אַ טרוקענעם כריפּ.

ווי נור דער קראַנקער פלעגט אָנהויבען שטאַרק צו הוסטען, פלעגט שוין בערנ־שטיין צולויפען און אונטערלייגען די הענט אונטער׳ן רוקען אום איהם פאָרזיכטיג אויפהויבען,עס זאָל איהם זיין לייכטער.

דער קראַנקער פלעגט מאָדנע קרעכצען און ניט לאָזען זיך צוריהרען צום לינקען זייט. דערביי פלעגט ער עפּעס אַזוי פרעמד קוקען אויף בערנשטיינען, מיט אַזאַ קנאה׳דיגען און פערצווייפעלטען קוק, וואָס האָט אַזוי ווי גערעדט:

— דו, ברודער, געהערסט דעם לעבען, איך אָבער — דער גרוב....

בערנשטיין פלעגט זיך דערבײַ זעהר שלעכט פיהלען. א געפיהל פון ניעדעריגען רחמנות פלעגט איהם פייניגען ווען ער פלעגט אין זיינע הענט דערפיהלען די טרוקענע און ווארימע ביינער פון׳ם קראַנקען.

בערענשטיין האָט געהאַט א שלעכטען פאַרגעפיהל: עס האָט זיך אונבעוואוסט-זיניג אויסגעאַרבייט אין זיין גאַנצען פיהלען אזא סאָרט זיכערהייט, אז דער קראַנקער וועט שטאַרבען. ער האָט דעם טויט געשפירט אין דער לופט, איהם געזעהען אויף׳ן קראַנ-קענס געזיכט.

עפּעס האָט זיך אויף׳ן געזיכט פון׳ם קראַנקען אויסגעשפּרייט אזא זאַנדערבאַרער אָפּדרוק פון אונענדליכען פּיין און קאַלטע אָפּגעפרעמדקייט, גלייך ווי ער וואָלט פון איי-ביג אָן בעלאַנגט צום פינסטער׳ן קבר.

שוין איינינע מאָהל, ווי עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט אז זיין אויער פערנעמט פון ערגעץ ווייט דעם קומען פון א שלאָפען אָפּקלאַנג פון א טויטען-יאָמער, און אויך דאָס קלאַפּען פון צדקה פושקעס.

שוין איינינע מאָל ווי ער האָט זיך געזעהען אין א גרויסע מאַסע מענשען, וועלכע זיינען נאָכגעגאַנגען א מיטה בעדעקט מיט שוואַרצען געוואַנד.

בערנשטיין פלעגט זיך דערבײַ א טרייסעל טהון. ס׳פלעגט איהם שווידערען.

נאָך מעהר פון אַלץ האָט בערנשטיינען געוואונדערט דער קראַנקער אליין, ווי ער איז דאָס מיט א מאָהל געוואָרען אזוי ווי אָפּגעריסען פון אַלץ און אַלעמען.

עס פלעגט טרעפען אז חנה מיט׳ן קינד אויף די הענט פלעגט שטעהען לעבען בעט, און דאָס קינד, א געזונטעס, א פריילינכס, פלעגט ציהען די פולינקע הענטלאך צו איהם, דערבײַ צו-וואַרקענדיג: טיאַטע, טיאַטע". — און ער פלעגט אויף דעם קוקען אזוי שטרענג און האַרט, אזוי ווי אויף פרעמדע וואָס מען זעהט צום ערשטען מאָל. קיין שאָטען פון שוואַכען שמייכעל פלעגט זיך אויף זיינע ליפּען ניט ווייזען, און זיינע אוי-גען פלעגען קוקען פאַר זיך אזוי איינגעשפּאַרט און קאַלט, אז עס האָט זיך אין זיי גע-לייענט עפּעס א פערביסענער פאָרוואורף פאַר וואָס מען פאַרשטעלט איהם דעם פרייען וועג צו קוקען גלייך פאַר זיך אין דער וועלט אריין.

חנה׳ס אויגען פלעגען דערבײַ ווערען פול פון טרערען.

בערנשטיין האָט אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען חנה׳ן אָביסעל צו צושטרייען און אַרויסברייגען איהר פון דעם פערצווייפעלטען שווערמוטה.

עס פלעגט טרעפען. אז דער קראַנקער פלעגט זיך פיהלען לייכטער, אָדער ער פלעגט איינשלאָפען, פלעגט בערנשטיין זיך שפּיעלען מיט׳ן קינד און ריידען צו חנה׳ן עפּעס אזעלכע גוטע, ווארימע טרויסט ווערטער — ווי צו א טרייע שוועסטער.

אין אזעלכע מינוטען פלעגט בערנשטיין האָפען אז דער קראַנקער וועט געזונט ווערען, און עס וועט אַלץ זיין ווי פריהער, — און א געפיהל פון אמת׳ע פרייד פלעגט זיין האַרצען אָנפילען.

* * *

איינמאָהל אין אבענד האָט אין דרויסען זיך פאַרנאַנדערגעשפּיעלט א קאַלטער ווינט. וואָלקענס שנײַ האָבען זיך אין דער לופטען, ווי וואַהנזיניגע, געדרייט, — און בערנשטיין, זיך אויפקעהרענדיג פון שטעטיל, האָט אָהן אָן אָטעם געאײַלט צום קראַנקען.

דער ווינד האָט איהם געבלאָזען גלייך אין פּנים און פאַרשאָטען איהם מיט גאַנצע הויפענס געריבענעם שניי.

בערענשטיין האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ, אויפגעצויגען די אויגען און מיט פאַר־נאַנדערגעפּלאַטערטע פּאָלעס, ווי די פליגלען פון אַ פליהענדען פויגעל, האָט ער, אויס־בייגענדיג זיך אויף־פאַרענט, געשניטען דעם ווינט.

זיין הארץ האָט עפּעס אונהיימליכעס געפיהלט.

— „ניט שוין זשע איז ער געשטאָרבען ?" איז איהם ארויף אויפ'ן זינען.

ווי נור ער האָט איבערגעטראָטען דעם שוועל פון פאַרהויז האָט ער דערפיהלט, אַז עס איז געשעהען, דאָס וואָס איז געוועזען כמעט ווי אונפערמיידליך.

— געשטאָרבען, געשטאָרבען, — האָט זיין הארץ שווער געקלאַפּט.

אין דעם קראַנקען צימער האָט ער פון וויטען געזעהען, אזוי ווי אין אַ טומאַן זיך אומדרעהען עפּעס אונבעקאַנטע געזיכטער. אין פאָדערצימער האָט איהם חנה בע־געגענט מיט פאַרוויינטע אויגען. זי האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען.

ווי זי האָט איהם דערזעהען האָט זי פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט די הענט און האָט שטיל אָנגעהויבען שלוכצען.

ער האָט איהר אונטערגעהאַלטען.

ער האָט קיין איינציג וואָרט פאַר איהר ניט געהאַט. זיין צונג איז ווי פּאַראַ־ליזירט געוואָרען.

איהר קאָפּ איז אָהנמעכטיג געפאַלען־אויף זיין ברוסט. זי האָט מיט אַ קול פער־שטיקט פון טרערען שטיל געוויינט:

— איך קען דאָרטען ניט זיין, איך קען ניט.... אך, ער שטאַרבט....

און זי האָט ווי אַ בלאַט געציטערט.

בערנשטיין איז געשטאַנען אַ פערשטיינערטער, ער האָט ניט געוואוסט וואָס אָנהייבען צו טהון. ער האָט חנה'ן פאַמעלאַך אָפּגעפיהרט צו איהר בעט און האָט איהר אוועקגעזעצט.

חנה האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. זי האָט אויפגעהערט צו וויינען. איהר פּנים האָט אָנגענומען אַן אויסדרוק פון קאַלטע ארויספאָדערונג און נקמה.

אין וויעגעל, לעבען בעט, האָט זיך רוהיג, מיט אַ פריעדליכען שמייכעל אויף די קינדערשע פּולינקע ליפּען, געשלאָפען דאָס קינד. און זיינע קיילעכדיגע ראָזעווע בע־קעלאַך האָבען זיך גערייטעלט.

בערנשטיין האָט אַ קוק געטהון אויפ'ן קינד און דאָס הארץ האָט איהם אויפגע־קוועטשט. זיינע אויגע זיינען פערלאָפען מיט טרערען.

אונבעוואוסטזיניג האָט ער זיך איינגעבויגען איבער'ן וויעגעל און אַ קוש גע־טהון דעם קינד אין די פּולע וואַרימע ליפּען.

— וואָס טהוט מען ? וואָס טהוט מען ? — האָט ער צו זיך אליין פערצוויי־פעלט געדעדט און איז אוועק אין צווייטען צימער.

די שכנים, וועלכע די הויז פרוי האָט מיט אַ געיאָמער צונויפגערופען, זיינען גע־שטאַנען ארום בעט און האָבען מיט ערנסטע געזיכטער זיך שטיל עפּעס איבערגערעדט און איינע די אַנדערע אזוי ווי פרעגענד אָנגעקוקט. אין אַ זייט איז די הויז פרוי גע־שטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט און האָט זיך געשפּארט צווישען צוויי מאַנסביל, אום בעסער צו זעהען דעם שטאַרבענדען. — דערביי האָט זי ארויסגעלאָזען אזעלכע

הויכע און שווערע זיפצען. אַביסעל ווייטער איז געשטאַנען אַן עלטערע פרוי מיט אַ געקעסטעלטע פאַטשיילע אויף די אַקסלען און האָט נאָכאַנאַנד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אין דער שטיל געוויינט.

בערנשטיין'ס קוק איז צו ערשט געפאַלען אויף דער אומבעקאַנטער פרוי, און די גרויסע העלע און שוואַרצע גראַטעס פון איהר פאַטשיילע האָבען אונבעוואוסט זיין אויפמערקזאַמקייט געצויגען.

— פּונקט ווי ראַמען פון אַ פענסטער, — האָט זיך איהם אַ קלעהר געטהון, און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך געפרעגט:

— וואָס וויינט זי?... וואָס דאַרפען זיי דאָ?...

ער האָט דייטליך געהערט ווי איין איד האָט דעם צווייטען אין דער שטיל געפרעגט:

— אויף וואָס איז ער דאָס קראַנק געוועזען?... איך האָב גאָר אין גאַנצען ניט געוואוסט אַז ער איז קראַנק... זעהר אַ שטילער מענש געוועזען...

— „אַ שטילער מענש געוועזען, אָבער איצטער איז ער שוין ניטאָ", — איז בערנשטיינען דורכגעלאָפען דורכ'ן קאָפּ.

— און וואָס וועט איצטער טהון די אלמנה? — האָט ער געהערט נאָך איינעם פרעגען.

„די אלמנה, די אלמנה", — האָט זיך ביי איהם אין קאָפּ עפּעס געטומעלט.

אין צימער איז די לופט געוועזען פערשטיקט. עס האָט געשמעקט מיט רפואות און מיט דעם בעזונדערען ריח, וואָס אַ פולע מענשען טראָגען מיט זיך אַן פון'ם פייכטען דרויסען.

די אומבעקאַנטע אידען האָבען געמאַכט פּלאַטץ פאַר בערנשטיינען. ער איז צו געגאַנגען צום בעט.

דער שטאַרבענדער איז געלעגען אויפ'ן רוקען גלייך אויסגעצויגען. דער טויט האָט גענומען, ווי אַ טראָפּען שוואַרצער עסענץ אין אַ גלאָז קלאָרען וואַסער, זיך פאַמעלאָך פאַרנאַנדערשווימען איבער אַלע זיינע גליעדער: די אויגען זיינען געבליבען שטעהען, גלייך ווי זיי וואָלטען אויסגעלאָשען ווערען אין דעם מאָמענט ווען זיי האָבען עפּעס פאַר זיך שרעקליכעס און משונה'דיגעס געזעהען. און אין זיי האָט זיך נאָך געשפּירט אַ געהיימער מורא'דיגער געדאַנק, וואָס איז אָבער אין מיט'ן פערגליווערט געוואָרען. די נאָז האָט זיך לאַנג אויסגעצויגען, די ליפּען זיינען געוועזען בלייך און פערטריקענט, די באַקען איינגעפאַלען, דאָס האָר טרוקען און צושויבערט. איין האַנד איז אויפ'ן קאָלדרע פון אויבען געלעגען — ווי אַ פרעמדע.

בערנשטיין האָט אומבעוואוסט אָנגענומען די האַנט. זי איז געוועזען קאַלט און גליטשיג און האָט שווער געוואויגען.

אַ זאָנדערבאַרער געפיהל האָט איהם בעהערשט: אַ געפיהל פון עקעל פאַר קאַלטע און לעבלאָזע זאַכען.

דער שטאַרבענדער איז געלעגען האַלב פערגליווערט: דאָס לעבען האָט איהם שוין כמעט אין גאַנצען פערלאָזען. ווי דער אָפּשטאַרבענדער גלאָקען קלאַנג, וואָס וויברירט אַלץ שוואַכער און שוואַכער אין דער לופט, אַזוי האָט דער לעצטער פונק לעבען גענומען אויסגעהען און לעשען. די ליפּען האָבען נאָך שוואַך געהויכט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געגאַרט נאָך לופט. די אויגען האָבען זיך אַלץ מעהר פאַרגלעזערט, און האָבען

פאַר זיך אונפערשטענדליך און טעמפּ געקוקט, גלייך ווי זיי וואָלט זיין עפּעס שווער צו בעגרייפען, אָדער אַזוי ווי זיי וואָלטען מיט אַנגסט וועלען פרעגען:

— וואָס שטעהט עס עפּעס פאַר מיר?...

בערנשטיין האָט אין די אויגען אַריינגעקוקט. עפּעס האָט זייער קאַלטער גלאַנץ זיין קוק ווי מיט אַ מאַגנעט צו זיך געצויגען. עס האָט זיך איהם אין דער רגע אויסגע־דוכט אַז דער שטאַרבענדער קוקט גלייך און איינגעשפּאַרט אויף איהם מיט עפּעס אַזאַ שטומען און גרויזאַמען בליק, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ביי קיין לעבעדיגען ניט געזעהען. — אַ פראָסט איז אַריבער זיין לייב.

בערנשטיין האָט גענומען שלעכט פיהלען.

פאַר זיינע אויגען האָט זיך גענומען וואָס פּערציהען, אַזוי ווי אַ געפינטעלטער געוועב. און דער געוועב איז אַלץ געדיכטער און פינסטערער געוואָרען. אין די אויער'ן האָט גענומען זשומען, גלייך ווי אַ בין וואָלט פאַרבייגעפלויגען, די נערוועז זיינע גע־וואָרען לויז, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָפּגעבונדען, אין קאָפּ האָט גערודערט.

עס האָט זיך איהם אַ קלאָהר געטהון:

— „ניט שוין איז דאָס דער אָנפאַל, וואָס מיין מוטער האָט פאַר דעם זעהר מורא געהאַט?

— און וואָס איז מיט מיר?... איך פיהל זיך טאַקי שלעכט... און ווער איז דאָ קראַנק געווען?... האָט זיך איהם געפּלאָנטערט.

ער האָט זיך אָנגעהאַלטען מיט'ן האַנט אָן טישעל און פּאַמעלאַך זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף אַ שטוהל, איינגראָבענדיג דעם קאָפּ אין די אָרימס. עס האָט זיך מיט אַ מאָהל גענומען בעוועגען און טומלען, גלייך ווי טויזענדע מענשען וואָלטען מיט אַמאָהל אונרוהיג געוואָרען און אָנגעהויבען שאַרען מיט די שטולען און הויך ריידען... ער האָט דייטליך און קלאָר געהערט, ווי אימיצער האָט געזאָגט: „מען דאַרף צולייגען אַ פעדער צום נאָז"... באַלד האָט ער געהערט ווי נאָך אימעצער האָט עפּעס גענומען זאָגען מיט אַן אומטעטיגען און אימה'דיגען טאָן, פון וועלכע די אויסלאָז ווערטער: „ברוך דין האמת," זיינען געוועזען אַזוי ווי אויף אַ פּויק אויסגעקלאַפּט: אַזוי רויה און שרעקליך, — און אימעצער האָט הויך געוויינט...

— ווער וויינט דאָס?.. האָט זיך איהם געפרעגט...

באַלד האָט ער דערפיהלט אַז אַ געדיכטע פינסטערניס וויקעלט איהם איין, און אַלץ ווערט אַזוי וויט און אונבעגרייפליך, און פערלירט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אין אַ טומאַן, וואו עס איז ניטאָ קיין צייט און לעבען...

— ווער האָט דאָס געוויינט? — האָט איהם נאָך אַ בליטץ געטהון אין געדאַנק, און ער האָט מעהר גאָרנישט געפיהלט. — — — — — — — — — — — — — — —

— —

בערנשטיין האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אַרום געקוקט.

— וואָס איז דאָס מיט מיר געוועזען? — האָט ער זיך געפרעגט, און האָט זיך גענומען דערמאָנען.

— ער איז געשטאָרבען, ער איז געשטאָרבען, — האָט זיך איהם אין קאָפּ גע־פּלאָנטערט.

דער טוידטער איז שוין געווען אָפּגעהויבען און איבערגעטראָגען אין צווייטען צימער, וואו ער איז אין דער לייגג פון חדר געלעגען מיט אַ ווייסען ליילאַך איבערגעצויגען.

צוקאַפּענס האָבען אין מעשענע לייכטער ליכט געברענט. אַן עלטערער איד מיט אַ גרויער צושויבערטער באָרד איז אַן אַ זייט אויף אַ ניעדעריגע קלעטציל געזעסען און האָט גלייכגילטיג מיט אַ טרוקענעם און לויפּענדען טאָן תהילים געזאָגט.

— וואָס איז דאָ געשעהען?.. וואו איז חנה מיט'ן קינד? — איז איהם די ערשטע זאַך אויס'ן זינען אַרויף.

נעלע רינגען האָבען פון זיינע אויגען, ווי אַ געפלאָכטענע קייט, זיך נאָכאַנאַנד גענומען ציהען. די פייערלאַך פון די ליכט האָבען זיך פערדאָפּעלט און לאַנג זיך אויסגעצויגען.

בערנשטיין איז געשטאַנען אַ צומומעלטער, גלייך ווי ס'וואָלט איהם ניט קלאָר געוועזען וואָס דאָ האָט פּאַסירט. ער האָט מיט די אויגען אימעצען געזוכט.

ער איז אַריין אין צווייטען צימער. דאָרטען איז אויך קיינער ניט געוועזען, ער איז אַריין צוריק און האָט געפרעגט דעם אידען צו ער וויים ניט וואו די אלמנה מיט'ן קינד זיינען.

דער איד האָט קאַלטבליטיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון תהילים, אויף איהם גלייכגילטיג אַ קוק געטהון, אַ שמעק טאַבאַק געטהון און רוהיג, אין דעם טאָן פון תהילים, געזאָגט:

— זי איז ביי יענקעל בעריל דוואָסיע'ס.... זיי האָבען איהר אַהין צוגענומען.

און ער האָט ווייטער זיין תהילים געזאָגט ווי פריהער.

בערנשטיינען איז איצטער אַלץ קלאָר געוואָרען, און זיין האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט טיעפען וועהטאָג.

— יע, יע ער איז געשטאָרבען, אָט ליעגט ער... אָבער, קען דאָס זיין?...

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטוהל אַנטקעגען טויטען.

ער איז לאַנג געזעסען און פאַר זיך, אַהן אַ בעזונדער ציעל, געקוקט, און קיין זאַך ניט געקענט אונטערשיידען פון דער צווייטער. עס האָבען זיינע אויגען געזעהען דעם בר־מנן, די ברענענדיגע ליכט, דעם תהילים זאָגענדען אידען און דעם פאַרדעקטען שפּיגעל, אָבער ער האָט קיין קלאָרען בעגריף ניט געהאַט וואָס פאַר אַ שייכות זיי האָבען איינס מיט דאָס צווייטע... ברענען זיך די ליכט, ליגט אימעצער מיט אַ ווייסען לייַלאַך איבערגעדעקט, איז דער שפּיגעל פאַרצויגען — נו איז וואָס?...

גלייך און איינגעשפּאַרט האָבען זיינע אויגען געקוקט אויף דער איינגעבייגענער פיגור פון אַלטען אין זיין שאָטען, וואָס האָט זיך אויף דער ערד אין דער קרים געוויעגט.

ער האָט געקוקט און אונבעוואוסטזיניג זיך צוגעהערט צום הייזעריגען און טרוקענעם ניגון, ווי ער האָט זיך נאָכאַנאַנד אין איין טאָן, פון זיין מויל געצויגען.

ער האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער: „טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף“, אָבער ער האָט אין דער מינוט ניט געקענט בעגרייפען, וואָס פאַרא ווערטער דאָס זיינען, און וואָס פאַר אַ שייכות זיי האָבען צו דעם יעניגען, וואָס ליעגט דאָ אויף דער ערד אויסגעצויגען....

— איז ער געשטאָרבען?....

ניין, עס האָט זיך איהם איצטער ניט געוואָלט גלויבען, אַז מענשען קענען גאָר שטאַרבען. עס האָט איצטער אין זיין האַרצען געוויהעט אַ געפיהל פאַר איבערנאַטירליכעס. ער איז אין דער מינוט געוועזען געניינט צו גלויבען אין נסים, גלייך ווי ער האָט אין דעם אַ מאָהל געגלויבט ווען זיין מוטער איז געשטאָרבען... דער צוזאַמענקניפּ

פון די צוויי טויטען און זייער טרויעריגע בעדייטונג, האָט זיך אין דער מינוט פאַר איהם ווי אויפגעשמאָלצען אין איין גרויסען שוואַרצען שלייער פון וועלכען עס האָבען זיך גע־צויגען אַזעלכע שוואַרצע און משונה׳דיגע קלאַנגען און שטראַלען. און גלייך ווי דעמאָלט יוען זיין מוטער איז געשטאָרבען, האָט איצטער אויך אַ פונק פון האָפנונג און גלויבען אויפגעגליהט אין זיין האַרצען, און ער האָט געגלויבט, אַז עס קען דאָך אַ מאָל אַ נס געשעהען, און דער וואָס ליעגט איצטער אויף ד׳ערד אויסגעצויגען זאָל לעבעדיג ווערען... אָדער עס קען דאָך אין גאַנצען זיין אַז עס איז אַ חלום נור, אַזאַ חלום פון וועלכען עס ווערט דערצעהלט דאָכט זיך ערגעץ אין אַ קינדערשע מעשה׳לע, אַז אין אַ צייטדויער פון פינף מינוטען האָט איינער אָפּגעלעבט אַ לעבען פון זיעבעציג יאָהר... און עס קען זיין אַז דאָס איז אין גאַנצען אַזאַ חלום: עס געהען יאָהרען נאָך יאָהרען, מען ווערט עלטער, דער טויט געוועלטיגט... אָבער אין דער אמת׳ן: ניט די יאָהרען געהען, ניט מען ווערט עלטער, ניט זיין מאַמע איז געשטאָרבען און אויך ניט זיין פריינד; און אָט באַלד וועט דער שווערער קאשמאַר פאַריבער. ער וועט זיך אויפכאַפּען, און ער וועט זיך מיט אַ מאָל געפינען לעבען זיין הויז אין דעם ליכטיגען און וואַרימען דרויסען, וואו די זון לייכט אַזוי ליעבליך, שעהן און וואַרים.

קיין נסים זיינען אָבער ניט געשעהען. קיינעם האָט זיך ניט גע׳חלום׳ט. אין דרויסען איז שוואַרצע נאַכט ווי אַ רויבפויגעל איבער דר׳ערד געהאַנגען, און אַ ווינט אַ בייזער האָט זיך ווילד פאַרנאַנדער געשפּיעלט. — און אין שטוב האָבען ליכט נאָך אַ טויטען אומעטיג געצאַנקט.

און גלייך אויסגעצויגען, אין דער פאָרמע עהנליך צו אַ עגיפּטישער אויסגעשניצ־טער האָלץ־פיגור, איז ער, אין וועלכען פריעדליכער לעבען האָט יאָהרען לאַנג געאָטעמט, געלעגען איבערגעצויגען מיט אַ ווייסע ליילאַך, און זיינע אָפּשטעהענדע גלידער האָבען זיך שאַרף אָפּגעצייכענט פון אונטער׳ן ליילאַך, און פינסטערע פאַלדען האָבען זיך גע־קנייטשט ארום די איינגראָבונגען. דונקעל און אומעטיג האָבען די געלע פייערלאַך גע־צאַנקט און האָבען שוואַך בעלויכטען די ווייסע פערפאַרענע פענסטער, פון וועלכע עס האָט אַ קעלט געוועיהט. שטיל און טרוקען האָט דער אַלטער נאָכאַנאַנד זיין תהילים געזאָגט.

אויף דער ערד איז אַ בר־מנן געלעגען.

— ער איז געשטאָרבען, ער איז געשטאָרבען, — האָט בערנשטיין מיט אַ מאָהל קלאָר פערשטאַנען די אמת׳ע בעדייטונג פון טויט. — און ער האָט זיך שטיל פאַנאַנדער געוויינט...

* * *

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט זיך בערענשטיין ניט געקענט בעפרייען פון דעם שווערען איינדרוק, וואָס לעווין׳ס טויט האָט אויף איהם געמאַכט. עס פלעגען זיך איהם נאַכט אין נאַכט נאָכאַנאַנד חלומ׳ען אַזעלכע שרעקליכע חלומות. אָפט פלעגט זיך איהם אויפ׳ן וואַהר אויסדוכטען אַז אָט זעהט ער פאַר זיך דעם פערשטאָרבענעם ווי ער האָט איהם צום לעצטען מאָהל געזעהען. און עפּעס אָטעמט און וויהעט פון איהם אַזאַ גרוי־זאַמע האַרטקייט און קעלט אַז די וואָרצלען פון די האָר הייבען אָן שמערצען.

בעזונדערס פלעגען איהם זיינע פערגלעזערטע אויגען פערפאָלגען. און ווי נור ער פלעגט פאַרמאַכען די אויגען אַזוי פלעגען זיך פון דער פינסטער נעמען שיטען נאָכ־

אַנאַנד, איינע נאָך די אַנדערע, טויזענדע אויגען. און אַלע האָבען זיי אַזוי שרעקליך געקוקט, און דערמאָנט אָן די שווארצע פלעקען וואָס געפינען זיך אָפט ביי די ווילדע טיגערן.

3.

נאָכדעם איז געקומען פריהלינג.

א זון איבער'ן בלויען הימעל האָט יעדער טאָג געשפּאַציערט אַ ליעבליכע אַ ליכ־טיגע, מיט געטליכען שיין דורכגענומען. דער שנ״י האָט זיך צושמאָלצען. עס האָט פאַרשמעקט מיט רויהער פייכטער ערד. די ביימער האָבען זיך צולאָזען און גענומען ביס־ליכוויים גרינען.

פון איין ברעג הימעל ביז'ן צווייטען האָט זיך אין דער לופט געצויגען א שמע־קעדיגער און ווארימער אטעמצוג, גלייך ווי די געטער וואָלטען דורך דער וועלט זייער אטעם געלאָזען.

און ווען דער אטעם, געהויכט פון די געטער, האָט געטראָפען, האָט זיך יע־נעמס האַרץ מיט אַ געפיהל פון ליעבע און ערוואכען אָנגעפילט.

בערנשטיין האָט דערפיהלט אַז פריהלינג איז אין'ם לאַנד. און ער האָט זיך פאַר־בייִנקט.

ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס פון פריהלינג צו ערוואַרטען; ער האָט זיך פאַרשיידען געפיהלט: עס פלעגט טרעפען אַז אַלץ פלעגט פאַר זיינע אויגען טאַנצען מיט אמת'ער לוסט און פרייד, און זיין האַרץ פלעגט פון פאַרשיידענע פערלאַנגען און שטורמישע געפיהלען ברויזען. און עס פלעגט אויך טרעפען, אַז וואָס העלער די זון האָט געשיינט, אַלץ ענגער האָט ער זיך געפיהלט, אַלץ מעהר האָט אַ געפיהל פון וויי־נען ביינקענדען טרויער זיין גייסט געדריקט.

חנה מיט'ן קינד האָבען ווי פריהער געוואָהנט אין זעלבען הויז אין עק שטאָדט. די ערשטע צייט נאָכ'ן מאנס טוידט איז חנה אָפּגעלעגען אַ פּאָר וואָכען צום בעט. דער־נאָך האָט זי זיך גענומען בעסערען. און די יוגענד האָט געטהון דאָס איהריגע: דער טרויער האָט פון'ם געזיכט ביסליכוויים גענומען פערשווינדען.

די לײדינגע צייט האָט בערנשטיין ווי פריהער פערבראַכט דאָרט אין הויז. אָבער שטענדיג האָט אַזוי ווי אַ משא געפּרעסט זיין ברוסט און איהם געלאָזט פיהלען, אַז עפּעס איז געשעהן, און אימיצער פעהלט אין הויז. און דער וואָס פעהלט פערשאַפט איהם אַזוי פיעל גייסטיגען אונרוה, און רויבט צייטען־וויים דעם שלאָף פון זיינע אויגען.

ווי פריהער איז ער געוועזען צוריקגעהאַלטען און שעהמעוודיג, און ווי פריהער האָט ער זיך שטענדיג אויסגעהיט אַרויפצוברייגנען אויפ'ן געדאַנק אַזעלכע רעיונות, וועלכע וואָלטען געקענט, חאָטש אויף איין ווײלע, אַריינטראָגען אין זיינע געפיהלען צו איהר אַ געפיהל פון ליעבע פאַר לייב.

ביידע האָבען אָפט גלייך געפיהלט, אַז אין געוויסע מאָמענטען ווערען זיי ביידע גלייך בעזוכט פון איין און דעם זעלבען געדאַנק וועגען פערשטאָרבענעם. און ביידע

האָבען זיך איינע די אנדערע פיעל בעדייטענד אָנגעקוקט און געשוויגען, קיינער פון זיי האָט דער ערשטער ניט געוואָלט דערמאָהנען דעם יעניגען, וואָס איז פאַר'ן לעבען אויף אייביג פערלאָרען.

בערנשטיין האָט חנה'ן וואָס א טאָג אַלץ מעהר ליעב געקראָגען.

די ליעבע זיינע איז געווען א ריינע, א דורכזיכטיגע, ווי די לופט פון א זומער פריהמאָרגען. און זי האָט אָנגעפילט זיין וועזען מיט א שטילער און רוהיגער פאַר־טראַכטקייט.

אין דער זעלביגער צייט האָט ער אָבער זעהר אָפט געטראַכט פון טויט: גע־טראַכט מיט די זעלבע רוהיגקייט, ווי ער האָט געטראַכט פון זיין ליעבע. דער טויט האָט זיך איהם צייטען־ווייס פאָרגעשטעלט ווי א גרויסע וויכטיגע פּאַסירונג, ווי א גרויסער איבערגאַנג פון בעוואוסטען צום אונבעוואוסטען, — און פיללייכט נאָך אביסעל העכער: — דער וועג צו דער אייביגקייט.

ביי זיך אין צימער, ביי נאַכט אויפ'ן געלעגער, ווען זיינע אויגען פלעגען אָהן א ציעל שטאַר קוקען אין דער פינסטער, פלעגען רינגען נאָך רינגען זיך פאַר זיי קייק־לען, און פייערדיגע פינטלאַך פלעגען אָהן אַן אויפהער שוועבען. און פון דעם רינגען־און פינטלאַך־שפּיעל פלעגט אָפט ארויסוואַקסען דעם פערשטאָרבענעמ'ס געזיכט און צוויי גלעזערנע אויגען מיט א טעמפּען קוק און גלאַנץ פלעגען פאַר איהם בלייבען הענגען אין דער לופטען.

בערנשטיין פלעגט פאַרמאַכען די אויגען, — אָבער אויך דאָרטען זייגען זיי!...

— וואָס ווילען די אויגען פון מיר האָבען? פלעגט זיך איהם אָהן זיין ווילען פרעגען.

ער האָט זיך אָנגעהויבען פאַר וואָס צו שרעקען, און האָט געקראָגען א געפיהל, גלייך עפּעס וואָלט ארומגעשוועבט הינטער זיין רוקען. צייטען־ווייס פלעגט די מורא אזוי ווייט דערגרעהען, אַז ער פלעגט זיך שרעקען, אומצוקוקען אויף הינטער, טאָמער דערזעהט ער ווירקליך פאַר זיך עפּעס אזא שרעקליכע ערשיינונג, וואָס קען מאַכען דאָס בלוט פערגליווערען. גאַנצע שעה'ן פלעגט ער אָפּזיטצען אזוי ווי צוגעשמידט צו איין אָרט און קוקען און קוקען...

— יע, איך מוז זיין קראַנק, — פלעגט ער דערנאָך צו זיך אַליין ריידען.

* * *

אין דרויסען האָבען די בוימער געבליהט. די זון איז פערגאַנגען.

בערנשטיין איז געגאַנגען צו חנה'ן. דער שעהנער מאַיאָווער פאַרנאַכט און די שמעקעדיגע לופט האָבען איהם דערפרישט. ער האָט זיך פול מוטה און האָפנונג גע־פיהלט; און געהענדיג אזוי האָט ער געקוקט אויף די הויכע טורעמס פון דעם אַלטען פירשט־ליכען איינגעפאַלענעם שלאָס, וואָס האָט זיך פון הינטער דער אַלט־ליטווישען שטעטיל אויפ'ן בלייכען האָריזאָנט שאַרף אויסגעצייכענט.

די טורעמס האָבען געברענט. דאָס רויטע ליכט פון דער פערגעהענדער זון איז אין גאַנצען געפאַלען אויף די מעכטיגע שפּיצען, און האָט זיי ווי ליכט אָנגעצונדען: — פּיער מעכטיגע ריעזען האָבען ווי ליכט געפלאַמט. אנטקעגען האָט דער הימעל גע־ברענט.

בערנשטיין האָט געקוקט אויף די טורעמס און געטראַכט ווי אַזוי ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָהל חנה'ן דערציילען אַז ער ליעבט איהר:

— פאַר וואָס זאָל איך איהר אָפּען ניט ערקלעהרען? — האָט ער מוטיג אין הארצען מיט זיך אַליין גערעדט. און באַלד איז איהם איינגעפאַלען אַז דער מיטעלסטער טורעם שטעהט ניט גלייך, און ער איז אָן אַ זייט אויסגעבויגען און קען באַלד איינפאַלען.

— אַ שאָד, אַ שאָד, — האָט ער צו זיך גערעדט, און עס האָט איהם אַזוי ווי פערדראָסען. נאָכדעם האָט ער ווייטער געטראַכט פון חנה'ן, און ס'איז איהם אויפ'ן געדאַנק אַרויף דער פערשטאָרבענער, און ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט אַז ער זעהט איהם שטעהענדיג אין איינער פון די שוואַרצע לעכער פון דעם מיטעלסטען טורעם.

— אַך בין איך אַ נאַר, — האָט ער הויך צו זיך געזאָגט, און האָט אָפּגעווענדט זיין בליק פון די טורעמס....

ער האָט חנה'ן געטראָפען מיט'ן קינד אויפ'ן האַנד שטעהענדיג פאַר'ן הויז. אָנ־געטהון איז זי געוועזען זומערדיג און מיט אַ בעזונדער געשמאַק. איהרע שעהנע אויגען האָבען פריי פאַר זיך געקוקט און די ליפּען זיינען געוועזען האַלב אָפען.

חנה האָט איהם צופרידען בעגעגענט, און איהרע אויגען האָבען אַזוי ווי גע־רעדט:

— גוט וואָס דו ביסט געקומען, איך האָב דיר וואָס וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

זיי זיינען אַריין אין הויז.

שפּעטער אביסעל האָט חנה, קוקענדיג גלייך בערנשטיינען אין די אויגען, כמעט ווי רוהיג אַ זאָג געטהון:

— איהר ווייסט, בערנשטיין? — איך פאָהר אַוועק...

בערנשטיינען איז דאָס הארץ איינגעפאַלען. ער איז געבליבען שטעהן ווי אַ צוטומעלטער.

— יע, איהר פאָהרט? — האָט ער נור געקענט אַרויסריידען.

— איך האָב ערהאַלטען אַ בריעף פון ברודער, — האָט זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם דערציילט, — ער שרייבט, איך זאָל צו איהם אַריבערפאָהרען.

און חנה האָט אויף איהם געקוקט און געהיט אַלע זיינע געזיכטס בעוועגונגען.

— יע, דאָס איז ניט קיין שלעכטער פּלאַן, — האָט בערנשטיין ווי צו זיך גערעדט, — און וואָס דענקט איהר?..

חנה האָט זיך פערטראַכט.

— איך דענק צו פאָהרען, — האָט זי דערנאָך געזאָגט און איהר געזיכט האָט זיך ווי מיט אַ פינסטערע כמאַרע פערצויגען.

בערנשטיין האָט געשוויגען. ער האָט אַ כאַפּ געטהון דעם קינד, וואָס איז פריילִיך מיט זיינע קליינע טריטעלעך אַרומגעלאָפען איבער'ן הויז, און האָט איהם אַנידערגעזעצט צו זיך אויף די קניע און האָט איהם צערטליך גענומען גלעטען איבער'ן ברוינעם קעפּיל.

דאָס קינד איז צו איהם געקראָכען אויפ'ן קאַרק, אַריינגעפאָהרען מיט די קליינע הענטעלאַך אין זיינע האָר, דערביי האָט עס פריילִיך געלעפּעטשעט און געוואָרקעט ווי אַ טויב.

חנה האָט געקוקט אויף דאָס בילד, און איהר געזיכט איז אויף אַ מאָמענט פינסטער געוואָרען. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— עס איז היינט זעהר שעהן אין דרויסען... איך וועל דעם קינד לייגען שלאָפען, און מיר וועלען אַרויסגעהן פאַר'ן שטוב...

בערנשטיין האָט איינגעשטימט.

ווען דאָס קינד איז אַנשלאָפען געוואָרען, זיינען זיי אַרוים פאַר'ן הויז און זיך געזעצט אויפ'ן באַנק.

די זון איז שוין אין גאַנצען פערגאַנגען, פערשלונגען געוואָרען אין דער נאַכטליניע פון'ם בלייבען פורפור, — עס האָט זיך די דונקעלהייט אַלץ געדיכטער געוועבט.

פאַר'ן הויז האָבען געבליהט קאַרשען־ און עפּעלבוימער, און דער אַנגענעהמער ריח פון בעז־בליהונג האָט אָנגעפּילט די לופט. די בוימער זיינען אַלע אין ווייסען געשטאַנען, ווי פון שניי בעשאָטען. די טונקעלע לאַנקע, איבערגעשניטען פונ'ם קלאָרען טייך, האָט זיך ווייט פאַנאַנדערגעוויקעלט און דערגרייכט דעם ברעג הימעל, און ווי מיט אַ שוואַרצער ליניע איבערגעשניטען דעם פיינעם באָרדאָקאַליר פון האָריזאָנט.

זיי האָבען געשוויגען.

בערנשטיין האָט מיט לוסט אין זיך איינגעאָטעמט די געשמאַקע מאַיאָווע ריחות און האָט גערדאַנקענלאָז געקוקט אויף דער ווייטער ליניע פון האָריזאָנט. שטילער און ווייכער טרויער האָט זיך אין זיין הארצען געוועבט, טיפע בענקשאַפט האָט זיין נשמה גענאַגט. ס'האָט זיך איהם געפיהלט, אַז עפּעס טייערעס געהט פון איהם אוועק, — און פערשווינדט.

אין דרויסען איז געוואָרען די לופט אַלץ טונקעל־גרויער; פון ווייטען הימעל האָט זיך דער שלייער פון דער נאַכט, ווי כוואַליעס פונ'ם ים, געגומען קנייטשען אַלץ געדיכטער און געדיכטער. די ערשטע שטערען האָבען אַ בלאַנק געטהון.

בערנשטיין איז געוואָרען בעוועגט.

— „איך ליעב דיר", — האָט שטיל זיין הארץ גערעדט און זיינע ליפען האָבען זיך ניט בעוועגט.

עס האָט אַן אינגוועניגסטער פערלאַנג זיין הארץ געריסען. עס האָט אַ שטאַרקער ליעבעס־וועהטאָג זיין נשמה טיעף בעוועגט. — אַלץ וואָס אין איהם האָט זיך צו איהר ווי אַ שטראָם געצויגען.

— אַך, ווי עס ליעבט דיר מיין נשמה, — האָט אין זיין הארצען אַ קול גערעדט.

חנה האָט שטיל און פערטרוייליך, אין אַ אומעדיגען טאָן, אָנגעהויבען:

— זעהר פיעל האָב איך דאָ איבערגעלעבט, אין דער קליין שטעדטיל... אַ גרויסער חלק פון מיין לעבען ליעגט דאָ...

זי איז געבליבען אין מיטען. עס איז איהר געווען שווער צו ריידען אין דעם טאָן.

בערנשטיין איז געזעסן אונבעוועגליך. עס האָט איהר ווייכער קול אין זיינע אויערן ווי פלייטען־קלאַנג געקלונגען. און ס'האָט זיך איהם געפיהלט ווי אויך פאַר איהם ליעגט דאָ אין שטומען טרויער אַלץ בעגראָבען. און זיין לעבען פליעסט אָהן אַ בעזונדער פרישקייט און גלאַנץ...

— יע, יע, אַזוי איז דאָס שוין, — האָט ער צוגעשטימט.

חנה האָט ווייטער גערעדט:

— אַך, מיין גאָט! וויפיעל איך האָב איבערגעלעבט פאַר דער לעצטער צייט... אַך, וויפיעל!...

בערנשטיין האָט געפיהלט אַז ער דאַרף וואָס זאָגען. נור וואָס זאָגט מען?... ער וועט דאָך מוזען ווערען סענטימענטאַל, אָבער, אַך ווי שווער פאַר איהם איז דאָס!

ער האָט אַ טראַכט געטהון און געזאָגט:

— וואָס איז דער וואונדער?... ס'איז שוין פון שטענדיג אזוי: אייביג בעגראָבען מיר, און קיינמאָל גראָבען מיר צוריק ניט אויס... אַ שלעכטע פעלד...

ער האָט געוואָלט זאָגען „אַ שלעכטע פעלד איז דאָס לעבען", אָבער ער האָט זיך אין מיטען פערכאַפּט, און ער האָט געפיהלט אַז דאָס וואָס ער האָט איצטער אַרויסגעזאָגט איז געוועזען נאַריש און סענטימענטאַל, — און ער האָט זיך געשעהמט. אַ גרופּע פליעגעלאַך איז איהם דורכגעקראָכען איבער'ן נאַקען.

חנה האָט אָנגעהויבען מיט אַ פרייליכער'ן טאָן:

— בערנשטיין, איהר זייט פאַר מיר אַ רעטעניש, איך קען אייך צייטענווייז ניט פערשטעהן... אַ מאָדנער מענש זייט איהר...

און זי האָט געשמייכעלט.

— איך ווייס אַליין אויך ניט, — האָט זיך בערנשטיין ווי פערענטפערט. — יע, אָט אַזאַ בין איך...

זיי האָבען געשוויגען.

אַרום זיי האָט דער מאַיאָווער אָבענד שטיל זיך אויסגעשפּרייט: ס'האָבען געבליהט די עפּעל־ און קאַרשען־בוימער. און עס האָט דער שטילער אָבענד דעם דונקעל־בלויען הימ־מעל, ווי אַ נאַכט־חופּה, רייך מיט ברילּיאַנטען בעשאָטען. ס'האָט די לופט געשמעקט מיט דעם ריח פון בעז און קאַרשען־בליהונג.

חנה האָט די ערשטע אין אַ פרייליכען טאָן אָנגעהויבען. זי האָט זיך דערמאָנט:

— איך ווייס ניט פאַר וואָס, אָבער גראָד איצטער איז מיר אויפ'ן געדאַנק אַרויף אַזאַ מאַיאָווער אָבענד... דאָס וועט שוין זיין לאַנג! איך בין דעמאָלט אַ יונג קינד געווען... און איך דערמאָן מיך ווי איך און נאָך קינדער האָבען זיך אין דרויסען געשפּיעלט אין באהעלטעניש: — אַ נאַאיווע קינדערשפּיעל... איך ווייס ניט, אָבער איך האָב דעמאָלט עפּעס מיט אַ מאָל דערפיהלט אין מיר נאָך אַ לעבען... עפּעס איז דעמאָלט אין דער לופט געלעגען אַזעלכעס, וואָס האָט מיר ווי בערוישט, ווי פער'שיכור'ט... אַך, וואָס איך האָב דעמאָלט דערפיהלט!.. דעמאָלט, געדענק איך, איז געווען ליכטיג, עס האָט די לבנה גע־שיינט; עס איז געוועזען אַ ווייסע נאַכט. — און היינט...

זי איז מיט אַמאָל געבליבען שטיל.

בערנשטיין האָט צוגעהערט וואָס זי האָט גערעדט, און האָט פון וואָס אַנדערש גע־טראַכט.

ער האָט געפיהלט ווי זי דערנעהנטערט זיך צו איהם, און אָט ריהרט אָן איהר ווייכער אָרים אָן זיינעם. אַ אָנגענעהמע וואַרימקייט האָט זיך צופלאָסען איבער זיין לייב, און דאָס האַרץ האָט העפטיג געשלאָגען.

און פאַר וואָס ניט איהר אַרומנעהמען, און דריקען איהר צום האַרצען און זאָגען איהר אַז ער ליעבט איהר זעהר שטאַרק?... פאַר וואָס זאָל דאָס אָרימע וואָכעדיגע לעבען איינמאָל ניט דערפיהלען די אונענדליכע פרייד פון דער ערד?...

עס האָט פון אָנגענעהמער אויפרעגונג זיין האַרץ געציטערט.

ס'איז פאַר איהם די מאַיאָווע נאַכט אין שטילען פּראַכט געלעגען: גליק און פריעדען האָט דער וואַרימער ווינטעל מיט זיך געבראַכט פון ערגעץ ווייטע לענדער, וואו אייביג שיינט די זון און עס איז קיין ווינטער און קיין נאַכט ניטאָ. ס'האָט די ברייטע הימעל־

פעלד נעאַטעמט מיט אייבינער יונענד און פרישקייט, — און ס'האָט די שטומע קאַלטע ערד אַ ליעד נעפלאַכטען.

און פאַר וואָס איהר ניט ארומנעהמען און דריקען איהר צום הארצען און זאָגען איהר אז ער ליעבט זי שטארקער פון דער פריהלינג־נאַכט, שטארקער פון דער נאַכטליעד, שטאַרקער פון זיין לעבען?... פאַר וואָס ניט?...

בערנשטיין איז געוועזען ווי פערגליווערט, און ער האָט נעפיהלט גלייך ווי שמעקעדינער ווייראַך־רויך וואָלט איהם פארשלינגען, גלייך ווי טויזענדע איידעלע ריחות וואָלטען זיין זינען פערנעבעלט. ער האָט אַזוי ווי פערלאָרען דעם מינדעסטען בעגריף פון צייט און רוים. און עס האָט זיך איהם נעדוכט אז אַלץ גיסט זיך און בעהעפט זיך צוזאַמען אין איין גרויסען הארמאָניען־שפּיעל פון רעגונגען און נעפיהלען, — און אַלץ פליעסט עפּעס אין בלויען קאָליר...

דאָס זיינען פאַר איהם געוועזען מאָמענטען פון ריינער נאָכדאַכטונג: ווען די נשמה און אַלע נעפיהלען דערגרייכען דעם העכסטען פּונקט פון גלייכגעוויכט. אָבער אָט האָט זיך וואָס אַ ריהר געטהון און די גלייכגעוויכט צושטערט.

חנה האָט נעזאָגט:

— עס מוז שוין זיין ניט פריה, דאָס קינד קען זיך אויפכאַפּען.

בערנשטיין האָט אַ ציטער נעטהון מיט'ן גאַנצען לייב.

ווידער האָט ער נעפיהלט אז זיין הארץ ברויזט מיט אַ געפיהל פון וועהטאָגדינער ליעבע, ווידער האָבען זיינע הענט דערפיהלט אַ נערוועזען צוקען און פערלאַנג איהר ארומצונעהמען און פיהלען די ווייכקייט און וואַרימקייט פון איהר לייב... ווידער האָבען זיך אויף זיינע ליפּען נעדרייט די ווערטער:

— איך ליעב דיר מעהר ווי מיין לעבען...

ער האָט אויפגעקליבען זיין גאַנצען מוטה און האָט זיך צוגעגרייט אַלץ איהר ערקלעהרען. — זעהר האָט זיין הארץ געוועהטאָגט...

נור זיינע ליפּען זיינען אָפען געבליבען, די ווערטער זיינען פערגליווערט געוואָרען.

פון דער נאַכט'ס דונקעלהייט זיינען צוויי אויגען פלוצלונג ארויסגעוואַקסען, און נעבליעבען פאַר איהם אין דער לופטען הענגען. און נעדוכט האָט זיך איהם אז זיי קוקען אויף איהם מיט אַזאַ מאָדנעם קוק גלייך ווי זיי וואָלטען נעפרעגט:

— וואָס האָסטו נור וואָס געוואָלט זאָגען?

ער האָט מעהר גאָרנישט געקענט זאָגען...

* * *

בערנשטיין איז נעגאַנגען און ער האָט ניט געוואוסט וואהין ער געהט.

אַ נעפיהל פון מורא האָט איהם נעפיינינט, זיינע נערווען זיינען נעוועזען אָנגעצויגען, און ס'האָט זיך איהם נאָך אַלץ נעדוכט אז צוויי אויגען קוקען אָהן אַן אויפהער אויף איהם און עפּעס אַ שאָטען נעהט איהם נאָך. און ער האָט נעהאַט אַזאַ סאָרט נעפיהל, גלייך ווי אימעצער וואָלט איהם עפּעס אין אויער אריינגערויסט.

ער האָט זיך ארומגעקוקט.

נעגאַנגען איז ער ניט אהיים. ער האָט דאָס געוואוסט. צופיעל האָט זיין הארץ און נשמה געוועהטאָגט. ער איז געוועזען נערוועז און צורייצט.

ביי זיך אין הארצען האָט ער מיט אַמאָל דערפיהלט אַ שרעקליכען גראָטעסקען גע־פיהל, און ער האָט אויך גלייך געטראַכט ווי צו בעפרייען זיך פון די אַלע לאַסטענדע און שרעקליכע געפיהלען... ער האָט געפיהלט אין געדאַנק אַז צווישען איהם און איהר שטעהט אַן אונזיכטבאַרע מחיצה... צוויי אויגען פערפאָלגען איהם...

ער איז געבליבען אין מיטען וועג שטעהן און האָט צו זיך געשמייכעלט:

— אָך, וואָס פאַר אַ נאַר איך בין, ווי איך גלויב דאָס אין אַלץ!...

עס איז איהם אין מוח אויף דער מינוט קלאָר געוואָרען, אַז זיין גאַנצע מורא איז נור אַן אָנגעוווייהעטע... וואָרים אין דער אמת'ן פאַר וועמען און פאַר וואָס האָט ער זיך צו שרעקען?...

— אַלץ איז נאַריש און קאָמיש, — האָט ער צו זיך געזאָגט.

ער איז איצטער געגאַנגען איבער'ן טראַקט.

פוןביידע זייטען טראַקט זיינען הויכע און פאַנאַנדערגעלאָזטע בוימער געדיכט גע־וואַקסען, און זיי האָבען זיך ווי צוויי וואַנט פון ביידע זייטען געצויגען. נאַכט־דונקעלהייט האָט מיט דינע זיידענע פערים אַ נעטץ ארומגעוועבט און האָט זיך אויפגעגאָסען מיט די אייזענפאַרביגע סילועטען פון די בוימער. טונקעלער הימעל פון אונבעשטימטען פאַרב האָט זיך איבער דער ערד גראַציעז געוועלבט. פינקעלנדע וויסינקע שטערענדלעך, געדיכט בעשאָטען, האָבען ווי מיט זילבער פעדים פערשיידענע אַראַבעסקען און קווייטען, נאָכ־לעסיג דעם טונקעלען אטלעס פון הימעל פאַרוועבט. עס האָט די טונקעלע לופט געאָטעמט מיט פייכטע פעלד־ריחות. און די נאַכט, ווי אַ פערליעבטע, איז געלעגען אין מיעדער רוהיגקייט פערזונקען, און האָט האַלב דרעמלענדיג גע'חלומ'ט פון אייביגען גליק און ליעבע...

בערנשטיין האָט זיך ארומגעקוקט: טיעפע נאַכט האָט זיך ארום איהם געוועבט.

איןדעם אָטעם־צוג פון דער נאַכט האָט בערנשטיין געשפּירט אַזעלכעס, וואָס האָט איהם אין דער מינוט אַ שאַרפען נאָגענדען וועהטאָג אין דער נשמה און אין הארצין אריינגעבויערט. עס איז איהם געוואָרען קלאָר דאָס געפיהל פון פערלאָרענער ליעבע און פוסט און וויסט איז פאַר איהם אַלץ מיט אַמאָל געוואָרען.

ער האָט צו זיך גערעדט:

— זי וועט אַוועקפאָהרען, — און וואָס וועל איך טהון?

דער וועהטאָג איז אין זיין הארצען געוואַקסען, און האָט איהם די האַלז געשטיקט. — ער האָט אין דער מינוט געפיהלט ווי צו וויינען.

— צו וועמען וועל איך איצטער יעדען אבענד געהן? — האָט ער זיך געפרעגט.

ער איז געגאַנגען אהיים, און דאָס געפיהל פון עלענד און איינזאַמקייט האָט איהם נאָך שטאַרקער גענומען קוועלען:

פאַר איהם האָט זיך אין גרויען ליכט זיין לעבען געבאָדען. ער האָט געזעהען זיין קליין צימעריל מיט דער ניט פאַרבעטער בעט. ער האָט קלאָר פאַר זיך געזעהען די וואָכע־דיגע און שלעפּעדיגע טעג אָהן אַ שטראַהל פון זונענשיין. שטענדיג טהון דאָס זעלביגע: ארויסגעהן פון איין הויז, וואו אַלץ איז, ביז דער לעצטער קליינינקייט, אַזוי בעקאַנט, און אריינגעהן אין אַ צווייטער, וואָס איז ניט בעסער פון דער ערשטער... שטענדיג טהון דאָס

זעלביגע: אויסטהון די היטעל, אָנציהען א מינע פון ווירדע און גלייך נעהמען זיך פאר די טרוקענע לעהרביכלאך און שרייבהעפטען, — אך, אך, ווי אומעדיג עס איז!...

זיין נשמה האָט פאר גייסטיגען וועהטאג געבראָכען...

זיין הארץ האָט פון ליעבעס וועהטאג זיך צעריסען...

— איך בין א נאר, א גולם! — האָט ער מיט אמאָל הויך אויסגערופען און האָט גיכער גענומען געהן...

יהושע עפשטיין.

הינטער'ן קוזניע.

חנה'קע כאַפּט זיך אויף פון דעם קלאַפּען פון די האַמערס וואָס דערטראָגט זיך צו איהר פענסטער פון דער קוזניע וואָס שטעהט הינטער'ן גאַרטען.

אַ בליאַסק אויף טאָג און די האַמערס קלאַפּען שוין. און דאָס איינטאָניגער קלאַפּען צוטראָגט זיך אין אַ וועקענדער עכאָ אין דער ווייטער ווייטקייט ארום.

חנה'קע כאַפּט זיך לייכט אראָפּ פון איהר בעטעל, רייבט אויס איהרע פאַרשלאָפענע אויגען, געהט צו צום פענסטער און קוקט ארויס צום קוזניע.

די יונגע מאָרגען זון וואַרפט ווייכע, מילדע שטראַהלען אויף די באַטויטע גרינע בלעטער פון די פאַרשיעדענע גרינסען פון גאַרטען, און די פערעלדיגע טוי־טראָפּענס, וואָס רופען אויף די גראָזען־שפּיצען און אויף די האַלב־אויסגעבויגענע רוקענס פון די בלעטער, קייקלען זיך אראָפּ מיט דעם ערשטען ריהר פון מאָרגען־ווינטעל. ווי טרעהרען פון יונגע, קינדערשע, פאַר'חלומ'טע אויגען.

חנה'קע שטעהט מיט אויפגעריסענע בליקען און מיט אַ הוילער האַרץ אין פענסטער ארויס און אָטעמט איין די פרישע מאָרגען־לופט איינהערענדיג זיך צום לוסטיגען קלאַפּען פון די האַמערס.

חנה'קע וויס, ווער עס שטייט דאָרטען און קלאַפּט. ס'איז איהר מאָטעל. אָט זעהט זי איהם פון ווייטען מיט הויך פאַרקאַטשעטע ארבעל, ווי ער הויבט דעם האַמער און קלאַפּט, און פון יעדען קלאַפּ צושיטען זיך רויט־ברענענדע פונקען ארום איהם.

מאַטעל דערזעהט חנה'קען אין פענסטער, און שטעלט זיך אין קוזניע־טיהר. אויף חנה'קעס פנים ווייזט זיך אַ רויטקייט. זי כאַפּט זיך מיט די הענט פאַר'ן האַרצען און פאַרשווינדט. און דאָס קלאַפּען פון די האַמערס, וואָס טראָגט זיך פון אונטער מאַ־טעלס שטאַרקע אָרעמס, קלינגט אין איהרע אויערען מיט עפּעס אַ געהיימען אַנזאָגענדען קלאַנג. און וועבט אין איהר האַרצען שטילע, זיסע סודות.

דעם גאַנצען פריה־מאָרגען אַרבייט חנה'קע לוסטיג אונטער דעם הילכענדען פריי־ליכען קלאַפּ פון דיא האַמערס. און טרעפט עס אַמאָהל אז מאָטעל געהט אַוועק פון קוזניע אויף אַ ווײלע, לויפט זי צו צום פענסטער און מיט ווייטע אָנגעשטריינגטע בלי־קען קוקט זיא אַרויס צום קוזניע, וועלכע איז פּלוצלונג שטיל געבליבען. זי ווייזט איהר פּלוצלינג אויס ווי אַן אַלטע, פאַרוואָרפענע חורבה, מיט אַ ברייטער אָפענער טיהר פול מיט דונקעלע שאָטענס. און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, אַזוי ווי איהר האַרץ וואָלט אויפגעהערט צו קלאַפּען אין איינעם מיט די האַמערס, שטייט זי אַזוי לאַנג ביין פענס־טער, ביז דער ערשטער קלאַפּ פון האַמער דערהערט זיך ווידער.

די זון שיינט העל, און דער גאָרטען, די קוזניע, און אַלץ אַרום זיינען ווי אין אַ שטראַהלענדער ליכטיגקייט אָפּגעטונקט. חנה'קע געהט אין גאָרטען אריין, גראָבען קאַר־טאָפליעס און, מיט די דיקע, רויטע, באָרוועסע פיס אונטער זיך, זעצט זי זיך אויף אַ בויט, און מיט די הוילע הענד גראָבט זי אין דער פייכטער ערד, און וואַרפט אַרוס פייכט־געלע יונגע קאַרטאָפליעס. דער צווייטער בויט איז אָנגעזעצט מיט גרינע אוגערקעס, וועלכע ליעגען אונטער די ברייטע גרוי־גרינלאַכע בלעטער צוגעוואַקסען צו זייערע וואָרצלען ווי יונגע עופה'לאך לעבען די ברוסט פון זייערע מוטערס. חנה'קען פאַרגעלוסט זיך אַן אוגערקע. זי רייסט איינע אויס, שלינגט איהר איין אין עטליכע ביסען און גראָבט ווייטער. און גראָבענדיג אַזוי הערט זי זיך צו, צום קלאַפּען פון די האַמערס וועלכע רופט אַרויס אַ פרעהליכען ווידער־קלאַנג פון אַלע זייטען. און איהר דוכט זיך אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט האַמערס, וועלכע קלאַפּען אזוי מחיה'דיג זיס. און פאַמעלאַך הויבט זי אָן זינגען נאָך'ן טאַקט פון די האַמערס. איהר שטימע צוטראָגט זיך באַלד הויך און קלאָר און דערגרייכט צו מאָטלען אין קוזניע. און מאָטעל דערהערענ־דיג דאָס געזאַנג און דערקענענדיג באַלד חנה'קעס קול, שטעלט ער זיך אין דער ברייטער אָפענער טיר אין זיין געלען פאַרטוך, און מיט זיין סאַזשע־פאַרשמירטען פנים, פון וועל־כען שוואַרצע גלאַנציגע אויגען זעהען זיך נור אַרויס, און קוקט אין גאָרטען וואו חנה'קע זיצט. אַ קורצע ווײלע זינגט נאָך חנה'קע פאַרגעסענערהייט, באַלד אָבער דערפיהלט זי די פּלוצלינגע שטילקייט און האַסטיג גיט זי זיך אַ קעהר צום קוזניע. זי דערזעהט מאָטלען אין טיהר און איהר פנים באַגיסט זיך מיט אַ פלאַמענדע רויטקייט. זי שאַרט שנעל צונויף די אָנגעגראָבענע קאַרטאָפליעס אין פאַרטוך אַריין, און מיט פאַרקאַט־שעטע אַרבעל און מיט פייכטע אָנגעקלעפּטע ערד אויף איהרע נאַקעטע דיקע אָרעמס, לאָזט זי זיך שנעל צום הויז, און איהר האַרץ קלאַפּט, קלאַפּט.

זי געהט געאיילט, קעהרט זיך ניט אום, און דאָך זעהט זי פאַר איהרע אויגען מאָטלען נאָך שטעהענדיג אין קוזניע־טיהר. זי פיהלט זיינע בליקען אויף זיך, און ביז די האַמערס הויבען ווידער ניט אָן צו קלאַפּען שטעלט זי זיך ניט אָפּ. זי טוט עס אור־מישנע, כדי ביי נאַכט, ווען ער וועט קומען, זאָל ער איהר אויסריידען: „וואָס ביזטו אנטלאָפען?" וועט ער איהר זאָגען מיט אַ געמאַכטען ברוגז, און וועט איהר אַרום כאַפּען

ביין טאַליע און בייסען אין די ליפּען. — און חנה'קע לאָזט זיך לויפען אין הויז מיט אַ קלאַפּענדער האַרץ און מיט רויטע, אָנגעצונדענע באַקען.

בערקע שאַלאַטאַן דערזעהט חנה'קען מיט באָרוועסע פיס און פאַרנומענע הענד, שטעלט ער זיך איהר אנטקעגען און טרעט לייכט מיט זיינע לאַקיראָוואַנע שטיוועל מיט שמאָלע שפּיצען אויף חנה'קעס באָרוועסע פינגער. חנה'קע טאַנצט פון איין פוס אויף דער צווייטער — האַלטענדיג דעם פאַרטוך מיט ביידע הענט שטויסט זי איהם אין האַרצען.

בערקע שמייכעלט שעלמיש און קיצעלט איהר מיט די פינגער אין די פּאַכוועס. — חנה'קע דרייט זיך אין אַלע זייטען, מיט איין אָנגעצונדענעם פנים און בערקע קריכט אַלץ ווייטער און שמייכעלט, און ווינקט מיט איין אויג — חנה'קע ! נור פלוצלונג גיט חנה'קע אַ שאָט דעם גאַנצען פאַרטוך קאַרטאָפליעס אויף איהם — נאַ ! בערקע, ווערט פון אַ שווערען האָגעל געטראָפען, טראָגט זיך שנעל אָפּ שטראַשענדיג איהר מיט ביידע הענד — חנה'קע קלייבט מיט אַ כעס, די קאַרטאָפליעס צוריק צונויף אין פאַרטוך און פערשווינדט אין קיך אריין.

דער נאָכמיטאָג ציהט זיך איהר לאַנג און הייס. די זון איז ווי געבליבען שטעהן אין מיטען הימעל, און וואַרפט גאַנצע בונטען ברענענדע שטראַהלען, וואָס שטעכען זיך מיט אַ טרוקענער עקשנות אין סאַמע מארך אריין. אַ פאַר'חלוש'טע מיעדקייט פאַלט אויף חנה'קען אַרויף. דאָס קלאַפּען פון די האַמערס ווערט לאַנגזאַמער און אונרעגעל־מעסיג און הילכט אָפּ אין דער הייסער לופט מיט אַ פאַרשטיקטען, שוואַכען ווידער־קלאַנג. זי דערפיהלט אַ מיעדע, פאַרשלאָפענע שווערקייט אין אַלע אברים, און איהר דוכט זיך אַז אַלץ וועט לאַנג, לאַנג בלייבען פערגליווערט אין דער דאָזיגער שטיקענדער מיעדקייט. און זי פאַלט פאַרמאַטערטערהייט אויף אַ שטול און דרעמעלט איין, דעם קאָפּ פאַר־וואָרפען אויף אַ זייט.

פאַרנאַכט, די זון זעצט זיך אין מערב־זייט און איהרע לעצטע שטראַהלען בליי־בען זיך אויף די שפּיצען פון די בוימער, דער רויט אָנגעצונדענער הימעל ווערט ביסלאַכ־ווייז ווי מיט אַ לייכטען, דונקעלען שלייער פאַרצויגען. אַ גרויע, קוים זיכטבּאַרע פאַרע שטייגט אַרויף פון דער פייכטער, אָנגעהיצטער ערד, און די הייסע לופט ווערט ווי דורכ־געזאַפּט מיט אַ וואַרימער פייכטקייט ווי דער אטעם פון אַ מענשען.

חנה'קע שטעהט ביים פענסטער און קוקט זיך איין, ווי מאַטעל פאַרשליסט די קוזניע און געהט אַוועק איבער די גערטנער אין גאַס אריין. ביי חנה'קען הויבט אָן די האַרץ שטאַרק צו קלאַפּען. זי ווייס, אַז מאַטעל וועט באַלד צו איהר קומען. אַ געהיי־מער ציטער נעהמט איהר דורך און זי שטעהט מיט ווייטע אָפענע אויגען און קוקט צום קוזניע און זעהט ווי זי ווערט ביסלאַכווייז אין דער שטילער פאַרנאַכטליכער דונקעלהייט איינגעהילט און איהר דוכט זיך, אַז עפּעס איז דאָרטען פון מאַטלען הינטערן קוזניע גע־בליבען, און ער ווינקט צו איהר פון הינטערן קוזניע אַרויס, ציהט זיך צו איהר אין דער מאַט־גרויער דונקעלהייט מיט אַ געהיימען, איינגעהאַלטענעם שאַרף און שפּרייט זיך אויס איבערן גאָרטען, הינטערן קוזניע, און איבער דער ווייטער גרינער אויסגעשפּריי־טער „פּאָפּלאָווע" אין אַ וויבריִרענדער, ציטערענדער שטילקייט. חנה'קע דערפיהלט אַ שטילען וועה. עפּעס אַ מין בענקעניש פאַלט אויף איהר אַרויף און איהר דוכט זיך, אַז מאַטעל איז ערגעץ ווייט, ווייט אַוועק פון איהר, ערגעץ אין דער ווייטער דונקעלער בין־השמשות'דיגער שטילקייט.

ביינאכט ווען עס ווערט גוט פינסטער, קומט מאַטעל אונטער איהר פענסטער. חנה'קע דערזעהט איהם און כאַפּט זיך שנעל ארויס פון הויז. נור מאַטעל איז עפּעס היינט ניט ווי אַלע מאָהל.

— חנה'קע! — רעדט ער שטיל און ווייך ארויס, אָננעהמענדיג זי ביי די הענט — חנה'קע, „קום היינט אַרויס צו מיר הינטער'ן קוזניע! כ'האָב זעהר, זעהר פיעל דיר צו זאָגען!"

חנה'קע שווייגט, נור מאַטעלס קול דרינגט טיעף, טיעף, אין איהר האַרצען.

— וואָס עפּעס אזוי פּליצלונג, מאַטעל? — פרעגט זי שטיל און מיט אַ ציטערענ־דער שטימע.

מאַטעל כאַפּט זי אַרום און דריקט זי פעסט צו זיך.

— „דאָרטען, חנה'קע! הינטער'ן קוזניע וועל איך דיר אַלץ זאָגען. — וועסט קומען?

— אָבער ביי נאַכט, אַזוי שפּעט, מאַטעל", מי וועט אונז נאָך דערזעהן".

— ניין! חנה'קע, קיינער וועט אונז ניט זעהן. כ'האָב דאָרט אַ צאַם פון באַ־וואַקסענע ערד געמאַכט. וועסט קומען?

חנה'קע הויבט אויף איהרע מיט טרעהרען פאַרלאָפענע אויגען צו איהם.

— יאַ, מאַטעל, כ'וועל קומען. אָבער, וואָס איז עפּעס היינט אַנדערש, — מאַטעל?

— דאָרטען! דאָרטען! חנה'קע, כ'וועל דאָרטען וואַרטען אויף דיר.

— יאַ, יאַ!

און מאַטעל פאַרשווינדט אין די געדיכטע שאָטענס פון נאַכט.

חנה'קע בלייבט שטעהן אין דער פינסטערער נאַכט, און מיט איהרע בליקען פאָלגט זי נאָך די שאָטענס, וואָס לייגען זיך אויס פון מאַטעלס פיגור. אַ שווערער, שווערער געפיהל דריקט איהר האַרץ. זי קען ניט פאַרשטיין, וואָס מיט מאַטלען איז פּלוצלונג געוואָרען. וואָס אַזוינס וויל ער איהר זאָגען. ווער ווייס, אפשר וויל ער איהר זאָגען אַז ער האָט שוין אַן אַנדערע? און אַ געדאַנק לויפט דורך אין איהר קאָפּ — דבורה'קע! און זי דערמאָנט זיך ווי יענע קאָקעטירט אַלע מאָל צו מאַטלען און קוקט אויף איהר, אויף חנה'קען, מיט גיפטיגע, אָפלאַכענדע בליקען. און זי דערמאָנט זיך ווייטער, ווי מאַטעל קוועטשט איהר ביין האַנט, און זי, דבורה'קע, ווינקט צו איהם מיט די אויגען. עס גיט איהר אַ ריס ביין האַרצען און די אויגען עפענען זיך איהר ברייט און ווייט. נור פּלוצלונג גיט עס איהר אַ קאָך און די אויגען צינדען זיך איהר אָן. — „כאַפּט איהר דיא כאָלעריע!" גיט זי אַ ברום פאַר זיך, — „און איהם וועל איך אָנשפּייען אין פּנים!" באַלד דערמאָנט זי זיך אָבער אָן מאַטעל'ס ווייכע בעטענדע שטימע, און אַ הערצליכע וואַרעמ־קייט נעהמט איהר אַרום און דער יעדאַנק וועגען דבורה'קען ווערט אָפּגעשוואַכט. נור אָט בליצט דורך עפּעס אין איהר מוח, וואָס יאָגט אריין די בלוטען אין איהר פּנים. „אפשר?"... — גיט עס איהר אַ ברען. עפּעס אימער פיהלט זי אַ געהיימע שרעק ווען זי איז מיט מאַטלען אַליין אַפילו אין הויז, בפרט נאָך הינטער'ן קוזניע אויפ'ן פרייען פעלד. זי ווייס אַפילו ווי אויסצוהיטען זיך, אָבער ווען זי איז לעבען איהם, פיהלט זי זיך שוואַך, פאַרלאָרען. זיינע אייזערנע הענד! ווען זיי נעהמען איהר אַרום שיער צום דערשטיקען! און אין חנקה'ס האַרץ הויבט זיך אָן ראַנגלען אַ הייסער באַגעהר מיט אַ געפיהל פון שרעק. נים איין מאָל האָט שוין געטראָפען, אַז זי האָט זיך פּלוצלונג אויסגעריסען פון זיינע הענט און איז אַנטלאָפען.

א געהיימער ציטער פיהלט אן חנה'קעס הארץ און אין איהר מח לויפט שוין דורך א געדאנק — ניט קומען! — נור מיט יעדער מינוט, וואס עס ווערט שפעטער, ווערט זי אלץ נערוועזער, אלץ אונגעדולדיגער. מיט א קלאפענדער הארץ און שווערען אטעם באדינט זי די געסט אין הויז דעם גאנצען אבענד און אין איהרע אויערען קלינגען מאטעל'ס ווערטער, אזוי ווי עפעס אן עכא, פון א טיעפען, סודות'דיגען, געדיכטען וואלד — „וועסט קומען"? און יעדען מאל גיט עס איהר א צופ ביין הארצען. א הייסער שטראם דער־גרייכט איהרע שלייפען און זי בלייבט א רגע שטעהן ווי צוטומעלט.

שפעט ביי נאכט, ווען אלע אין הויז צוליייגען זיך שלאפען, געהט חנה'קע אריין אין קיך, בעט אויס איהר בעטעל און ווארפט זיך אריין אין די זאכען. זי ליעגט מיט אפענע אויגען און הערט זיך איין אין די שטילקייט פון הויז. און הינטער'ן קוזניע מאלט זי איהר מאטעל, ווי ער שטעהט דארטען און קוקט אין דער נאכט אריין און וואַרט אויף איהר. אויפ'ן רעיון קומט איהר ווידער ארויף דבורה'קע מיט איהרע שעלמישע ווינקענדע אויגען און מאטעל ווי ער שמייכעלט און האלט איהר ביין האנד. זי גיט זיך האסטיג א הויב פון בעטעל און בלייבט זיצען. פון איהר קאפ פליהען פלוצלונג ארויס אללע געדאנקען. זי הערט נור דעם שטארקען קלאפען פון איהר אייגענער הארץ און צו איהרע אויערען דערטראגט זיך זיין ווייכער קול: „יא! חנה'קע? יא?" „יא!", ענטפערט פון ערגעץ א ווייטער ציטערענדער ווידער־קלאנג.

און שטיל, אויף די שפיצען פינגער, גנב'עט זיך חנה'קע ארויס פון הויז אין גארטען אריין. זי דרייט זיך שטיל דורך די קארטאפעל־בליהונגען וואס זיינען נאס פון טהוי — און פון דעם ריהר פון איהרע קליידער אן די פערשיעדענע וואקסונגען לאזט זיך א שטילע, אזוי ווי איינגעהאלטענע שושקעריי אין דער ביי נאכטיגער שטיל־קייט אריין. מיט א קלאפענדער הארץ געהט חנה'קע, שטעלט זיך אפ אלע ווייל, קעהרט זיך אום אהינטער — און געהט ווייטער ביז זי פארשווינדט אין דער דונקעלער ווייטקייט.

מאטעל כאפט איהר ארום, הויבט איהר אויף אין דער הויך און איינעסענדיג זיך מיט זיינע ליפען אין איהר האלדז, פאלט ער מיט איהר אום אויף דעם גרינעם גראז. אבער חנה'קע כאפט זיך שנעל אויף צוריק און אנטלויפט, נור מאטעל כאפט איהר ווידער.

חנה'קע! — רעדט ער ארויס מיט א הייסען אפגעהאקטען אטהעם, — גוואלד חנה'קע! כ'ווער פארברענט! קום! — ציהט ער איהר צו זיך — קום, קיינער וועט אונז ניט זעהן!

חנה'קע דערפיהלט איהר בלוט אין די שלייפען, נור זי שפרינגט באלד אפ צוריק און מיט אויסגעמישטען שרעק און אינערליכען הייסען באגעהר, רעדט זי ציטערענדיג ארויס:

— ניין, מאטעל! ניין! נאמיר זיך זעצען אויפ'ן גראז. ווילסט דאך מיר עפעס זאגען.

און זיי זעצען זיךביידע שווייגענדיג נור זייערע אטהעמס ברענען. מאטעל נעהמט איהר ארום, דריקט זי פעסט צו זיך און רעדט אבגעהאקט ארויס:

— ביזט א שלעכטע, — חנה'קע! און פלוצלונג דערפיהלט חנה'קע מאטעל'ס האנט אויף איהר הוילער לייב. א הייסער ציטער לויפט איהר דורך פון קאפ ביז די פיס. פאר איהרע אויגען באווייזען זיך זיילען פייער. אין די שלייפען הויבט איהר אן ווילד צו קלאפען, אין איהר הארץ גיט זיך ווי א ברענענדער זודיגער שטראם א גאס און דער־

װרייכט איהר מאַרך מיט אַ שרפה׳דיגער היץ. און פלוצלונג — מיט אַ פיבערהאַפטען ציטער קלאַמערט זי זיך אַרום מאַטלען ארום. און די לופט ארום זיי װערט הייס, פון זייערע שווערע אָפּגעהאַקטע אטהעמס.

די נאַכט װערט שטילער און שטילער, אויפ׳ן טיעף בלאָען הימעל, זיינען איינציגע שטערן צואוואָרפען ווי מיט׳ן האַנט אָנגעזעצטע, און זיי קוקען אַראָפּ מיט אַ מילדער ווייכקייט. פון ערגעץ וואו דערטראָגט זיך אַן אָפּגעריסענער, פאַרלאָרענער קלאַנג — און צוטרייסעלט די ביינאַכטיגע שטילקייט אויף אַ רגע. באַלד אָבער יוערט ווידער שטיל און אַ גרויער מאָרגען־טוי לאָזט זיך לאַנגזאַם אויף דער גרינער ערד אַראָפּ.

יואל ענטין:

צווישען מזרח און מערב.

שוין יאָהר־טויזענדע אַז די מענשהייט בלאָנדזעט און קען דעם ריכטיגען וועג ניט געפינען. זייט יאָהר־טויזענדע וואַנדערט זי אַרום פון מזרח קיין מערב און פון מערב צוריק קיין מזרח און קיין סוף צו איהרע זוכעניסען זעהט זי נאָך אַלץ ניט. און וועהרענד די מענשליכע שיף טראָגט זיך וואַקעלדיג און בלאָנדזענדיג איבער דעם מדבר פון לעבען, פאַרצייכענט דער שיפ'ס זייגער — „די לאָג"— אַלע טיעפקייטען, אַלע מהלכ'ן, אַלע וועטער־ענדערונגען, אַלע באַגעגעניסען, אַלע בונטען און מלחמות צווישען די מאַט־ראָזען און דעם קאַפּיטאַן. דיעזע מענשליכע וואַנדערונגס־געשיכטע, — דיעזער „טייל אָוו דהי לאָג" פון דער ענדלאָזער מענשליכער רייזע צווישען מזרח און מערב און מזרח — מיר רופען זי רעליגיאָנען, וויסענשאַפטען, רעוואָלוציאָנען, קינסטע און ליטעראַטורען.

ענדלאָז די וואַנדערונג, ענדלאָז זומט די אַלטע מעשה. אַהין און צוריק געהט דער מאַרשרוט און אויסגעשטיקט מיט ווידערהאָלונגען איז דאָס אַלטע מערכען. מיט אַ שיכור'ען, וואַקעלדיגען גאַנג גייט די מענשהייט, און איהר פּיאַטע קען קיינמאָל פון דאָס ניי ניט צוטרעפען אין דעם אַלטען פוס־טריט. און אַזוי איז די אַלטע מעשה אימער דיזעלבע און דאָך ניט דיזעלבע. און האַלטענדיג דעם בליק אימער אָנגעשטעלט צום הויכען ווייטען הימעל, וועלכער גיסט זיך אומבעמערקבאַר איבער פון אָריענט אין אָקצידענט, האָט די בלאָנדזענדע מענשהייט דעם חילוק צווישען מזרח און מערב פאַרגעסען און עס האָבען זיך אין איהרע אויגען אויסגעמישט דער זונען־אויפגאַנג מיט'ן זונען־אונטערגאַנג, די גאָלד־גלוט פון באַגינען מיט די צאַרט־מאַטע שאָטענס פון בין־השמשות.

אַ ניכטערען געדאַנק, אַ פרישע טהאַט־קראַפט און אַ געפיהל פאַר דער ממשות־דיגקייט פון דער וועלט, דאָס איז געווען דער צדה לדרך, וואָס אַלט־אייראָפּאַ האָט איהרע קינדער, די אַריער, מיטגעגעבען אויף זייערע ווייטע וואַנדערונגען. אָבער אונטער די פורכטבאַר גליהענדע אינדישע הימלען, אין דעם איינשלעפערענדען לאַנד פון שרעקען, איז דער פריש־טהעטיגער אַריער גייסט געוואָרען טרוימעריש און פאַרטראַכט און ער האָט דעם זינן פאַר דער ווירקליכקייט פאַרלאָרען און די גאַנצע וועלט איז פאַר איהם געוואָרען אַ לבנה־אָפּשפּיגלונג אין אַ צושטערטער ים־אויבערפלעכע — אַ לבנה־אָפּשפּיגלונג אָהן אַ לבנה.

פון דער אונקלאָרער און שרעקליכער אַלט־עגיפּטישער מיסטיק האָט אַלט־גריכענלאַנד איהר לוסטיג־מונטערע קונסט און פּאָעזיע און העלע פילאָזאָפי און וויסענשאַפט אויסגעשפּונען. צוריק צום אָריענט זיינען די אָפּשטאַרבענדע גריכען און רוימער אַוועק און האָבען טובל געווען זייער גייסט אין דעם ירדן, אים ירדן וואָס פינקעלט מיט דעם

זאנפט־פארטראכטען פאלעסטינישען הימעל, און א לאנגע מרה־שחורה פון אין־זיך בליקען, פון בטול היש האט זיך איבער דעם אייראפעאישען מוח פערצויגען.

דאן האבען נייע וועלטען, נייע ענטדעקונגען און בעריהרונגען דער מענשהייט'ס איינען ווידער ברייט געעפענט און זי האט זיך פון דאס ניי באהעפט צו איהר אלטער ירושה פון גריכענלאנד און רוים, די ירושה פון הייטערקייט, קלארקייט, שכל און מאס, און די „לאג" פון דער מענשהייט'ס וואנדערשיף האט פערצייכענט: רענעסאנס, רע־פארמאציאן, דעמאקראטי, ראציאנאליזמוס און — אין דער ליטעראטור — קלאסיציזמוס. נאך דעם קראך און די עקסטרעמען און שרעקען פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן קעהרט זיך די מענשהייט, מיט'ן וועג פון מיטעלאלטער, צוריק אום צום מזרח־לאנד, צוריק קיין בית־לחם. פארבייגייענדיג כאפט איהר אויג אויך א ווייטען שוואכען שטראהל פון דעם הימאלאיער הימעל און דעם הייליגען טייך גאנגעס. דער שיפ'ס־זייגער שלאגט דאן ארויס אין דער פילאזאפי ווי אין דער טהעאלאגי, אין דער מוזיק ווי אין דער לי־טעראטור די שטונדע פון ראמאנטיזמוס. נור אט דערפיהלט ווידער די מענשהייט די ערד אונטער איהרע פיס און אפרייסענדיג די אויגען פון פאר'חלום'טען אריענטאלען הימעל קעהרט זי זיך צוריק אום צו מערב, צו דער גריכישער פארנונפט, ערדישקייט און מעסיגקייט. אין דער מענשהייט'ס שיפ'ס פנקס יאוועט זיך די שריפט: נאטור־וויסענשאפט, פאזיטיוויזמוס, קאמוניזמוס, און רעאליזמוס. דאן פאלט די קאמונע. די לאסט פון דער ווירקליכקייט דריקט צו שווער אויף דער מענשהייט'ס מוח. מאס און פארנונפט ווערן איהר צו נודנע, די קלארקייט ווערט איהר צו קאלט און אויבערפלעכליך און זי פארבינקט זיך פון דאס ניי צו די געהיימניספאלע צויבער־שאטענס פון אמאל, צו די אונבעשטימטע שפיגעל־בילדער פון פאר'חלום'טען אריענט, צו דער פארשווינק־טער ווירקליכקייט פון פערזיען, אינדיען און פאלעסטינא. און דיעזער נייער אנטלויפען פון שטאף צום גייסט, דיעזע נייע וואנדערונג פון אקצידענט צום אריענט קלינגט זייט איינינע יאהר־צענטע פאנטאסטיש־בלאנדזענדיג און צושוואומען פון דער מענשהייט'ס שיפ'ס זייגער אראפ אלס דער ס י מ ב א ל י ז מ ו ס.

1.

פארשיעדענע נעמען זיינען ערפונדען געווארען פאר די ליטעראַרישע שטרעמונגען פון אייראפא פאר די לעצטע איינינע יאהר־צענטע. פאר די אקאדעמיקער און אנדערע וואס שטעהען פאר קלארקייט, פינקטליכקייט און מעסיגקייט, פאר אלע וואס שטעהען פאר דעם אונבעשטימטען עפעס וואס מען רופט פראגרעס, זיינען די נייע ליטעראַרישע שטרע־מונגען נאך דעם רעאליזמוס געווען א דעקאדענץ, א צופאלונג און פארוועלקונג. די פארשטעהער פון דער נייער ליטעראטור האבען ביי זיי געהייסען קראנקהאפטע רענע־גאטען, שוואך־גייסטיגע מענשען וואס גייען צוריק, און די בונטע בלומען פון זייער פאעזי האבען זיי בעטראכט אלס די ראזיג־גאלדענע בלעטער פון דעם קאלטען, כמאר־נעם הערבסט, אדער אלס די פיבעריש־אומנאטירליכע רויטקייט פון שווינדזיכטיגע באקען. און א פאראלעל האבען זיי פאר די נייע ליטעראַרישע פארמען געפונען אין דעם קינסטליך באבלומטען סטיל און די עקסטרעמען פון דער אפשטארבענדער אלט־רוימישער פאעזי. און, א ביסעל מיט א להכעיס־געפיהל, א ביסעל מיט ערנסט האבען די ערשטע טהעארעטיקער פון דער נייער ליטעראטור דעם זידעל־נאמען אנגענומען און זיך אליין

אויך גערופען דעקאַדענטען. זאָל זיין, האָבען זיי געזאָגט, אַז מיר זיינען טאַקי קראַנק־האַפט, אָבער קראַנקהאַפט איז אונזער צייט, קראַנקהאַפט דאָס לעבען, העסליך דער פּראָגרעס, און מיר רופען זיך אויף זיי אָפּ און מאָהלען זיי.

שפּעטער איז פון דער וועלט פון די שכנישע קינסטע אַנטליהען געוואָרען דער נאָמען אימפּרעסיאָניזמוס און איז אָנגעווענדעט געוואָרען אויף געוויסע פאַזען פון דער נייער ליטעראַטור. עס האָט געהייסען, אַז ניט אַ איינצעלהייטען, ניט אַ טיעפער אַנאַליז פון געגענשטענדע שפּיגלען זיך אָפּ אין די ווערק פון דיעזע שרייבער, וועלכע זוכען נאָר מאַכען אַן איינדרוק דורך דעם עפפעקט וואָס קומט אַרויס פון דער צוזאַמענמישונג פון גרונט־פאַרבען. עס האָט געהייסען אַז די ליטעראַטור באַנוצט זיך מיט מעטהאָדען וואָס ווערן אָנגעווענדעט אין דער קאָמפּאָזיציאָן פון אַן אָפּערא.

אָבער דיעזע און עהנליכע נעמען פאַרלירען זייער האַפט. דער אימפּרעסיאָנאַליזמוס איז צו קליין אַרומצוכאַפּען אַ ליטעראַטור וואָס האָט זיך צוזאַוואַקסען אַזוי ברייט, אַזוי פּיעל־זייטיג און פאַרשיידען־אַרטיג, אַז זי פינקעלט און לויכט ווי אַ ריעזיגער ניאַגאַראַ, וועמעס יעדע וואַסער־וואַנט שיינט מיט אַ בעזונדער פאַרב. און אויסלאַכען און דיאַגנאָזען אַלס קראַנקהאַפט די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור פון די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר, האָט שוין פערלאָרען יעדען זינן. אויב די ליטעראַטור איז קראַנק אין פראַנק־רייך ווי אין דייטשלאַנד, אין רוסלאַנד ווי אין סקאַנדינאַוויען און אין ענגלאַנד ווי אין איטאַליען, — דאַן וואו איז זי געזונט? אויב די אַלע ליטעראַטורען זיינען אַבנאָרמאַל, דאַן וואו געפינט מען די נאָרמע, אָדער, ווען מען געפינט זי יא, וואָס פאַר אַ ווערטה קען זי האָבען?

און ענדליך איז מען געקומען צו אַ ריכטיגערער אָפּשאַצונג פון דער נייער ליטע־ראַטור און מען רופט זי שוין, אָהן זידלעריי, כאָטש מען איז מיט איהר נאָך אַלץ ניט גאָר צופריעדען, — דער נעאָ־ראָמאַנטיזמוס אָדער דער סימבאָליזמוס.

האָבענדיג צום טהייל אַרויסגעוואַקסען פון דעם רעאַליזמוס, איז די נייע ליטע־ראַטור אויך דיזער שוהלע ניט גאָר קיין פרעמדע. אַזוי ווי דער רעאַליזמוס אַזוי האָט אויך די נייע ליטעראַטור אויפגעעפענט טיהר און טויער פאַר אַלץ וואָס איז דאָ אים לעבען, פאַר אַלע קלימאַטען, אַלע מענשען און אַלע איבערלעבעניסען און זיי אַריינ־גענומען אין דעם טעמפּעל פון שעהן־שרייבעריי. און שאַרל באָדלער, איינער פון די ערשטע טהעאָרעטיקער פון דער נייער שוהלע, איז אין זיינע שילדערונגען פון ריחות, קלאַנגען און עמפּפינדונגען געווען ניט וועניגער פינקטליך איידער די עקסטרעמע רעאַ־ליסטען. אָבער אַם נעהענטסטען, אַזוי נאָהענט ווי אַן איינקעל אַ בעל־תשובה צו אַ פאַרהייליגטען זיידען, שטעהט די נייע ליטעראַטור צום ראָמאַנטיזמוס. ניי־ראָמאַנטיז־מוס באַצייכענט דעריבער ריכטיג דער נייער ליטעראַטור'ס אָפּשטאַמונג. וועהרענד איהר אַלגעמיינער כאַראַקטער, איהר ווידערשטאַנד צו דער מאַטעריע און ווירקליכקייט, צו דער קלאָרקייט, פינקטליכקייט און וויסענשאַפטליכקייט אין דער ליטעראַטור ווערט אַם בעסטען אויסגעדריקט מיט'ן נאָמען סימבאָליזמוס.

דער נאָמען סימבאָליזמוס באַצייכענט דעם שטאָף און די געצייג מיט וועלכע די נייע ליטעראַטור אַרבייט. אַ מעהר אָדער וועניגער גענויע נאָכאַהמונג, אַ רעפּראָדוקציאָן פון אַ זאַך — דאָס איז איהר בילד; אַ צייכען וואָס איז בלויז אַן אָנצוהערענעס אויף אַ זאַך, איהר רמז — איז אַ סימבאָל פון דער זאַך. דער קרוציפיקס, וואָס איז אַ קרייץ צוזאַמען

מיט דעם געקרייציגטען יעזוס'ן, איז א בילד פון יעזוס'עס ליידען; א איינפאכער קרייץ, וואס דערמאנט בלויז אויף יעזוס'עס ליידען, איז זייער סימבאל.

„א סימבאל," זאגט ד'אלוויעלא (ציטירט פון סיימאנס), קען מען פארטייטשען אלס אזא מין פארשטעלונג פון עפעס א זאך, וועלכע האט ניט די אבזיכט צו זיין א רעפראדוקציאן פון דער זאך."

„א סימבאל" זאגט טהאמאס קארלייל (ציטירט פון'ם זעלבען) „פארבארגט די זאך, און דאך ענטפלעקט ער זי. דעריבער קומט פון דער דאפעלטערווירקונג פון זיין שווייגען און זיין ריידען ארויס א דאפעלטע בעדייטונג... אין דעם אמת'ען סימבאל, וועלכען מיר קענען אנרופען א סימבאל, איז אימער, מעהר אדער וועניגער דייטליך און קלאר, פאראן עפעס א פארקערפערונג און ענטפלעקונג פון דאס וואס איז גרענעצלאז; דאס גרענעצלאזע מישט זיך אין איהם צונויף מיט דאס בעגרענעצטע, ווערט דורך איהם זיכטבאר און אזוי ווי דערגרייכבאר."

„דער סימבאליזמוס", זאגט ארטהור סיימאנס אין זיין ווערק „די סימבאליסטישע באוועגונג אין דער ליטעראטור", „איז א ליטעראטור אין וועלכער די זיכטבארע וועלט הערט אויף צו זיין א ווירקליכקייט און די אונזיכטבארע וועלט הערט אויף צו זיין א טרוים."

דער רעאליזמוס שטרעבט צו מאלען די ווירקליכקייט, אין סימבאליזמוס איז די ווירקליכקייט פארוויגט פון טרוים, געגענשטאנד און זעהונג מישען זיך אויס און עס איז שווער צו בעשטימען, וואו עס ענדיגט זיך דער ווירקליכער פאקט און וואו עס הייבט זיך אן דער דמיון, וואו דער מענש זעהט זאכען בחוש און וואו ער זעהט א זעהונג אזוי ווי א נביא אדער א גייסטיג-געשטערטער.

דער רעאליזמוס האט די ליטעראטור אונטערטהעניג געמאכט צו דער אויסערליכ־קייט, צו דאס ממשות'דיגע, צו דאס ווירקליך פאסירענדע; דער סימבאליזמוס האט פון דער ליטעראטור דעם יאך פון דאס אויסערליכע אראפגעווארפען און אויף דעם טהראן פון דער מאטעריע האט ער ארויפגעזעצט דעם גייסט. דער רעאליזמוס האט די ליטעראטור ענג אנגעפראופט מיט פאקטען, פאסירונגען און אומגעבונג, אז עס איז אין איהר מעהר קיין פלאץ ניט געבליבען פאר'ן מענשען. דער מענש אלס מענש איז פארשוואונדען, פארשוואונדען זיין ווילען און גייסט, געבליבען איז נאר זיין פיזיאלאגי. דער סימבא־ליזמוס האט דעם מענשען צוריק אומגעקעהרט צו זיין אלטער הערליכקייט, איהם צוריק וויכטיג און מעכטיג געמאכט און צוריק דערהויבען זיין גייסט.

אזא מין רעוואלט געגען דעם רעאליסטישען בליק אויפ'ן לעבען און מענשען האט אויך געמוזט ארויסרופען א רעוואלט געגען דער רעאליסטישער פארמע. און אזוי זעהען מיר ווירקליך, ווי ביסלעכווייז שניידט זיך אין דער וועלט-ליטעראטור אויס א גאנץ נייע פארמע פון שרייבען, סיי אין פאעזיע, סיי אין פראזא. דער סימבאליזמוס קימערט זיך ניט אום די רעגעלען פון רהעטאריק, ער בעשאפט זיך זיין נייע ארט, ריכטיגער ארטען פון פערזען צוזאמענשטעלען, ער מאכט זיך אמאל ניט וויסענדיג זאגאר וועגען די רעגעלען פון גראמאטיק און מאנכער סימבאליסט שרייבט זאגאר צו א נייע בעדייטונג צו די אותיות פון אלף בית. און ביי אלעמען כמעט האט די סוגגעסציאן, די אינדירעקטע אנדייטונג, מעהר ווערטה איידער דער דירעקטער זאגען, די אנצויבערונג פון א געוויסען געמיטס-צושטאנד איידער דער קלארער שילדערן.

דער רעאליזמוס האט די שפראך געבראכט צו אזא שטופע פון דייטליכקייט און

געגוויקייט אז ווייטער האָט זי שוין ניט געקענט געהן. די רעאַליסטישע פאָרמע האָט אָפּגעזאָגט איהר לעצטען וואָרט, האָט זיך אַליין ערשעפּט. באַדלער, וועלכער איז געשטאַנען אויפ'ן גרענעץ צווישען דאָס אַלטע און דאָס נייע, האָט זיינע ווערטער געגעבען דעם קלאַנג פון מעטאַל. „די סימבאָליסטען,“ זאָגט סיימאָנס, "האָבען די פאָרמע אַזוי פערפאָלקאָמט ביז זיי האָבען זי פאַרניכטעט.“ „פּאָל ווערלען'ס קונסט ברייגגט דעם פערז צום געזאַנג פון אַ פויגעל און סטעפאַן מאַלאַרמע ברייגגט זיין פערז צום געזאַנג פון אַ אָרקעסטער.“ מאָרים מעטערלינק'ס העלדען ריידען מיט די איינפאַכע ווערטער, די קורצינקע זעצע פון יונגינקע קינדער און אין דער שפּראַך פון אַ „פּוירסט רידער“ דריקט ער אויס דעם העכסטען מענשליכען טראַגיזמוס. גאַבריעלע ד'אַנונציאָ'ס און דעם רוסישען שרייבער צענסקי'ס שורות באָדען זיך אין פאַרבען און לעאָניד אַנדרעיעוו'ס זעצע באַוועגען זיך מיט דעם שווערען, אָבער גראַנדיעזען רהיטמוס פון די כוואַליעס פון ים.

2.

עס וועט אָבער זיין אַ טעות צו מיינען, אַז דער סימבאָליזמוס איז אויסשליסליך ענטשטאַנען אַלס אָפּפּאָזיציאָן צום רעאַליזמוס. דער אור־קוואַל פון סימבאָליזמוס איז אַ סך עלטער פון דער רעאַליסטישער שוהלע, ער איז אַזוי אַלט ווי דער ראָמאַנטיזמוס אַליין. פיעל ריכטיגער וועט זיין צו זאָגען, אַז דער סימבאָליזמוס איז ענטשטאַנען אַלס אַ זייטיג טייכעל, וואָס האָט געפלאָסען ביי דער זייט פון ראָמאַנטיזמוס. מיר שיינט, אַז דער פּראָטאָטיפּ פון די היינטיגע סימבאָליסטען איז געווען קיין אַנדערער ווי וויליאַם בלייק.

בלייק האָט געלעבט און געווירקט אין ענגלאַנד נאָך אין ענדע פון דעם 18טען יאָהרהונדערט, אַלזאָ אין דער צייט ווען דער ראָמאַנטיזמוס האָט געדאַרפט געבוירען ווערן. בלייק איז געווען אי אַ דיכטער אי אַ מאַהלער און ביידע קינסטע האָבען זיך ביי איהם אויסגעמישט, האָבען איינע דער צווייטער ערגענצט. מיט זיינע בילדער, אין וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט אַ אָריגינעלע צומישונג פון פאַרבען, האָט ער איללוסטרירט דעם ספר איוב, געמאָלען די הרוגים פון דער מגפה, געמאָלען די ווידער־פאַראייניגונג פון נשמה און גוף אין קבר, און אין זיינע שריפטען האָט ער געגעבען אַ „משלי פון גיהינום“ און געזאָגט נביאות.

דאָ האָבען מיר אין בלייק'ן דעם אָנפאַנג פון די מאָדערנע דיכטער וועלכע זוכען צוזאַמענצוגיסען די ליטעראַטור מיט דער מאַהלעריי און אויסמישען זייערע אייגענשאַפטען. דאָ האָבען מיר אין איהם אויך דעם מיסטיקער, דעם מענשען וואָס גריבעלט זיך אין דאָס געהיימניספולע און דונקעלע, אַזוי ווי די מייסטע פון די מאָדערנע דיכטער און שריפטשטעלער פון דער סימבאָליסטישער שוהלע.

אין זיינע פערזען האָט ער געזוכט דעם שטאַרקען קלאַנג, דעם שאַרף אָפּקלינגענדען גראַם אַזוי ווי פיעלע פון די מאָדערנע טהוען עס, ווי דער פאָלגענדער ביישפּיעל ווייזט עס:

“Tiger, Tiger, burning bright,
In the Forests of the night”.

און זיין מיסטיק האָט ער, אַזוי ווי מעטערלינק, אויסגעדריקט אין די איינפאַכסטע, קינדישסטע ווערטער, ווי, למשל, אין די צוויי שורות:

“Little Lamb, who made thee?
Little Lamb, who made thee?”

אויך אין זיין נאַטור איז וויליאַם בלייק געווען דער פּראָטאָטיפּ פון פיעלע, וועלכע האָבען אויסגעבויט די סימבאָליסטישע שוהלע. ער איז געווען אַ וויזיאָנער, אַ חוזה חזיונות. זיין מעטהאָדע ווי צוזאַמענצומישען די פאַרבען פון זיין מאָל־ברעט האָט איהם אַ געשטאָרבענער ברודער אַנטפּלעקט אין חלום. אַזוי האָט ער דערציילט. ער האָט געקענט אויפ׳ן וואַהר אין רעכטען מיטען העלען טאָג זעהן אין גאָרטען אַ לויה פון פליגעלאַך. ווי שטאַרק ער דערמאָנט אָן דעם פראַנצויזישען דיכטער זשעראַרד דע נערוואַל, (געבאָרען 1808, געשטאָרבען פון זעלבסט־מאָרד 1855) ביי וועמען די מלכת שבא איז געווען אַ אָפטע גאַסט.

אויפ׳ן גורל פון די דייטשען און די ענגלענדער איז אויסגעפאַלען צו געבען דער וועלט דעם ראָמאַנטיזמוס און די ענגלענדער איז אויך געווען באַשערט צו געבען דער וועלט דעם אָנפאַנג פון דעם סימבאָליזמוס. די ענגלענדער זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבען אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט דעם נייעם אָריענט, דעם אָריענט פון אינדיען און פּערזיען. דער שגעון פיטצדזשעראַלד האָט דורך זיין איבערזעצונג באַקענט די וועלט מיט דעם וואונדערבאָרען „רובעיאַט“ פון דעם פּערזער אָמאַר כאַיאַם, דער „רובעיאַט“ וואָס באַזינגט אין די איינפאַכסטע, קינדישסטע ווערטער דעם מענשענ׳ס שיקזאַל דאָ אויף דר׳ערד, זיין ניט האָבען קיין פרייען ווילען, זיין שטעהן פאַר אַ געהיימניספאָלען טויער צו וועלכען ער האָט ניט קיין שליסעל, זיין לויפען דורך דער וועלט אין אַ פאַנטאַס־טישען קאַראוואַן, ביי וועלכען דאָס לעבען איז נור אַ קרעטשמע.

קיין פּערזיען איז אויך שפּעטער געגאַנגען ניעטשע נאָך זיין זאַראַטוסטראַ.

פריה אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט האָט אָפּגעזונדערט און צוריקגעצויגען געלעבט דער ענגלישער טרוימער און דיינקער דע קווינסי. ער האָט דער ערשטער אַריינ־געבראַכט אין דער ליטעראַטור דעם מזרח־לענדישען אָפּיום און די זעהונגען וואָס ער רופט אַרויס ביי די וואָס געברויכען איהם. אין זיין „וידוי פון אַ אָפּיום עסער“ האָט ער דיזע זעהונגען מייסטערהאַפט באַשריבען. און דער געברויך פון אָפּיום און פון דעם עהנליכען האַשיש, און דורך זיי ערוועגען די פאַנטאַזיע, איז שפּעטער געוואָרען אַ מאָדע ביי די פראַנצויזישע שרייבער וואָס האָבען זיך גרופּירט אַרום די אויפבויער פון דער נייער ליטעראַרישער שוהלע.

דער אַמעריקאַנער עדגאַר עלען פּאָ איז פאַר די פּאָעטען פון דעם סימבאָליזמוס געווען אַ גרויסע אַנטפּלעקונג. ער איז געווען זייער משה. פּאָ איז געווען אַ ראָמאַנטי־קער, אָבער פון אַ גאַנץ נייער אַרט. אויך ער איז געווען אַ חוזה חזיונות און מיט זיין רייכער פיינער נאַטור האָט ער דער ליטעראַטור געגעבען פיעלע פון איהרע רייכסטע, נייעסטע מאָטיווען.

פּאָ איז געווען אַ מענש מיט שאַרפסטע, פאַרפיינסטע חושים. ער האָט פאַרנומען קלאַנגען, וועלכע אַנדערע האָבען ניט געהערט, עמפּפונדען ריחות, וועלכע אַנדערע האָ־בען ניט געשפּירט. מיט זיין פרייער, איבערגעשפּאַנטער פאַנטאַזיע האָט ער איבער־טראָפען אַלע ראָמאַנטיקער; מיט זיינע גייסטערהאַפטע פרויען־געשטאַלטען האָט ער בעשאַפען וועזענס אַזוי ווי מדבריות׳דיגע זיילען פון גאָלדענעם שטויב, בעלויכטען מיט בלויען שיין און צוריגענדיג פון דעם מינדעסטען ריהר. מיט דער אַלכעמיע פון זיין עמפּפינדליכקייט און פאַנטאַזיע האָט ער פאַר דער ליטעראַטור אַ נייעם עלעמענט בע־שאַפען, דעם עלעמענט פון גייסטערהאַפטען, אונערקלערליכען שרעק. און מיט דעם צויבער פון זיינע ווערטער האָט ער דער ליטעראַטור אויסגעלערנט טראָפען ביי טראָפּען,

אזוי ווי א זיס־שוידערהאפטען גיפט, ארייגצוגיסען אין דעם לעזער׳ס נשמה די גע־ווינשטע שטימונג, וועלכע האט איהם ענדליך געכומען אין פלען און איבערוועלטיגט.

און פא האט אויסגעצייכענט געוואוסט דעם סוד ווי צוזאמענצוגיסען אינהאלט מיט פארמע, ווי איינצופלעכטען אין איין סימפאניע ווארט און קלאנג, סוגגעסטיאן און בילד.

פון דעם ענגלענדער דע קווינסי און דעם אמעריקאנער פא האט שארל באדלער זיין בעגייסטערונג געשעפט און אין אינדיען און אנדערע מזרח־לענדער האט זיך זיין כאראק־טער אויסגעבילדעט.

באדלער האט פא׳ן איבערזעצט און בעקאנט געמאכט פאר די פראנצויזען, און דאן האבען אנדערע פון דער נייער שוהלע פא׳ס מאטיוועז נאכגעזונגען. דע קווינסי׳ס אפיום־זעהונגען האט ער איבערזעצט און אויסגעברייטעט.

באדלער איז צו דער זעלבער צייט געווען אי א עלעגאנטער פאריזער אי א קרע־טיגער אזיאט. די ציוויליזאציאן און דעם פארטשריט האט ער פיינט געהאט תכלית שנאה, זעהענדיג אין זיי נור „בלומען פון׳ם בייזען“ און דאך האט איהם דאס פאריזער לעבען מיט זיינע פאלשקייטען, געקינצעלטקייט און אייביגען גלאנץ און רויש געהאלטען געפאנגען. ער האט געהאט דעם חוש־הריח פון דעם ווילדען און דער לייכטער שוועב פון א מזרח־לענדישען אראמאט האט פאר איהם אין איין כהרף־עין אויפגעצויבערט יענע ווייטע וועלטען מיט זייער גאנצער ווילדער פראכט. ער האט געביינקט נאך דאס געזונטע און קרעפטיגע פון פרימיטיווע צייטען און לענדער און צו דערזעלבייגער צייט האט ער אין דער ליטעראטור דאס איינפאכע און נאטירליכע ניט ליעב געהאט און געפאדערט דאס געקינצעלטע, דאס וואס איז אי שיין פון זיך אליין אי פון אנגעפארבט־קייט.

ער האט זיך אפגעשטעלט אויף דער בעוועגונג, דעם גערויש און בליאסק פון דעם פארבייפאהרענדען, פארביישוועבענדען המון פון גאס. אמת, דער איינדרוק איז נאר א פארביילויפענדער, א מאמענטאנער, אבער זוכט דען ניט דער אימפרעסיאניזמוס צום טהייל צו געבען א קינסטלערישע שנעל־פאטאגראפי פון לעבען? און ווידער פאר דעם וואס קוקט אימפרעסיאניסטיש אויף זאכען זיינען די איינצעלהייטען ניט וויכטיג און פאר דעם וואס קוקט מיסטיש אויף דער וועלט גיסען זיך אלע שנעל־לויפענדע, מא־מענטאנע ערשיינונגען צונויף אין איין גרויסער לעבענס־געהיימניס.

אויף אזא ארט איז באדלער געווען דער פארלויפער פון די רוסישע דיכטער פון אונזער צייט, באלמאנט און אלעקסאנדער בלאק, וועלכע געפינען אין דעם וויר־וואר פון שטעדטישען לעבען, אין דעם שוועבען און וועבען פון דער גרויסער גאס א נייעם סארט פאעזיע.

באדלער האט אבער אין פארבייגעהענדע זאכען געקענט לייענען א טיפען אינהאלט. ער האט געקענט אריינדרינגען הינטער זאכען. פון א שטראהל ליכט וואס גנב׳עט זיך ארויס פון הינטער א לאדען האט ער געקענט אויפשטעלען א גאנצען פאמיליען־בילד און פון דעם קוים זיך שלעפענדען סקעלעט פון א זקנה האט ער אין זיין פאנטאזיע געקענט אויפבויען א געשטאלט פון יוגענד און שיינקייט.

אין דער הינזיכט איז באדלער געווען א אנצוהערעניס אויף פיעלע פון די היינטיגע סימבאליסטען, וועלכע האבען פארפיינערט די פסיכאלאגי מיט זייער טיפען בליק אין

די שפּעלטעלאַך פון לעבען, וועלכע אַנדערע האָבען איבערגעהיפּט, מיט זייער קענען לייענען צ ו ו י ש ע ן ד י ש ו ר ו ת פון לעבען.

אין זיינע טהעאָריען האָט באָדלער געפאָדערט די שיינקייט, די גייסטיגע שיינקייט, די קונסט וואָס דיענט זיך אַליין און איז איהר אייגענער צוועק. ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז די קונסט זאָל זיין אַ צוליעב־זאַך פאַר וועלכען עס איז עפּעס. און אין דעם פּרט איז באָדלער געווען אַ וועג־ווייזער פון פיעלע אַנדערע נאָך איהם, וועמעס מאָטטאָ איז געווען „קונסט פיר קונסט“.

3.

באָדלער האָט אָבער געהאָלפען אויסבויען די סימבאָליסטישע שוהלע נאָר אין אַ ברייטען זין. ער האָט זיין הויפּען ציגעל צוגעוואָרפען, זאָ צו זאָגען, נאָר פון דער וויטענס און ניט אַלץ איז אַריין אין פונדאַמענט. ענגער פערבונדען מיט איהר איז זשעראַרד דע נערוואַל. ער איז געווען דער גרעסטער וויזיאָנער פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע. ער האָט געלעבט אַ משונה'דיגען לעבען, אַזוי ווי אַ נאַכט־וואַנדלער. עטליכע מאָל איז ער געווען אין משוגעים־הויז און צווישען איין לאַזאַרעט און דעם צווייטען האָט ער זיינע ווערקע געשריבען. און קיינער צווייפעלט ניט, אַז פון פיעלע שטעלען אין זיי קוקט אַרויס געניאַליטעט. איין ווערק זיינס געהערט צו די ליטעראַרישע מערקווירדיגקייטען. עס איז אַ בעשרייבונג פון דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין אַ פריהערדיגען אָנפאַל פון משוגעת. ער איז אַלזאָ געווען אַ מין „נופל וגלוי עינים“, זייענדיג משוגע האָט ער געקענט בעאָבאַכטען זיין משוגעת, אַזוי ווי אַ מענש וואָס חלומט, אַז ער זעהט אַ חלום.

ער איז געווען דער עכטער מזרח־מענש. איינמאָל איז ער געקומען צו הייגריך היינען און געזאָגט, אַז די וועלט געהט אונטער, אַזוי ווי אין די ספר דניאלס פון דעם ברית חדשה שטעהט. אַנאַנדערס מאָל האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט אַ שנירעל פון אַ פאַרטוך, זאָגענדיג אַז דאָס איז דער מלכת שבא'ס.

ער האָט געגלויבט אין גלגולים ניט ווי אַ מקובל, נאָר ווי אַ הינדוס. ער האָט גע־ליעבט דריי פרויען אין איינער. די ערשטע איז געשטאָרבען. די אַנדערע צוויי זיינען געווען איהרע גלגולים אין וועלכע זי איז פון דאָס ניי לעבעדיג געוואָרען.

„זשעראַרד דע נערוואַל“, זאָגט אַרטהור סיימאָנס, פון וועמען די אויביגע איינצעל־הייטען פון נערוואַל'ס לעבען און כאַראַקטער זיינען גענומען, „האָט אין זיינע פּראָזען געברויכט ווערטער אַזוי ווי אַ כשוף־מאַכערין, אַ אָפּשפּרעכערין געברויכט זיי אין איהרע שפּרוכען. זיינע ווערטער שטעלען מיט זיך פאַר ניט בלויז פאַרב און קלאַנג ווי אַנדערע ווערטער, נאָר זיי זיינען סימבאָלען. דאָס זיינען ווערטער וואָס בעשאַפען אַן אַטמאָספערע דורך דער בעזונדערער אייגענשאַפט פון זייערע זילבען צו געבען אינדירעקטע אָנצו־הערעניסען. ער איז געווען דער שטערנזעהער פון אַ פּאָעזיע וואָס זאָל זיין אַ מופת; ניט אַ הימן צו שיינקייט, ניט קיין בעשרייבונג פון איהר, אויך ניט איהר שפּיגעל, נאָר די שיינקייט אַליין.“

אַ זעהר אינטערעסאַנטער מענש און שרייבער, איז געווען ליל אדאם (געבאָרען 1838). ער איז אויך געווען צום טהייל אַ וויזיאָנער, אָבער די אייגענשאַפט ווערט ביי איהם פערשלונגען אין פיעלע אַנדערע. ער איז געווען אַן אַלטער פראַנצויזישער אַדעלמאַן, אַן אַריסטאָקראַט פון דעם ריינסטען סאָרט. און אויך אין זיינע שריפטען בלאָזט אַ קאַלטער שטאָלץ, אַ פעראַכטונג צום המון און צו דער גאַנצער ווירקליכקייט. ער איז געווען אַ

בעגייסטערטער קאַטאָליק און אין זיינע שריפטען פערהערליכט ער דעם גלויבען. אין זיינער אַ סקיצע „די העברעע ליעבע" זעהט ער אַ וואונדערבאַרע, הייליגע און געהיימניס־פאָלע שיינקייט אין אַ יונגער פרוי וואָס ווערט אַ שוועסטער פון קאַרמעליטען־אָרדען. אַלץ ארום איהר, איהר גאַנצע אומגעבונג איז געהיימניספאָל און איבער־ערדיש. און מיט וואָס פאַר אַ הייליגקייט און פאַרהערליכונג ער בעשרייבט די צערעמאָניע ווי די יונגע שיינהייט איז זיך מקריב איהר גלויבען.

ער האָט אַלזאָ מיט זיין אַריסטאָקראַטי און גלויבען געהאָלפען אַריינברענגען די רע־אַקציאָן אין דער סימבאָליסטישער ליטעראַטור.

די ווירקליקייט האָט ער פּרינציפּיעל ניט אַנערקענט און ער האָט זי טאַקע מבטל געווען כעפרא דארעא. זיין אַנשויאונג איז געווען פון אינדיען, די אַנשויאונג פון די בראַהמינען און די אינדישע פילאָזאָפען, וועלכע טרויען ניט דער ווירקליכקייט, פאַר וועלכע זי איז נאָר אַ חלום, עפּעס אַ פערפיהרערישע אָפּשפּיגלונג. דער גייסט איז אַלץ, מיט'ן גייסט קען מען אַלץ בעשאַפען. ער האָט געהאַלטען פון כישוף און אינטערעסירט זיך מיט קבלה. בלויז די אידעע, דער געדאַנק האָט פאַר איהם עקזיסטירט און ניט די מאַטעריע. „דו ביסט," זאָגט איינער פון זיינע העלדען, בלוז דאָס וואָס דו דענקסט, דענק דעריבער, אַז דו ביסט אַ אייביגער וועזען." (ציטירט נאָך סיימאָנס.) „די וויסענ־שאַפט" זאָגט ביי איהם אַנאַנדער העלד, „זאָגט בלויז, אָבער זי ערקלערט נים."

ד העלדען פון זיינע ווערק זיינען ווייטע, אָפּגערוקטע באַשעפעניסען, מיסטישע וועזענס. זיי ריידען אָראַטאָריש גרויסאַרטיג, קיינמאָל ניט ווי מענשען פון אַ גאַנץ יאָהר. ער איז אַלזאָ דער שאַרפסטער געגנער פון רעאַליזמוס.

אחוץ וואָס זיין לעבענס־אַנשויאונג איז געווען אַ אינדישע, האָט ער גענומען סוזשעטען פון אינדיען און אַנדערע אָריענטאַלישע ערטער. זיינע סקיצען זיינען אויס־לענדיש און אויסערגעוויינליך. פאַ'ם ווירקונג פיהלט זיך אויף איהם זעהר שטאַרק. ער שרייבט קאַלט, מעטהאָדיש, באַרעכענט, אימער אין זיינע אַריסטאָקראַטישע גלאַסע־האַנדשוה, אָבער עס געלינגט איהם אַזוי ווי פאַ'ן אָנצוהויבען אויף זיינע לעזער אַ קאַלטען שרעק, דעם שרעק אַזוי ווי פּראָסט־מוראַשקעלאַך וואָלטען אָנגעהויבען פויזען איבער זייער נשמה און ביסלעכוויין פאַרמעהרען זיך אין אַ גאַנצען היישעריק.

די צוויי דיכטער אַרטהור רימבאַ און פּאָל ווערלען (דער ערשטער געבאָרען 1857, געשטאָרבען 1891; דער צווייטער געבאָרען 1844, געשטאָרבען 1896) האָבען די נייע בענריפע וועגען ליטעראַטור געבראַכט אַסך, אַסך ווייטער, אויב ניט מיט זייערע טהע־אָריען — זיי האָבען זיי אייגענטליך ניט געהאַט — איז אָבער מיט די בעסטע פון אַלע טהעאָריען, מיט זייערע געדיכטע. זיי גייען צוזאַמען אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, אַזוי ווי אַ גייסטיגער צווילינג. ביידע זיינען זיי געווען מענשען פון דער פּראָווינץ; דער צווייטער, ווערלען, איז מיט זיין אָפּשטאַמונג געווען מעהר בעל־גיער איידער פּראָנצויז, און מיט זיין געבורטס־אָרט (עלזאַס־לאָטרינגען) איז ער געווען אַ שטיקעל דייטש און אויף עפּעס אַ אונטערערדישען וועג האָבען אין זיין נשמה צאַר־טע, נאַאיווע, דייטשע טענער פּאַרבלאָנדזשעט. נאָר, ווי עס זאָל ניט זיין, ביידע זיינען גאַנץ פריה געקומען אין פּאַריז, ביידע האָבען אין די פּאַריזער ליטעראַטור־קרייזען עפּעס נייעס, פרישעס אַריינגעבראַכט, און ביידען, ספּעציעל דעם לעצטען, איז באַ־שערט געווען אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע אַ נייע נשמה אַריינצובלאָזען.

רימבאַ איז געווען דער ווילדער יונג, דער צאַהם־ברעכער אין דער ליטעראַטור

און אין לעבען — דער ווילדער און דער צאַהם־ברעכער פון צופיעל לעבען, פון צופיעל קראַפט וואָס האָט געשטראָמט אין זיין גשמה, פון צו גרויסע פלאַמען, וואָס האָבען אין איהר געפלאַקערט. ער האָט אָנגעהויבען שרייבען אַלס אינגעל און אַלס אינגעל האָט ער שוין געשריבען וואונדערבאַרע געדיכטע. אַלס אינגעל האָט ער זיך איינגעשפּאַרט אַז ער מוז אָנקומען אין פּאַריז, אָנקומען צווישען שרייבער. עפּעס אַמאָל דריי־פיער איז ער זיך געקומען צו־שלעפּען אין פּאַריז און יעדעס מאָל האָט מען איהם צוריקגעבראַכט אַהיים. ענדליך איז ער געבליבען. צווישען איהם און ווערלענען איז געוואָרען אַ ליעב־שאַפט ווי צווישען דוד און יהונתן. רימבאַ, דער אינגערער האָט געהאַט אַ מורא'דיגע ווירקונג אויף ווערלענען. קיין וואונדער ניט; דער ערשטער איז געווען פלאַם־פייער, דער צווייטער ווייך ווי וואַקס, עמפּפינדליך ווי אַ פיינע סטרונע. אַז עס איז געקומען די צייט פון דער קאַמונע זיינען זיי ביידע אין איהר אַריינגעטראָטען, דער צווייטער, וואהרשיינליך, נאָר דערפאַר וואָס רימבאַ האָט געהייסען.

רימבאַ האָט אָנגעשריבען זעהר ווענינ, אייגענטליך אַ הייפעל פּאָעזיע. נאָך דעם פאַל פון דער קאַמונע איז ער מיט ווערלענען אַוועק וואַנדערען איבער איירָאפּאַ. אויפ'ן וועג האָט מען זיך צוהרג'עט, אַזש געשאָסען, ווערלען איז איינגעשפּאַרט געוואָרען אין בעלגיען אין אַ געפענגנים און רימבאַ איז אַוועק וואַנדערן ווייטער איבער איירָאפּאַ, דער־נאָך איבער אַזיען, דערנאָך איבער אַפריקאַ. אין זיין בלוט האָט אימער געמוזט זיין אַ האַס צו איירָאפּאַ, צו איהר ציוויליזאַציאָן.

בלויז אַ פּאָר יאָהר האָט ער געשריבען, דערנאָך האָט ער זיין פעדער אויף אייביג פאַרוואָרפען, אַזוי ווי איבסען'ס גלח בראַנד פאַרשליסט זיין קלויסטער און וואַרפט די שליסלען אַריין אין ים. ער איז דאַן געוואָרען אַ אינזשעניער, אַ געאָגראַפישער פאָרשער, אַ זוכער, אַ הענדלער מיט אַראַבער, אַ קאַראַוואַן־פיהרער און אַלץ אין דער וועלט וואָס שמעקט מיט סבות, ווילדע אויפרעגענדע פּאַסירונגען און וואָס פאָדערט אַ סך מוטה, טהירישען מוטה, און אַ גרויסען אויסגוס פון ענערגיע. צו 39 יאָהר שטאַרבט ער אין אַ מאַרסעלער האָספּיטאַל, יאָמערנדיג, קלאָגענדיג נאָך לעבען, לעבען.

עס איז נויטיג געווען דאָס אַלץ צו וויסען וועגען זיין לעבען, וואָרים זיין פּאָעזיע איז אויך געווען אַ שטיק ווילדער לעבען, אַ שטיק פייער. זיין הייסער טעמפּעראַמענט האָט פון איהם אַרויסגעשאָסען אין גליהענדע שורות און זודיגע ווערטער. זיי זיינען אַרויסגעקומען מאָמענטאַן, שנעל זיך אָנגעצונדען ביי איהם אין אונטערשטען מאַרך, דער־נאָך אין אויבערשטען שוין זיך אויסגעהאַמערט, אויסגעשלאָגען אין ווערטער און פער־זען. קיין געדאַנק, ער איז געווען צו פייערדיג פאַר געדאַנק; קיין איבערטראַכטען — טראַכטען איז געווען צו אַ קאַלטע זאַך פאַר איהם. און וועגען פאַרריכטען, צופּוצען זיינע זאַכען נאָכ'ן שרייבען — פאַר איהם וואָלט דאָס געווען לעכערליך. ער האָט אויף דערויף קיין צייט ניט געהאַט. זיין ברענענדער מוח האָט שוין געטראָגען ערגעץ אַנדערש.

ווי האָט דען אַזאַ מענש געקענט טראַכטען וועגען רעגעלען פון רהעטאָריק, וועגען אַקאַדעמישע, עלעגאַנטע באַפּוצונגען פון זיינע געדיכטע? אי ער האָט דאָס ניט געקענט, אי ער האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט. און אַזוי האָבען מיר אין איהם יענעם נייעם, וואָס האָט געהאָלפען איינוואַרפען די קאַלטקייט, די געלאַסענקייט, די מעסיגקייט פון דעם רעאַליזמוס.

דאַן האָבען מיר אין איהם דעם „משוגענעם", דעם חוזה חזיונות. אין גרונד גענר־

מען זיינען דאָך אַלע מענשען אין פלוג משוגע, נאָר נאָכ'ן ווילדען, ראשיגען אימפּולס, נאָך דעם מאָמענטאַנעם איינפאַל, אָדער אָנצינדונג קומט די אָבקיהלענדע איבערלייגונג. רימבא האָט אָבער זעהר ווענינ געוואוסט פון איבערלייגונג און אָבקיהלונג.

„איך זעה האַללוצינאַציעס,“ האָט ער געזאָגט, „ א פאַבריקע נעהמט פאַר מיר אָן די געשטאַלט פון א מחמדאַנישען קלויסטער; אויפ'ן דעק פון א אָזערע זעה איך א פאַרפּוצטען זאַל.“

און אַזוי זיינען זיינע ליעדער באַזעצט מיט וויזיאָנען, וועלכע שטראָמען אין זיי אַזוי ווי אונרוהיגע גייסטער און זאַכען וואָס ריידען גאָר ניט צום אויג גליהען פאַר איהם מיט פאַרבען. ער האָט א בעריהמטע סאָנעטע אין וועלכער ער באַצייכענט האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסיג ,די פאַרבען פון די אותיות. „אַ“ איז שוואַרץ, „אי“ איז וויס, „אַי“ איז רויט, „אָ“ בלוי און „יו“ — גרין.

אויך זיין אויפהערען שרייבען איז געקומען פון זיין צו־זודיגען מאַרך. ער האָט אַלץ איבערגעלעבט אין קאָפּ, זיין גאַנצע צוקינפטיגע שעפּפונג, האָט אין איהר שוין עררייכט די העכסטע שטופע און פאַר דער פּראַקטישער אָנקליידונג פון דעם אַלעמען אין ווערטער איז ביי איהם קיין חשק ניט געבליבען, פּונקט ווי האַמלעט לעבט איבער אין זיין גלוטיגען מוח די גאַנצע זיסקייט פון נקמה, די גאַנצע צופרידענשטעלונג פון גערעכטיגקייט, און ווען עס קומט די צייט נקמה צו נעהמען, איז דאָס ביי איהם שוין א לעבערליכע, אָפּגעלעבטע זאַך און זיינע הענט הויבען זיך ניט. און אַזוי האָט רימבאָ'ן זיין מוח אַוועקגעטראָגען ווייטער פון דער פּאָעזיע. אָבער זיינס האָט ער אָפּגעטהאָן — ער האָט בעגייסטערט ווערלענען.

ווערלען האָט ניט מיט קראַפט, נאָר מיט שטילקייט, צערטליכקייט און אויסערגעוויינליכער עהרליכקייט און אָפענהערציגקייט איבערגעבויט די פראַנצויזישע פּאָעזי. ער האָט דורכגעוואַנדערט זיין לעבען ווי א בראָדיאַגע, א שיכור, א אַרומשלעפּער מיט אונציכטיגע פּרויען ; איז פון א קאָמונאַר געוואָרען א הייסער קאַטוילִיק און האָט געשריבען געדיכטע, וועלכע האָבען וואַהרשיינליך געפונען אַן אָרט אין קאַטוילישע געבעטביכלאַך, אָבער מען מוז איהם דאָס אַלץ מוחל זיין, פּונקט ווי זיינע פריינד, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען די עדעלסטע פראַנצויזען פון זיין צייט, האָבען דאָס איהם מוחל געווען. וואָרים, ווערלען איז זיין גאַנץ לעבען פאַרבליבען א גרויסעס קינד — אין זיין לעבען ווי אין זיינע ליעדער.

די באַראַקטעריסטיקען פון א קינד זיינען נאַאיוויטעט, לייכט־גלויביגקייט, צערטליכקייט, נבואה, ד. ה. א מערקווירדיגע פעהיגקייט איינצוהערען זיך אין דער אור־שטימע, אין דער שטימע פון דער נאַטור וואָס שלאָגט אין איהם, משוגעת אָדער נאַרישקייט, אָפען־הערציגקייט, די נויטוועגדיגקייט צו וויינען יעדעס מאָל ווען עס שלאָגט זיך אָפּ א פינגער, זינד און די נויטוועגדיגקייט גלייך לויפען צו אימיצען מודה זיין זיך נאָך יעדער פרישער עברה'לע. און די אַלע זיינען די הויפּט־שטריכען פון ווערלען'ס פּאָעזי. ישוב־הדעת, אַלזאָ, געזעצטקייט און געזונטער מענשען־פערשטאַנד האָבען אין זיין פּאָעזי קיין אָרט ניט געהאַט און דאָס איז איינע פון די זאַכען וואָס נעהמען איהם אוועק פון דעם רעאַליזמוס און מאַכען איהם פאַר א סימבאַליסט, דאָס נעהמט איהם אוועק פון דעם קאַלטען ניטערען מערב און זעצט איהם אַריין אין דעם הייס־מאַרכיגען, טרוימערישען מזרח.

ווערלען איז געווען פול מיט עראינערונגען, בייַנקונגען און שטימונגען. א שטימונג

איז ניט קיין געפיהל, נאָר אַ גאַנצער, גרויסער געמיטהס צושטאַנד, אַ גאַנצער פעלד פון פיהלען, אָבער דערפאַר וואָס די שטימונג איז גרעסער פון געפיהל אין רוים, דערפאַר איז זי טונקעלער פון איהם אין אַהנונג, אין פערשטיין. ווערטער זיינען אַ צו שוואַכער מיטעל אויסצודריקען שטימונגען, אַ צו קלאָרע כלי פאַר אַ צו אונבעשטימטער גייסטיגער פליסיגקייט. און אַ שטימונג ווערט אַרויסגעבראַכט טאַקע ניט אַזוי פיעל דורך די ווערטער, ווי דורך זייער מוזיק, דורך סוגגעסציאָן, דורך פאַרשיעדענע אָנדייטונגען און סימנים — דורך צויבער. מען הערט ניט וואָס די מכשפה זאָגט פאַר ווערטער, אָדער אַז מען הערט זיי קלינגען זיי ערשט ווי אונזינן, אָבער פון איהר אַרט אָפּשפּרעכען און צוזינגען און אפשר טאַקע פון דעם אונזין אַליין פאַלט אָן אַ פחד. און אַזוי ווירקט אָפט ווערלען׳ס אַ ליעד און רופט אַרויס אַ שטימונג דורך דער ווידערהאָלונג פון אַ פערז, אַ וואָרט, אַ קלאַנג. און מאַנכעס מאָל איז אין זיין שפּראַך קיין זינן ניטאָ, נאָר בלויז הייליער קלאַנג. ער פערפאַסט זיך זיין אייגענע שפּראַך, ער קלייבט זיך צונויף ווערטער אַזוי ווי אַ קינד אַקקאָמפּאַנירט זיין אייגענע שפּיעל מיט פּלאַפּלעריי.

מוזיק איז טיעפער פון ווערטער, מוזיק איז עלטער פון שפּראַך און דעריבער איז זי מעהר געאייגענט אויסצודריקען דאָס דונקעלע אין מענשען, דאָס וואָס שלאָפט אין איהם אין אונקלאָרהייט. דעריבער איז מוזיק די אייגענטליכע שטימונגס-שפּראַך. און אַזוי ווי ווערלען׳ס ליעדער זיינען דורכגעוויקט אין שטימונג, דעריבער זיינען זיינע פערזען אויסערגעוויינליך מוזיקאַליש. ווי סיימאַנס דריקט זיך וועגען זיי אויס — זיי זיינען ווי דאָס געזאַנג פון אַ פויגעל. און אויף אַזאַ אַרט איז ווערלען געווען איינער פון די וויכטיגסטע איבערבויער ניט בלויז פון דער נשמה פון פּאָעזי, נור אויך פון איהר פאָרמע, פון איהר אויסערליכען אויסזעהן און קלאַנג.

די פאַרשוועסטערונג פון די קינסטע, גייט ביי ווערלען נאָך ווייטער. ווערטער זיינען ניט בלויז טענער און פויזען, נאָר אויך פאַרבען און שטריכען און אַ גערדיכט איז ניט בלויז אַ מעלאָדי נאָר אויך אַ בילד. און דאָס בילד לעבט און אָטעמט. אָט ווי ווערלען גיט אַרויס זיין פּלאַן ווי אַ בילד פון צעזאַר באָרדזשיאַ זעהט אויס אָדער דאַרף אויסזעהן: אַ דונקעלער הינטער-גרונט, וואָס פאַרשטעלט אַ ליכטיגען זאַל, וואו עס שטייען ביוסטען פון אַלט-רוימישע דיטער; זייערע ווייטע פּראָפּילען טרוימען אין ווייסען מירמעלשטיין. באָרדזשיאַ׳ס לינקע האַנט איז אויף זיין שווערד, די רעכטע אויפ׳ן ייזט. שטרענגע וואָנצעס, וועלכע אַ שמייכעל מאַכט ווייכער. פירשט צעזאַר שטייט אין זיינע לוקסוס-רייכע קליידער. שוואַרצע אויגען, שוואַרצע האָר און דעם שוואַרצען סאַמעט׳ס ערנסטע דונקעלהייט איז דער קאָנטראַסט, אין דעם אוועגט׳ס גאָלדענע ראָזיגקייט, פון דער רייכער, שווערער בלייכקייט פון געזיכט, געמאָלען אין דריי פערטעל, ווי שפּאַנישע און וועגעדיגער מאַהלער שטעלען אימער אַוועק קעניגע און פּאַטריציער. די נאָז ברייט, פיין, גלייך. דאָס מויל קליין, און רויט! אָבער די פאָרהאַנגעם ריהרען זיך, הפנים פון דעם ביסטרען אָטעם וואָס קומט אַרויס פון יענע ליפּען. און זאָגאַר די וואַנדערנדע בליקען וואָס ער וואַרפט דערוויילע אימער פאָראויס, יענע זיכערע בליקען אַנטפּלעקען אַ גרויסע מחשבה וועגען סיבות. דער גרויסער, קלאָרער שטערן, מיט בלויז איין טיפען קנייטש איז אודאי געוועלבט פון עפּעס אַ גרענעצלאָזען פּלאַן. דער פּלאַן ברויעט אונטער דער היטעלע מיט די ציטערנדע פעדערען, וועמעס רובינען-ספּראַנדזשקעלע גיסט אַראָפּ בלוטיגע שטראַהלען".

ווערלען האָט אַ פיינע, דין-פאַרשפּיצטע פאַנטאַזיע מיט וועלכער ער כאַפּט אויף

זאַכען וואָס זיינען גאָר ניטאָ, אויף וועלכע די אַרומיגע געגענשטענדע גיבען בלויז אַ ווייטען רמז. ער איז אַ נייע־ראָמאַנטיקער און וויל זיך מיט דער ווירקליכקייט ניט רעכענען. אַ פּראָסטער, גודנע שאַבלאָנגער גערטעל ווערט פֿלוצלונג, אום האַלבער נאַכט פֿערוואַנדעלט אין אַ גרויסען צויבער־פּאַרק, אין וועלכען עס קלינגט פֿון אַלע זייטען, פֿון די ווייטסטע ווינקעלעך, זיסע, שוואַכע אויסגעצויגענע יאַגד־מוזיק, אַזוי טרויעריג ווי אַמאָל טאַנהויזער'ס יאַגד־ליעד, און פֿלוצלונג ווערט ביי דיעזען סיגנאַל אַ געשטופּעריי, אַ גערעדענג פֿון דורכזיכטיגע שניי־פֿיגורען וואָס גלינצערן אַזוי ווי אָפּאַלען אויף דער שמאַראַגדען־גרינער נאַכט פֿון די צווייגען. און זיי פּלאָנטערען זיך אין דער שמאַראַגדען־נאַכט פֿון די דונקעלע בוימער, מאַכענדיג פֿער'חלש'טע אוואַיעס פֿול מיט טיפֿער פֿאַרצווייפֿלונג, טאַנצענדיג אַרום די בראָנזענע סטאַטועס מיט די מירמעל־שטיינערנע פּעדעסטאַלען, און פֿלעכטענדיג לאַנגזאַם אַ ליכטיגען קרייז.

און אָט וואָס ער לייענט אַרויס פֿון די אויגען פֿון אַ פֿרוי אין אַ קלאָרער לבנה־נאַכט: אַ געשמאַקע ווילאַ. קאַוואַליערען ציהען לוסטיג אַריין פֿאַרשטעלט מיט מאַסקעס, שפּיעלענדיג אויף גיטאַרען און טאַנצענדיג צום טאַקט. אָבער פֿון הינטער זייערע פֿאַנטאַסטישע מאַסקעס קוקט דאָך אַרויס דער אומעט. אַלע זינגען מיט אַ מינאָרנעם טאָן וועגען זיעגרייכער ליעבע און אַ רוהיגען לעבען און דער כאָר מישט זיך אויס מיט די ליכטיגע לבנה־שטראַהלען — די שיינע ליכטיגע און אויך פֿאַרטראַכטע לבנה־שטראַהלען וואָס פּאַרוויגען די פֿויגעלאַך אויף די צווייגלאַך און ציהען פֿריידען טרעהרען פֿון די וואַסער־רעהרען — די הויכע דינע רעהרען וואָס שפּרינגען אַרום צווישען די סטאַטועס.

אויך אַ מיסטיקער איז ווערלען. ניט בלויז דערפֿאַר וואָס ער בעט אַזוי וועהמוטיג צו דער מאַדאָננאַ און ערקלערט זיך איהר אין ליעבע און פֿיהלט איהר קוס אויף זיינע אויגען און רעדט צו יעזוס'ן ווי אַ מענש רעדט צום צווייטען און בעט איהם זעהן זיין בלוט, זעהן זיין פֿלייש, נאָר ער איז אויך מיסטיש אין זיין ערדישער ליעבע. די פֿרוי וואָס ער ליעבט אַם מייסטען, די פֿרוי פֿון זיין „שטענדיגען טרוים" איז ניט אַ קינד פֿון פֿלייש און בלוט, נאָר אַ ריינער געלייטערטער גייסט, אַזוי געלייטערט אַז אַפֿילו קיין שטימע, וואָס איז דאָך „האַלבע רוחניות", טאָר זי אויך ניט האָבען.

„אָפֿט זעה איך דיעזען מאָדנעם, אויפֿציטערנדען טרוים מכח אַ פֿרוי וואָס ליעבט מיך און איך ליעב זי און יעדען מאָל אַנטפּלעקט זי זיך מיר האַלב אַנדערש, האַלב די זעלבע. און זי בויגט אָן צו מיר איהר האַרץ און איהר פֿאַרשטאַנד און מיין גאַנצע זעלע שיינט ליכטיג נאָר צו איהר אַליין! אַלע זעהען דאָרט רעטעניסען בלויז, זי אַליין נאָר פֿאַרטרייבט מיט איהרע טרעהרען פֿון מיין בלייכען שטערען דעם בייזען טוי. זי איז ניט דונקעל, ניט רויט און ניט בלאָנד, איהר נאָמען ווייס איך ניט, איך ווייס נאָר עס קלינגט אַזוי רייך, אַזוי ווי די ליעבע נעמען פֿון יענע, וועמען דער שטראָם פֿון לעבען האָט שוין פֿון אונז לאַנג אָוועקגעריסען. איהר בליק איז זאַנפֿט ווי דער בליק וואָס פֿליסט אַרויס פֿון ליעבליכע סטאַטועען, איהר שטימע איז אַזוי ווייט, אַזוי שטיל און ערנסט, אַז עס קלינגט ווי דער גייסט פֿון אַ שטימע פֿון איינער וואָס איז שוין לאַנג טויט".

„דער גייסט פֿון אַ שטימע"! ווען איך האָב דיעזען צאַרט־הייליגען אויסדרוק צוערשט באַגעגענט איז מיר איינגעפֿאַלען אַז אַם בעסטען וואָלט געווען די נייע ליטעראַרישע שוהלע צו פֿאַרטייטשען אַלס דעם גייסט פֿון ראָמאַנטיזמוס. יאָ,

דעם גייסט! ווארים דער גייסט פון א זאך איז דאך אזוי פיעל צארטער, ערדלער, הייליגער און פאנטאסטישער פון דער זאך אליין.

ווערלען׳ס גאנצער לעבען, זאגט סיימאנס, איז געווען איין שטיק מיסטיציזמוס. פונקט ווי די מיסטיקער פון פארצייטען האבען זיך גראנגעלט מיט זייערע לעצטע כחות, אום צו באהעפטען זיך מיט גאט, אום צוזאמענצוגיסען זייער גוף מיט דעם גרויסען גייסט, אזוי האט ווערלען זיין לעבען צובראכען אין א ביטערער מלחמה צווישען זיין גוף און זיין נשמה, צווישען גראבע, שמוציגע תאוות און צארטע ליעבע צו ערדלע, אונשולדיגע פאר׳חלום׳טע פרויען, און בענקשאפט נאך דער מאדאננא און דער גאטהייט.

אבער דער מיסטיציזמוס, ריכטיגער דער סימבאליזמוס פון ווערלען און רימבא און זשעראר דע נערוואל און אלע אנדערע ביז די ריטמער פון דער ליטעראטור פון אונזער אייגענער צייט איז נאך אלץ געווען ווי א קנאפ געגען א צולאזטער בלום אין פארגלייך מיט דעם סימבאליזמוס פון סטעפאן מאלארמע. ער איז געווען דער סימבאליסט „פאר עקסעלאנס“. מאלארמע איז געווען אי דער דיכטער פון דיעזער שוהלע, אי איהר גרויסער טהעארעטיקער. אלץ וועגען וואס דע נערוואל האט משוגענערהייד געטרוימט און ארויסגעשטאמעלט אליין אפשר ניט וויסענדיג וואס ער האט געמיינט, אלץ וואס רימבאס פייערדיגער מוח האט אפגעריסען ארויסגעשאסען, אלץ וואס ווערלען האט אהן וועלבע עס איז חקירות ארויסגעזונגען ווי א קינד, דאס אלץ האט מאלארמע דערזאגט, אויסגעבריימעט און ארויסגעבראכט אין א גאנצער סיסטעמע. ער איז געווען דער רבי, דער ראש וראשון פון דער גאנצער סימבאליסטישער שוהלע פון זיין צייט און זיי פלעגען צו איהם קומען מיט נרוים עהרפורכט און זיצען און הערען זיינע טיעפזיניגע ערקלעהרונגען.

אויב עס איז ווען איבערהויפט געווען א מענש, וואס איז געווען קאנסעקווענט, וואס האט פאלשטענדיג געפאלגט זיין אייגענע לעהרע, איז דאס געווען מאלארמע. ער האט צו זיינע תלמידים אימער געפרעדיגט דעם שווייגען און ער האט געשוויגען. פאר זיין גאנצען לעבען האט ער בלויז צוויי דינע ביכעלאך אנגעשריבען. זיין גאנצען לעבען האט ער געפרעדיגט די אונפערשטענדליכקייט, געזוכט א פאסענדע שפראך און ווען ער האט זי מעהר אדער וועניגער געפונען — האט מען איהם טאקע ניט פארשטאנען. „א נאמען,“ פלעגט ער זאגען, „פערניכטעט; אן אנדייטונג בעשאפט“. און מאלארמע׳ס טראגעדיע איז געווען ווי די טראגעדיע פון יענעם מיטעלעלטערליכען אלכעמיקער, וואס האט נאך לאנגען מאטערען זיך טאקע ערפונדען א שטאף וואס האט געקענט אלץ פערניכטען; די צרה איז נאר געווען וואס קיין כלי האט דעם שטאף ניט געקענט איינהאלטען. דאך דאס וואלט געווען א טראגעדיע פאר יעדען אנדערען אבער ניט פאר מאלארמען, ווארים ער האט טאקע נאר געשריבען פאר זיך אליין. ער, דער גרויסער מיסטיקער, איז געבליבען איינגעשלאסען אין זיך אליין אזוי ווי א „מענש אין א שיידעל“.

אין זיינע יונגע יאהרען, אז ער האט געשריבען, האט מען נאך איהם געקענט פארשטיין. דאן האט ער געשריבען צארטע פערזען וואס האבען געשיינט ווי פעדימלאך פון זילבער פויטינע, מיט ווערטער-בילדלאך וואס האבען געשימערט ווי ווייכע שטראהלאך אויף וואסער-טראפטינעס. אט וואס פאר שורות עס ציטערען אין זיינע פערזען:

„ווי אין אומעטיגע גערטנער שטייגט ווען אויף
א טרייער פאנטאן ווייס זיפצענדיג
צו דעם לאזור...

ער האט אויך דאן געשריבען פאעמען אין פראזא, אזוי ווי באדלער, וועלכע זיינען

געוועזן צאַרט, ערדל און פיין. בלויז אַביסעל זאַנדערבאַר, ווי באָדלער'ס קליינע פּראָזאַ־זאַכען.

אָבער שפּעטער איז ער געוואָרען דער סימבאָליסט „פּאַר עקסעלאַנס“ און עס איז איהם שווער געוועזן צו פערשטיין. ביי איהם איז דאָס אָבער געווען אַ מוז־זאַך און ניט קיין צופאַל, ווייל ער האָט געדענקט אַנדערש פון אַלעמען.

מאַלאַרמע האָט אויף דער ליטעראַטור געקוקט מיט די אויגען מיט וועלכע אַלישע האָט געקוקט אויף אליהו הנביא ווען ער האָט איהם געזעהן אַרויפשטייגענדיג אין הימעל אין אַ פייערדיגען רייטוואַגען. די ליטעראַטור איז ביי איהם געווען צו הייליג. ווי פיעל שרייבער עס פלעגען זיך ניט איבערקערען ביי איהם אין הויז, פלעגט קיינער פון זיי קיינמאָל ניט וואַגען פאַר איהם רעדען פון דער ליטעראַטור ווי פון אַ פּרנסה, אַ באַשעפטיגונג. די פּאָעזי איז ביי איהם געווען אַ קדשי קדשים, וואוהין קיינער האָט ניט געטאָרט אַריין, אפילו ניט דער וואָרט. אַ וואָרט געברויכען פאַר דער פּאָעזי פון דער נשמה — דאָס איז אַ חלול השם. דער וואָרט איז די פּאָעזי מטמא, ווייל ער איז צו קלאָר, צו בעשטימט, צו האַמעטנע אויסצודריקען דאָס וואָס מען דאַרף בלויז אַהנען, אויף וואָס מען דאַרף זיך בלויז אַנשטויסען, וואָס איז אַזוי אונבעשטימט. פּאָעזי איז יענע מוזיק וואָס זינגט זיך אָהן אַ שטים — „ליעדער אָהן ווערטער“ — וואָס ווערט צושפּאָלטען אויף טויזענדער דימענט־פונקעלאַך — טאָ ווי קען מען עס פאַרשרייבען מיט נאָטען, אַרויסלייגען אויף דער פּיאַנאָ? דאָס באַגרענעצט דאָך און פּענטעט דאָס וואָס איז אונבאַגרענעצט און שוועבט פריי, דאָס גיט אַ גוף צו דעם וואָס איז היילע רוחניות.

זשעראַרד דע נערוואַל האָט געזאָגט אַז פּאָעזי איז אַ מופת און מאַלאַרמע האָט דעם גאַנצען לעבען געזוכט אַ שפּראַך־מופת דיעזען פּאָעזי־מופת אויסצודריקען. רימבאָ'ס פּאָעזי איז געווען אַ שטיק מאַרך־פייער, אַ שטיק אויסגעגאָסענע התלהבות. ער איז אָבער לחלוטין קיין אַרטיסט ניט געווען, ווייל פּוצען, שלייפען איז פאַר זיין פייערדיגען טעמפּעראַמענט געווען אונמעגליך; מאַלאַרמע האָט אויך געגלויבט, אַז „פּאָעזי איז די שפּראַך פון אַ גייסטיגען קריזיס, אַלע פּאָעמען זיינען צוויבער־שפּרוכען פון אַ פּאַר־איבערגייענדען עקסטאַז, וואָס מען האָט דערכאַפּט אין מיטען פליהען“, אָבער ער האָט אויך געגלויבט אַז אַ פּאָעמאַ איז אַ גייסטיגע איבערשטעלונג פון אַ, אין אַטמאָספּערע פערשלייערטען, געפיהל אָדער עמפּפינדונג, וואָס ווערט דורך דעם פאָלקאָמענער שיינהייט“. און גלייך פון ערשטען אימפּולס, פון דער ערשטער אָנצינדונג קען זיך דער מוח ניט צוקלייבען דעם וואָרט וואָס זאָל די אַלע צאַרטע אונקערפּערליכע, אונבעריהרבאַרע פיינהייטען קענען אויסדריקען. דעריבער דאַרף מען שלייפען און פיילען זעהר לאַנג אום צו קענען איינפּאַסען די אַלע פיינהייטען אין דעם ריכטיגען וואָרט. און דעריבער איז מאַלאַרמע געווען דער געדולדיגער, אונערמידליכער אַרטיסט.

אָבער וואָס הייסט אויסדריקען! פּאָעזי טאָר מען ניט, קען מען ניט אויסדריקען. אויסדריקען מאַכט וואָכעדיג, באַשרענקט, גיט בעשטימטקייט דאָרט וואו עס טאָר קיין בעשטימטקייט ניט זיין. דעריבער דאַרף מען ניט קיין נעמען נאָר אָנדייטונגען, ניט בילדער נאָר סימבאָלען, דעריבער דאַרף מען ניט קיין שפּראַך נאָר זיכטבאַרע מוזיק. מאַלאַרמע געזוכט צו בעפרייען די נשמה פון ליטעראַטור פון דעם גוף וואָס פייניגט זי אַלע רעליגיעזע מיסטיקער זוכער צו בעפרייען זייער נשמה פון דעם גוף, אַזוי האָט מאַלאַרמע געזוכט צו בעפרייען די נשמה פון ליטעראַטור פון דעם גוף וואָס פייניגט זי און פּענטעט זי און טויטעט זי — פון ווערטער.

און אזוי ווי דער פרומער רבי צדוק האָט אזוי לאַנג געפּייניגט זיין לייב ביז עס איז פון איהר געבליבען נאָר א דורכזיכטיגע הויט, אזוי האָט מאַלארמע זיינע ווערטער גע־שליפען און געקליבען און געפּייניגט אזוי לאַנג ביז עס זיינען פון זיי געבליבען בלויז „זעהונגען, גייסטער". דערפאַר האָבען אָבער אזעלכע ווערטער געזאָלט וואונדערבאר פּאַסען איינס צו איינס, וואונדערבאר קלינגען איינס אויף דאָס צווייטע, אָפּשפּיגלען איינס דאָס צווייטע". דערפאַר האָבען זיי קיינמאָל ניט געזאָלט ריידען מיט זייער „בעדייטונג, נאָר מיט זייער אָנדייטונג". — דערפאַר האָבען זיי געזאָלט „בעפרייען דעם גייסט פון דער מאַטעריע".

דער סוף איז געווען אז דורך די אַלע שלייפונגען איז דאָס ליעד ביי מאַלארמען שטאַרק אָפּגערוקט געוואָרען פון דעם ערשטען אימפּולס און דער געוויינליכער לעזער האָט ניט געזעהן דעם מאָטיוו פון וועלכען זי האָט זיך אָנגעצונדען, האָט ניט געזעהן די רינגע־לאַך וואָס האָבען די טהיילען צוזאַמענגעקייטעלט. אָבער די וועניגע האָבען זיי יאָ גע־זעהן און פאַר מאַלארמען איז דאָס געגוג געווען.

דערוויילע האָבען מיר אין דער גאַנצער פראַנצויזישער גרופּע נאָר באַגעגענט צוויי פרומע דיכטער ,דע ליל אדאם און פּאָל ווערלען. ווערלען איז געוואָרען פרום, דאָך קיין בעל תשובה אין פולען זינן פון וואָרט איז ער נאָך ניט געווען. פּלוצלונג, איינמאָל זי־צענדיג אין בעלגיען אין א געפענגניס־קעמעריל, איז ער אראָפּגעשפּרונגען פון זיין בעטעל און האָט געקניעט פאַר'ן קרוציפיקס. אָהן איבערלייגונג האָט ער דאָס געטהאָן. דער אמת'ער בעל תשובה איז אָבער געווען דער בעלגישער ראָמאַנען שרייבער הויסמאַנס.

ער איז געווען א בעל תשובה אין א דאָפּעלטען זינן. ער איז אי געוואָרען פון א מאָ־דערנעם אויפגעקלעהרטען מענשען א פרומער קאַטוילִיק, אי פון א עקסטרעמען רעאַליסט, פון א נאַטוראַליסט פון זאָלאָ'ס ארט איז ער געוואָרען א סימבאַליסט, א מיסטיקער. דאָס מערקווירדיגסטע איז אָבער ביי איהם געווען וואָס אַלס מיסטיקער האָט ער זיך באַנוצט מיט זיינע נאַטוראַליסטישע געצייג, ער האָט צונויפגעמישט דעם שעטנז פון א שאַרפער, קרעפטיגער, אין איינצעלהייטען רייכער שפּראַך פון זיין נאַטוראַליסטישער צייט מיט די זעהונגען און חלומות און די ניט עקזיסטירענדע גייסטער פון זיינע תשובה־טעג. ער איז דעריבער געוואָרען, ווי סיימאָנס זאָגט: „א ספּיריטואַליסט־נאַטוראַליסט".

הויסמאַנס, אַלס נאַטוראַליסט, איז געווען אונערבאַרמליך. ער האָט אַלץ געמאָהלען, געשילדערט. קיין זאַך איז פאַר איהם ניט געווען צו העסליך, צו ברוטאַל. ער האָט מיט דעמזעלבען פאַרגעניגען געקענט אויסמאָהלען א יאַטקע מיט צוריסענע שטיקער פליישׁ, מיט רינענדען בלוט, ווי א קראַנץ בלומען אָדער א בונט שטראַהלען. ער האָט אַלץ בעשריבען, די קלענסטע קלייניגקייטען, די מינדעסטע איינצעלהייטען פון זאַכען, די מינדעסטע שאַטירונגען. נאָך יאָהרען לאַנגען שרייבען אויף אזא ארט האָט זיך ביי איהם אויסגעאַרבייט א וואונדערבאַרע שפּראַך, א שפּראַך וואָס האָט צו אַלץ געטויגט און קיין זאַך איז פאַר איהר ניט געווען צו שווער. און אָט דיעזען גאַנצען רייכען און קונציגען אַרסענאַל האָט ער עס שפּעטער אָנגעווענדעט אום צו בעשרייבען זאַכען פון גייסט, זאַכען אָהן ממשות, נשמה־זאַכען.

ניט לייכט איז עס איהם אָנגעקומען איבערצובייטען זיין וועלט־אַנשויאונג. אין זיינע ווערק צווישען די צוויי פּעריאָדען זעהט מען ווי ער מאַטערט זיך, אזוי ווי „ער וואָלט זיך געזוכט א שטעג אין דער לופטען". דאַן באַגעגענט מען אין איהם יענע אונצופרידענהייט מיט דער וועלט, מיט דער ציוויליזאַציאָן, וועלכע מיר האָבען שוין

געזעהן ביי באָדלער'ן און אנדערע. עפּעס איז איהם דאָ אין מערב ענג, ניט היימיש, און ער דראַפּעט זיך צוריק צום מזרח. דאַן קומט זיין ראָמאַן „ביים וועג“, וועלכער איז זיין וידוי. און מיט זיין גאַנצער אַלטער קראַפט נעהמט ער זיך דאָ פאַר דאָס מיסטישע, פאַר דאָס געהיימניספאָלע. אמאָל אַלס פּסיכאָלאָג פלעגט ער אַנאַליזירען דעם פערשטאַנד, דעם בעוואוסטזיין; איצט אַנאַליזירט ער שוין דעם „אונטער־וויסען“, יענעם ו ו י ס ע ן אין אונז פון וועלכען מיר ווייסען גאָר ניט, יענעם וויסען וואָס ליגט אין אונז אין אַ מין הינער־פּלעט און כאַפּט זיך נאָר אויף אין חלום, אין אַ היץ־קרענק אָדער עהנליכע צושטענדע.

אַלס פרומער קאַטאָליק ווערט ער אַ מיסטיקער אין אַ עכט קירכליכען זין. עס אינטערעסירט איהם דער סימבאָליזמוס פון מיטעלאַלטער, פון דער קאַטהעדראַלע, פון דעם ספּעציעלען רמז וואָס ליגט אין דער אַרכיטעקטור פון דער געביידע, אין דער פאָרמע פון דעם אַלטאַר א. ז. וו. אַלס עכטער מיסטיקער זעהט ער איצט לעבען, אַ גייסט אין אַלץ: אין חיות, אין פלאַנצונגען, שטיינער. די קאַטהעדראַלע ווערט ביי איהם בפועל ממש אָנגעפּילט מיט גייסט; די קירכע וואָס איז געווידמעט דער מאַדאָננאַ ווערט טאַקע פון איהר באַוואָהנט. און די אַלע טרוימערייען לייענט ער מיט זיינע אַלטע נאַטוראַליס־טישע אויגען און די אַלע בעגריפע מאָהלט ער מיט זיינע אַלטע נאַטוראַליסטישע געצייג, און דער סוף איז אַז געדאַנקען און בעגריפע בעקומען ביי איהם אַ זיכטבאַרע געשטאַלט.

4.

אין פערלויף פון דעם כמעט האַלבען יאָהר־הונדערט, וועהרענד די פראַנצויזען און בעלגיער האָבען אַזוי פלייסיג געבויט דעם לאַבירינט פון דעם סימבאָליזמוס, פון וועל־כען די ענגלענדער האָבען מגלה געוועזן דעם סוד, איז אָבער די איבעריגע וועלט אויך ניט געשלאָפען רוהיג. אויך זי האָט געפיהלט די ענטוישונג מיט'ן אַלטען, אויך זי האָט געפיהלט די קראַמפּפען פון דער נייער געבורט.

אַלץ מעהר און מעהר האָט דער אָריענטאַלישער הימעל זיך אָנגעהויבען אויס־שפּרייטען איבער די אייראָפּעער דורך ענגלאַנד. מאַקס מיללער און אַנדערע האָבען אָהן אויפהער אַלץ נייע אוצרות געשעפּט פון אינדיען און זיי אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט. אייראָפּאַ איז בעקאַנט געוואָרען מיט דעם ריג־וועדאַ, די אַלט־סאַנסקריטישע הימנען מיט זייער גרויסען פּרימיטיווען פּאַנטהעאיזמוס, מיט זייער ווענדען זיך צום הימעל, צו די וואָלקענס, צום פייער און בליץ ווי צו לעבעדיגע, הערענדיגע זאַכען. אַלץ מעהר האָט זיך אייראָפּאַ בעקאַנט מיט די אופּאַנישאַדס, די פילאָזאָפיש־רעליגיעזע שריפטען פון דעם פאַרצייטיגען אינדיען מיט זייער ביטול היש, מיט זייער ניט אַנערקענען די ווירק־ליכקייט; אַלץ מעהר איז אין אייראָפּאַ אַריבערגעקומען דער מיסטיציזמוס פון דעם בודהיזמוס, וועלכער לערנט די מענשען צו טויטען אין זיך דאָס פלייש, דאָס לעבען, דעם בעוואוסטזיין און נאָר פאַרטיפען זיך, פאַר'דבקה'ן זיך אין דער גאָטהייט און צוזאַמענגיסען זיך מיט דעם גרויסען גייסט פון דעם וועלט־אַל און אויפלייזען זיך אין דעם גליקליכען פאַרגעסענהייטס־צושטאַנד, אין דעם נירוואַנאַ. אַלץ מעהר האָבען זיך אין אייראָפּאַ אַראָפּגעלאָזען היינטיגע אינדישע בעלי שמות און האָבען געפּרעדיגט זייערע לעהרען, וועלכע דריקען זיך אויס אין שפּריכע ווי די פאָלגענדע:

„יעדעס וועזען איז נאַראַיאַמאַ; סאַי דער מענש, סאַי די חיה; סאַי דער צדיק סאַי דער לאַידאַק — נאָך מעהר די גאַנצע וועלט איז נאַראַיאַמאַ, דער העכסטער גייסט“.

„אזוי ווי ווען מען וואַרפט אַ שטיקעל בלייַ אַריין אין אַ שיסעל קוועק־זילבער, צוגייט דאָך עס גלייך, אזוי הערט די מענשליכע נשמה אויף צו זיין פאַר זיך, ווען זי פאַלט אַריין אין דעם ים פון בראַהמאַ (די גאָטהייט“. (מאַקס מיללער: „ראַמאַ־קרישנאַ“.)

אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט האָט איבער אייראָפּאַ, אזוי ווי אַ ברייטע כוואַליע זיך אָנגעהויבען פערשפּרייטען דער ספּיריטואַליזמוס, דער גלויבען אין גייסטער און אין דער מעגליכקייט מיט זיי צו האָבען פערבינדונגען נאָכ'ן טויט. און עס איז איצט איבעריג צו זאָגען, אַז די ספּיריטואַליסטישע כוואַליע האָט פאַרכאַפּט פיעלע ערנסטע מוחות.

דאַן ווען מיר קעהרען זיך ווידער אום אין דער וועלט פון ליטעראַטור, זעהען מיר ווי נאָכ'ן אָנפאַנג פון דעם לעצטען יאָהרהונדערט טויכען אויף ווי פון אונטער וואַל־קענס צוויי וועלט־געגענדען, וועלכע וואַרפען אַריין זייערע מעכטיגע, פרישע, כמעט ווי נייע שטימען אין דער ליטעראַטור. די צוויי נייע וועלט־געגענדען פאַר דער ליטעראַטור זיינען רוסלאַנד און פּוילען און סקאַנדינאַוויען.

און אין די נאַטורען פון דיביידע פעלקער־גרופּען, פון די רוסען און פּוילען ווי פון די סקאַנדינאַוויער, ליגט עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט זיי ניט מיטגעהן מיט אייראָפּאַ, מיט'ן ראַציאָנאַליזמוס און קאַלטען פערשטאַנד, און וואָס האָט דעריבער געמוזט בעשאַפען ביי זיי אַנדערע ליטעראַטורען.

די פּוילען, אַ פאָלק פון אַ אומעטיג לאַנד, אַ פאָלק וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין סטעפּעס און לעבען כמורנע וועלדער; די פּוילען אַ סלאַווישע פאָלק, ד. ה. אַ פאָלק וואָס שטעהט געשיכטליך נעהנטער צו אינדיען איידער די וועסט־אייראָפּעאישע פעלקער; די פּוילען אַ פאָלק, וועמעס נאַציאָנאַלער לעבען איז אַזוי גרויזאַם צוטראָטען געוואָרען אין אָנפאַנג פון דעם 19טען יאָהרהונדערט און וועמעס באָדען איז אַזוי גראָב ארויס־געריסען געוואָרען פון אונטער זיינע פיס. אַ פאָלק, וואָס איז אין גלות, שאַפט קיין ליכטיגע קלאָרע זאַכען ניט, עס שאַפט דונקעלע גריבלערייען. און אַזוי זעהען מיר ווי דער פאָטער פון דער פּוילישער ליטעראַטור, מיצקעוויטש, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען שרייבען פערנינפטיג און האָט ביי די ברעגעס פון זיין בעליעבטער ווילאַ געשריבען קלאָרע דורכזיכטיגע געדיכטע, שרייבט שוין אין פּאַריז, וואו ער איז פאַרטריבען גע־וואָרען, דונקעלע נביאות'ן. און ווי מיט מיצקעוויטש'ן, אַזוי איז עס געגאַנגען מיט פיעלע אַנדערע ביז באָלעסלאַוו פּרוס און טעטמייער. און דיעזע ליטעראַטור האָט דאָך בייגעטראָגען דאָס איהריגע צו אייראָפּאַ.

די רוסען האָבען ניט געקענט גיין מיט אייראָפּאַ, אויסער איבער זייער סלאַוויש־קייט, אויך איבער דעם וואָס אין די יאָהרען ווען אייראָפּאַ איז שוין געשטאַנען אזוי הויך קולטורעל, האָט רוסלאַנד זיך ערשט געמאַטערט קוים כאַפּען פון איהר אַ בליק. פּעטערסבורג, די „רוסישע פענסטער קיין אייראָפּאַ“, איז אין גאַנצען וואָסערע 150 יאָהר אַלט. רוסלאַנד איז אַזוי הינטערשטעליג פּאָליטיש, רוסלאַנד איז אַזוי רעליגיעז.

פון די עלטערע רוסישע ראָמאַניסטען האָט זיך נאָר איין טורגעניעוו, אַ דאַנק זיין ברייטער, אייראָפּעאישער בילדונג און זיין לעבען אין אייראָפּאַ, ארויסגעכאַפּט אַ עכטער אייראָפּעער. און דאָך, ניט קוקענדיג אויף זיין „פאָטערס און זיהן“, וועלכער איז דאָך

דירעקט אָנגעהויבט פון דער פּאָזיטיוויסטישער כוואַליע פון אייראָפּעאישען דענקען, ביט קוקענדיג וואָס ער איז געווען איינער פון די פּאַטערס פון רעאַליזמוס, איז ער דאָך אויך געווען איינער פון די וואָס האָבען פאַרבייגעהענדיג צוגעהאָלפען אויסבויען דעם סימבאָליזמוס. איך וועל דאָ דעם לעזער בלויז דערמאָנען אויף זיין „קלאַראַ מיליטש“, וועמעס שלום איז איינפאַך אונערקלערליך, סאַידען מען לאָזט צו דעם מיסטישען עלע־מענט אין דיזער סקיצע, „פּאָטער אַלעקסיי׳ס געשיכטע“. דער העלד פון וועלכער דערמאָנט אָן די וויזיאָנען פון וויליאַם בלייק און זשעראַרד דע נערוואַל, און „אַ חלום“. דאָן דאַרף מען אויך דערמאָנען די „געדיכטע אין פּראָזאַ“, וועלכע זיינען עהנליך צו באָדלער׳ס „קליינע פּאָעמען אין פּראָזאַ“ און זיינען פערפאַסט געוואָרען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, ניט גאָר ווייט אין צייט איינע פון די צווייטע.

נאָך טורגעניעוו׳ן קומט דאָסטאָיעווסקי מיט זיין מיסטיציזמוס, מיט זיין סלאַוויאַנאָ־פילסטווא, מיט זיין אָפּאָזיציאָן צו אייראָפּאַ. און נאָך איהם קומט טאָלסטאָי מיט זיין אייביגען קאַמפּף געגען אייראָפּאַ און דער גאַנצער ציוויליזאַציאָן, די גאַנצע אייראָפּעאישע קונסט און וויסענשאַפט.

נאָך זיי האָבען נאָכגעפאָלגט די מינסקים, די מערעזשקאָווסקים

און די ווירקונג פון דער רוסישער ליטעראַטור אויף דער אייראָפּעאישער איז דאָך געווען אַ אונגעהייערע.

די סקאַנדינאַווער זיינען צוערשט אַ ראַסע, וואָס איז ביז אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט געווען פיעל אָפּגעשטאַנען פון אייראָפּאַ. ווי געאָרג בראַנדעס דריקט זיך אויס: „די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט גאַנץ אייראָפּאַ אָוועקגעשטעלט אויפ׳ן קאָפּ. נור מיר, נאָרוועגען, האָבען ביי זיך געטראַכט: עס איז קיין סטאַטעק ניט אָוועק־שטעלען זיך מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און זיינען געבליבען ביים אַלטען“.

דאָן זיינען די סקאַנדינאַווען נאָך ניט אַזוי דערוווייטערט ווי די אייראָפּעער פון דער עפּאָכע פון מאַכען לעגענדען, מיטהען. זייער מוח איז נאָך ניט אַזוי אָפּגערוקט פון דער צייט ווען די מענשהייט האָט אַרום זיך דורכאויס געזעהן לעבען. און דער גייסטי־גער צושטאַנד פון מיטהען מאַכען גרענעצט זיך מיט׳ן מיסטיציזמוס.

אויסער דעם איז די נאַטור פון סקאַנדינאַוויען — וואָס איז געווען „די וויגעלע פון לעגענדעס“ — אַזוי רייך אין וואונדער, ווי צום ביישפּיעל די מיטער־נאַכט זון, אַזוי צובראָכען און אָפּגעשלאָסען און אַזוי ים־געוואַשען און קאַלט, דאָס זי בעשאַפט אין איהרע איינוואָהנער אַ נייגונג צו טרוימערייען.

און אַזוי זעהען מיר, צום ביישפּיעל, דעם סימבאָליזמוס אין איבסען׳ס „בראַנד“ און „פּעער גינט“, „אַרכיטעקטאָר סאָלנעס“ און „ווען מיר טויטע ערוואַכען“ און דעם מיסטיציזמוס אין „די פרוי פון ים“ און „ראָסמערסהאָלם“.

אַזוי זעהען מיר דעם סימבאָליזמוס אין יאָנאַס לי׳ס מעשה׳לאַך, דעם מיסטיציזם אין ביערנסאָן׳ס „איבער אונזער קראַפט“ און עהנליכעס אין אַ מאַסע אַנדערע סקאַנדי־נאַווישע ווערק.

און וועלכע ליטעראַטור האָט דען זייט מעהרערע יאָהר־צעהנטע אַזוי מעכטיג גע־ווירקט אויף דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור ווי די סקאַנדינאַווישע?

ענדליך דאַרף מען אויך ניט פערגעסען די גרויסע ווירקונג וואָס פריעדריך ניטשע האָט געהאַט און האָט אויף דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. מיט זיין היפּאָטעזע וועגען דער „ווידערקונפט דעם גלייכען“, דערמאָנט ער, אויף אַ ברייטער אַרט, אָן דעם גלויבען

אין גלגולים. און מיט זיין לעהרע וועגען דעם איבערמענשען האָט ער שטאַרק געהאָלפען אונטערגראָבען די ליעבע צו דער דעמאָקראַטיע אין דער קינסטלער־וועלט.

5.

איצט וועלען מיר א קוק טהאָן וועלכע געשטאַלטען דער סימבאָליזמוס נעהמט אָן ביי מאַנכע פון די וויכטיגסטע, כאַראַקטעריסטישסטע דיכטער פון אונזער צייט.

אָסקאַר ווײַלד איז נאָר מיט איניגע זייטען פון זיין קינסטלער־וועזען צוגעשטאַנען צום סימבאָליזמוס. פון איין זייט איז ער געווען צו־פיעל אייראָפּעער, ער האָט זיך צופיעל אָנגעזויגען מיט דעם ליכטיגען גייסט פון דער אַלט־גריכישער ליטעראַטור. פון דער צווייטער זייט איז ער געווען צופיעל געזונט אין גייסט, צו פיעל גליקליך. צו איהם האָבען שטאַרק אַפּעלירט די קינסטלערישע, די ריין עסטהעטישע זייטען פון דעם סימ־באָליזמוס. און דערפאַר וואַרפט זיך קודם כל אין די אויגען די טעכניק פון זיין פּאָעזי. ער איז אַ גרויסער אנהענגער פון דעם אימפּרעסיאָניזמוס, אי אין אַ מאַהלע־רישען, אי אין אַ מוזיקאַלישען זינן. אין פיעלע פון זיינע ליעדער געברויכט ער די מעטהאָדען פון די אימפּרעסיאָניסטישע מאַהלער: ער בענוצט זיך מיט גרויסע, ברייטע גרונט־פאַרבען, מיידעט אויס די שאַטירונגען און מאָהלט וואָס איינפאַכער, קימערענדיג זיך ווייניג אום די איינצעלהייטען, כדי די גרונט־פאַרבען זאָלען אַרויסקומען העלער.

ער איז אויך אימפּרעסיאָניסטיש אין אַ מוזיקאַלישען זינן, דערמיט וואָס פּונקט ווי אין דער מאָדערנער מוזיק, בענוצט ער זיך מיט אָפטע ווידערהאָלונגען, איבער׳חזר׳ענדיג דאָ אַ וואָרט, דאָ אַ שורה און זעהר אָפט אַ גאַנצען רעפרען. דער צוועק דערפון, ווי אין דער מוזיק און אין דער מאָדערנער דראַמאַ, איז די אָנצוויבערונג פון שטימונג. ספּע־ציעל פיהלט זיך דאָס אין דער אונפערגלייכליכער „באַלאַדע פון רעדינג געפענגניס“.

אָסקאַר ווײַלד האָט געהאַלטען פון דעם באַדלערישען פּרינציפּ „קונסט פאַר קונסט“. ער האָט ליעב געהאַט די שיינהייט מיט זיין יעדען נערוו, מיט יעדען פּעדימל פון זיין נשמה. דיעזער טהעמאַ, דער שעהנהייט, איז געווידמעט זיין יוגענד־ווערק „דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי“, אין וועלכער עס קומט אויך אַריין דאָס געהיימניספאָלע און דאָס פּחדים׳דיגע. דיעזער ראָמאַן האָט צום טהייל געמוזט ענטשטעהן אונטער דעם איינ־פלוס פון פּאָ. אויך ביי פּאָ בעגעגענען מיר די פאַנטאַזיע אַז אַ בילד קען לעבען. דאָס בילד, וואָס פּאָ׳ס מאַהלער מאָהלט פון זיין פרוי, זויגט אויס איהר נשמה.

אָבער שוין אין דיעזען יוגענד־ווערק קומט אַריין דער סימבאָליש־מיסטישער עלע־מענט אין דעם מאָדערנעם זינן, נעמליך די אידעע אַז שעהן קען זיין נאָר דאָס וואָס איז פריי פון זינד.

צוזאַמען מיט שעהנהייט געהט ליעבע צו פאַרבען און גלאַנץ, און ניט פיעלע ווערק קענען זיך פערגלייכען אין פאַרבען־פּראַכט צו ווײַלד׳ס שפּעטערן ווערק „סאַלאָמע“. דיעזער אונאויפהערענדער פאַרבען־שימער שטעלט ווײַלד׳ן אוועק אין איין רייהע מיט ד׳אַנונציאָ.

דער מאָדערנער מיסטיציזמוס ליגט אין דעם לייט־מאָטיוו פון דעם זיך אימער ווידערהאָלענדען רעפרען פון דער בעריהמטער באַלאַדע:

“Yet each man kills the thing he loves
By each let this be heard,

Some do it with a bitter look
Some with a flattering word,
The coward does it with a kiss
The brave man with a sword!

דאָס איז דער הואיסמאַניסטישער מיסטיציזמוס, וואָס גריבעלט זיך אין דעם „אונטער־ווייסען" פון דער מענשליכער נאַטור, אין איהר טיעפסטער געהיימניס.

הואיסמאַניש און נאָך פיעל טיעפער מיסטיש איז די גאַנצע טהעמאַ פון „סאַלאָמע". אָסקאַר ווײלד גראָבט זיך דאָ אין דער סאַמע טיעפענעס פון דער פרויען־נאַטור, פון איהר אור־נאַטור, פון איהר „אונטער־ווייסען", פון דעם ערוואַכען פון ליעבע; ער גריבעלט זיך אויך אין דעם טויט, ווייל ליעבע און טויט קרייצען זיך דאָ איבער די וועגען. „די געהיימניס פון ליעבע, זאָגט „סאַלאָמע", איז טיעפער פון דער געהיימניס פון טויט".

ווײלד'ס מסטישען פאַרטיעפען זיך אין דער פרויען־נאַטור איז ניט קיין צופאַל. אייגענטליך איז דיעזער ספּעציעלער פרויען־מיסטיציזמוס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער מאָדערנסטער ליטעראַטור, און געקומען איז ער צוזאַמען מיט דער וואַקסענדער וויכטיגקייט פון דער פרוי'ס ראָליע אין אונזער ליטעראַטור איבערהויפּט. די וויכטיגקייט וועלכע איבסען און זודערמאַן האָבען צוגעשריבען דער פרוי אויף אַ קלאָרער, לאָגישער אַרט, האָבען איבערגענומען זייערע יורשים די מעטערלינק'ס און די פשיבישעווסקי'ס און פאָרטגעזעצט איהר אויף זייער מיסטישען אופן.

אַ סימבאָליסט־מיסטיקער איז קנוט האַמסען. געהיימניספאָל זיינען זיינע פרויען, געהיימניספאָל אין זייער ליעבע; ביי זיי אָבער איז דאָס די געהיימניס פון טרוים, אַ געהיימניס וואָס דערמאָנט עפּעס אויף „שלאָפענדע מיט וואַכע הערצער", ווי שולמית פון שיר השירים זאָגט אויף זיך, אויף עפּעס אַ ווייך־מאַרכיגקייט, וועהרענד סאַלאָמע'ס געהיימניס דערמאָנט מעהר אויף דער געהיימניס פון בלוט.

וואונדערבאַר איז יענע קעלנערין אין האַמסון'ס „ליעבעס שקלאַפין". אַזוי ווי די וועסטאַלינס, וואָס זיינען אין פאַרצייטיגען רוים געבראַכט געוואָרען אַלס קרבנות צו די פייערען פון די געטטינס און זיינען דערביי געווען גליקליך, אַזוי וואָרט זי געבראַכט אַלס קרבן צו איהר זיס־פאַר'חלום'טער, פיבער־קראַנקער ליעבע, וועלכע רואינירט זי און פון וועלכער זי איז דאָך אָנגע'שיכורט פון גליק. זי קען איהר אָפּגאָט ניט, ער איז פון איהר פערשוואונדען און זי ווייס אַז דאָס איז אויף אייביג; זי האָט בלויז פּאַספּעיעט, וועהרענד ער האָט זיך לעבען איהר פאַרבייגעטראָגען אין דעם וויכער פון לעבען, צו דערכאַפּען דעם האַלבען קלאַנג פון זיין נאָמען. אָבער פאַר איהר איז דאָס גענוג. זי איז זיין שקלאַפין געווען און האָט געוואוסט, אַז ער בעטראַכט זי בלויז אַלס זיין שקלאַפין: זי האָט איהם געהאָלפען גוטפריינד ווערן מיט דער פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט און זי האָט דערביי קיין ברעקעל אייפערזוכט ניט געפיהלט, און פאַרלירענדיג איהם, איהר געלט און איהר שטעלע, וואַנדערט זי אַרום איבער די גאַסען, אַ ליעבעס־פאַרטשאַדעטע, אַ חלום'ענדע, אָבער אַ גליקליכע, אַ גליקליכע מיט דעם בעזונדערען געפיהל וועלכען מען קען נאָר באַצייכענען מיט דעם וואָרט הפקר.

וואָס טויג דאָ די לאָגיק, דער געזונטער מענשען־פערשטאַנד, די אַלע שאַבלאָנען טעאָריען וועגען ליעבע? זיי אַלע ריהרען דיעזען עלעמענטאַרען, זיסען סוד אפילו ניט אָן.

אַ געהיימניס איז אויך דאָס מיידעל וואָס פאַרפיהרט אַ ראָמאַן מיט דעם משוגענעם, הונגעריגען העלד פון „הונגער" און געהיימניספאָל איז איהר ליעבע. מיסטיש, שאַטענהאַפט איז איהר קומען, גלייך ווי די ווילדע סיבות וועגען וועלכע גאָר יונגינקע

קינדער חלום'ען, וואלטען דאך געקענט מקוים ווערען, מיסטיש איז איהר גאנצער וועזען, אונערקלערליך איז איהר גאנצע בעציהונג צום פערווירטען געליעבטען.

און די פראגען פון מעגליך און אונמעגליך און לאגיק זיינען אזוי אפגערוקט, אזוי ווייט פון דיעזע געהיימניספאלע זאכען. עס איז גאר לעכערליך זיי אויפצושטעלען אין א ארט וואו מען אנערקענט זיי גאר לכתחילה ניט און מען האט מיט זיי גאר קיין גע־מיינשאפטליכע שפראך ניט.

נאך א טיעפערע געהיימניס איז די ליעבע, ד. ה. די גאנצע נאטור פון וויקטאריא, די העלדין פון דעם ראמאן מיט דיעזען נאמען. נאך אלס קינד ערוואכט אין איהר דער ליעבעס־געפיהל, נאך אלס קינד איז זי א רעטעניס. דעם לעצטען מאל לאזען מיר זי איבער א בלוט־שטורץ, אבער איהר גאנצער לעבען רינט פארביי ווי א דין שטרעמעל, בלייך דורכזיכטיג בלוט. איהר גאנץ לעבען ווארפט זי זיך צווישען איהר רייכען שוועס־טער־קינד און דעם ארעמען מילנער'ס זוהן, אבער זי טהוט דאס אהן דער געוועהנליכער פרויען־ביטראסט. זי קאקעטירט אונשולדיגערהייד. זי ליעבט ווי א פרוי, און בריינגט זיך פאר א קרבן צו דער ליעבע פון א טאכטער. זי פארבארגט איהר ליעבע אין איהר הארצען, אבער עס קומט דאך ארויס געגען איהר וויללען. אדער פארקעהרט, איהר ליעבע טרייבט איהר, זי זאל וועגען איהר לאזען וויסען, און דאך בלייבט זי א ספק.

אויך זי איז געהיימניספאל מיט איהר פלוצלונגען אפטען ערשיינען, אזוי ווי פון דער וועלט פון סיבות ארויסגעצויגען, אזוי ווי א ערגענצונג צום העלד יאהאן'ס חלומות. אפט איז איהר ערשיינען עפעס ווי גייסטערהאפט. עפעס בלאנדזשעט זי ארום ארום יאהאן'ס טרוימען, אזוי ווי א גייסט ארום א אוצר, וואס ער האט ביים לעבען פארגראבען, אדער ארום דעם ארט, וואו מען האט איהם ביים לעבען ערמארדעט.

און דאך זיינען האמסון'ס פרויען און זייער ליעבע בלויז קינדער פון זיין גאנצער וועלט־אנשויאונג, וועלכע איז א בינשטאק פון חלומות, פון זיין מארך וואס איז אויך מיסטיש געפארבט. די נשמה פון דעם סימבאליזמוס, ווי מיר האבען געזעהן, איז דער ביטול היש פון דער ווירקליכקייט, דער ניט פיהלען איהר, ניט פארשטעהן איהר, ניט וועלען און ניט קענען זי אנערקענען. אין דעם סימבאליזמוס, ווי מיר האבען געזעהן, ווערט די ווירקליכקייט אויסגעמישט מיט'ן טרוים און דער טרוים מיט דער ווירקליכקייט, און מען ווייס ניט וואו איינס ענדיגט זיך און דאס צווייטע פאנגט זיך אן. און אין דיעזען הינזיכט, שיינט מיר, איז קנוט האמסון דער העכסטער אידעאל פון דעם סימבאליזמוס.

פאנטאסטיש און געהיימניספאל זיינען זיינע מענשען. עפעס פאלען זיי אויף א רגע אריין אין דער קאמערא אבסקורא פון לעבען, לאזען אין איהר איבער זייער אונ־בעשטימטען פאנטאסטישען אפדרוק און באלד פארשווינדען זיי צוריק. זיי זיינען פון איין שטיק מיט יענער סקאנדינאווישער לעגענדע, וואס טורגעניעוו דערציילט אין „רודין": אמאל איז א קעניג מיט זיינע מיניסטארען געזעסען אין א שטאל. פלוצלונג איז דורך א שפעלטעלע אין וואנט אריינגעפליגען א פויגעלע. זי האט זיך דורכגעטראגען איבער'ן שטאהל און איז ארויסגעפליגען דורך א שפעלטעל אין דער אנטקעגענדיגער וואנט. אזוי איז דעם מענשען'ס לעבען, האט דער קעניג געזאגט, פון דער פינסטערניס צוריק אין דער פינסטערניס.

פאנטאסטיש און געהיימניספאל זיינען די מענשען פון האמסון'ס קליינע ער־צעהלונגען: יענע פיש־פאנגער וואס וואהנען אפ מאנאטען לאנג אויפ'ן וואסער, זיינען

הואיסמאַניש־מיסטיש מיט זייערע טהירישע בענקשאַפטען און ביינאַכטיגע חלומות; א דונקעלע רעטענים בלייבט יענער זשוליק פון בית־הקברות; א קינד פון צויבער און אליין א צויבערער איז יענער מאהלער „דער זוהן פון דער זונן", וועלכער ווערט דער־שראָקען אויף טויט ווען דער ערשטער שניי פאַלט אַרויס, ווערט אויפגעציטערט, ווען ער זעהט ווי מען ווארפט זיך אין גאַס מיט קאָנפעטי־פּאַפּירלאַך, ווייל זיי דערמאָנען איהם אויף שנייעלאך, און כישופ׳ט פאר זיך אויף א גרויסע, גראַנדיעזע וועלט פון טראָפּישע העלקייט און פרוכטבאַרקייט באַלד נאָכ׳ן ערשטען פריהלינגס־רעגען.

דער העלד פון „הונגער" געהט אַרום איבער די גאַסען פון כריסטיאַניא מיט א פּאַרטשאַדעטען, הייץ־קראַנקען מאַרך, אַזוי ווי די נאַרוועגישע מיטער־נאַכט זונן וואַלט זיך מיט איהם אויסגעמישט. ער געהט אַרום און זיין מוח מאַהלט און כישופט וועלטען און ער דערצעהלט משוגענע ליגענס, וועלכע זיינען אַן אמת, ווייל ער גלויבט אין זיי. ער זעהט חלומות אויפ׳ן וואַהר און מערקווירדיגערווייזע ווערן טאַקע פיעלע פון זיי מקויים. און אין גאַנצען איז ער איין גרויסע סיבה, א מענשליכער ווינט, וואָס טראָגט זיך אַרום אין א וויכער פון סיבות.

און יאָהאַן, פון „וויקטאָריא", דעם אָרימען מילנער׳ס זוהן וואָס ווערט א באַריהמטער דיכטער, אויף איהם איז וועניג צו זאָגען אַז ער איז א וויזיאָנער. ריכטיגער וועט זיין צו־זאָגען, אַז ער איז א זעהונג, אויף וועלכער עס פאַלט אַמאָל אַרויף א שאָטען פון ווירק־ליכקייט. אלס קינד נאָך, שפּיעלענדיג זיך אין זיין הייהל, האָט ער אויפ׳ן וואָהר גע־זעהען פאַנטאַסטישע רויבער־באַנדעס, און אלס ערוואַקסענער מענש מישען זיך ביי איהם אויס די טעג מיט די נעכט און אין איין כהרף־עין ווערט ער פון זיין אָרימען צימער׳ל, וואו ער לאָזשירט, אַריבערגעטראָגען אין ווייטע צויבער־וועלטען און ער ווייס ניט און דער לעזער ווייס ניט ווען די ווירקליכקייט איז אָוועק און דער צויבער איז געקומען, וואו דער אָרימער וואָכעדיגער צימעריל ענדיגט זיך און די געהיימניספאָלע ווייטע וועלט הייבט זיך אָן. און אַזוי טאַסט זיך ביי איהם כסדר אויס דער פאַקט מיט דער פאַנ־טאַזיע און די צווייגען פון בוים, וואָס שאַרכען איבער׳ן וואַנט פון זיין הויז, מישען זיך מיט די פּויטינע־פעדים פון פאַנטאַזיע וואָס שפּינען זיך דורך זיין מאַרך, און דער לעזער צוזאַמען מיט׳ן העלד געפינען זיך אין דעם צושטאַנד פון א מענשען וואָס רייט דרעמלענ־דיג דורך א געדיכטען שומנעם וואַלד, רייט און טרוימט און ציטערט אויף פון עפּעס א טרייסעל, עפענט די אויגען, נעהמט אריין דעם פאר׳חלום׳טען וואַלד אין מוח און פאַלט צוריק אַריין אין דער וועלט פון טרוימעריי.

א מיסטיקער־סימבאָליסט איז אויך דער פּויליש־דייטשער פּשיבישעווסקי, אין וועמען מען מערקט אַזוי פיעל דעם איינפלוס פון ניטשען. זיין מיסטיציזמוס איז אָבער א ברייטערער, א פיעל פערצווייגטער. וואָרים, א חוץ דיכטער איז ער אויך א שוואָר־טראַכטער, א גריבלער, און א חוץ מענשען אינטערעסירען איהם אויך די גרונט־פּראָבלעמען פון מאָראַל און פראַגען פון שיקזאַל און פרייען ווילען.

אַנדערש פון קנוט האַמסון׳ס איז פּשיבישעווסקי׳ס מיסטישער בליק אויף דער פרוי. ניט קיין קוואַל פון קוועלענדען גליק איז זי ביי איהם, נאָר א מין פּאַנדאָראַ׳ס קעסטעל פון דער פאַרצייטיגער מיטהאָלאָגי, וואָס ווי מען גיט נאָר אָן עפען די דעקעל, אַזוי פליהען אויף דער וועלט אַרויס אַלע שלעק און אונגליקען. דאָס גליק פון דער פרוי, דאָס געניסען זי ברייגגט אונגליק, סטיכיש, פון זיך אַליין, סאַי מען איז א רשע

און סאַי מען איז אַ צדיק. די יאַגד נאָך'ן גליק אַליין, דער געַנוס פון גליק אַליין ברייננט דעם אונגליק — און וועלכער גליק קען דען געמאָהלט זיין אָהן דער פרוי?

און נאָך דער פרוי נאָכיאַגען זיך מוז מען, זי ציהט נאָך זיך מיט אַ געוואַלטיגער אור־קראַפט, מיט דער גאַנצער טיעפער געהיימניספאָלער קראַפט פון איהר וועזען, וועלכע דער מאַנספערזאָן קען ניט ביישטיין. מאָראַליש שיין אָדער העסליך, קריסטליך־פאַרגעבענד אָדער גאוה'דיג עגאָאיסטיש — אַלץ איינס, די פרוי שלעפט אַזוי ווי די ערד דעם „מענשען" אין יאַנאַס לי'ס מעשה'לע. וואָס העלפט דען מליצקין פון „צוליעב גליק", אַז ער ווייס אָלגאַ'ס פערגאַנגענהייט? ער קען איהר קראַפט ניט ווידערשטיין. און די פאַרבינדונג פון אדאַם מיט בעללאַ'ן פון די „געסט" האָט זיך געקענט זיין אַ שולדיגע אָדער אַ אונשולדיגע, אָבער אונגליק האָט זי געבראַכט.

אַזוי ווי איבער די אַלטע האַלב־אַזיאַטישע טראַגעדיען פון דעם אור־אַלטען גריבענלאַנד, אַזוי שוועבט אויך איבער מאַנכע פון פשיבישעווסקי'ס ווערק אַ שווערער, מיסטישער פאַטאַליזמוס. אמאָל, אמאָל איז עפּעס אַ פערברעכען בעגאַנגען געוואָרען, אָן אַלטער, אַ פאַרשימעלטער, אָבער ער לעבט, ער בעשטימט פאַראויס דעם שיקזאַל פון די מענשען פון דעם נייעסטען היינט און איז זיך אָן זיי נוקם. און אַזוי פאַלט דער העלד פון „זלאַטא רונא". ער פערלירט דעם גליק, די פרוי, און פערלירט דעם לעבען.

און ווער קען עס דעם מיסטעריום פון פאַרברעכען בעשטימען? ווער ווייס וואָס ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט? די מענשען באַגעהען איהם גאַר ניט ווינסענדיג, זיי באַגעהען איהם אפשר גאַר דאַן ווען זיי מיינען, אַז זיי פעררייכטען אָן אונרעכט. און דאָך איז די גערעכטיגקייט סאָליד און פעסט אַזוי, ווי איינער פון די זיילען, אויף וועלכע די וועלט האַלט זיך, זי איז אַבסטראַקט, העננט, ווי דער שיקזאַל אין דער פאַרצייטיגער טראַגעדיע, איבער מענשליכע און איבער געטליכע בעגריפע, זי איז אונטער־אירדיש. („געסט".)

און וואָס פאַר אַ מיסטיש ווילדע שפּראַך און סטיל פשיבישעווסקי בעשאַפט עס, אום צו סוגגעסטירען דעם מיסטעריום פון די געשלעכטער. ווען מען האָט דער העלד פון „אַנדראַבינע„ געזוכט אין חלום און אויפ'ן וואָהר, אויפ'ן ישוב און אין דער איינזאַמקייט, אין דער געגענוואַרט און אין דער פערגאַנגענהייט? איז דאָס געוועזען אַ פרוי? איז דאָס געוועזען אַ טרוים־געשטאַלט אַזוי ווי ווערלען'ס, נור אָהן אַ שיעור קאָמפּליצירטער? אָדער האָט ער גאָר געגאַרט נאָך זיך אַליין?

און ווי אונקלאָר און ווילד צוואוואַקסען איז דער געדאַנק, אַזוי פאַרפּלאָנטערט רייך איז דער סטיל. ווי גערדיכטע, צונויפגעוואַקסענע וועלדער, ווי די פאַנטאַסטישע פלאַנצען פון אונטער די כוואַליעס, ווי די פאַבעלהאַפטע זייט הונדערטער יאָהרען אויפ'ן דעק ים הויערנדע גראַנדיעזע שפּאַנישע קריעגס־שיפען.

די מיסטיקער „פאַר עקסעלאַנס" פון אונזער צייט, אַזוי ווי מאַלאַרמע פון פריהערדיגען דור, זיינען מאָרים מעטערלינק און זיין נאָהענטער נאָכפאָלגער אַנדרעיעוו.

וואָס איז מיסטיציזמוס?

צוערשט איז עס דער פרומער געדאַנק, גיכער דאָס געפיהל פון דעם בודהיסטישען נביא, דעם אידישען מקובל, דעם קריסטליכען הייליגען פון מיטעלאַלטער צו באַהעפטען זיך, צוזאַמענצוגיסען זיך מיט'ן העכסטען גייסט, מיט דער גאָטהייט. דאָס איז מעגליך, וואַרים די גאָטהייט דרינגט דורך אַלע זאַכען, די גאַנצע וועלט און די גאַנצע וועלט איז איינס מיט גאָט. איבעראַל איז דאָ אַלזאָ לעבען, איבעראַל איז דאָ גייסט. אויף אַזאַ

ארט איז דער מיסטיציזמוס א ברודער־בעגריף פון שפינאָזאָ׳ס פאַנטהעאיזמוס, לויט וועלכען די וועלט איז בלויז א מאַניפעסטאַציאָן פון גאָט, זיין זיכטבארע פאָרמע; אזוי איז דער מיסטיקער אויך א נאָהענטער קרוב פון דעם מיטהען־מאַכער, וועלכער האָט געזעהן לעבען און גייסט אין בוים און פעלד, באַרג און כוואַליע, זונן און קוואַל, ווינט און עכאָ און פון דעם גאָר ווילדען אַנימאַליזמוס אָדער אַנטראָפּאָמאָרפיזמוס וואָס האָט צוגעשריבען לעבען און מענשליכקייט צו אַלץ, אפילו צו די טויטסטע געגענשטענדע.

לעבט זיך א מענש איין מיט אזא מין אנזיכט, אזוי ווערט פאר איהם צושטערט די גאַנצע שייכות פון זאַכען איינע צו דער צווייטער, דער גאַנצער סדר העולם, און ער בעשאַפט זיך א נייע וועלט־האַרמאָניע. דאַן ווערט גאָט א מענש און דער מענש א גאָט, דאַן ווערט דער בלינדער זעהענדיג און דאָס קינד און די חיה ווערן די נביאים; דאַן בעקומט דאָס שווייגען א שטימע און די בלינדע נאַכט אויגען וואָס ריידען, און טראַגיש ווערט די שטילסטע אידיליע און דער טויט מישט זיך אוים מיט׳ן לעבען און די איינ־פאַכסטע, אַלטעגליכע זאַכען ווערן פול מיט וואונדער, און דער לייכטסטער צופאַל, ווי דאָס שטעלען זיך לעבען א פענסטער אָדער דאָס אַנטהאָן פון א שפּיטאַל־כאַלאַט, קען עפענען פאר׳ן מענשען א פענסטער אין דער אונזיכטבארער וועלט.

אזא איז די אַנזיכט פון מעטערלינק און אַנדרעיעוו און אזוי ווערן פאר זיי איבער־געטאַסט אַלע זאַכען פון לעבען און טויט.

וואָס איז די פרוי, נאָך מעטערלינק? א לעבעדיגער, שיינער וואונדער, וואָס קומט אויף דער וועלט, מען ווייס ניט פון וואַנען און גייט אַוועק מען ווייס ניט וואוהין, אזוי ווי מעליסאַנדע ווייס ניט, ווי אזוי זי קומט אין וואַלד, אין וועלכען גאָלאָד געפינט איהר. זי איז א שיינער וואונדער, בעשאַפען געוואָרען אום צו פערשאַפען מענשען זיסע, צווי־בערליכע, טרוימערישע פרייד און אויך אונגליק. איז זי שולדיג? קען מען צו איהר צושטעהן מיט מאָראַלע פאָדערונגען? זי ווייס ניט וואָס זי טהוט, זי איז ווי א שיינער גאָלדענער בלאַט, וואָס ווערט געטראָגען פון ווינט.

וואונדערבאר זיינען אויך אַלע מענשען. אין וואַכעדיגע צייטען באַמערקען מיר דאָס מיסטישע אין זיי ניט, אָבער מיר זעהען דעם מיסטעריום ווען זיי שלאָפען, מיר זעהען איהם ווען מיר קוקען אויף זיי דורך א פענסטער, בשעת זיי בעמערקען אונז ניט. בלויז אַוועקגעשטעלט זיך אין דיעזער עטוואָס אונגעוויינליכער פּאָזיציאָן און מיר זעהען שוין א וואונדער.

דער שכל איז נוצלאָז, ער איז א טעמפּע געצייג. וואָס וויינינער שכל אַלץ שאַר־פער דער געהער פאר דאָס געהיימניספאַלע. נאַכטיגאַלען און שאָף און זאָגאַר פאַנטאַנען און ציפּערסען בוימער פיהלען אז עפּעס קומט אָן, ווערהענד מענשען פיהלען עס ניט. אָבער ניט אַלע מענשען; בלינדע און זויג־קינדער („דער אונגעבעטענער גאַסט") דער־פיהלען דעם טויט׳ס אָנקומען בעת די זעהענדיגע און דערוואַקסענע פערדעכטיגען איהם גאָר ניט.

און דאָך איז דעם טויט ניט אזוי שווער צו באַמערקען, וואָרים ער לעבט, ער האָט א זיכטבארע ווייסענדע קראַפט מיט וועלכער דער מענש דאַרף קעמפּפען, און מעגליך אז ער וועט זי נאָך אַמאָל בעזיעגען אויך. („טיטאַנזשיל׳ס טויט").

דערווייל שוועבט דער טויט אומעטום, דער טויט מיט׳ן שיקזאַל, זאָגאַר דאָרט וואו מיר פערדעכטיגען זיי ניט. און דאָס מאַכט דאָס לעבען פול מיט שרעקען און טראַגיזמוס, וועלכע פערנינפטיגע מענשען פיהלען טאַקע ניט, אָבער אַן אַלטינקער מאַן

זיצענדיג אין אבענד אונטער'ן אבאזשור פון זיין לאמפ, קען זיי יא פיהלען. דעריבער איז עס נאריש צו זוכען דעם טראגיזמוס דוקא אין גרויסע, שווידערליכע קאטאסטראפען, ווי שעקספיר האט דאס געטהאן; די רוהיגסטע שפעלטעלאך פון לעבען זיינען אנגעבילט מיט טראגיזמוס.

דיזען טראגיזמוס דארף די דראמא ארויסגעבען. אמת, זי האט פאר איהם קיין ווערטער ניט, אבער זי קען איהם אנדייטען דורך אימפרעסיאניסטיש־מוזיקאלישע מיטלען, זי קען אנכישופ'ען די געזוכטע שטימונג.

און אזוי זעהען מיר ביי מעטערלינק'ן פון איין זייט, ווי למשל, אין „פרינצעסין מאליין", אזעלכע פאנטאסטישע שילדערונגען ווי אין שעקספיר'ס „שטורעם" אדער קאלדעראן'ס „וואונדערבארער מכשף" (ביידע אור־קוועללען פון בעגייסטערונג פאר ראמאנטיקער), פון דער צווייטער זייט, די שפראך פון קינדער־שטוב. דאס גרויסארטיגע קומט פון דעם איבערגעקעהרטען סדר־עולם, דאס קינדיש־איינפאכע פון דעם טראגיזמוס וואס שלומערט איבער דאס נאיווסטע און אלטעגליכסטע. און ערשט די פיעלע און אפטע ווידערהאלונגען, דאס קינדערשע פרעגען און איבערפרעגען פון מעטערלינק'ס געשפרעכען העלפען אנכישופ'ען די שטימונג.

ביי אנדעיעוו'ן האט דאס שווייגען א שטימע („דאס שווייגען") די נאכט רעדט א פארשיידען־צונגיגע שפראך, לעבעדיגע מענשען דערפיהלען אין זיך דעם טויט ווען זיי לעבען נאך. („זשילי בילי" און „גובערנאטאר"). דער טויט איז אבער ניט שרעקליך. מען קען דיזען מיסטעריום באזיעגען דורך ליעבע („די געשיכטע וועגען זיעבען געהאנגענע"). אלץ לעבט, האט א גייסט, זאגאר די ערוואַרטונג, זאגאר די ווענט („ערב א גנבה"), זאגאר די רעדער פון אייזענבאהן („דער גנב") און זאגאר קארטען („באלשאי שליאם"). דער מענש איז א נעהיימנים און א שיקזאל היינגט איבער איהם, א שיקזאל וואס לאכט איראניש פון זיין יאגד נאך גליק („באלשאי שליאם") און פארשפרייט ארום איהם א שרעק („וואסילי פיוועיסקי"). און מעכטיגער פון אלץ איז דער גייסט. ווער האט נקמה גענומען פון דעם גובערנאטאר, ווען ניט דער גייסט?

און אנדרעיעוו'ס גרויסע געדאנקען וועגען וועלט און לייט מוזען האבען גרויסע, וואגיגע ווערטער, לאנגע, זיך אומהוידענדע ווערטער־קייטען זיי אויסצודריקען.

ד'אנונציא'ס מיסטיציזמוס שטעהט נעהענטער פון אלץ צום מיסטיציזמוס פון „סאלאמע". ד'אנונציא'ס הויפט־כאראקטעריסטיק איז די בונטקייט און רייכקייט פון זיינע פארבען. ער זעהט די ערד און די ערדישע זאכען צו העל, צו שארף, ער זעהט זייער סאמע גרונט און ער שיכורט זיך מיט זיי אזש אן. די ערדישע זאכען ווערן ביי ד'אנונציא'ן א וואונדער פון ערדישקייט, א צו ריזיגע עלעמענטארע קראפט, א אור־קראפט, געהיימניספאל, שרעקליך און אלץ איבערוועלטיגענד, ווי האמער'ס אונטער־ערדישע ציקלאפען. די ערדישקייט, וואס ד'אנונציא זעהט, איז א בלינדער כח און דעריבער איז זי אזוי שרעקליך, אזוי מיסטיש. ד'אנונציא'ס פרויען טריפען מיט בלוט, ווארפען פון זיך וואונדער־שטראהלען, שיסען מיט רעגענבויגען־פארבען און זיי פאנגען און ציהען ווי א אור־קראפט, ווי די געהיימניספאלע וואסער־פרויען פון אמאל. און מיט אזא בלוט־רייכער און דעריבער איבערוועלטיגענדער קראפט רעדט די גאנצע ערד.

ד'אנונציא איז דער מיסטיקער פון פלייש.

נאך אין זיינע יוגענדליכע פעסקארישע ערצעהלונגען האט ד'אנונציא דיזען בעזונדערן חוש זיינעם ארויסגעצייגט. די יונגע פרוי אין „וואלעריא'ס אבוועזענהייט" האט

איהר שוואָגער געמוזט פאַנגען, אַזוי רייך אין פאַרבען, אַזוי ווייבליך איז זי געוועזן. און אַז זי פלעגט שמייכלען און פון איהר מויל פלעגט אַרויסשיינען אַ שטיקעל רויט פלייש פון איהר אַסליע, — ווער האָט דיעזע קראַפט פון בלוט געקענט ווידערשטיין?

אַזעלכע אור־כחות ווירקען אין זיינע דראַמען. ער איז באַרבאַריש און שרעקליך ווי שעקספיר, ער ווייזט די סאַמע דעק, דאָס רויהסטע, דאָס פּרימיטיווסטע פון דעם מענשען'ס נאַטור, דאָס וואָס איז אַם מייסטען פערוואַנדעט מיט משוגעת און בעסטיע.

איזאַבעלאַ'ס געליעבטער פון „דער טרוים פון אַ פריהלינגס פריהמאָרגען" איז דער־שטאָכען געוואָרען פון איהר מאַן. עס טריפט זיין בלוט און ער בלייבט שוין אימער בלוט־טריפענד אין איזאַבעללאַ'ס געדעכנים און אין געדעכנים פון לעזער. זי האַלט איהם אָפּ אַ טויטען אין אַ לוזשע בלוט אַ גאַנצע נאַכט אויף איהר ברוסט. אין דער פריה געפינט מען זי משוגע. האַלב־פערריקט שפּיעלט זי זיך שפּעטער אין גאָרטען און פלעכט זיך איין אין אַ בוים. זי ווערט דאַן גרין, אַ גרינע זאַך. אַזוי רעדט זי זיך איין און אַזאַ איינדרוק מאַכט זי.

משוגעת, ווילדע מהומות, שרפות, בלוט, ליעבע פון ברודער צו שוועסטער, דיעזע זיינען צווישען זיינע מאָטיווען. דאָס איז אַלץ דער מיסטעריום פון פלייש, פון דער געהיימניספאָלער אור־נאַטור.

ד'אַנונציאָ האָט אָבער אויך אַנאַנדער מיסטיציזמוס, אַנגעהויכט פון מעטערלינק'ן און אַנדערע. מאַנכע פון זיינע באַשעפּעניסען זיינען ריין פאַנטאַסטישע. מאַנכע פון זיינע פרויען זיינען אַזוי הייליג מאַכטלאָז ווי מעטערלינק'ס מעליסאַנדע. אויך ביי איהם פיהלט זיך דער שיקזאַל („די טויטע שטאָט") און אין זיין טעכניק איז ער אויך אַזוי אימפּרעסיאָניסטיש ווי מעטערלינק, אַנשטימענדיג די אָווערטיורע דורך ווידערהאָלונגען, דאַן כישוף'ענדיג די שטימונג ווייטער.

6.

איך וועל איצט פּראָווען צוזאַמענגעהמען די צוואָרפענע פעדים אין אַ ברייטערע, מעהר אַלגעמיינער דעפיניציאָן.

דער סימבאָליזמוס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַנצע לעבענס־פילאָזאָפיע. ער איז ענט־שטאַנען אַלס זייטיגער שטראָם פון דעם ראָמאַנטיזמוס, זייענדיג צוערשט שמאָל אָבער ווערענדיג וואָס ווייטער אַלץ ברייטער און זעלבסטשטענדיגער. ווען דער רעאַליזמוס האָט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע פון וועלכער ער האָט שוין העכער ניט געקענט געהן, האָט זיך געגען איהם אויפגעהויבען אַ שטאַרקע רעאַקציאָן, וועלכע האָט דעם סימבאָליזמוס געגעבען זיין הויפּט־קראַפט. צוערשט האָט זיך דער סימבאָליזמוס אויס־געגאָסען אין דער ליטעראַטור, אָבער ער האָט געקראָגען צופּליסע אויך פון אַלגעמיינעם דענקען און פון דער פּאָליטיק.

דער סימבאָליזמוס איז אַ צוג אין דער ציוויליזירטער מענשהייט'ס ריטמישע אומוואַקלונגען צווישען מזרח און מערב. זיין קאָמפּאַס ווייזט צוריק צום מזרח.

פון דעם דעמאָקראַטישען שטאַנדפּונקט שטעלט מיט זיך דער סימבאָליזמוס דער עיקר פאָר אַ רעאַקציאָן. ער איז ביז צו אַ הויכען גראַד אינדיווידואַליסטיש, ער איז אַריסטאָקראַטיש. יעדענפאַלס שטעהט ער פאַר דער „אַריסטאָקראַטיע דעם גייסטעס".

פילאָזאָפיש איז ער געגען דער מאַטעריע און פאַר דעם גייסט, דער אידעע, געגען

די ווירליכקייט און פאר דעם טרוים, דער וויזיאָן. ער איז אַ נאָהענטער מחותן מיט'ן מיסטיציזמוס און פאנטהעאיזמוס און איז צום טהייל פאטאליסטיש.

ער האלט ניט פיעל פון פערנונפט, בעאָבאַכטונג און געזונטען מענשען-פערשטאַנד. ער איז אַפּיקורסיש געגייגט בנוגע דער וויסענשאַפט.

ער האט „אומגעווערטעט" פיעלע אַלטע „ווערטונגען". ער האלט ניט פון דער שאַרפער צוטהיילונג צווישען משוגעת און קלאָרקייט, דער נאָרמע און דאָס אבנאָרמאַלע. ער שרעקט זיך ניט פאר דער משוגעת און זעהט איהר אויך ביי די קלאָרע, און צוזאַמען מיט טשעכאָוו'ס דאָקטאָר אַסטראָוו זאָגט ער: „אַלע זיינען מיר ניט נאָרמאַל".

פערקערפּערענדיג דיזע אַלע בעגריפע און מיינונגען אין דער ליטעראַטור, האָט ער גרונט-פערענדערט איהר אינהאַלט און איהר פאָרמע, אַבוואָהל עס קלינגען אין איהר אַ סך ראָמאַנטישע טענער און ווען ניט ווען אויך אַ רעאַליסטישער טאָן.

אנשטאַט בילדער גיט ער סימבאָלען; אנשטאַט קלאָרען געדאַנק סוגגעסציאָן, אָנ-דייטונג, אנשטאַט איינפאַכען געפיהל — שטימונג. ניט קלאָהרהייט גיט ער נאָר פאַנ-טאַסטישע אונקלאָרהייט. די פאָרמע האָט ער לויז געמאַכט, אָפּגעלאָזען; די אַלטע קאַדעמיע, די אַלטע רהעטאָריק, די אַלטע רעגעלען אנערקענט ער ניט.

אין דער פּאָעזיע איז דער סימבאָליזמוס בעזאָנדערס מוזיקאַליש, געברויכענדיג שטאַרקע קלענגע, ציהענדיג דורך דאָס גאַנצע, מיט דער הילף פון ווידערהאָלונגען, איין לייט-מאָטיוו. אין דער דראַמאַ איז ער נאָך מעהר אימפּרעסיאָניסטיש, ברייננענדיג איהר נאָהענט צו דער מאָדערנער אָפּערא, זוכענדיג דורך ווידערהאָלונגען און אַ שטענ-דיגער פעריאָדישער שטייגערונג אָנצו'כשופ'ען שטימונג.

און אין אַלע צווייגען פון דער ליטעראַטור זוכט דער סימבאָליזמוס צו זיין מעהר אינערליך איידער אויסערליך. אָפּט זוכט ער צו געבען וואָס ווענינער איינצעלהייטען, שאַטי-רונגען און וואָס שטאַרקער צו מאַכען די אימפּרעסיאָן, דעם איינדרוק פון די איינפאַכע גרונט-פאַרבען.

מיט זיין שפּראַך איז דער סימבאָליזמוס ניט געלאַסען, ניט געמעסיגט, נאָר צוואוואָרפען און פריי, נאָך פיעל אונגעצאַהמטער איידער דער ראָמאַנטיזמוס.

דורך אַ רייהע מיט יאָהרען האָט דער סימבאָליזמוס געאַרבייט אום די ליטעראַטור אויסצומישען מיט דער מוזיק און די פּלאַסטישע קינסטע, אום צו געבען איהר די מעג-ליכקייט צו ריידען מיט זייער שפּראַך, צו בענוצען זיך מיט קלאַנג און פאַרב.

7.

דער סימבאָליזמוס האָט דער ליטעראַטור געגעבען אַ פרעהליכערען, אָפּטימיסטי-שערען טאָן, אין איהר אַריינגעבראַכט פיעלע נייע ווערטען און אויפגעדעקט פאר איהר נייע וועלטען.

דער טאָן פון דעם רעאַליזמוס איז געווען אַ פּעסימיסטישער, אַ ערנידעריגענדער פאַר'ן מענשען. דער מענש איז אין איהם געווען בלויז אַ ברעקעלע פיזיאָלאָגיע, אַן אַטאָם אין אַ גרויסער וועלט, אַ בלינדער פּראָדוקט פון דער אומגעבונג.

דער סימבאָליזמוס האָט דעם מענשען צוריק אומגעקעהרט זיין שאַפענדען גייסט, זיין ווילען, ערקלערט איהם אַז זיין גייסט איז מעכטיג; אָבער בעפרייענדיג דעם מענשען פון דעם שיקזאַל פון די אומשטענדען, האָט ער איהם צום טהייל אונטערוואָרפען אַ

מיסטישען שיקזאל פון דעם אל־וועלט, און בעפרייענדיג איהם פון דער שווערער לאסט פון דערווירקליכקייט, האט ער איהם אונטערוואַרפען אונטער אונבעשטימטע שרעקען.

דער סימבאַליזמוס האט געגעבען דער ליטעראטור א נייע פּסיכאָלאָגיע. דער רעאליזמוס האט געזעהען א סך איינצעלהייטען, ער האט זיי אָבער ניט צוזאמענגע־בונדען אין איין גאנצעס, ניט האָבענדיג פאר זיי קיין נשמה. דער סימבאַליזמוס האט די וועלט אָנגעקליידעט מיט גייסט, זי פאַנטהעאיזירט, אָנגעפילט מיט לעבען. דיזער גייסט האט אלעס צוזאמענגעהעפט אין איין גרויסען לעבעדיגען וואונדער, און דאס טויטע איז געוואָרען לעבעדיג און דאס וואַכעדיגע — אינטערעסאנט.

מיט א פריש־בעלעבטען אינטערעס האט דער סימבאַליזמוס אריינגעבליקט אין וואָכעדיגע זאכען און אין זיי נייעס, אינטערעסאנטעס געלייענט. ער האט אריינגעקוקט אין דאס אונפערשטענדליכע און אין איהר אָנגעהויבען וואס צו אהנען. דער סימבאַ־ליזמוס האט אויסגעלערנט די ליטעראטור אריינצובליקען צווישען די שורות פון לעבען און פערנעהמען נייע קולות. נודנע קליינינקייטען פון לעבען זיינען אָנגעקליידט געוואָ־רען מיט געהיימניסע, מיט א הויכען טראגיזמוס. אזוי האט דער סימבאַליזמוס אויס־געלערנט די ליטעראטור טיעפער אריינצובליקען אין דער געהיימנים פון דער פרויען־נאטור, פון דער ליעבע און דעם סוד פון דער געשלעכטליכער געוואלט; אזוי האט ער די ליטעראטור אויסגעלערנט הערען די שטימע פון'ם שוייגען, לייענען סודות אין דער נאכט, און כאפען א ווייטען בליק אויף דעם סוד פון דעם טויט.

דער סימבאַליזמוס האט דער ליטעראטור צוריקגעקעהרט א גרויסען, באלד־פערלאָ־רענעם שטאָף — דעם שרעק.

דער סימבאַליזמוס האט די ליטעראטור געמאכט פאר ווייניגער שאבלאָנגע און מעהר אימפולסיוו, מעהר א קינד פון דער פרישער שאפונגס־קראפט. ער האט איהר געמאכט פאר וועניגער מלאכה און מעהר קונסט, פערקלענערט איהר ערהישקייט און פערמעהרט איהר רוח הקודש.

* * *

ציהענדיג זיך איבער גאנצע דריי דורות האט זיך דער סימבאַליזמוס פאבעלהאפט צוואָרפען. פון א שטראָם איז ער געוואָרען א מאזאאיקע פון פערשיעדען־פארביגע, העל־פינקלענדע וואסער־פאלען. וואו איז דער בריק, וואס זאל איהם דורכגאַרטלען?

און די תהומות פליסען און שלאָגען מיט א מורא'דיגער קראפט. אלטע קוואלען ווערען אויסגעטריקענט און נייע שפּרינגען ארויס. און פיעלע שטראָמען שלאָגען נאך מיט דעם מעכטיגען כאאס פון ווערן, פון מעשה בראשית. און ווער קען וויסען, וואס עס וועט פאַראיבערגעהן און וואס עס וועט בלייבען? און צי איז דאס נייע שוין א צוועק אין זיך אליין, אָדער עס איז דער וועג צו נאך א נייערער, מעהר איינהייטליכער קונסט?

די מענשהייט וואנדערט אָהן ראסט און רוה און איהר שיף שניידט זיך שיכור און וואקלענדיג דורך איהר ווייטערען וועג.

וואָהין?

טיעפער אין מזרח אָדער צוריק קיין מערב?

מ. קאַטץ:

גאָט־זוכעניש און זיך־גופא־זוכעניש.

(אַן איבערבליק איבער י. ל. פּרץ'ס „פֿאָלקסטימליכע געשיכטען")

„און מען טאָר ניט בלייבען שטעהן! איך מוז מיך באַוועגען, און באַוועגען דורכאויס — אַזוי וויל עמיץ — טריט ביי טריט! צוריק מיט דיא היסטאָרי־קער קען איך זיך ניט אומקעהרען, מיך עקלען די דורות אָהן ווייסע געפּרעסטע העמדער...

און נביאות זאָגען קאָן איך אויך נישט: זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען ווייסט איהר ביי ווע‏מען אין דיא הענד דיא נביאות איז געבליבען!

איך וויל פ א ה ר ע ן אין דער צייט, איך וויל!"...

(י. ל. פּרץ — „אַ רייזע אין דער צייט").

אַ מאָדנעם איינדרוק מאַכט י. ל. פּרץ'ס באַנד פון „פֿאָלקסטימליכע געשיכטען". איהר לעזט יעדע געשיכטעלע מיט פערגעניגען, מיט אמת עסטעטישער הנאה, וויא כמעט אַלעס וואָס איז אַרויס ביז איצט פון דעם דיכטערס גייסטרייכער פעדער. אַ ספּע־ציפיש אידישער נשמה־חן שטראַהלט פון זיי, וואָס עס איז דיא בעזונדער געטליכע מתּנה פון פּרץ'ס שאַפען. און ווען איהר האָט איבערגעלעזען דעם באַנד אין גאַנצען און פער־טראַכט זיך איבער דער בעדייטונג פון דאָס ניי־געשאַפענע, ווערט איהר נתפּעל פון דער קינסטלערישער גרויסקייט; אייך טהוט הנאה וואָס אַזאַ גרויסע קונסט־אַרבייט, וויא פערקערפּערן דעם פֿאָלקס־גייסט אין לעגענדע, האָט אָנגעהויבען אויסגעפיהרט ווערן פון'ם דיכטער — אַן אַרבייט, דורך וועלכער דיא ניט־לאַנג געבוירענע אידישע ליטעראַטור, וועט אפשר מעגען אָנהויבען צו האָבען פּרעטענזיעס אויף בירגער־רעכט אין דער וועלט־ליטע־ראַטור אַלס אַ פּראָדוקט פון אַן אייגענער, בעזונדערער קולטור. און דאָך דערפיהלט איהר עפּעס צוזאַמען מיט דיזער הנאה אַ מין „אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי", דאָס זעלבע גע־פיהל, וואָס ווערט אַרויסגערופען פון אַלע געדאַנקען, טהעאָריען און פּראַקטישע פּלענער פון אונזערע גרעסערע און קלענערע נעאָ־נאַציאָנאַליסטען — אַ מין צומישונג פון דאַנ־קיבאָטישער שטרעבונג מיט האַמלעטישען אונגלויבען.

איז ניט פּרץ'ס יענע דיכטערישע קראַפט, וואָס איז אַזוי מסוגל דיא אידישע נשמה אין לעגענדאַרישע בילדער צו פערקערפּערן? עס דוכט זיך, אַז נור ער, לויט דיא וואונ־דערליכע אייגענשאַפטען פון זיין טאַלאַנט, קאָן זיין בכח אַזוינס צו שאַפען. אמת אפילו, איהר פרעגט זיך: וואו האָט ער זיי געזאַמעלט, דיזע „פֿאָלקסטימליכע" געשיכטען? און אין וואָס באַשטעהט זייער פֿאָלקסטימליכקייט? זיינען דאָס מעשה'לעך, דיא ספּורים פון וועלכע געהען אַרום אין פֿאָלק, ווערען צווישען פֿאָלק דערצעהלט און דעם דיכטערס זכרון גיט זיי אונז איבער דורכגעסטילירטע אין דעם אַפּאַראַט פון זיין טאַלאַנט? זיינען דאָס נאַאיווע קינדער פון פֿאָלקס פאַנטאַזיע, וועלכע דער דיכטער האָט אויף זיין לעבענס־וועג בעגעגענט אָבגעריסענע, פערוואָגעלטע, בלאָנזשענדע, האַלב־טויטע און ער האָט זיי מיט דער צערטליכקייט פון זיין מוזע צונויפגעקליבען, מחיה געמאַכט מיט זונען־בלוט

פון זיין גייסט, מיט געטרייער ליעבשאפט, וויא א מוטער, אויסגעצוואָגען און פערקאַמט, מיט הארציגקייט דערוואָרעמט, אָנגעקליידט אין דיא מלבושים פון זיינע קונסט־גאונות און אריינגעפיהרט זיי יום־טוב׳דיג פאר אונז: נאַט, אידען, ברידער, אייך אייער פאָלקס פאנטאזיע־קינדער, קוקט אויף זיי, ליעבט זיי און קלייבט נחת? אָדער דאָס זיינען גע־דאנקען־פולע קינדער פון דעם דיכטערס א י י ג ע נ ע פאנטאזיע, אין וועלכע ער האָט אריינגעהויכט יענעם פאָלקס־אָטהעם, וואָס זיין דיכטערישע נאטור האָט אין זיך אזוי פיעל, אז עס שטראָמט ארויס אין יעדען צוג פון זיין פעדער, און האָט אונז דעמיט גע־וויזען וואָס ספּעציפיש אידישע קונסט קען שאפען, ווען זיא איז בעזעעלט מיט נשמה־לעבען פון פאָלק?

איהר געפינט אין דיא פאָלקס־טימליכע געשיכטען ביידעס.

ווען איהר זייט אן אידיש קינד, וואָס האָט געלעבט מיט אייער פאָלקס גייסטיגען לעבען, ערצויגען זיך אין דער אטמאָספערע פון זייןווירקליכקייט און געליטען מיט זיינע יסורים, דערקענט איהר אין פיעלע פון דיא געשיכטען דיא פאנטאזיע קינדער פון אייער פאָלק. האָט איהר ניט געהערט דעם נסיון וואָס דער יונגער בעל־תפילה פון דעם אַלטענס, זכרונו לברכה, נאָהענטסטע מקורבים האָט געהאַט מיט דער פריצה? פון דעם ירא שמים, וואָס קעהרט זיך צוריק אונטער דיא שפּיץ־רוטען „סקוואָז סטראָי" אויפצוהויבען זיין יארמולקע אום ניט עובר צו זיין אויף גילוי ראש? פון דער געפיינעגטער צנועה, וואָס האָט אויסגעהיט איהר לייב זאָל זיך חס־חלילה ניט אויפדעקען, ווען זי ווערט געשלעפּט פון שונאי ישראל איבער דיא גאסען א צוגעבונדענע צום עק פון א פערד? פון דער חורבה, וואו עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט דעם פאַלשען פּרוש׳ם חתונה מיט לילית דער שד׳יכע? פון׳ם פערשטעלטען אליהו הנביא? א. ז. וו., א. ז. וו. דאָס זיינען אלץ פער־טריקענטע גייסטיגע קוויטען פון פאָלקס פאנטאסטישען גאָרטען, וועלכע דער דיכטער האָט פאר אונז אָבגעפרישט מיט הארציגע לעבענס־טהוי, בעשטראַהלט מיט קונסט־זונ־ביגקייט, אז מיר זעהען פאר זיך א פאָלקסטהימליכע אָראנזשערעע פון פרעכטיגע פלאנ־צען און לעבעדיגע בלומען.

מאנכע פון זיי, פערקעהרט, מאכען אויף אייך דעם איינדרוק פון הערליכע קווייטען, וואָס האָבען ארויסגעשפּראָצט אין דעם דיכטערס אייגענע פאנטאזיע, וועלכע איז בע־פרוכט געוואָרען מיט לעבענס־טהוי פון פאָלקס־גייסט און ער האָט זיי פארזעצט אין פאָלקס באָדען, אונטער אן עהנליכען הימעל וויא פון פאָלקס געשיכטע, און זיי זעהען אויס אזוי וויא פרעכטיגע בליהונגען אין נאטור־גאָרטען פון אידישען פאָלק. אזעלכע זיינען דיא צויבערליך מערכענהאַפטע „דריי חופות", דיא וואונדערליך מידות־משלים׳דיגע „מסירת נפש", — „אראבגעלאָזטע אויגען", — „דיא תאוה צו קליידער " און נאָך אנדערע. יעדענפאלס איז דאָס ניט אין גאנצען פאָלקסטימליכקייט אין דעם זינען פון איבערגעבען לעגענדעס, זאגען און מעשות, וויא זיי געהען פון מויל צו מויל, נאאיוו ערצעהלט פון דיא זיידעס און באָבעס צו דיא אייניקלעך, און אויך ניט פאָלקסטימליך אין דעם רעאליסטי־שען זינען פון שילדערן בילדער פון פאָלקס רעאַלען, אַלטעגליכען לעבען. אונטער פאָלקס־טימליכקייט קען מען אייגענטליך פערשטעהן פערשיעדענעס, פונקט אזוי וויא דיא בע־צייכענונג „פאָלק" ווערט געברויכט אין פערשיעדענע בעדייטונגען. איינער קען צופאסען „פאָלקסטימליך" דוקא צום לעבען און צו נאאיווע פּראָדוקטען פון דער מאסע, פון׳ם המון; אן אנדערער צו דעם בעזונדער גייסטיגען אויסדרוק פון א היסטאָרישער גרופּע, מיט וואָס זי צייכענט זיך אויס פון אנדערע גרופּען, און דאן האנדעלט עס זיך שוין ניט

װעגן תעלען, אַלטעגליכען לעבען און װעגן פּראָדוקטען פון דעם המון, נור פון גייסט־רייכען סהייל פון פאָלק, פון די טרעגער פון זיינע היסטאָרישע אידעאַלען.

אין אמת'ן גערעדט האָט מען געקענט אַ גרויסע צאָהל פון פּרץ'ס פריהערדיגע ער־צעהלונגען און בילדער, און בפרט נאָך פון זיינע חסידישע מעשות, אויך געבען דעם נאָ־מען „פאָלקסטימליך“ — אַזוי פיעל בילדער פון בעזונדערן אידישען לעבען, אַזוי פיעל ערצעהלונגען, אין װעלכע דיא ספּעציפישע אייגענשאַפטען פון דער אידישער נשמה אין אַלע איהרע קאָלירען זיינען אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט — זיינען זיי ניט פאָלקס־טימליך? אָבער אַפנים וויא דאָרט איז נאָך פּרץ פאַר זיך אַליין ניט געװען פאָלקסטימליך גענוג, ווייל ער איז געווען מעהרסטענטייל רעאַליסטיש (הגם אין זיין רעאַליזם האָט מען געקענט שוין זעהען דעם ראָמאַנטיקער — אַ מין ראָמאַנטישער רעאַליזם, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען) און סאַרקאַסטיש נעגאַטיוו ביז צו אַ געוויסער מדרגה. דאָס פאָלקס־טימליכע, וואָס דאָרט געפינט זיך, איז ווייט, ווייט פון אידעאַליזירען דעם בית־המדרש גייסט:

„— — — — — — — — — — —

קיינער וויל זיך דאָ נישט נעסטען,
קיינער זעצט זיך דאָ נישט זינגען!

פליהט אַ דורך אַמאָל אַ פויגעל,
זעהט זיא פוילען דאָרט אין עק;
רייסט זיך פּלוצלונג אָב זיין ליעדעל
און ער פליהט פערשטומט אוועק!

אָה, עס פליהט דער פרייער פויגעל,
צו דעם פרייען פרישען לעבען,
ייאו געזונדע בוימער וואַקסען,
און די גרויסע פויגעל שוועבען...

וואו דאָס ליעדעל פליסט פון הארצען
און עס הויבט זיך העכער, העכער...
און עס פערעלט זיך דיא משקה
אין געגילטען לעבענס בעכער...

און דער טאָג האָט זון אין הימעל,
און דיא ליעבע הערשט ביינאַכט...
און דיא קאַלינע פון קלייזעל
בלייבט דאָ עלענד און פערשמאַכט!“ (דיא שוהל־קאַלינע)

ווייט פון פערגעטערן דיא מלחמה געגען עולם־הזה תענוג, ווייט פון התפעלות פאַר דעם געצוואונגענעם רוחניות־לעבען, וואָס איז גובר דעם חומר. אין יענע זיינע קינסט־

לערישע רייכע בילדער און ספּורים פון אידישען לעבען קען מען זעהען דעם גייסט נאָך פון דער השכלה־עפּאָכע; די הינגרייסונג צו וועלטליכקייט און אויפקלעהרונג לויכט זיך דורך דורך זיי, אזוי וויא דעם דיכטער וואָלטען „עקלען דיא דורות אָהן ווייסע, גע־פּרעסטע העמדער".

אָבער דיא השכלה־אויפקלעהרונג איז אזוי מאַטעריאַליסטיש־קאַלט, דער רעאַליזם אזוי פאָטאָגראַפיש פּאַרבלאַז, די וועלטליכקייט אזוי אויבערפלעכליך, אזוי חצוניות'דיג, אזוי אסימילאַטאָריש פרעמד, און עס הויבט זיך אָן א רעאַקציאָן — א בענקשאַפט נאָך עפּעס נשמה'דיגעס, טיעף־אינערליכעס, מוזיקאַלישעס, אייגענטימליך־אידישעס, היימי־שעס, ווייכעס און פאַרבען־רייכעס. נביאות־זאָגען איז יאָ היימיש־אידיש, מוזיקאַליש, פאַרבען־רייך, אָבער „זייט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען ווייסט איהר ביי וועמען אין די הענד נביאות איז געבליבען" — און עס האָבען אָנגעהויבען ערשיינען פּרץ'ס חסידישע מעשות.

מען קען בעצייכענען דיזע ווענדונג אין דעם דיכטער, וועלכע האָט אזוי מיטגעריסען אויך אַנדערע און האָט שוהלע געמאַכט, אַלס א מין חסידישע רענעסאַנס — א בטול היש פון דער געגענווערטיגער וועלטליכקייט, אַן עקסטאַז פאַר דעם אינערליכען געפיהלס־לעבען, אינספּיראַציאָן פאַר גאַלע רוחניות. איז דיא רוחניות־קראַפט ניט געווען דער כח וואָס האָט ערהאַלטען דעם פאָלק און געגעבען איהם דיא גבורה אויסצוהאַלטען דיא יסורים פון גלות־לעבען? און דארום איז דיזע קראַפט דיא אייגענטימליכע קראַפט פון דעם אידישען פאָלק, זיין קאָנסערווירענדע קראַפט. וויא געטליך איז אזא קראַפט! וואָרום געטליך איז אַלעס דאָס וואָס האַלט אויף דאָס לעבען, וואָס גיט זעלבסט־ערהאַלטונג אין קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ. און דער דיכטער ווערט נתפּעל פון דאָס געטליכע און פאַרקער־פּערט דיא פאָלקסטימליכקייט אין קינסטלערישע פאָרמען.

אָבער דיא קאָנסערווירענדע רוחניות־קראַפט וואָס האָט אויפגעהאַלטען דעם אידען, איז דאָך געווען ניט בלויז דיא חסידישע התלהבות; אין איהר איז דאָך אויך געווען דיא גבורה פון פרישות, פון פערשליסען זיך אין זיך, פון ניט גערייצט זיין פון דער וועלטס תענוגים. און דער דיכטער האָט אָנגעהויבען אין לעגענדאַרישע בילדער פאַרקערפּערען דיזע גבורה פון חסידישע התלהבות מיט מתנגדישען אַסקעטיזם. דיכטער פון אומות העולם האָבען פערקערפּערט דיא גבורה פון זייערע פעלקער אין העלדען־בילדער, אין לעגענדעס פון גבורים, וואָס האָבען מיט שווערד און בויגען געקעמפפט און מיט בלוט און פייער גרויסעס אויפגעטהאָן, וואונדער געוויזען און איבערגעלאָזט א טיעפען איינדרוק אין דער פאַנטאַזיע פון זייער פאָלק. דיא אידישע זיעגרייכע גבורה אין גלות, וואָס איז לעגענדאַריש איבערגעבליבען אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק, איז דיא גבורה פון מדות — פון עניוות, פון רחמנות, פון יושר, פון מקבל באהבה זיין יסורים, פון צוריקהאַלטונג פון תאוות, פון צניעות, פון מסירת נפש, וואָס דאָס איז מעגליך בלויז דורך פעסטען גלויבען אין עפּעס וואָס איז אויסער דעם מענשען, וואָס איז העכער פון זיין סביבה. פּרץ'ס באָלקסטימליכע געשיכטען איז דעם פאָלקס לעגענדאַרישע פערהערליכונג פון מדות.

ר' לייב'ל קאָנסקיוואָלער'ס „שמע ישראל" האָט טאַקע מרעיש עולמות געווען.... „וויא א זילבערנער שרויט צושיט זיך זיין „אח — — —ד" צופוסענס ביים כסא הכבוד... און עס קאלערט זיך דער „אחד" און זומט, און ברומט, און זידט וויא א מחנה זומער־פויגלעך, וואָס גלוסט און בענקט צו דער פלאַם, ווערט צוגעצויגען צו איהר און בריהט

זיך און ברענט אין איהר מיט׳ן גרעסטען תענוג פון יסורים של אהבה״... נור ווען דער שוואַרצער מלאך קומט צו זיין גסיסה און גיט אַ שאַר מיט׳ן פּוס אונטער׳ן קראַנקענס בעט ריקט זיך אַרויס אַ פערבונדענער זאַק. „און ער בויגט זיך אַראָב צום זאַק און בינדט איהם אויף, און עפענט איהם, און דערלאַנגט איהם אַ שטויס מיט׳ן פוס — אַ גאָלדענער גלאַנץ וואַרפט זיך איבער דער שטוב, אַ גאָלדענער קלאַנג לויפט איהם נאָך, גאָלדנע רענדלעך שיטען זיך אויס... גנבה־געלד, גזילה־געלד! רופט אויס דער שוואַרצער מלאך: אויסגענאַרט ביי נישט קלוגע, גערויבט ביי אלמנות, געגזלט ביי יתומים, פון צדקה־פושקעס אַרויסגענומען... מיט בלוטיגע טרעהרען זיינען זיי געוואַשען און האַרציגע בלוט־פלעקען קלעפּען אָן זיי...״

און דיא שליטה האָט שוין איבער איהם דער שוואַרצער מלאך און שלעפּט איהם אַוועק אין גהינום. און דוקא נחמנ׳קע פון זבאַראַש, וועלכער פלעגט זיך שניידען דיא נעגעל נישט איבערגעהיפּערט, אַוועקוואַרפען... נישט איין מאָהל פערגעסען מנחה צו דאַווענען, וועלכער האָט אָבער „נאָך קיינמאָהל נישט פערפעהלט, ווען מען האָט געדאַרפט עמיצען העלפען, קיינמאָל נישט פערגעסען צו טרויסטען, צו האַרציגען און צו קרעפטיגען דאָרט, וואו דיא פליגעל זיינען אַראָבגעפאַלען מיעד, וואו דיא גאַל האָט געזאָלט דיא ריינסטע נשמה פערגיסען, וואו דיא לעצטע האָפענונג, האָט זיך געדאַכט, איז פערשוואונדען... ער האָט זיך קיין הויז נישט געבויט, דאָס דאַך איבער׳ן קאָפּ נישט פערריכט, זיין בעט זיך נישט ווייך געבעט, קיין ליעבשאַפט ביי קיין פרוי נישט געזוכט, אויף קיין נחת פון קינדער נישט געהאָפּט... נאָר אַלץ פאַר אַנדערע... ווייל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטען בעסער פאַר זיך...״ איהם וויל דער ליכטיגער מלאך נעהמען אין גן עדן. נור נחמנקע פון זבאַראַש האָט אפילו צום גן עדן קיין לוסט ניט. ער טהוט ניט פון שכר וועגען...

אַזוי ווייט איז אין פאָלקס פאַנטאַזיע דיא פערהערליכונג פון גוטע מעשים באמת, אַז דאָס שטעהט אפילו העכער פון גן עדן. דאָס איז דער איינדרוק פון דער געשיכטע „ביים גוסס צוקאָפּענס״.

אויף די וואָג־שאָל, אויף וועלכע מען וועגט אויף יענער וועלט די מצוות און עבירות פון דעם אידען, האָבען די אַלע געוועהנליכע מצוות און עבירות קיין גרויסען באַטרעף ניט. אַ מצוה אַרויף, אַ מצוה אַראָב — עס רוקט זיך ניט דער צינגעל פון וואָג, ניט אַהין, ניט אַהער, ניט פאַר׳ן קטיגור, ניט פאַר׳ן סניגור. דריי מתנות זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע, וואָס אַז דער איד דורך אַלערליי גלגולים ברייגנט זיי, עפענט זיך פאַר איהם די פּורטקע פון גן עדן און יעדע פון די מתנות ווערט גערן אָנגענומען: אַ ביסעל פערבלוטיגט ארץ־ישראל ערד, וואָס זייענדיג אַ גביר האָט ער מפקיר געווען זיין גאָלד און זילבער ווען גזלנים זיינען זיין הויז בעפאַלען, נור פאַר דאָס ביסעל ארץ־ישראל ערד אין קבר אריין, וואָס ער האָט זיך אָנגעגרייט, האָט ער זיך געלאָזט דער׳הרג׳ענען, בעשיצענדיג עס; אַ שפּילקע, מיט וועלכער די געפּייניגטע צנועה האָט צוגעשפּילעט דעם זיים פון קלייד צו די פּיס, אריינשטעכענדיג זי טיעף אין לייב, עס זאָל איהר לייב נישט אַנטפּלעקט ווערן, ווען שונאי ישראל שלעפּען זי איבער די גאַסען אַ צוגעבונדענע צום עק פון אַ פערד; און אַ יאַרמאָלקע, וואָס דער פרומער, פאַר׳משפּט׳ער אידעל האָט זיך אומגעקעהרט אויפצוהויבען אונטער די שמייץ פון שפּיצרוטען, ווען מען טרייבט איהם „סקוואָז סטראָי״. אָט ווי איינגעפרעסט אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק עס איז חבת ארץ־ישראל,

צניעות און די גבורה פון אויסשטעהן יסורים פאַר דאָס, אין וואָס מען גלויבט — איז דער איינדרוק פון „דריי מתנות".

חיים־יונה־וויטעלס, אַ יונגערמאַן אַ למדן, בנגלה און בנסתר, האָט געהאַט אַ שם: דעם א ל ט ע נ ס בעל תפלה. „בידוע, האָט מען נישט אַזוי לייכט צוגעלאָזען ביים אַלטען צום עמוד, בפרט ראש־השנה ויום כפור, און חיים־יונה־וויטעלס האָט טאַקי געדאַוונט ימים נוראים און ער איז עס ווערטה געווען — אַן אמת אָבגעהיטענער איד, אפילו נאָך אַ יונגערמאַן, נאָר די תענתים מיט די סגופים, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, וואָלט געגוג געווען פאַר צעהן מנינים... און עברי האָט ער געזאָגט! פערשטעהסט זיך, נישט אויפ'ן חסידישען אופן, נאָר אַזוי עברי, אַ חתוך הדבור! אַ וואָרט פאַלט ווי אַ פערל פון מויל, און אַ קול האָט ער געהאַט — רבונו של עולם, מען זעהט גאָר היינט אַזוינע בעלי תפלות נישט!..." ויהי היום, חיים־יונה־וויטעלס דאַרף קומען אויף ראש־השנה, דאָס הייסט, ער דאַרף קומען חאָטש אַכט טאָג פאַר ראש השנה. ווארום אַ מענש אויפ'ן וועג, ווי געוואָרענט ער וועט נישט זיין, איז עלול זיך צו פערקיהלען די גרגרת, בפרט חיים־יונה־וויטעלס, וואָס האָט געהאַט אַ מהלך פון איבער צעהן מייל; און געהן פלעגט ער, פון שכר הליכה וועגען, צופוס.... ויהי היום, חיים־יונה־וויטעלס דאַרף קומען. עס איז אַכט טאָג פאַר ראש השנה: עס געהט אַוועק אַ טאָג בלייבט זיעבען; נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און מען הערט נישט און מען זעהט נישט... מיט איהם האָט געטראָפען אַ נסיון. ווען ער איז געגאַנגען דורכ'ן וואַלד און האָט מהרהר בתשובה געווען, האָט איהם אָנגעיאָגט אַ אָפענע קאַרעטע מיט אַ יונגער פּריצה. זי איז גערייצט געוואָרען פון זיין שעהנקייט: „שטעה, איד! האָט זי אַ געשריי געטהאָן, שטעה באַשמעקטער מענש!" אומזיסט האָט ער געזוכט צו אַנטלויפען, אומזיסט האָט ער זיך געראַנגעלט געגען איהרע קאָזאַקלעך; אין קאַרעטע האָט זי איהם צו זיך אין פּרעכטיגען שלאָס געבראַכט. וואָס פאַר אַ צויבערליכע רייצונגען פון איהר וואונדערליכע שעהנקייט און ליעבע־דרייד ער האָט געדאַרפט אויס־שטעהן, ער איז אָבער בייגעקומען דעם יצר הרע, איז אויסגעשטאַנען דעם נסיון, האָט זיך אויסגעריסען און איז געלאָפען צוריק אַהיים. נאָר אין דער היים האָט ער געוואָלט אין גאַנצען אַרויסטרייבען דעם יצר הרע, האָט ער דעם פייער געלאָשען מיט מחבק ומנשק זיין זיין אייגענע פרוי.... „ס'איז דאָך מיין ווייב, מיין כשר ווייב... און די לאַדען..." איז ער זיך מודה ומתודה פאַר דעם „אַלטען", וועלכער האָט איהם אַ לאַנגע צייט נישט צוגעלאָזען צו זיך. און דער אַלטער האָקט איהם איבער און רופט זיך אָן: — „יאָ, חיים־יונה־וויטעלס... אָבער בשעת מעשה האָסטו די אויגען פערמאַכט, און דעמאָלט האָסטו י ע נ ע געזעהען, י ע נ ע, אין אַ רגע כמימרא האָסט דו זיך צו יענער מתכוין געווען... האָסט דו, הייסט עס, געזינדיגט אַ רגע מיט דער מחשבה.... און מחשבה איז נפש.... און ווער דען זינדיגט, אַז נישט דאָס נ פ ש? דער ג ו ף אפשר זינדיגט? דער עפר ואפר אפשר? וואָס?" און חיים־יונה־וויטעלס פאַלט אַנידער און פאַלט מיט די ליפּען צום „אַלטענ'ס" פאַנטאָפעל: „רבי, שרייט ער צו איהם אַרויף, האָט איהר שוין פאַר מיר גאָר קיין תשובה נישט?" און דער אַלטער בויגט זיך צו איהם אַראָב, הייסט איהם זיך אויפהויבען און זאָגט איהם: — נאַרעלע! ביזט נאָך ווייניג אָבגעקומען?.... דאָס האָב איך געמיינט. און אַצינד — שלום עליכם!... „ווי אַזוי חיים־יונה האָט דאָס מאָל געדאַוונט, קאָנט איהר אייך משער זיין. אין די עולמות העליונים האָט געקלונגען...."

אַזוי איז די גבורה פון ביישטעהן נסיונות פערהערליכט פון פאָלק אין דער גע־

שיכטע „איין אָבקומעניש". און אַן איינדרוק מאַכט די שילדערונג אויף דאָס אידישע הארץ שטאַרקער פון טאַנהויזער'ס תשובה־געזאַנג פאַר זיין זינד מיט ווענוס, וואָס דאָרט איז דאָס געווען אַ גאַנץ יאָהר במעשה, און דאָ בלויז איין רגע במחשבה.

עס וואָלט גענומען צופיעל פּלאַץ דורכצוגעהן די גאַנצע לעגענדען־עהנליכע גאָ־לערעע פון פאָלקסטימליכע געשיכטען — אין יעדער געשיכטע בעזונדער זיינען אַזוי פיעל בילדער, וואונדערליכע בילדער, עפּעס ווי אוזאָרען הערליכע מיט פּערעל־ווערטער אויסגע־שטיקט. בעזונדער נאָך אין די געשיכטען „ס'אי גוט", וואו אַ קאָנטאָניסט דערצעהלט ווי אין דעם זכות פון דעם „שפּאָלער זיידען" איז ער אַ איד געבליבען; אין „יוחנן וואַסער־טרעגער און דער אורח חיים", אין „שמע ישראל", און ביז דער העכסטער מדרגה קונסט אין די לעצטע צוויי: „מסירת נפש" און „דריי חופות".

אין „מסירת נפש" וואו עס ווערט דערצעהלט אַ געשיכטע פון מיט דורות צוריק, ווי מרים'על די בת יחידה פון דעם עושר רב חייא פון צפת האָט זיך מקריב געווען צו ראַטעווען די נשמה פון דעם גאון'ישען בחור חנניא, וועלכען בית־דין של מעלה האָט פאַר'משפט חייב מיתה, פאַר וואָס ער האָט אין זיין גאוה מבייש געווען תלמידי חכמים, וועלכער האָט זיך אָבער אויסגעלייטערט דורך גלות־אָבריכטען; און אין „דריי חופות, צוויי רויטע — איינע אַ שווארצע, אַ מעשה פון הינטער די הרי חשך" זיינען אריינגע־וועבט אַזעלכע וואונדערליך־פּרעכטיגע מערכען, אַזעלכע צויבערהאַפטע פאַנטאַזיע־בילדער, אַז מען ווערט געבלענדעט פון דער רייכער שפּראַך אַליין — וואָס שוין צו ריידען וועגען דעם שעהנעם רעיון, וועגען דעם מוסר השכל פון די סימבאָלישע בילדער, וואָס זיינען איינע אין די אַנדערע געפלאָכטען. („דריי חופות" אַליין פאַרנעהמען איבער 60 גע־דרוקטע זייטען). איהר ווערט בעצויבערט, און אייך דוכט זיך, אַז עפּעס איז דאָס אַזא נייע וועלט אין דער אידישער שפּראַך — אַ נייע וועלט פון אַזעלכע אַלטע וואונדערליכע וועלטען, אין וועלכע עס פיהרט אייך אריין דער דיכטער — וועלטען און מעשות, וועלכע איהר האָט, דוכט זיך, עפּעס אין חלומות געזעהען, אָדער האָט דאָס אייך די מאַמע פון איהר צאנה וראנה ארויסגעלעזען, צו פון אגדתא ערגעץ האָט דאָס אויף אייך אַ צויבער־ווינטעל פאַנטאַזיען אַמאָל ארויפגעוועהט, אָדער האָט איהר דאָס ביז מנחה למעריב שבת בין השמשות פון אַן אַלטינקען אידען, אַ וואַנדערער, געהערט? נאָר ניין — דאָס איז דעם דיכטער'ס וואונדערליכעס ווערק פון פאַרבען־רייכע פעדים געוועבט, עהנליכע צו יענע פעדים, וואָס ציהען זיך פאַנטאַסטיש פון אייערע טרוימערישע ערינערונגען. אָבער אַך, וואָס פאַר אַ געשטאַלטען, וואָס פאַר אַ בילדער, וואָס פאַר אַ צויבער־וועלטען!

זעהט ווי דער דיכטער מאָהלט אייך אַ פּאַלאַץ:

„ווייט, ווייט אונטער די הרי חשך, אויף יענער זיין סמבטיון, איז פאַרהאַן אַ מדינה מיט'ן נאָמען „וואונדערלאַנד", וואו די רויטע אידען וואוינען. און אין דער מדינה „וואונדערלאַנד", אין דער שטאָדט, וואו דער מלך וואָהנט, אין „גלויבשטיין", דער רע־זידענץ, איז געשטאַנען אַמאָל אַ הויכער, ווייסער, מאַרמאָרנער פּאַלאַץ. און שעהן איז געווען דער ווייסער, מאַרמאָרנער פּאַלאַץ, וואָס ער איז געווען אין רייכען גרינעם גאָרטען, ווי אין אַ גרינעם ים, מיט זיינע הונדערטער גאָלדענע זיילען און טויזענדע בריליאַנטענע שויבען.

„און צופוסענס פון דעם ווייסען, מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ האָט שטיל גערוישט, און ווי פאַר'חלום'ט געפּלאָסען אַ קלאָר קריסטאַלען טייכעל; און פון ביידע זייטען איז דאָס

טייכעל געווען ארומגעקרענצט מיט די פיינסטע בלומען, צווייגען, די איידעלסטע גע־וויקסען. און אין דעם קריסטאַלענעם, קלאָרען טייכעל האָבען ארומגעבליצט, ארומגע־טאַנצט טויזענדער גאָלדענע פישלעך. און פון אויבען, איבער דעם בלאָהען וואַסער־שפּיגעל, האָבען זיך געהויבען און מיט טויזענד חן זיינען ארומגעשוואומען שוואַנען, ווייסע ווי שניי, מיט די דינע, לאַנגע, ווייסע העלזער און לאַנגע, פערשפּיצטע, געלע שנאָבלען...

„עס האָט פערנומען די אויגען!

„אַם שעהנסטען האָט עס אויסגעזעהען בייגאַכט, ווען די לבנה האָט געשיינט....

ער מאַרמאָרנער פּאַלאַץ האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין טייך צוזאַמען מיט דער לבנה און די שטערען.... די בליצענדיגע גאָלדענע פישלעך האָבען לוסטיג געהיפּט און געטאַנצט און זיינען אריבערגעשפּרונגען פון איין גאָלדענער זייל צו דער צווייטער, פון איין ברוי־ליאַנטענער שויב צו דער צווייטער. און די שניי ווייסע שוואַנען זיינען ערנסט און לאַנגזאַם אריבערגעשוואומען פון איין זילבערנעם שטיק נעפּעל צום צווייטען, פון איין גאָלדען שטערנדעל צום צווייטען.... און פערציטערט, ווי פון גרוים ליעבשאַפט, האָבען זיך ארום דעם אַלעם געפלאַכטען די פיינסטע, וואונדערליכסטע שאָטען פון די בלומען און געוויקסען, וואָס האָבען געבליהט אויףביידע זייטען פון טייכעל... און אַז עס האָט זיך נאָך דערביי געלאָזט הערען דער שפּיעל־פויגעל פון צווישען די צווייגען, וואָס האָבען זיך געבויגען אונטער דער לאַסט פון גאָלדענע פּירות, האָט מען ווירקליך גע־מיינט, אַז עס איז קיין גאָרטען נישטאָ, קיין פּאַלאַץ נישטאָ, — אַז עס איז אין גאַנצען אַ חלום, אַ פער׳כשוף׳טער חלום....

„און דאָך איז עס קיין חלום געווען. — — —"

אָבער עס פערדריסט נור אַליין, וואָס איך האָב אָנגעבראַכט אַלס מוסטער די שילדערונג פון פּאַלאַץ, אין וועלכען ער פיהרט אונז אריין גלייך פון אָנפאַנג. דאָס איז נאָך ווייט ניט דער מוסטער פון די בעזונדער פּרעכטיגע שילדערונגען. צו דאָס מאָלען פון די מעלות און מדות פון דער בת־מלכה, צי פון די „גוטע חיה׳לעך מיט די ווייסע פעל־בעלעך, גאָלדענע שטרייפעלעך, שילדקרעטענע און עלפענביינענע הערנדלעך", צי פון וואַלד מיט׳ן כישוף־הייל פון דער פאַרשטעלטער מכשפה, וועלכע איז די נשמה פון וואַלד — קורץ, אַלעס, אַלעם וועבט אייך ארום ווי מיט אַ כישוף־נעץ און איהר וואונדערט זיך, וואו נעהמט זיך אין אונזער ארעם־פערשריענעם אידיש אַזאַ רייכקייט פון ווערטער פאַר בונטע פאַרבען, פאַר פּרעכטיגע קאָלירען, עס זאָל קענען מיט אַזוי פיעל רייצענדען חן זיין געמאָלען! דאָס מוז מען אַליין לעזען אום ערשט רעכט נתפּעל צו ווערען.

און ווען איהר באַדיינקט נאָך, אַז דאָס איז עפּעס וואָס האָט ניט נור געפעהלט אין אונזער שעהנער ליטעראַטור, אום זי זאָל זיין אַ שעהנ־ליטעראַטור, מיט וועלכער מען זאָל קענען אין דאָס אידיש קינד איינפּליסען ליעבע צו איהר און איינדריקען אין דאָס יונגע הערצעל ליעבע צום פאָלק און צו די מדות, וואָס דאָס איז דער תוכן פון דער מער־בעגהאַפטע, לעגענדאַרישע געשיכטע, דאַן הויבט איהר דאָס ערשט אָבצושעצען

דער אידעאַלער שימער פון מערכען איז די איידעלסטע נאַהרונג פאַר דער ערציהונג, דער געהיימניספאָלער מערכען־גלויבען, דער גלויבען אין דאָס וואונדערבאַרע, וואָס קען פערווירקליכט ווערן פלאַנצט איין אין קינד אַ נשמה יתירה, וועלכע בעפעהיגט איהם, ווען ער וואַקסט אויס, צו גרויסע טהאַטען, צו בעגייסטערונג פאַר דאָס גוטע, פאַר דאָס עדלע און שעהנע, ווי עס בעט ערגעץ דער דייטשער דיכטער:

פון מיר שיידען מעג אַלעס, וואָס׳ז מיין,
אירדישען שיקזאַל צום רויבען,
דו נאָר לאָז מיך ניט אַליין,
היימליכער מערכען־גלויבען!

אום מיט מוטהיגען הארצען פערטרויען,
דאָס מעגליכע צו קענען מאַכען,
מוז איך גאַנץ אין געהיים בויען
אויף אונמעגליכע זאַכען".

חנוך לנער על פי דרכו. עס לעזט, דוכט זיך, דאָס קינד אַ מעשה׳לע גאָר פון אַ גערויבטער בת־מלכה מיט גאָלדיגע האָאָר, וועלכע בייזע רוחות האָבען פערשפאַרט אין אַ פערכישופטען פעסטונג־שלאָס, בעהאַלטען בחדרי חדרים, און פון דעם בן־מלך דעם העלדישען בחור׳ל, וואָס בעקומט פון פאַרשטעלטע וואונדער־מענשען אַזעלכע שטיוועלעך, אין וועלכע מען שפּרינגט איבער ימים, און ער שפּרינגט אויף אַ וואונדערליכען אופן די בת־מלכה צו ראַטעווען. דאָס קינד וואָלט וועלען יענער העלדישער פּרינץ זיין. און ווען עס וואַקסט אויס דאָס קינד און זעהט די בת־מלכה „פרייהייט" פון גזלנים גערויבט אין פעסטונג פערשפאַרט, ערוועקען זיך אין איהם די כוחות און די בעגייסטערונג דער העלדישער בעפרייאונגס־פּרינץ צו זיין אום די גערויבטע פרייהייט צו ראַטעווען. דאָס איז בלויז למשל.

אַלע מערכען־וואונדער זיינען אריינגעוועבט אין די „דריי חופות". און מערקווירדיג איז די אידישע פאַנטאַזיע. ניט דער בן־מלך ראַטעוועט דאָ די בת־מלכה נור די פערביטענע בת־מלכה מאַכט דורך וואנדער־וואונדער אום איהם — דעם רעטער, דעם איינגעשלאָפענעם צו געפינען. איהם וועמעס גרויסע נשמה איז אַראָבגעשיקט געוואָרען אויף דער וועלט די געפאַלענע צו ערהויבען און וועמעס „האַרפע האָט געהאַט אַ זיסען קלאַנג, און זיין שטימע איז נאָך זיסער געווען ווי דער קלאַנג פון דער האַרפע, און זיסער פון ביידע איז געווען דאָס ליעד אַליין, וואָס ער האָט געזונגען. ער האָט געזונגען פון שפּעטערע, גליקליכערע צייטען, ווען אַלע טרעהרען וועלען אויסטריקענען און אַלע, די שוואַכסטע אפילו, וועלען גליקליך זיין..." — איהם האָט זי אויסגעזוכט, וואָרום ער האָט געזוכט, געזוכט זיין באַשערטע און ניט געפונען:

— „גאָט — האָט ער זיך איין מאָהל געשטעלט מיט אַ טענה צום הימעל — פאַרוואָס האָסטו מיך נאָר איינעם בעשאַפען? ווי קאָן איך איינער אַלע, אַלע העלפען?

„און אַ בת קול ענטפערט איהם פון הימעל:

— איך האָב אַן אדם הראשון בעשאַפען, און פון איהם איז די וועלט אַרויס. זוך דיר דיין חוה׳ן...

„און ער האָט אַלץ פערלאָזט און אַנגעהויבען זוכען... ער האָט אָבער נישט געפונען... עס איז זעלטען אַן אמת׳ע חוה... נישט געקינצעלט, נישט געפעלשט, נישט קינדיש־נאַריש־נאַשעריש... און ער האָט זיך נאָך אַ ציים ווייטער געשטעלט מיט אַ טענה צו גאָט:

„— איך געפין נישט, זאָגט ער.

„און פון הימעל האָט מען איהם געענטפערט: אַז דו קאָנסט ניט זוכען, וואַרט ביז מען וועט דיך זוכען און געפינען...“

און מען האָט איהם איינגעשלעפערט אין א הייהל. די בת־מלכה זוכט דאָס איהם אויף.

ווי אַנדערש איז די אידישע פאַנטאַזיע! איז דאָס דערפאַר, ווייל דער אידישער גאָט איז דעספאָטיש און אין א „זי“, אין דער שכינה, איז די אידישע פאַנטאַזיע געוועהנט געוואָרען צו זעהען די מדת הרחמים? איז דאָס דערפאַר אויך די „רחל מבכה“, וואָס פיהלט מעהר מיט די ליידען פון איהרע קינדער? אָדער איז דאָס דערפאַר, וואָס די אידישע פרוי איז בעפעהיגטער פאַר דער צוקונפט דורך דעם וואָס אין איהר געפינען זיך נאָך ניט ערוואַכטע קרעפטען, וועלכע זיינען אין מאַן שוין פער'חלש'ט געוואָרען? — ווער ווייס? אזוי שפּיעלט דעם פאָלקס פאַנטאַזיע אין דעם דיכטערס פאָרשטעלונג.

מערכען־גלויבען פאַר קינדער? איז דאָס ווירקליך פאַר ק י נ ד ע ר? פּרץ'ס „קליינע מעשה'לעך“ אפילו זיינען פאַר „גרויסע קינדער“, און בפרט דיזע גרויסע מעשותווי פאַר קליינע קינדער, קענען אודאי נור פון גרויסע פערשטאַנען ווערן. יעדע לעגענדע, יעדעס מערכען איז געוועהנליך אַלעגאָריש און סימבאָליש, און ביי פּרץ, ביי וועמען מען קען כמעט אומעטום געפינען פ ר ד ס, זיינען די געשיכטען, „מסירת נפש“ און „דריי חופות“ דורכגעוועבט און דורכגעפלאָכטען פ ר ד ס ־ קינסטלעריש, וואו א קינד פערשטעהט דעם ספור־פשט, דער בר־דעת פארשטעהט דעם רמז, דער חקירה־שכל קען אויספיהרען פון זיי א דרוש, און דער סוד און די סודי סודות בלייבען אמאָל, דעם אמת זאָגענדיג, טאַקע אונענטפּלעקט אפילו פאַר יודעי חן. אָבער דער שימערנדער חן פון דאָס געהיימניספולע זאָגט אייך, רעדט צו אייך, מאַגנעטיזירט אייך און לייכט־אויף פאַר אייך גאַנצע וועלטען פערבאָרגענע אין דער טיפעניש פון דעם אידען'ס טרוי־מערישע נשמה.

עס לייכטען אויף פערבאָרגענע וועלטען, ניט קוקענדיג אויף פּרץ'ס פּריוואַליטעט, וועלכע וואַרפט זיך אין די אויגען. איך מיין דאָרט, וואו דער דיכטער דיכטעט שוין ניט, נור פּלעכט אריין ניט מיט דער געטליכער השפעה, נור מיט געזונדען בעוואוסטזיין, מיט זיין אייגענעם ווילען א געדאַנק, וואָס דאָס שטערט דעם איינדרוק פון פאָלקסטימ־ליכקייט, ווייל עס פעהלט דער איינדרוק פון יענער נאאיוויטעט, פון יענע תמימות, וואָס איז די נשמה פון פאָלקסטימליכקייט. און אזעלכע שטעלען זיינען פיעלע. עס לאָזט זיך בעוואוסט צופיעל פיהלען דער איינדרוק פון פּרץ, פּרץ און פּרץ, ניט דעם פאָלק'ס פאַנטאַזיע רעדט שוין דעריין צו אייך, נור דער דיינקער און קינסטלער. אין דעם אויספיהר, למשל, פון „אַראָבגעלאָזטע אויגען“, וואו עס ווערט דערצעהלט פון א קרעטש־מער'ס צוויי טעכטער: די עלטערע, נחמה, „א מיידעל — א גאָלד, א גוטע נשמה, א שטילע. די גוטקייט קוקט איהר פון די שטילע אויגען ארויס און זי לאָזט זיך מדריך זיין, טאַקי: וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט און אלע גוטע פרומע לייט, וואָס שטעלען זיך אָב אין קרעטשמע, הייסען...“ די יונגערע, מלכה, „שניידט זיך שוין א ביסעל אין דער קרום. קיין שלעכטס, חס ושלום, נישט, נאָר אזוי: עפּעס א פערטראַכטע, א פער'חלום'טע, אַלץ פאַלט איהר פון די הענד... טהיילמאָל לאָזט זי אראָב די ברעמען און געהט ארום מיט א בלאַס פּנים ווי א קרייד, ווי אויפ'ן עולם הדמיון; רופט מען זי — גלייך מען וואָלט זי פון יענער וועלט אראָבגערופען — צי־טערט זי און פאַלט ממש פון די פיס“ — — — „און א התחלה פון מדות מגונות אויך: עס איז זי ניט אָבצורייסען פון קרעטשמע, בפרט ביינאַכט, ווען מען שפּיעלט

און טאַנצט. גאַנצע נעכט וואָלט זי געזעסן און די אויגען זיך אויסגעקוקט, ווי די יונגע פויערן שטיפן מיט די שיקסעס".

דער סוף איז אַז די יונגערע, וועלכע האָט חתונה געהאַט, פלעגט, זייענדיג אין דעם מאַן'ס אָרעמס, במחשבה הנאה האָבען פון יונגען פּריץ, וועלכען זי האָט אַמאָל געזעהען פון ווייטען, און די עלטערע, וועלכע דער פּריץ האָט געהאַלטען אין פּאַלאַץ, אָבער ניט מיט איהר ווילען, איז געווען ריין; „בשעת ווען מלכה האָט געזינדיגט מיט דער נשמה אין אַ ריינעם גוף, האָט נחמה, פאַרקעהרט, אָבגעלאָזט דעם גאַנצען גוף און ריין געהאַלטען די נשמה..."

דער אויספיהר איז, אַז ווען מען האָט לאַנג נאָך זייער טויט צוגענומען אַ שטיק בית־עלמין צו דער שטאָדט און מען האָט אויסגעגראָבען די קברים, זיינען נחמה'ס ביינער אַזוי צו־פוילט געווען שוין אַז עס איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען, און מלכה'ס איז געווען אינגאַנצען, פריש, כמעט מיט אַ פרישען שמייכעל אויפ'ן ווייסען פּנים.

„דאָס הייסט אַ צדקת! — האָבען מענשען געזאָגט — די ווערים האָבען אויף איהר קיין שליטה נישט געהאַט... ווארום אַזוי טראַכטען און זאָגען מענשען, וואָס זעהען נאָר מיט די אויגען פון אויבען אויף, און ניט וואָס אין האַרץ טהוט זיך, וואָס ביי עמיצען אויף דער נשמה איז..."

פּרופּט פערגלייכען דעם בילד מיט איין בילד, וואָס געפינט זיך אין אַמאָליגער פּרעכטיגער ערצעהלונג פּרץ'ס „דאָס שטריימעל", וואו עס דערצעהלט זיך אויך פון צוויי שוועסטער: „איין שוועסטער האָט געטראָגען פראַנק און פריי: פאַר גאָט אין שוהל, פאַר לייט אין גאַס, פאַר'ן סטראַזשניק, אַקציזניק און אַלע נעסט אין שענק!" — — — „אָבער די צווייטע האָט געטראָגען בסוד סודות, וועהען געקריגען אין אַ קעלער, דאָס קינד האָט אָבגענומען אַ שוואַרצע קאַץ..." — — — „און דער גאַנצער חילוק איז געווען, וואָס דאָס ערשטע איז געווען אויפ'ן שוהל־הויף, אויפ'ן אַלטען בערגעל מיסט, אונטער אַ ברודיג שטיק וואָלצייג מיט בעזילבערטע אותיות.... נאָר מ י ט ' ן שטריימעל — און דאָס צווייטע איז געשעהן ערגיץ אין אַ זינגענדיג וואַלד, אויף פרישען גראָז, מיט פרישע בלומען, אונטער גאָט'ס בלויען הימעל, אויסגעזייעט מיט זיינע שטערען, נור אָ ה נ ' ם שטריימעל".

ווען דער דיכטער וואָלט אויסגעוועבט דערפון אַ „פאָלקסטימליכע" געשיכטע, וואָס איז זעהר פּאַסיג, וואָלט דער איינדרוק אויסגעקומען אקוראַט אַ פאַרקעהרטער פון „אָראָבגעלאָזטע אויגען".

אָבער דאָס איז שוין דער כח פון דעם ים פון ראָמאַנטיק, אין וועלכען דער דיכטער שווימט איצט און ווייזט וואונדער. אין דיעזער ראָמאַנטיק האָט ער געפונען די קאָנסערווירענדע קראַפט פון דעם אידען'ס בעגייסטערונג פאַר מדות. און דאָרט, וואו ער פיהלט, וואו זיין וויסענשאַפטליכקייט זאָגט איהם, אַז דיעזע קאָנסערווירענדע קראַפט, וואָס איז אַ גלות־געצוואונגענע אויסלייטערונג דורך יסורים, איז דאָך אָבער ניט די פּרובטענדע קראַפט פאַר נייעם לעבען, פאַר פאָרטפּלאַנצונג, אַז אין'ם קאַמפף אום'ס דאַזיין איז נויטיג אויך די גבורה, ניט פון בטול־היש, נור די גבורה אָנצופאַסען די אומ־שטענדען צו זיך, שאַפען אומשטענדען פיר בענייאונג אונטער נייע צייטען, וואו עס דריקט זיין „איך וויל פ אַ ה ר ע ן אין דער צייט — איך וויל!" דאָרט דיקטירט איהם שוין דער וויסענשאַפטליכער שכל צו זאָגען, ווי ער לאָזט אוים אין „דריי מתנות".

„און דער אורים ותומים האָט געזאָגט: — אמת שעהנע מתנות, אויסטערליש

שעהנע.... צוניץ קומען זיי נישט. נאָר נישט לתשמיש, אָבער לנוי — אויסטערליש".
איז אָבער שעהנקייט פאַראַן אַן און פיר זיך, שעהנקייט אָהן נוצען און בפרט שעהנ־קייט ניט אין דער אויסערליכער נאַטור נור אין נשמה פון מענשען?
און דארום איז דאָס דער „אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי", וואָס עס רופט ארויס דיעזע ראָמאַנטיק.

* * *

מאַנכע בעצייכענען אונזער צייט אַלס די צייט פון טיעפער זעהנזוכט, פון טיעפער בייִנקשאַפט, פון גאָט־זוכעניש; בעזונדער ווייזט מען אָן אויף דיעזע גאָט־זוכעניש ביי די איידעלע גייסטער פון דער רוסישער ליטעראַטור; און וואו קען זי זיין נאַטירליכער אַלס אין דער מדינה, וואו מען האָט געהאַט אַזעלכע ערוואַרטונגען פון א זיסער צוקונפט און וואו מען האָט אַזעלכע יסורים פון א ביטערע געגענוואַרט; וואו מען האָט גע־מיינט, אַז אָט־אָט איז מען שוין פון דאָס אַלטע אַרויסגעפּאָהרען און וואו מען האָט זיך געכאַפּט, אַז מען איז נאָך אויף קיין איין האָאָר אין דאָס ניי־ערוואַרטעטע ניט אריינ־געפאָהרען.
און ניט בלויז אין רוסלאַנד, אומעטום פיהלט זיך אין די איידעלסטע קרייזען פון די פעלקער א בייִנקעניש, א לעבצען נאָך א נייער רעליגיאָן, נאָך א נייעם נשמה־אויסדרוק, נאָך א נייעם גייסטיגען אינהאַלט. אָבער מיר, אידען, קענען ניט פיהלען אַזא נויטיגקייט אין א נייער רעליגיאָן, ווארום מיר האָבען יענע נייע רעליגיאָן שוין לאַנג לאַנג געפונען. דער תמצית פון'ם אידען'ס רעליגיעזער עטהיק איז די רעליגיאָן פון דער צוקונפט, ווען זי וועט ערשט געפינען איהר פּראַקטישע אָנווענדונג, איהר אמת'ע אנ־פאַסונג צום לעבען, אָדער בעסער געזאָגט, די אַנפּאַסונג פון'ם לעבען צו איהר: אונזער „ואהבת לרעך כמוך", אונזער „מאי דסנא עלך לחברך לא תעביד", די נביאות פון א „והיה ביום ההוא" און פון א „והיה באחרית הימים" — דאָס זיינען די אידעאַלען פון דער מענשהייטס צוקונפט. און אין אונזערע איידעלסטע קרייזען, אין דער גייסטיגער זו־כעניש פון אונזערע קאָפּ־מענשען און הארץ־מענשען ליגט אַן אַנדער בייִנקשאַפט, א בייִנק־שאַפט נאָך זיך גופא — מיר זוכען ניט גאָט, מיר זוכען זיך אַליין, מיר ווילען אונז גופא געפינען. מיר זוכען אונזער פאָלק־לעבען. וואו און אין וואָס זאָלען מיר געפינען דעם לעבען פון אונזער פאָלק, זיין נשמה, זיין גייסטיגען אויסדרוק. דאָס האָט א נאַציאָן, וואָס איז צוזעעט און צושפּרייט געוואָרען, וואָס האָט זיך שיער ניט אַזוי ווי געהאַלטען ביים פערלירען, אָנגעהויבען צו זוכען זיך אַליין.
דיעזע זיך־גופא־זוכעניש איז צו זעהען אין די נאַציאָנאַלע טהעאָריען פון אונזערע דיינקער, אין דער שעהנ־ליטעראַטור פון אונזערע איידעלסטע דיכטער, אין אונזערע עטהיקער און עסטהעטיקער, פּאָליטיקער און טהעאָרעטיקער. ווי עס זאָלען זיך אין אַלע זייערע לעהרען און שריפטען ניט זעהען דיזעלבע אייגענשאַפטען, וואָס אין די לעהרען און שריפטען פון די דיכטער און דיינקער פון די אומות העולם, ווי אין זיי זאָלען זיך ניט פיהלען דיזעלבע שטימונגען, דערזעלבער געמיטהס־צושטאַנד, דיזעלבע עמפּפינדונגען, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש אויך ביי אַנדערע, ביי ניט־אידען, פון דעסטוועגען קומט ארויס בולט און בולט'ער פון אַלעם דאָרט די גאָט־זוכעניש און דאָ די זיך־גופא־זוכעניש.
איהר קענט אפשר ביי פּרץ'ן געפינען דיזעלבע פילאָזאָפישע מיסטיק ווי ביי אנדרעיעוו'ן, א פערטיעפען זיך אין דאָס אונבעשטימטע, א סימבאָלישע אייגענשאַפט

אויסצודריקען דאָס וואָס לאָזט זיך אין ווערטער ניט אַרויסגעבען, אין פאָרמען ניט אויסגיסען, און דאָך וועט איהר דערפיהלען ביי איינעם די גאָט־זוכעניש און ביי דעם אַנדערן אַ מין זיך־גופא זוכעניש אין דער גאָט־זוכעניש.

ביי אַנדרעיעוו'ן זאָגט דער ע מ י צ ע ר, דער שומר פון די טויערן וואָס דריקען די ערד מיט זייער אייביגער שווערקייט, דער גרויער עמיצער, וועלכער דריקט אויס דורך ווערטער און דורך שווייגענהייט די שטומע און ריידענדע אויביגקייט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען די שטימע פון גאָט, עפּעס אַזעלכעס ווי דאָס, וואָס ביי פּרץ'ן דריקט אויס דער איד, דער מקובל.

„אָבער ניט מיט מאָס ווערט אויסגעמאָסטען" — ענטפערט דער עמיצער אויף אַשמדאַי'ס פראַגע פאר וואָס איז אומגעקומען דער בעל מדות דוד לייזער — „און ניט מיט צאָהל ווערט אויסגעצעהלט און ניט מיט וואָג ווערט אָבגעוועגט דאָס וואָס דו ווייסט ניט, אַשמדאַי. דאָס ליכט האָט קיין שיעור ניט און עס איז קיין גרעניץ ניטאָ צו דער צוצונטערונג פון פייער; עס איז פאַראַן רויטער פייער, פאַראַן געלער און פאַראַן ווייסער פייער, אויף וועלכען די זון ווערט צוברענט ווי געלער שטרוי — און עס איז פאַראַן נאָך אַן אַנדערער, אַן אונבעוואוסטער פייער, דעם נאָמען פון וועלכען קיינער ווייס ניט, ווארום עס איז קיין גרעניץ ניטאָ דער צוצונטערונג פון פייער. און דוד, דער אומגעקומענער אין צאָהלען, דער טויטער אין מאָס און אין וואָג, האָט עררייכט אונ־שטערבליכקייט אין דער אונשטערבליכקייט פון פייער".

און אין פּרץ'ס „מקובלים" דריקט אויס דער פערהונגערטער איד, וואָס קומט אום פון תעניתים און סגופים, זיין כלית הנפש אי זדער העכערער בחינה פון אַ נגון, אַזוי ווי עררייכענדיג אונשטערבליכקייט אין דער אונשטערבליכקייט פון דעם נגון:

„.... עס איז פאַראַן אַ נגון" — לערענט דער בעל־יסורים, דער ראש־ישיבה, מיט זיין אויסגעהענדען פון הונגער תלמיד — „וואָס מוז האָבען ווערטער.... דאָס איז גאָר אַ נידעריגע בחינה. עס איז פאַראַן אַ העכערע בחינה: אַ נגון, וואָס זינגט זיך אַליין גאָר אָהן ווערטער — אַ ריינער נגון! נאָר דער נגון דאַרף נאָך האָבען אַ קול און ליפּען, דורך וועלכע דאָס קול געהט אַרויס... און ליפּען, פאַרשטעהסט דו, זיינען דאָך גשמיות! און דאָס קול אַפילו, ס'איז אַן עדעלער גשמיות, גשמיות איז עס! לאָז זיין אַז דאָס קול שטעהט אויף דער גרעניץ צווישען רוחניות און גשמיות. נור סיי ווי סיי דער נגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול וואָס הענגט אָב פון די ליפּען, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אין גאַנצען ריין; נאָך נישט קיין אמת'ע רוחניות!... דער אמת'ער נגון אָבער זינגט זיך גאָר אָהן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניג, אין האַרץ, אין די געדערים! אָט דאָס איז דער סוד פון דוד המלך'ס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה... אין'ם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער נגון — דער העכסטער שבח פאר גאָט ברוך הוא! דאָס איז נישט דער נגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז ניט קיין א ו י ס גע ט ר אַ כ ט ע ר נגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון אַ נגון, מיט וועלכען גאָט האָט די וועלט בעשאַפען, פון דער נשמה, וואָס ער האָט אריינגעזאָסען אין איהר... און אַזוי זינגט די פמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „יוד" זכרונו לברכה!...."

*   *   *

דער דיכטער האָט געפונען זיין פאָלק, ניט אין דער אַלט־אַלטער קלאַסישער פערגאַנגענהייט, ווען דאָס פאָלק האָט געלעבט אַן אונאַבהענגיגען לעבען אויף זיין לאַנד.

אַך, דערפון איז שוין קיין זכר אין פאָלק ניט געבליבען. ער האָט געפונען דעם פאָלק'ס גייסטיגען אויסדרוק אין דער פארהערליכונג פון מדות, אָבער מדות, מעהרסטען וואָס זיינען פאַסיוו, מדות פון אַ גלות־פאָלק: גבורה פון צוריקהאַלטונג, פון ניט עובר זיין, פון אויסשטעהן נסיונות. אָבער ניט וועלענדיג שוועבט דאָך איבער זיי די קדושה פון בית־מדרש פרומקייט. און ביי דער גרויסער הנאה, וואָס מען האָט פון אַזאַ גייסטרייכע בענייאונג פון דאָס אַלטע, ערוועקט זיך דאָך די מורא, אַז ווען די תלמידים וועלען אָנהויבען טרעטען אין דעם וועג, זאָל חס חלילה ניט פּאַסירען היינע'ס משל וועגען דער ראָמאַנטישער אויפלעבונג אין דייטשלאַנד. פון דעם וועלען פעריונגען דאָס אַלטע, זאָל ניט איבערגענומען ווערען אַן איבעריגע דאָזע און מען זאָל ניט צו־יונג ווערן — ממש ניט קינדעריש ווערן. אין אונזער פאל וועט דאָס הייסען ניט צופיעל אריינ'חלום'ען זיך אין דעם קדושה־גייסט פון בית־מדרש'דיגע, אַסקעטישע ריינקייט, ניט פארקנעכערט ווערן אין דער פעראונווירדיגונג פון תענוגי עולם הזה. אַך, אין די רייצונגען פון לעבען, פון גענוס, פון פערווירקליכען אַ גן־עדן פון גשמיות־רייכקייט פאר געזונדע גופים, אין וועלכע עס זאָלען זיין שעהנע נשמות — איז דען דעריין אויך ניט אַ קוואל פאר אַ פאָלקס־גבורה? אָבער וואו נעהמט מען די כחות!...

אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי — און בפרט ווען עס ציהט דער „איך וויל פ אָ ה ר ע ן אין דער צ י י ט, איך וויל!..."

מ. לעאַנטיעוו:

באדלער און זיין פאעזיע

אַ וואונדערליכען בילד רופט אַרויס אין אונז דער נאָמען באָדלער, ווען מיר בעגעגענען איהם אין דער וועלטליטעראַטור. און אומעטום טרעפען מיר איהם, ניט נור אין זיין מוטערשפּראַך, אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע, נור אויך אין די מאָדערנע דיכטונגען פון די אייראָפּעאישע פעלקער. ניט פיעלע פּאָעטען נאָך באָדלער'ן זיינען געגאַנגען פאַרביי איהם און האָבען ניט געפיהלט זיין ווירקונג אויף זייער דיכטונג. און דאָך איז פאַר דעם ליעבהאָבער פון פּאָעטישען שאַפען דאָס בילד פון באָדלער דעם דיכטער אין נעבעל־וואָלקען איינגעטונקט, און פאַר דעם זוכער נאָך דעם בעגראָבענעם אוצר טאַנצען בלויע פייערלעך אַרום אין דער קיהלער נאַכט.

ווי אויף אַ פּאָרטרעט פון וויסלער געמאָהלט, אַ שטודיע פון שוואַרץ אין שוואַרץ, שיינט פאַר אונז אַרויס דאָס דיכטער בילד פון באָדלער נאָך אַ לענגערען איינטראַכטען זיך אין זיין שאַפען. לאַנגזאַם קומען אַרויף די שטריכען, עס ווייזט זיך די נשמה און דאָ און דאָרטען צייגט זיך אַ צוק פון אַ קראַנקען נערוו, ביז עס טרעט אַרויס צו אונז אַ בילד פון אַ מענשען מיט אַ גליהענדער נשמה, וועלכער פיהלט, אַז ער טראָגט אין זיין אייגען גוף די טראַגעדיע פון זיין קונסט.

בעטראַכט פון וויטען שטאַנדפּונקט פון דער מענשליכער קולטור־געשיכטע און בעמאָסטען מיט דער מאָס פון יאָהרהונדערטער, צייגט זיך אַז איטליכער קינסטלער איז געווען אַ בעשעפעניס פון זיין צייט און זיין ווערק איז אַן אויסדרוק פון זיין עפּאָכע. אַזוי זיינען די טראַגעדיעס פון סאָפאָקלעס דורך און דורך העלעניש אין זייער מעשה און אין זייער וועלטאַנשויאונג; און אַזוי ווייזען אויך די בילדער פון רובענס די רייכע און געזונטע פרייד פון לעבען פון דער זאַטער האָלענדער רעפּובליק. צוקוקענדיג זיך אָבער פון נאָהענטען, צעהלענדיג צעהנדליגער יאָהרען און ניט הונדערטער, פערגלייכענדיג איין מענשען מיט דעם אַנדערען, איין דיכטער מיט דעם צווייטען, געפינען מיר קינסטלער, וועלכע בעלאַנגען אין גאַנצען צו זייער צייט און אויך אַזעלכע, וועלכע האָבען געקענט זיך ענטפלעקען פופציג יאָהר פריהער אָדער פופציג יאָהר שפּעטער. דאָס קומט דערפון וואָס די אידעען פון די לעצטע דערמאָנטע זיינען ניט דער אויסדרוק פון דעם רבים פון יענער צייט און אויך ניט פון דעם רבים פון דעם דור גלייך נאָך זיי. דאָס זיינען געווען מענשען ביי וועמען די געזעלשאַפטליכע זייט פון זייער כאַראַקטער איז ניט געווען שטאַרק ענטוויקעלט און די ריין פּערזענליכע האָט דערפאַר פערנומען אַ גרעסערען פּלאַץ. וואָס עס זאָלען ניט זיין די אורזאַכען פון אַזאַ שטעלונג פון דעם קינסטלער צו אַ איינזייטיגע ערציהונג אָדער אַ גייסטיגע קרענקליכקייט, דער פאַקט איז אָבער דאָס, אַז זיינע ווערק זיינען ניט אויף אַזוי ווייט אַן אויסדרוק פון זיין צייט, אַז מיר זאָלען דורך איהר קענען אויסטייטשען זיין שאַפען.

באָדלער איז אַזאַ דיכטער, וועלכער איז ניט קיין דירעקטער אויסדרוק פון זיין עפּאָכע, ניט אין די גרויסע ליניען פון זיין דיכטונג, ניט אין דעם וועג וואָס ער

האָט איהר געגעבען, און ניט אין די אידעען דורך וועלכע זי ווערט געטראָגען. אמת, באַדלער איז אַ קינד פון נייַנצעהנטען יאהרהונדערט און דורכאויס ניט פון אַכטצעהנטען, אָבער ער האָט געקאָנט פּונקט אַזוי גוט שרייבען אין יאָהר אַכצעהן הונדערט און צעהן, אָדער אין יאָהר אַכצעהן הונדערט און נײַנציג. אין זיינע ליעדער האָט ניט אָבגעהילכט דער זיעגעס־מאַרש פון דער נאַטורוויסענשאַפט, וואָס האָט דאַמאָלס געקלונגען אַזוי הויך, און די בליצען פון דעם גרויסען שטורם פון רעוואָלוציאָן, וואָס האָט אין יאָהר 1848 געֿ'רעש'ט דורך גאַנץ אייראָפּא, האָבען אין זיינע ווערק ניט אריינגעלויכט.

טשארלס פּיערר באַדלער איז אַ קינד פון פּאַריז, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1821. זיין פּאַטער איז געוועזן אַן עכטער קינד פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, אין זיינע אינגערע יאָהרען אַ פריינד פון פילאָזאָפען און פריידענקער; אַ ליעבהאָבער פון נאַטור און קונסט; אַ לעבעמאַן פול מיט וויטץ, אָבער אויך, ווי ווייט מען קען דערגעהן, אַ צובראָכענער און איבעריגער מענש. שוין אויף דער עלטער האָט זיין פאַטער חתונה געהאַט, צום צווייטען מאָל, מיט אַ יונג מיידעל, און פון דעם ניט גאַנץ גלייכען שידוך איז געבאָרען געוואָרען דער דיכטער. זעקס יאָהר אַלט איז ער געבליבען אַ יתום אָהן אַ פאָטער און ניט מעהר ווי מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט זיין מוטער חתונה געהאַט פאַר אַ צווייטען מאַן. אַזוי איז דאָס יונגע שפּראָץ פון אַ פערפוילטען בוים געבליבען אָהן דער פיהרענדער האַנט פון אַ פאַטער און אָהן דער ליעבענדער אויג פון אַ מוטער. באַדלער'ן האָבען אין זיין קינדהייט ניט געפעהלט קיין מיטלען, אָבער עס האָט איהם געפעהלט די ליעבע פון אַ טרייער און שטאַרקער מוטערהערץ, וואָס זאָל זעהען אָפּהיטען דאָס קראַנקע צווייגעלע, אַז ער, דער קינד פון „משוגענע אָדער אידיאָטישע דורות“, זאָל ניט געבראַכט ווערען פאַר אַ קרבן אויף דעם מזבח פון זייערע משונה'דיגע ליידענשאַפטען.

אין דעם ערסטען געדיכט פון זיינע „בלומען פון שלעכטס“, וועלכע ער רופט אָן „די ברכה“, שפּריצט דער דיכטער אַרויס דאָס גיפט וואָס זיין יוגענד האָט אין איהם דיסטילירט, און וואַשט עס נאָכדעם אָב מיט זיינע טרעהרען פון ליידען. ער דערצעהלט, אַז ווען ער איז געבוירען געוואָרען, האָט זיין מוטער אויפגעהויבען איהרע פויסטען צו גאָט און האָט געלעסטערט זיין נאָמען:

„ביי וואָלט איך בעסער געבראַכט אויף דער וועלט אַ נעסט פון עקדעשען, איידער צו שפּייזען דיזען פערזעהענים! פערפלוכט זאָל זיין די נאַכט מיט איהר פאַרביי־פליהענדער לוסט, ווען מיין לייב האָט עמפּפאַנגען זיין עונש! ווייל דו האָסט מיך אויסגעוויילט פון אַלע פרויען צו זיין דער קרבן פון מיין יאָמערליכען מאַן, און ווייל איך קען ניט וואַרפען אין פייער, ווי אַ צעטעל פון ליעבע, דעם צוקריפּעלטען גוף, וועל איך אויסגיסען דיין האַס, וואָס צודריקט מיך, אויף דעם פערשאָלטענעם שליח פון דיין שלעכטס, און איך וועל אַזוי אַרויסרייסען דעם מיזעראַבעלען בוים, אַז ער זאָל מעהר ניט קענען שפּראָצען זיינע פערגיפטעטע קוויטען!“

און דער דיכטער ערצעהלט אונז ווייטער ווי מלאכים האָבען בעהיט דעם אָרימען יתום און ווי זיינע נאָהענטע האָבען איהם געפּייניגט. פיעל ליידען פון זיין לעבען בעוויינט דער פּאָעט, די בושה און חרפּה וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן אין דער וועלט, און דאָך בעזיעגט ער אַלעס דורך זיין דיכטער הערץ, און ליליען שפּראָצען פון זיינע טרעהרען אַרויס, און אַ ליובגעזאַנג קלינגט פון זיי:

„זיי געבענשט, מיין גאָט, וואָס דו שענקסט דאָס ליידען ווי אַ געטליכע רפואה צו

אונזער שמוץ און ווי דאָס בעסטע און ריינסטע מיטעל, וואָס גרייט צו דעם שטאַרקען פאַר הייליגע תאוות".

דיזעס געדיכט „די ברכה" איז איינע פון באדלער'ס דיכטונגען, וועלכע איז גע־שריבען געוואָרען פון טיעפען הערצען און עס זאָגט פיעל פון דעם דיכטער'ס לעבען. ווי מיר וועלען קענען זעהען שפּעטער, איז „די ברכה" כאַראַקטעריסטיש פאַר באַדלער'ס שאַפען; זיין געדאַנקענגאַנג, זיין וועלטאַנשויאונג און זיין געפיהלס־לעבען צייגען זיך אַלע אַרויס אין דיזען געדיכט.

דאָך דאַרף מען ניט נעהמען ביי באַדלער'ן די ווערטער אין בוכשטעבליכען זין פון זיין געדיכט. זיין מוטער האָט וואהרשיינליך ניט געהאַט פיעל ליעבע צום פאָטער און איז אַליין ניט געוועזען פעהיג געגוג צו ערציהען אַזאַ קאָמפּליצירטע און קרענקליכע נאַטור ווי איהר קינד. ביידע, די מוטער און דער שטיפפאָטער, האָבען איהם געגעבען לערנען אין די שולען און מיט מאַטערנים איז ער דורכגעקראָכען. זיי זיינען אָבער גאָר ניט געפעלען געוואָרען זיינע פּאָעטישע נייגונגען. זיין שטיפפאָטער האָט זיך געהאַט דערדיענט ביז צו אַ פעלדמאַרשאַל און איז שפּעטער געוועזען דער אַמבאַסאַדאָר פון פראַנקרייך אין מאַדריד און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט פּרובירט מאַכען באַדלער'ן פאַר אַ דיפּלאָמאַט, און ווען דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבען, האָט ער איהם געשיקט אויף אַ וויטע רייזע אין די אָסט־אינדישע אינזלען און געוואָלט מאַכען פון איהם אַ סוחר. אָבער דער דיכטער האָט נאָך מעהר צופלאַמט זיין געמיטה מיט די פּראַכט פון מזרח און ער האָט ניט געקענט מעהר פערגעסען די ריחות פון די בשמים אינזלען. זיין לעבהאַפטע פאַנטאַזיע האָט דאָרטען געפונען בילדער אין וועלכע זיך צו פערקער־פערן און זיין נשמה פון אַ קראַנקען דור האָט געטראָפען איהר שטימונג אין דער פער־חלום'טער מזרח וועלט. אַנשטאָט אַ געשעפטסמאַן מיט אַ פּראַקטישען קוק אויף דער וועלט פון ריכטימער, איז באַדלער געקומען צוריק מיט אַ קאָפּ פול מיט פאַנטאַזיעס און מיט אַ מולאַטקע, וועלכע ער האָט היים געליעבט און בעזונגען, און וועלכע איז געוועזען דער פלוך פון זיין לעבען.

באַדלער איז אויף זיין לעבענס־וועג געבליבען אַ דיכטער, און זיינע עלטערן האָבען זיך מיט דער צייט פון איהם אָבגערוקט און פלעגען זיך נור דערמאָנען אָן איהם ווען ער פלעגט בעטען ביי זיי געלד. באַלד האָט ער פערזוכט די צרות פון אַ לעבען אָהן אַ בעשטימטער פּרנסה. שולדען זיינען געוואָרען און האָבען געוואַקסען און בעל חובות האָבען פערביטערט דאָס לעבען פון דעם אונצופרידענעם דיכטער. צופרידען איז ער ניט געווען ניט מיט דער וועלט און ניט מיט זיך, אָבוואָהל ער האָט פריה ערוואָרבען די אַנערקענונג פון איינצע ליטעראַרישע מבינים.

אין זיין יוגענד איז באַדלער געווען אַ שעהנער און האָט זיך געהאַלטען מעשה פּראַנט. ער האָט געזוכט זיך צו האַלטען ניט אַלס קינסטלער נור ווי אַ דזשענטלמען און פלעגט אָבהיטען די קלענסטע אייגצעלהייטען פון קליידונג און בענעהמונג; זיין העפ־ליכקייט איז געווען איבערטריבען און איז געווען ווי געקינצעלט, און זיין גאַנצע האַלטונג האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון מאַנעריזם. עס איז נויטיג געווען דאָס דאָ צו דער־מאָהנען, ווייל עס איז איינער פון די צייכענס פון זיין גייסטיגען צושטאַנד.

רייזענדיג פלעגט באַדלער צעהלען זיינע ווערטער און פלעגט בענוצען די געקלי־בענסטע אויסדריקע. זיצענדיג אין אַ געזעלשאַפט פלעגט ער ליעב האָבען אָבצוזאָגען

עפעס אן אונגעהייערע אדער שוידערליכע מיינונג מיט א רוהיגער און קאלטבלוטיגער מינע און פלעגט זי פערטיידיגען מיט א מאטעמאטישער רוהיגקייט. זיין גייסט האט זיך ניט אויסגעצייכענט ניט אין ווערטער און ניט אין זייער ריכטונג, נור אין דעם וואס ער פלעגט זעהען די וועלט פון א בעזונדערען שטאנדפונקט, אונטער אן אנדער ווינקעל און דערפאר פלעגט ער בעמערקען וואס אנדערע זעהען ניט. אזוי ערצעהלט זיין פריינד דער דיכטער גאטיע.

באדלער האט געהאט אן איבער־ענטוויקעלטען חוש הריח, וואס ער האט אמאל זעהר שעהן אויסגעדריקט אין זיין בעקאנטער פראזע: „מיין נשמה שוועבט ארום אויף ריחות ווי אנדערע נשמות שוועבען אויף מוזיק“. זיין חוש פאר ריחות איז אבער אפט געווען א פערקעהרטער און אנדערש ווי ביי דער איבעריגער וועלט. עס איז קיין פראגע ניט, אז באדלער האט געקראגען בירושה פון זיינע עלטערן א גייסטיג קראנקען געמיטה, וועלכען ער האט דורך זיין לעבען אין גאנצען רואינירט. זיין נאטירליכע נייגונג צו מרה שחורה האט איהם יונג געפיהרט צום וויין און צום אפיום. „אין דער ענגער וועלט — זאגט ער אין אן ארט — וואס איז אזוי פול מיט עקעל, וויים איך נור איין זאך וואס דערפרייט מיך: דאס גלעזעלע אפיום“. ער האט געשריבען א לענגערע אבהאנדלונג וועגען אפיום און זיין ווירקונג אויף דעם מענשען. נאך מעהר, ער האט אויפגעשטעלט א גאנצע טעאריע וועגען די קינסטליכע גן־עדן׳ס וואס דער מענש טראכט אוים זיך צו טרייסטען אין דעם עמק הבכא. „דער מענש,“ זאגט ער, „האט אין זיך א וואונש פאר דאס אונענדליכע און ער זוכט מיטלען ווי זיך צו דאס אונענדליכע צו דערנעהנטערען“. דיעזער געדאנק ענטהאלט אין זיך פיעל וואהרהייט, דען וואס אנדערס איז דער עיקר פון די מייסטע רעליגיאנען וועלכע די מענשען האבען בעשאפען, אויב ניט מיטלען זיי צו בעגייסטערען און מאכען גלויבען אז זיי האבען זיך דערנעהנטערט צום אונענדליכען? אויך אין די מענשליכע זינד און לאסטער זעהט באדלער דעם ביינקען נאך דער אונענדליכקייט, אבער עפטער טרעפט דער מענש ניט דעם ריכטיגען וועג. און פארוואס טרעפט ער ניט דעם וועג וואס פיהרט צו דער גרויסער אונענדליכקייט, צו די פאלאצען פון קריסטאלענעם אייז און צו דער הארמאניע אהן טענער? ווייל דער גייסט פון שלעכטען אין דער וועלט, דער יצר הרע, דער שטן, דער דריי־איינינער גרויסער סאטאן פון דער קריסטליכער קירכע זוכט אראפצופיהרען דעם מענשען פון וועג און טרייבען איהם צום בייזען און לאזט איהם ניט אריינקומען אין דער בחינה של חסד, וואוהין זיין נשמה גארט.

א מענש מיט דעם טאלאנט פון א באדלער האט זיך ניט געקענט בעגנוגענען מיט די ווירקונג פון וויין און אפיום אליין, ער האט זיך נאך, ווי מיר זעהען, געמוזט שאפען א מיסטישע ערקלערונג פאר זיין טהאן. זיין מיסטיציזמוס האט ער, ווי עס שיינט, גענומען אומבעוואוסטערהייט פון דעם גלויבען פון זיינע קינדער יאהרען, פון דער קאטוילישער קירכע. און קאטויליש איז באדלער געווען זיין לעבענלאנג, דורך און דורך. דאס הייסט ניט. אז ער האט געגלויבט אין דער קריסטליכער אמונה נאך דעם קאטוילישען נוסח. פערקעהרט, ווי ווייט מען קען ארויסזעהן, האט ער אין קיין בעשטימטער רעליגיאן ניט געגלויבט און האט ניט אבגעהיט קיין עבודה. איך וויל נור זאגען דערמיט, אז זיין געדאנקען־גאנג און נאך מעהר זיין לעבען פון געפיהלען האט געטראגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון דעם קאטוילישען מיסטיציזמוס. זיינע שריפטען און איבערהויפט זיינע לידער זיינען דורכגעדרונגען מיט דער סאטאנישער מאכט וואס

וויל דעם מענשען פיהרען צום בייזען, זיינען פול מיט געדאַנקען פון חרטה און תשובה, און דאָס אַלעס איז ווידער דורכגעמישט מיט דער פערגעטערונג פון דער תאוה אויף אַזוי וויט אַז די חרטה אַליין ווערט נור אַ מיטעל צו דער תאוה. ער זינדיגט, האָט חרטה, איז זיך מתודה און זינדיגט ווייטער און דערוויייל רויכערט זיך ווייהרויך אונטער הויכע געוועלבען, קינדער־שטימען זינגען הייליגע ליעדער און די מאַראָנאַ קוקט אַראָפּ מיט איהרע ליעבע אויגען אויף דעם זינדיגען.

באָדלער האָט גוט געקענט ענגליש און איז פריה אויפמערקזאָם געוואָרען אויף דעם גרויסען אמעריקאנער דיכטער פּאָ. צווישען באָדלער און פּאָ איז געווען אַ געוויסע עהנליכקייט אין זייער לעבען און דיכטען. באָדלער דערצעהלט, אַז פיעלע געדאַנקען און געפּלאַנטע בילדער זיינע האָט ער געטראָפען ביי פּאָ איידער ער האָט זיי אויפגעשריבען. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט וואָס באָדלער'ן זיינען שטאַרק געפעלען געוואָרען פּאָ'ס שריפטען, אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט איבערזעצט אין פראַנצויזיש אַ גרויסען טייל פון זיינע ערצעהלונגען. פיעל פון פּאָ'ס בעריהמטהייט אין אייראָפּאַ פערדאַנקט ער דער אויסגעצייכענטער אַרבייט פון באָדלער'ן און זיין מייסטערשאַפט פון דער פראַנצויזישער שפּראַך.

צו פיער און דרייסיג יאָהר האָט באָדלער אַרויסגעגעבען זיינע געקליבענע געדיכטע אונטער דעם נאָמען „די בלומען פון שלעכטס“. שוין דער נאָמען „בלומען פון שלעכטס“ האָט די מענשען אויפגעבורעט. וואָס פאַר אַ בלומען קענען דאָס אַרויסוואַקסען פון שלעכטס, וואָס פאַר קווייטען קענען זיי טראָגען? און ווער וויל עס שמעקען דיזע בלומען, ווער וויל הערען זייערע גערוכען? די מענשען וועלכע זיינען צוגעוואָהנט צו דעם אַלטעגליכען, צו דאָס וואָס איז געווען נעכטען רעכט און איז נאָך היינט גוט, האָבען זיך דערשראָקען. עס איז געווען ווי אַ בעליידיגונג. סטייטש, ווען שלעכטס לאָזט וואַקסען בלומען, טאָ מיט וואָס איז שעהנער דאָס גוטע? און זיי זיינען אָנגעפאַלען אויף דעם אָרעמען דיכטער, וועלכער האָט אייגענטליך ניט געמיינט אַזוי שלעכטס. דעם בוך און דעם שרייבער און דרוקער האָט מען געבראַכט צום געריכט און איינינגע פּאָעמען האָט מען פערבאָטען. דער דיכטער האָט זיך אפילו פערענטפערט, אַז ער האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט. אַלע ערשיינונגען פון מענשליכען לעבען זיינען שוין בעזונגען געוואָרען, ער אָבער, האָט ער געזאָגט, וויל געפינען אַ נייעם פעלד און ער האָט זיך אויסגעזוכט דאָס פעלד פון דעם זינדיגען מענשען; ער האָט דאָס געטהאָן ניט אויס סימפּאַטיע מיט איהם נור וויל עס איז אַ נייעס. אַז באָדלער האָט זיך געוואָלט איינרעדען אַז עס ציעהט איהם ניט צו אַזעלכע טעמאַס, איז קיין צווייפעל ניט. דאָס שטימט איין מיט זיינע קאָרעקטע מאַניערען און מיט די פיעלע אַנדערע פּאָזעס וואָס ער האָט אָנגענומען אין לעבען. עס איז אָבער אויך קיין שום ספק ניט, אַז באָדלער'ן האָט געצויגען צו די בלומען פון שלעכטס פון דעם טיעפסטען קוואַל פון זיין נשמה. באָדלער דער מענש און באָדלער דער דיכטער פון די „בלומען פון שלעכטס“ איז ניט פאַנאַנדערצוטיילען. באָדלער'ס געדיכטע זיינען אַ פאָלשטענדיגער אויסדרוק פון זיין פערזענליכקייט, ווי די היינטיגע פּסיכאָלאָגיע פערשטעהט דאָס פּראָבלעם באָדלער. דאָס ערקלערט אויך ווי אַזוי אַ מענש ווי באָדלער האָט מיט איין בוך געדיכטע, וועלכע האָבען ניט דערגרייכט די גרויסע מייסטערס פון דער פראַנצויזישער פּאָעזיע, געקאָנט האָבען אַזאַ ווירקונג אויף פיעלע פּאָעטען פון דער וועלט. די „בלומען פון שלעכטס“ זיינען געווען דער אויסגוס פון דיכטער'ס נשמה מיט איהר

צוריסענקייט און פאַרביטערטקייט, מיט איהר עמפּערונג און ענטריסטונג און אויך מיט איהר געוויין און חרטה. און אויף אַזוי ווייט איז עס געווען אַ קונסטווערק.

צווישען באָדלער'ס געדיכטע געפינען מיר נור עטליכע וועלכע האָבען דעם קלאַנג פון אַן עכטען ליעד, וואָס טראָגט זיין מוזיק אין זיך און וואַרט נור אויף זיין ענט־פּלעקונג אין געזאַנג. ער האָט ניט דעם קלאַנג פון היינע, ניט די מוזיק פון מיוסע און ניט די געטליכע זיסקייט פון שעללי, און דאָך איז באָדלער שטענדיג אַ ליריקער. די „בלו־מען פון שלעכטס" זיינען ליריש ווייל זיי זיינען אַן אויסדרוק פון דיכטער'ס אייגענעם לעבען, ווייל אַלעס וואָס ער דיכטעט דאָ האָט ער איבערגעלעבט אין דער אויסענוועלט אָדער דערטרוימט אין זיין אינערליכער וועלט. דאָס וואָס די אויסענוועלט האָט אין דערזעלבער צייט געטהאָן פאַר זיך האָט באָדלער'ס דיכטונג ניט בעאיינפלוסט: ער איז, ווי דער כּלל גייסטיגע ליידענדע, געווען צו פיעל פערנומען מיט זיך און מיט דער האַלטונג פון דער וועלט צו איהם.

מיט דעם געשמאַק פון אַן אמת'ן דיכטער האָט באָדלער געפונען די בעסטע שפּראַך וואָס זאָל פּאַסען פאַר זיינע געדיכטע. ער בענוצט זיך אָפט מיט דער שפּראַך פון די נביאים און נאָך פיעל עפטער מיט דער שפּראַך פון די קאַטוילישע תפילות. עס דוכט זיך אָפט, אַז אַ דאָמיניקאַנער גלח שטעהט און מוסר'ט די זינדיגע וועלט מיט אַ שמוציגער מויל, און שטראָפט און שרעקט איהר מיט קעסלען פון זודיגען בליי און געברענטע אייזערנע ריטער. באָדלער בענוצט זיך אָפט מיט האַרטע ווערטער, וועלכע ווערען זעלטען געברויכט אין ביכער, און זייער אונערוואַרטעטער קלאַנג מאַכט אָפט אַ שטאַרקע ווירקונג. אָפטמאָלס געהט דער טויט דורך זיינע געדיכטע און עס קלינגט פון איהר דאָס קירכליכע: געדענקט דעם יום המיתה!

באָדלער פאַנגט אָן די „בלומען פון שלעכטס" מיט אַ געדיכט אַלס פאָררעדע, אין וועלכער דער אויפמערקזאַמער לעזער קען גלייך דערקענען די כאַראַקטער־שטריכען פון דיכטער. ער בעקלאָגט זיך אויף די שוואַכקייט פון די מענשען: נאַרישקייטען, פויל־קייט און זינד בעוועגט זייערע קערפּערס און פיהרט זייער גייסט; זיי האָבען חרטה און זינדיגען ווייטער און זייערע זינד זיינען קליין און קנאַפּ, און דער טייוועל זיטצט און פּערשלעפּערט זייער ווילען. פון אַלע שלעכטס איז אָבער דאָס גרעסטע די מרה שחורה פון לאַנגווייל ען זיך. אָט דיזער פּלוצלונגער איבערגאַנג פון זינד צו לאַנגווייל ען זיך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר באָדלער'ן, וועלכער האָט אין מיטען פון זיין קרעכצען זיך דערמאָהנט אַז ער איז אַ דזשענטלמען און דאַרף זיך לאַנגווייל ען און דאַרף דער וועלט געבען צו פערשטעהן, אַז אַלעס וואָס ער האָט דאָ אָנגעשריבען איז געווען פון ריינער לאַנגווייל ע.

צום גליק איז דער דיכטער שטאַרקער פאַר דעם דענדי און די ערשטע געדיכט פון בוך איז „די ברכה", וועלכע איך האָב שוין פריהער דערמאָהנט. דער מוטער'ס גאָט־לעסטערן אין דער „ברכה", די ליידען פון דיכטער און דער לויב צו גאָט פאַר די לייטערונג וואָס ער שיקט אָן אויף די מענשען זיינען מיטעלאַלטערליך און הייליג קריסטליך. „איך ווייס," זאָגט דער דיכטער, „אַז דער שמערץ איז דער איינציגער אָדעל, וואָס די ערד און די אונטערוועלטען וועלען קיינמאָל ניט צערשטערען און אַז זיין מיסטישע קרוין וועט ניט אָראָבפאַלען אין דעם קיום פון די צייטען און די וועלטען."

דאָס בוך איז פול מיט קאָטאָליציזמען, דורכגעמישט מיט ווילדע ליידענשאַפטען. אָבער דיזע ליידענשאַפטען טראָגען אין זיך ניט די פרייד פון די היידנישע זינגער.

עס פעהלט אין זיי די פרייד פון לעבען, די לוסט פון דעם זיין, יענער נעטליכער עקסטאַז וואָס טראָגט דעם מענשען ווי אַ שטורמווינד איבער אַלע אָבגרונדען פון לעבען. אין פיעלע ליעדער מישט דער דיכטער זיינע קרענקליכע ליידענשאַפטען צוזאַמען מיט זיין מיסטיציזמוס און ער זינדיגט ביי דעם ריח פון ווייהרויך. אין דעם געדיכט „צו אַ מאַדאָנאַ“, וואו ער בעזינגט זיין געליעבטע ווי די הייליגע מאַריאַ, דערגרייכט ער דעם צושטאַנד פון יענע מאָנאַכען וואָס פלעגען ליעגען טעג און נעכט אויף די קאַלטע שטיינער פאַר דעם בילד פון דער גאָט־מוטער און פלעגען זיך בעהעפטען מיט דער מלכה פון הימעל.

די פיער געדיכטע וועלכע באָדלער האָט צוזאַמען אָנגערופען „די רעוואָלט“ זיינען דעם דיכטער'ס עמפערונג געגען די לאָגישע אונגערעכטיגקייטען פון קריסטליכען גלויבען און זיינען אין זייער צייט געוועזען די אורזאַכע פון דעם כעס פון דער פרומער וועלט. ווי דערשראָקען האָבען זיך די פרומע לייט פאַר דער „תפילה צום שטן“ מיט איהר שטענדיג זיך ווידערהאָלענדען פזמון: „שטן, דערבאַרם זיך אויף מיין לאַנגען עלענד!“ עס איז ווירקליכער סאַטאַניזמוס דיעזער געבעט צום שטן, צום אייביגען געגנער פון גאָט. אָבער נאָך אַלעמען שרעקען אַזעלכע זאַכען אין אונזער צייט מעהר קיינעם ניט, און מיר זעהען דערין ניט מעהר ווי אַ קינסטלערישע שטיפעריי, וואָס האָט איינינגע זעהר שעהנע געדאַנקען. אַלס אַן אויפפאַסונג פון די פערדיענסטען פון שטן, פון די ערלייזונג וואָס ער ברענגט דעם מענשען האָט דאָס געדיכט אַ גרויסען פּאָעטישען ווערט. ווערטער ווי: „דו, וועמענ'ס גרויסע האַנד דעקט צו דעם אָבגרונד פאַר דעם וואָס וואַנדעלט אין שלאָף אויפ'ן ברעג פון דאַך,“ אָדער ווי: „דו, וועלכער צו טרייסטען דעם צובראָכענעם מענשען וואָס ליידעט, האָסט אונז געלערנט מישען דאָס וואָס פון לעבען אונז שיידעט,“ ענטהאַלטען אין זיך אַ קוק אויף דער וועלט, וועלכער איז אָריגינעל און בעלויכטענד.

אין אַן אַנדער געדיכט פרעגט באָדלער, צי האָט יעזוס פאַר זיין קרייציגונג ניט חרטה געהאַט אויף זיין תורה, ווען גאָט איז איהם ניט געקומען צו הילף. „אָה, יעזוס, דערמאָהן זיך אָן דעם גאָרטען אויפ'ן הר־הזיתים! וואו דו האָסט אין דיין תמימות געבעטען אויף די קניע דעם, וועלכער האָט אין זיין הימעל געלאַכט פון די נעגעל וואָס הענקער האָבען געשלאָגען אין דיין צוקענדען לייב.“

אַ דוצענד געדיכטע טראָגען דעם זאַמעל־נאָמען „דער טויט“. אין זיי ווערט בעזונגען דער טויט, דער ערלייזער פון טהאַל פון יאָמער, וועלכער שלעפערט איין די געליעבטע אין זיינע אָרעמס און טרייסט די אָרימע און שענקט זיי דעם שלאָף אויף ווייכע בעטען, וועלכער עפענט די טויערן פון הימעל און צייגט זיי דעם וועג צו דער אייביגער פרייד. עס פעהלט אָבער עפּעס אין דיזע געדיכטע צו וואָס מיר, קינדער פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, זיינען צוגעוואָהנט געוואָרען דורך די דיכטער פון די לעצטע דרייסיג יאָהר; עס פעהלען די צאַרטע שטימונגען פון בין השמשות, די ניט־דערזונגענע טענער, די פערוואַשענע פאַרבען וואָס פערלירען זיך לאַנגזאַם דאָרטען וואו דער הויך פון טויט פליהט פאַרביי.

אין זיינע ליעבע־ליעדער בעזינגט באָדלער מעהרסטענס זיין שוואַרצע געליעבטע און, ווען ער פאַרבלאָנדזעט ניט מיט זיין קראַנקער פאַנטאַזיע, וואָס טרעפט זיך ניט אָפט, שאַפט ער צאַרטע ליעדער מיט אַ זיסען קלאַנג און אַ פיינער האַרמאָניע. אַ שעהנע קלינגענדע פּראָזאַ האָט אויך דער דיכטער אין זיינע שפּעטער געשריבענע „געדיכטע אין פּראָזאַ“. די געדאַנקען אין דיעזע „געדיכטע אין פּראָזאַ“ האָבען אָבער פערלאָרען זייער

פרישקייט פאר אונזער דור, זיי קומען אונז פאר צו איינפאך און ניט ווייט; עס קלינגט ווי א יונגער שטודענט וואלט וועלען א גלאנץ טהאן מיט זיין ניט־דערבאקענער חכמה. די בעדייטונג פון באדלער׳ן בלייבט פארט אין זיינע פורפורנע „בלומען פון שלעכטס“.

עס איז לייכט צו זעהען פון דעם כאראקטער פון באדלער׳ס פאעזיע און פון זיינע טעמאס, אז באדלער איז ניט געוועזען ענג פערבונדען מיט זיין צייט. די פראגען וועלכע בעשעפטיגען איהם זיינען אלטע און געוויסערמאסען אויביגע. מעגליך, אז דער דיכטער, לעבענדיג נאך דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן, האט גערעדט פרייער ווי ער וואלט גערעדט פאר איהר, אבער די גרויסע פראבלעמען פון דער נייער צייט האבען איהם גיט בעריהרט. זיין סימפאטיע מיט די ארימע און אונגליקליכע איז דער רחמנות פון דעם מאנאך אויף די בעטלער וואס קומען אין קלויסטער; זיינע ארימע האבען קיין אנדער האפנונג ניט ווי אויף ערלייזונג דורך דעם טויט; ער רעבעלירט גע־גען די וועגען פון דער נאטור, און בעוויינט דעם מענשענס ליידענסגעשיכטע אויף דער וועלט. די קעמפפע און האפנונגען פון די אונטערדריקטע און בערויבטע פון זיין צייט שפיעגעלט ער אין זיינע שריפטען ניט אפ; ער זעהט ניט קיין ליכט פון ערלייזונג פאר די בעליידיגטע; די מעגליכקייט פון א מענשליכען פארטשריט דערמאהנט ער ניט, און דער קאמפף פון דעם איינצעלנעם פאר זיין רעכט צו לעבען און צו ליעבען אינטערעסירט איהם ניט. ווי די מייסטע היסטערישע מענשען, איז ער פערנומען מיט זיך און קוקט ברוגז, ווי א קינד, אויף די ארומיגע וועלט. ער לעסטערט דאס לעבען און פעראכטעט די וועלט און ענדיגט פלוצלונג מיט דעם געבעט: „גאט, מיין הערר! שענק מיר דיין גנאד צו שאפען עטליכע שעהנע פערזען, וועלכע זאלען מיר אליין צייגען, אז איך בין ניט דער קלענסטער מענש און אז איך בין ניט נידעריגער פון יענע אויף וועלכע איך קוק מיט פעראכטונג.“

זיין טאלאנט צייכענט זיך אויס מיט אן אונגעהייערע פאנטאזיע, א פאנטאזיע, וועלכע איז אנגעזאפט מיט די בילדער פון די מזרח־לענדער און די שווערע און הייסע געפיהלען פון מיטעל־אלטערליכען קלויסטער. ער שעפט הנאה פון וועהטאג און דריקט דאס אלעס אויס דורך א רייכע קענטניס פון דער פראנצויזישער שפראך און א גוט צוגעפאסטען סטיל.

פיעלע מענשען זעהען אין באדלער׳ן א דיכטער פון דער דעקאדענץ און אנדערע האלטען איהם פאר דעם פאטער פון דער מאדערנער „דעקאדענטישער“ דיכטער־שול. דאס קען זיך נור דוכטען אויפ׳ן ערסטען קוק, ניט אבער ביי א נעהענטערער בעקאנטשאפט מיט באדלער׳ס ווערק.

אין צייטען פון גייסטיגען אונטערגאנג, ווען די קרעפטען פון א פאלק אדער א קולטור נעהמען זיך אויס, ווען לײדענדיג פון דער אדער יענער סאציאלער קראנקהייט ווערט דער געזעלשאפטליכער ארגאניזמוס גייסטיג שלאף, דעמאלט ליגט אויף די קינסטלערשע ווערק פון יענער עפאכע א מרה שחורה און זיי טראגען אין זיך די סימפטאמען פון שלאפקייט. דער יונגער און פרייליכער אפטימיזמוס פון די יאהרען פון קראפט פעהלט און זיין פלאטץ פערנעהמט א וויאלער קוק אויפ׳ן לעבען, א יאוש און זעלבסט־פעראכטונג פון די גרויסע האפנונגען וואס יעדעס פאלק טראגט אין זיך; א פערגעסען אן די טיעפע ווארהייטען אויף וועלכע יעדע געזעלשאפטליכע קולטור האט זיך ענטוויקעלט. אין אזעלכע צייטען פערנעהמט זיך די ליטעראטור מעהר מיט דער פאעזיע פון אונטערגאנג, ווי פון בליהונג; מעהר מיט דעם וועה־געזאנג פון געפאלענעם, ווי מיט

דעם יובעל־ליעד פון דעם זיעגער; מעהר מיט דער שטילער דעמערונג פון טויט, ווי מיט די ראַזאַווע טענער פון לעבען. דער גייסטיגער איהאַלט פון דער קונסט אין אַזעלכע צייטען פון דעקאַדענץ איז ניט רייך אין נייע און פרוכטבאַרע געדאַנקען, און די פּאָעטען באַזינגען אויף די גאָלדענע סטרונעס די קליינינקייטען פון לעבען. און ווען הונדערטער יאָהרען שפּעטער קומט דער זוכער און קענער און געפינט די ווערק פון אַזעלכע עפּאָכען, איז פאַר איהם לייכט צו דערקענען אין זייער גייסט די צייכענס פון דעקאַדענץ.

די מענשען אָבער וואָס לעבען אַליין דורך די צייטען פון אונטערגאַנג קענען די סימפּטאָמען ניט דערזעהען. דערצו זיינען היסטאָרישע עפּאָכען צו לאַנג פאַר דאָס קורצע מענשענלעבען און דער מענש מיינט שטענדיג, אַז ער ווערט בעסער און שטייגט העכער, אפילו ווען ער געהט באַרג אַראָפּ. מען דאַרף ניט פערגעסען אַז די רוימישע דעקאַדענץ האָט געדויערט פינף הונדערט יאָהר. דערפאַר איז דורכאויס פאַלש צו ריידען פון דער דעקאַדענץ פון אונזער צייט, ווייל מיר אַליין וואָלטען זי ניט געקענט דערקענען. וואָס מיר קענען יאָ זעהען, איז דאָס נאָכמאַכען פון קונסט פאָרמען פון היסטאָרישע עפּאָכען פון אונטערגאַנג. דאָס איז אָבער אין אַלגעמיין ניט מעהר ווי אַ מאָדע אין דער קונסט, פונקט ווי מען מאַכט דאַמענקליידער אין דעם סטיל פון דעם דירעקטאָאַר.

די פיהרער אין דער קונסט, וועלכע עס ציהט צו די עפּאָכען פון דעקאַדענץ, די דיכטער וועלכע פיהלען, אַז זייער גרויסער טאַלאַנט איז אַ נאָהענטער קרוב צו די קינסטלער פון יענע צייטען, זיי פיהרען נור דורך דעם מ ו ז וואָס צווינגט דעם וואָהרען קינסטלער צו שאַפען נאָך זיין אייגענעם איך, צו קריגען אַן אויסדרוק פאַר דער אייגענער פערזענליכקייט. דער דעקאַדענטישער כאַראַקטער פון דעם דיכטער׳ס ווערק האָט, אויף אַזאַ אופן, צו טהאָן נור מיט זיינע פּסיכאָלאָגישע נייגונגען און איז דערפאַר אַ ריין פּערזענליכער; ער איז ניט בעשאַפען געוואָרען דורך דעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט און האָט מיט איהר אַלגעמיינעם פּראָגרעס ניט וואָס צו טהאָן.

באָדלער׳ס פּאָעזיע האָט אין זיך פיעלע כאַראַקטערשטריכען פון דעם פריהען מיטעלאַלטער, אָבער קיינער וועט יענע עפּאָכע ניט קענען אָנרופען אַ צייט פון אונטערגאַנג. גיכער איז עס געווען אַ צייט פון קינדער־יאָהרען פאַר די אייראָפּעאישע פעלקער, פול מיט נאַאיווען גלויבען און טרוימען. באָדלער איז ניט קיין דעקאַדענט נאָך דעם היסטאָריש־ליטעראַרישען טייטש פון וואָרט און זיין עהנליכקייט צו די גרויסע דעקאַדענטישע שרייבער פון אונזער צייט בעשטעהט נאָר דערין וואָס זיין דיכטונג האָט די סימפּטאָמען פון אַ קראַנקען גוף און אַ צוטרייסעלטער נשמה.

באָדלער איז זיך אַליין געווען מעהר אָדער ווייניגער קלאָר, אַז ער איז אַ היסטערישע נאַטור מיט אַ גע׳ירשה׳נטען קרענקליכען קערפּער. זיין פעהיגקייט זיך אַליין צו בעאָבאַכטען האָט געמוזט זיין שטאַרק. אין זיין טאַגע־בוך, ניט לאַנג פאַר זיין גייסטיגען צוזאַמענברוך, שרייבט ער: „איך האָב געהאָדעוועט מיין היסטעריע מיט פרייד און שרעק, יעצט דרעהען מיר זיך שטענדיג די זינען און היינט האָב איך געהאַט אַ זאָנדערבאַרע וואָרנונג, איך האָב דערפיהלט איבער מיר דעם ווינט פון די פליגלען פון אידיאָטסטווע". נאָך עטליכע יאָהר אָפּליגען אין אַ צושטאַנד פון פּאָלשטענדיגען גייסטיגען טויט איז באָדלער געשטאָרבען אין 1867 אין פּאַריז.

אַ לעבען פול מיט זעעלענשמערצען האָט געלעבט באָדלער; אַ גליהענדער באַרג בעשאָטען פון אויבען מיט קאַלטען איש. אין באַרג אָבער האָט עס געקאָכט און געזאָטען און פערצעהרט דעם דיכטער׳ס נשמה.

„איך בין די וואונד און אויך דאס מעסער!
„איך בין די האנד און אויך די באק!
„איך בין די גליעדער און אויך דאס מארטער־ראד,
איך בין דער קרבן און אויך דער הענקער!

„איך בין פון מיין הערצען דער וואמפיר;
„איינער פון די גרויסע פערלאזענע,
„צום אויבינגען געלעכטער פערדאממטע,
„וואס קענען נים מעהר לאכען!"

יהודה א. יאפפע

שרייבן אדער שרייבען?

(פון וואנען קומט ארוים אונזער מאמע־לשון?)

I.

א פאר ווערטער אלם הקדמה.

וואס הייסט ווי דארף מען שרייבן אין יידעש? אין יידעש שרייבט מען ווי מע וויל: אז איינעם איז געפעלן צו שרייבן קינדבעט, שרייבט ער אזוי; אז אנאנדרער שרייבט קימפעט איז אויך גוט; אז דער מיינט אז קימפעט איז גאר פוילעש און אין ליטוועש איז עס קומפעט און שרייבט אזוי, טא ווער קען עס ארן?

איז דען גאר פאראן אין יידעש א גראמאטיקע מיט כללים, ווי מע דארף שרייבן און ווי מע טאר נים? מע שרייבט ווי מע רעט און אלע ריידן פארשיידן, — דער איז א ליטוואק, דער א פוילעשער, דער א גאליציאנער, און דער קומט פון רומייניע אדער בעסאראביע.

און א דאס איז די גאנצע צרה. ערשטנס איז דער ריידן איין זאך און דער שרייבן איז אנאנדערע, און צווייטנס וואלט עס גיווען נאך צו דערליידן, ווען יעדער וואלט כאטש געשריבן ווי ער רעט.

און וואס איז שייך צו גראמאטיקע אין יידעש, געפינט זיך דא א איד אין דערזועלבער גרויסער צרה נעבאך ווי בא מאליער'ן אין א קאמעדיע דער רייכער עם הארץ זשורדען וואס ווערט נתפעל אז מע זאגט אים אז ער רעט פראזע, סהייסט אזא מין ליטעראַ־

טור: „גירעט פראָזע מיין גאַנצן לעבן און גאָר ניט געוואוסט.“ אקוראט אזא איז די הייליקע תמימות פון א יידן וואָס ווי ער רעט, רעט ער דאָך על פי גראַמאטיקע נאָכן יידעשן נוסח, סהייסט על פי יידעשער גראַמאַטיקע.

1.

ריידן און שרייבן.

בא אַלע פעלקער איז פאַראַן צווייערליי שפּראַך: 1) די געשריבענע, 2) די גירעטע. די וואָס ווילן זיך רעכענען פאַר געבילדעטע לייט בא זיי, מוזן נאָכטאַנצן דער געשריבענער שפּראַך: די ליטעראַרישע שפּראַך איז דער מוסטער פאַר דער וואָס מע נוצט אין אומגאַנג און די לעצטע איז א מין נידעריקער לשון וואָס די אַריסטאָקראַטן לאָזן ניט אריין אין די הויכע פענצטער.

בא די יידען איז די זאַך פאַרקערט: יידן ריידן יידעש שוין פון לאַנג אָן אָבער די גיבילדעטע יידן האָבן אַלע מאָל גישעמט זיך מיטן יידעשן מאַמע-לשון און ווי מעגליך אויסגעמיידט יידעש אַלס שפּראַך, און האָבן גאָר ניט לאַנג ערשט אָנגיהייבן ריידן און שרייבן יידעש. די ריכטיקע זאַך פאַר אַזעלכע לייט וואָלט דאכט זיך גיוועזן צו שרייבן יידעש, דאָס הייסט ווי יידן ריידן. איז גאָר די צרה וואָס די וואָס שרייבן (אַלס שרייבער) זיינען „אינטעליגענטן“ און אַלס אינטעליגענטן קענען זיי א פּאָר (אָם מייסטן טאַקע ניט מער ווי א פּאָר) ווערטער דייטש, וואָרים וועלכער ייד און בפרט נאָך אַן „אינטעליגענט“ א ייד קען ניט קיין דייטש?

אַזוי, הייסט עס, דייטש קען ער; נו און יידעש איז דאָך דייטש נאָר איבערגעפירט, פאַרדאָרבן פון די אומוויסענדע, אונאינטעליגענטנע יידן. טאָ, פרעג איך אייך אָקאָרשט, וואָס זאָלן די אינטעליגענטנע שרייבער טאָן אויב ניט פאַרריכטן די גרייזן פון די אומוויסענדע יידען? א איד, ווייסען דאָך אַלע, קען ניט פאַרטראָגן קיין עולה, אַז ער זעט אַז א זאַך איז קאַפּטער פּאַפּעריק און ער ווייס אקוראט ווי זי דאַרף זיין, מוז ער זי פאַרריכטן. נו, גייט עס בא אים אַזוי: יידעש איז פאַרדאָרבענע דייטש; אין דייטש איז ניט אַזוי ווי אין יידעש; דייטש איז אָבער זיכער ריכטיקע דייטש און יידעש איז דעריבער ניט ריכטיק. די לאָגיקע איז קלאָר: מע דאַרף אויסבעסערן יידעש נאָכן ריכטיקן מוסטער — דייטש.

2.

יידעש און דייטש.

אָבער ציט אויף א ביסעלע. זייט איר זיכער אין דער לאָגיקע? ווער האָט אייך באוואָרנט אַז יידעש איז דייטש נאָר פאַרדאָרבענע? פשוט דערפאַר וואָס יידעש איז אַזוי נאָהענט צו דייטש? אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס זאָל מען ניט זאָגן אַז האָלענדיש איז „פאַרדאָרבענע דייטש“, אַז איינגליש איז „פאַרדאָרבענע דייטש“? און וואָס וואָלט גיוועזן אַז איך וואָלט א זאָג געטאָן גאָר פאַרקערט אַז דייטש איז פאַרדאָרבענע יידעש? הערט א כוואַט? צו האָבן די העזה צו זאָגן אַז דייטש, די שפראַך פון לעססינגן, געטען, שילערן און היינען איז גאָר פאַרדאָרבענע יידעש?

איך ווייס אָהן אייך אַז יענע גרויסע מוחות האָבן גישריבן אין דייטש און ניט אין פאַרדאָרבענע יידעש, אָבער איך וויל אַז איר זאָלט שרייבן אין דיינע יידעש און ניט אין פאַרדאָרבענע דייטש.

און דאָך מיין איך אָהן א שפּאָס אַז וויסנשאַפטליך און געשיכט־

ליך איז עס דיזעלבע נארעשקייט צו זאגן אז יידעש איז פארדארבענע דייטש ווי צו זאגן אז דייטש איז פארדארבענע יידעש.

יידעש איז אגערמאנישע אדער טעווטאנישע שפראך, ווי איינגלש און האלענדיש און שוועדיש זיינען גערמאנישע אדער טעווטאנישע שפראך, אבער יידעש איז אזוי ווייט פון זיין „פארדארבענע דייטש" ווי איינגלש און האלענדיש און שוועדיש זיינען ווייט פון צו זיין פארדארבענע דייטש.

די וואס לערנען שפראכוויסנשאפט ווייסן אז סי ניטא קיין פארדארבענע לעבעדיקע שפראכן. אז א שפראך ווערט פערדארבן, שטארבט זי אפ, איז עליה השלום. יידעש —איר צו לאנגע יאר—לעבט און בליט און דערפאר איז פון פארדארבענקייט ניטא וואס צו ריידן.

ווייטער ווייסן זיי אז דאס וואס האט גיהייסן טייטש מיט פיר, פינף, זעקס הונדערט יאר צוריק, הייסט איצט מיטלהויכדייטש אין שפראכוויסנשאפט און דאס וואס איצט איז דייטש איז דאמאלט אף דער וועלט ניט גיוועז.

עס איז אמת אז יידן האבן גיבארגט א קליין ביסל ווערטער פון הייניטיקע דייטש, אבער נאר איינצעלנע ווערטער, און ניט כללים פון דקדוק אדער פון אויסלייגען. פיל וויניקער ווערטער האט דייטש גיבארגט פון יידיש, אבער גיבארגט האט דייטש דאך פון יידעש און אזוי זיינען מיר קוויט. אזעלכע ווערטער ווי אכל'ען, בענשען, בעטוכען (בטוח זיין), בחור, דלות, דיבבערן (דבר'ן), כפרות, כשר, מאטצען (מצות) משוגע, פעקעשע, שאכערן (סחר'ן) שקר'ן שיקסעל, שוטה, צרות גיפינט מען איטצט אין אלע גוטע דייטשע ווערטערביכער.

3.

יידעש, דייטש און מיטלהויכדייטש.

אונדזער יידעש שטייט אפן פונדאמענט פון יענע מיטלהויכדייטש וואס מע האט גירעט אין דייטשלאנד מיט 4, 5, 6 הונדערט יאר צוריק, און איצטיקע דייטש שטייט אויך אף דעמזעלבן פונדאמענט, אבער יידעש האט זיך אנטוויקלט פאר זיך און דייטש פאר זיך אונאפהייניגיק איינער פון דעם אנדערן.

יידיש און דייטש זיינען דאן צוויי קינדער פון איין מוטערשפראך — מיטלהויכדייטש — וועלכע האט דאן גע־חייסען טייטש (Tiutsch) און יידן האבן דעם נאמען (עברי)-טייטש באהיט עד היום, און דערווייליע האבן די דייטשן פארביטן דעם „ט" אף א „ד" און עס איז פון דערפון גיווארן דייטש. אט איז אייך גאר א ראיה אז יידיש איז גאר א בילכערער יורש אין דעם ענין פון אפשטאמונג.

אז יידעש קומט ארויס פון מיטלהויכדייטש און ניט פון הייניטיקע דייטש ווייס יעדערער וואס האט זיך פארנומען מיט דער זאך, אבער מיט א פאר ביישפיעלן קען מען דאס מאכן גאנץ קלאר פאר אלעמען.

אויב יידעש קומט ארויס פון דייטש, טא ווי קומט עס וואס די ווערטער אין,

צוואַי, קלאַין, באַין, שטאַין, ראַין, מאַינען אין דייטש זיינען איין, צוויי, קליין, ביין, שטיין, ריין, מיינען אין יידיש און די דייטשע ווערטער דראַי, ראַיך, צוואַיג, שוואַיגן, ראַיבן, זאַין, קראַידע, מאַין ווערן גאָר אין יידיש אויסגערעט דראַי, ראַיך, צוואַיג, שוואַיגן, ראַיבן, זאַין, קראַיד, מאַין, אַלע מיט א „פּתח“, און ניט דריי, רייך, צווייג און אזוי ווייטער, מיט א „צרי“, אזוי ווי די אויבערשטע ווערטער איין, צוויי, קליין, און אזוי ווייטער? דאַכט זיך עס וואָלט גיוועזן די נאַטירליכע זאַך צו ציילען כסדר גלייך: איינס, צוויי, דריי, אָדער: אַינס, צוואַי, דראַי, ווי די פּוילעשע טוען, אָבער פאַר וואָס עפּעס איינס, צוויי און אינמיטן דערינען גאָר דראַי?

האָבן די גרויסע מוחות וואָס שניידן זיך אָפּ אמת'ע טייטשוקעס אמאָל א קלער גיטאָן וועגן דעם פּונקט? ניט שוין זשע איז יידעש גאָר אזוי משוגע, אז וואָס מער עס פאַרדרייט א דייטשן וואָרט איז אַלץ בעסער?

.4

יידעש שטאַמט אָפּ פון מיטלהויכדייטש.

נאָר די מעשה איז גאָר א פּשוט'ע; אין מיטלהויכדייטש פלעגט מען די ערשטע קאַטעגאָריע ווערטער שרייבן ווי אין היינטיקע דייטש; דאָס הייסט, אין מיטלהויכדייטש איז אין יידיש (אין דער ליטא און אין דרום רוסלאַנד) — איי. אָבער די צווייטע קאַטעגאָריע פלעגט מען אין מיטלהויכדייטש שרייבען אַנדערש:

drî, rîch, zwîe, zwîgen, rîben, sîn, krîde, mîn,

און דאָס איז בא די ליטווישע און דרום־רוסישע יידן גיוואָרן — אַי.

פּשוט גירעט האָבן מיר דאָ אָגעהיט צוויי פאַרשיידענע קלאַנגען פון אונזער גרונט־לשון און די דייטשן האָבן ווייניגער אַכטונג גיגעבן אָפּ זייער חלק ירושה און צונויפגעמישט די צוויי קלאַנגען אין איינעם — ai גישריבן — ei.

אַנאַנדער ראיה איז פון אונזערע ווערטער קיניג, קיניגין, קיניגרייך, אוממיגלעך, הילצערנער, גיהילץ. אַלע די ווערטער וואָלטן גיהאַט גאָר אַנאַנדער פּנים אויב זיי וואָלטן גיקומען פון די דייטשע ווערטער:

König, Königin, Königreich, unmöglich, hölzerner, Gehölz,

און ניט פון די מיטלהויכדייטשע —

Künic, Küniginne, Kunicrîch, unmügelich, hülzerîn. Gehülze

אויך אַזעלכע ווערטער ווי די דייטשעשע קאָממען, זאָממער, פראָמם, בעזאָנדער, זאָנגען, געוואָננען, זאָהן זיינען אין יידעש: קומען, זומער, פרום, בעזונדער, זון, געוואונען, זון, ווייל זיי קומען פון די מיטלהויכדייטשע:

kumen, sumer, vrum, besunder, sunne, gewunnen, sun.

אַזעלכע ראיות קען מען ברייננען צענדליגעוויים, נאָר אָט די עטליכע וועלן זיין גענוג גראד איצט, אָבער זאָלן אונדזערע יידען איינזעען פאַר זיך איינמאָל פאַר אלע מאָל אז יידעש שטאַמט ניט אָפּ פון דייטש, נאָר נאָר פון מיטלהויכדייטש.

אז די וואָס שרייבן יידעש און יידעשע לערנביכער וואָלטן קלאָר פאַרשטאַנען אָט דעם פּונקט, אז יידיש שטאַמט אָפּ פון מיטלחויכדייטש און

ניט פון דייטש, וואָלט עס פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אַ סך בעסער גיוועזן און זיי וואָלטן ניט ווי מאָלפּעס נאָכגעטאַנצט דייטש און וואָלטן בעסער גישריבן ווי יידיש איז און ניט ווי, זיי דוכט זיך, יידיש האָט גידאַרפט זיין.

.5

אונדזערע מחברים.

נעמט די יידעשע ווערטערביכער, אָדער יידעשע צייטונגען און זשורנאַלען. וואָס אַ טריט איז אַ וואָרט אויסגעלייגט ווי קיינער רעט ניט אין יידעש. וועלכער ייד רעט אויס שרייבען, מוזען, מאַכען, וועלען, מאָלען, כאַפּען, און אַזוי ווייטער? און פאַר־קערט, ווער זאָגט: סמאַלן אַ חזיר, בריקן מיט די פיס, סעטקעוון קרויט, ברעקלן זיך, דורן אַ קאָפּ, שצאָבן אַ ספּאָדניצע אָדער זינגן זמירות, למשל?

איר לאַכט. „ווי קען מען אַזוי שרייבן?“ פרעגט איר. פאַרוואָס ניט? דאַכט זיך, איר האָט אָנגיהייבן מיט דעם אַז אין יידעש זיינען ניטאָ קיין כללים ווי צו שרייבן. נו אָט זעט איר אַז מע מוז טאַקע שרייבן סמאַלען, בריקען, סעטקעווען, ברעקלען, דורען, שצאָבען, זינגען, ווייל דער „ע“ (סגל עין) ווערט קלאָר אויסגירעט אין די ווערטער און אָן אים זיינען די ווערטער ניט קיין יידעשע. אָבער פּונקט אַזוי ניט יידעש קלינגט דער זעלבער „ע“ אין שרייבען, מוזען, מאַכען, וועלען, מאָלען און כאַפּען און אָן דעם „ע“ זיינען די ווערטער אַקוראַט ווי מע רעט אין יידעש.

און אָט איצט קענען מיר צוגיין צו דער אַרבעט און איינזעען ווען מע דאַרף שרייבן דעם „ע“ און ווען ניט.

II.

ווען דאַרף מען שרייבען —ען און ווען —ן אין אויסלאַז?

.1

דער קלאַנג שוואָ אין שפּראַך.

אַזעלכע ווערטער ווי פּקדתם, במדבר אין לשון קודש ווערן אויסגירעט פּ(ע)קאַדטעם, ב(ע)מידבאַר. דאָס הייסט וואו דער שוואָ שטייט הערט זיך אַ לויט. אַזאַ לויט איז פאַראַן אין אַלערליי לשונות. אין די איינגלשע ווערטער: בייסין, מייסאָן, ריזאָן, מיור־ז שען, עדיוקיישאָן, סעווען, הערן זיך די לעצטע—ן—אָן—אַן—ען אַלץ איינס — (ע)ן. אין דייטש הערט מען דעם קלאַנג אין די ווערטער: אַטעם, לעזען, ביבעל, ווערפען, בעקאַנט, געווים. אין יידעש גיפינט זיך דער לויט אין פילערליי ווערטער: רעכענען, שליסעלעך, אומעטעק, לאָפּעטע, יידעש.

אין אַזעלכע ווערטער וואָלט עס גיוועזן אַ סברא צו שרייבן אין יידעש „ע“ — אַ עין מיט אַ חיריק — אָדער אַ עין מיט אַ צרה פון אויבען, למשל, צו בעטאַיטען אַז האָס איז ניט דער „ע“ (סגל עין) קלאַנג, נאָר אַן אומבאַשטימטער קלאַנג, וואָס איינע שרייבן שליסעליך, אַנדערע שליסעלעך און אַנדערע גאָר שליסעלאַך; געווים, גיווים; שרייבען, שרייבין, שרייבן, א. ז. וו.

פאַר אַ „ל“ און „נ“ הערט זיך דער קלאַנג באמת גאָר ניט, און דאָרט דאַרף מען אים גאָר ניט שרייבן, למשל: אַ ביסל, קנאַקן, טאַיטל (פון חדר), פינטל א. ז. וו.

עס הייסט אַז מען דאַרף וויסן וואו איין און וואו אויס, און דער איינציקער, ריכטיקער אופן ווי צו טאָן איז — מע דאַרף זיך צוהערן ווי מע רעט, און דאָס הייסט ווי די יידען, דאָס פאָלק רעט, ווײַלע אויסשפּראַך ווערט געמאַכט פון די וואָס ריידן און ניט פון די וואָס שרייבן.

פאַרשטייט זיך אַז וואו דער קלאַנג איז קלאָר „ע“, וואו מע הערט אים דאַיטלעך, איז ניטאָ קיין צווייפל וואָס צו שרייבן און אַלע אָן אויסנאַם שרייבן לעקן, ברעקל, שטערן, א. ז. וו. און די איינשטימיקייט פון שרייבן „ע“ אין אַזעלכע ווערטער איז דער בעסטער באַוואַיז אַז חלוקי דעות אין די אַנדערע פעלע טאַיט אַף אַנאַנדער קלאַנג — אַ שוואַ קלאַנג, אָדער אַן אומבאַשטימטן „ע“.

.2

—ן און —ן אין צייטווערטער (פעלים).

א) מע שרייבט — ען:

1) ווען מע הערט דעם „ע“ קלאַנג אין דער געגענווערטיגער צייט (הוה, בינוני פועל), למשל:

האָרעווע־ען, פון איך האָרעווע־ע, דו האָרעווע־עסט, ער האָרעוו’עט א. ז. וו.
זשאַלעווע־ען פון איך זשאַלעווע־ע,
בריק־ען פון איך בריק־ע,
זשוזש־ען פון איך זשוזש־ע,
מעק־ען פון איך מעק־ע,
שאַנעווע־ען פון איך שאַנעווע־ע,
וואוי־ען פון איך וואוי־ע.

2) וואו עס קומען מ, נ, נג, נק, י, (דאָס הייסט דער קלאַנג „י“ צי ער איז געשריבן איז אַנאַנדער זאַך) פאַר דעם ען:

מ: קעמ־ען קומ־ען, קרימ־ען, רימ־ען, שעמ־ען, ראַמ־ען.
נ: ברענ־ען, וויינ־ען, קענ־ען, רינ־ען, שפּאַנ־ען.
נג: חיינג־ען, זינג־ען, קלינג־ען, שלינג־ען, שפּרינג־ען.
נק: ביינק־ען, דיינק־ען, זינק־ען, טרינק־ען, שיינק־ען.
י (אָדער אַ וואָקאַל): באַנאַי־ען, בלי־ען, זאַי־ען, דריי־ען, טרוי־ען, לאַי־ען, קאַי־ען, קריי־ען, צי־ען, רו־ען. *)

3) וואו פאַר דעם —ען קומען קאָנסאָנאַנטן און נאָך זייאַל:
גראַבל־ען, זידל־ען, שמייכל־ען, טרייסל־ען, פלאַפּל־ען, ברעקל־ען א. ז. וו.

ב) אין אַלע אַנדערע אָן אויסנאַם שרייבט מען נאָר אַ —ן:

---

*) די ווערטער גיי־ן, זאַי־ן, שטיי־ן, און טאָ־ן האָבן קיין מאָל, אפילו אין מיטלהויכדייטש, ניט געהאַט קיין „ע“ פאַר דעם „ן“.

ראיב־ן, זאָג־ן, טראָג־ן, זיד־ן, בלאָז־ן, לאַכ־ן, בראָט׳ן, קוועל־ן, ראַיס־ן, קלאַפּ־ן, פּאַיפּ־ן, זיצ־ן, קוק־ן, דאַר־ן, זאַיער־ן, קנעט־ן, ממית׳ן.

די נפקא־מניה, ווי מען הערט זי אין מויל פון פאָלק, קען מען גרינג און קלאָר באַמערקן ווען מע רעט אַרויס איינעם נאָכן אַנדערן אַזעלכע פּאָרן ווערטער ווי:

מעק־ן (אָפּמעקן) און מעק־ען (ווי א ציג).

זאַי־ן (אויף דער וועלט) און זאַי־ען (יויך).

בריק־ן (איבער טאַיכן) און בריק־ען (מיט די פיס).

פּאָר־ן (צונויפּפּאָרן) און פּאָר־ען (זיך איבער עפּעס).

האַק־ן (פלייש) און האַק־ען (הא זאָגן).

קרעכצ־ן (לשון רבים פון קרעכץ) און קרעכצ־ען (דער פּעל).

שאַרפּ־ן (אַ מעסער) און שרפ־ען (ברענען).

פּאַס־ן (אַ קלייד) און פּאַס־ען (שאָף).

דאָר־ן (שטעכיקע גראָז) און דאָר־ען (פון דאָרע).

די אויבען אויסגירעכנטע כללים קען מען אַרויסלייגען אויך אַף אַזא אופן:

צו דער ערשטער פּערזאָן פון דער געגענוואַרטיקער צייט (ווי, למשל, איך שרייב, רייד, פּאַקעווע, האָרעווע), ווען מע מאַכט דערפון אַ פּשוט׳ן צאַיטוואָרט (פּעל, מקור) איז גענוג צוצולייגען —ן.

דאָס גילט אָבער ניט אַף צאַיטווערטער וואָס זייער שטאַם ענדיקט זיך מיט׳ן קלאַנג י, מ. נ. נג, נק, אָדער מיט אַ קאָנסאָנאַנט מיט אַ „ל״ נאָך אים. אין אַזעלכע פעלע לייגט מען צו —ען.

3.

די נאַטור פון יידיש אין דעם פּונקט.

אום צו פאַרשטיין די נאַטור פון אַ שפּראַך איז אָפט פיל בעסער צו זעען ווי די שפּראַך קומט אויס מיט די אויסלענדישע ווערטער וואָס זי נעמט אַריין אין איר וואַקסען.

יידעש האָט דעם קערפּער, דעם שטאַם פון מיטל־הויכדייטש, אָבער אין דעם קערפּער קומען צו עד היום און ווערן אַריינגיפּלאַנצט צולייגן פון פילערליי אַנדערע לשונות. צו פאַרשטיין דעם לעבעדיקן קוואַל, די נשמה פון יידעש אַלס אַ שפּראַך אין אַלגעמיין איז, איידער צו קוקן אַף די ריין טאַיטש־ווערטער, פיל וויכטיקער איינצוקוקן זיך ווי די יידן באַהאַנדלען אין דיזעלבע אומשטענדן די ווערטער וואָס זיינען פון אַנדערע שטאַמען, די וואָס קומען אַריין אין יידעש פון לשון קודש, רוסעש־פּוילעש און (דאָ אין אַמעריקע) פון איינגלש.

1) צאַיטווערטער פון לשון קודש.

אין די ווערטער צלם׳ען, דרש׳ענ׳ען, חשבענ׳ען, אכל־ען, טובל׳ען, פּסל׳ען שרייבט מען —ען, ווייל זיי לאָזען זיך אויס אַף מ, נ, און אַ קאָנסאָנאַנט געפאָלגט פון אַ „ל״.*)

§) הרגען־ען, חנפ׳ענ־ען, חתמ׳ען־ען, ירש׳ען־ען, פּסק׳ען־ען זיינען פון דעם איי־נגעם כלל. אויב מען פּאַרקירצט זיי: הרגע־ן, חתמ׳ען א. ז. וו. לייגט מען נאָר צו —ן צו דער ערשטער פּערזאָן.

אין די ווערטער טענע־ן שמעע־ן, לייגט מען צו בלויז א—ן צו דער ערשטער פערזאָן ווייל סאַי ווי הערט זיך דאָך „ע" אין סוף: איך טענ׳ע, שמע׳ע א. ז. וו.

אין אַלע אנדערע לשון קודש׳דיקע ווערטער שרייבט מען אָן חכמות —ן אַליין: דבר׳ן, הלך׳ן, כשר׳ן, מסחר׳ן, פּגר׳ן, פּועל׳ן, פּטר׳ן, שיכור׳ן, שמועות׳ן א. ז. וו.

2) רוסעש־פּוילעשע צאַיטווערטער.*)

אויך אין די רוסעש־פּוילעשע ווערטער שרייבט מען כאַפּ־ן, שאַר׳ן, ווייל מע זאָגט: א י ך כאַפּ, א י ך שאַר.

אָבער מע שרייבט: האָדעווע־ן, וואווי־ען, כליפּ־ען, כריפּ־ען, כראַק־ען, טאַי־ען, ניאַנטש־ען, ניצעווע־ען, סטראַי־ען, סטראַש־ען, סמעי־ען, פּענט־ען, קאָווע־ען, קוויטש־ען; א. ז. וו., ווייל מע זאָגט: איך האָדעווע, וואווי־ע א. ז. וו. מיט אַן „ע" אין דער ערשטער פּערזאָן.

(אין דעם וואָרט גראַבל־ען קומט דער ען פון דעם קאנסאנאנט געפאָלגט פון א „ל", כאָטש אין דער ערשטער פערזאָן זאָגט מען: איך גראַבל. און דאָך בין איך ניט זיכער, אַז דער וואָרט געהערט ניט צו די טאַיטש־ווערטער פון שפּעט מיטלהויכדייטש ג ר א פּ ־ ל ע ן, ג ר א פּ ע ל ן.)

דער צאַיטוואָרט קאָרמענען שטעלט צו „ען" נאָך דעם „נ" צום סוף.

3.

איינגלשע צאַיטווערטער.

די ביסל איינגלשע ווערטער וואָס האָבן שוין אוספּעיעט אריינצוכאַפּען זיך אין יידעש דאָ הי אין אַמעריקעזיינען פילאָלאָגיש די אינטערעסאַנטסטע, ווייל זיי וואַקסן, אַזוי צו זאָגן, ביי אונדז פאַר די אויגן און אין זיי קען א פּשוט׳ער בשר ודם זעען וואָס די נאַטור פון יידעש טוט מיט זיי.

מע זאָגט דאָ:

מ: קליימ־ען (פאָדערן), סטימ־ען (פּארען), פריימ־ען (אריינשטעלן אין א ראַם).

נ: קלינ־ען (רייניקן), סיינ־ען (אונטערשרייבן), צופּינ־ען (צושפּיליען), בארגענ־ען (דינגען זיך).

י: טראַי־ען (פּרואוון), פּראַי־ען (פּרעגלען), ענדזשאַי־ען זיך (הנאה האָבן).

ל (נאָך א קאָנסאָנאַנט): ראַפל־ען (פּלעט׳ן, גורל ווארפן), געמבל־ען, (שפּילן ווי א קאַרטעווניק), באַטל־ען (צוגיסען אין פּלעשער), קייבל־ען (טעלעגראַפירען איבער׳ן ים).

אין די אַלע אויסגערעכענטע און ענליכע ביישפּילען קומט צו דער „ען" נאָך די אויבען אוועקגעשטעלטע כללים וועגען צאַיטווערטער מיט מ, נ, י און ל פאָלגענדיג א קאנסאנאנט צום סוף. אין אַלע אנדערע לייגט מען צו נאָר א —ן אַליין: סקראַב־ן (שייערן), שייוו־ן (גאָלן), רייז־ן (העבערן), פּיינט־ן (פארבן), פּעס־ן (דורכפירן), אויסהאַלט־ן (עקזאמען), סטאַפּ־ן (אויפהערן) סמוק־ן (רויכערן), וואָרניש־ן (לאַקירן), סטאַרטש־ן (קראַכמאַלן).

מע קען גרינג פאַרשטיין אַז אין רוסעש־פּוילעשע ווערטער וועט מען טרעפן מייס־

---

*) נים דאָ איז דער אָרט אָפּצוטיילן די רוסעשע פון די פּוילעשע ווערטער. דאָס איז א זאַך פאַר א באַזונדער ארבעט.

טענס — ען, און גאַנץ ווייניג אין די איינגלשע. און דער שכל פון דערפון איז פשוט. אין איינגלש דאַרף מען זוכן מיט ליכט די צאַיטווערטער וואָס האָבן א וואָקאַל צום סוף (דער — e ווערט ניט אויסגערעדט) פון דער ערשטער פּערזאָן, און אין אַלע אַנדערע פּערזאָנען (מיט דער אויסנאַמע פון דער דריטער ער, זי וואו מען שטעלט צו אַן —„ס“) בלייבט דער צאַיטוואָרט אומפאַרביטן.

אין רוסעש פאַרקערט קומען די וואָקאַלן אין איטליכן צאַיטוואָרט:

פּאַש־ען, פּאַש׳ן, פּאַש־ע־ש, פּאַש־ע־ט א. ז. וו.

וואָרטש־ען; וואָרטש־ן, וואָרטש־י־ש, וואָרטש־י־ט א. ז. וו.

III.

דער סך הכל

א קורצער בליק איבער די פערשיידענע מינים צאַיטווערטער האָט אונדז באַוויזן אַז פּאַר יידעש אַלס לעבעדיקע שפּראַך איז אַלצאַיינס פונוואַנענט דער וואָרט קומט, פון מיטלהויכדייטש, לשון קודש, פּוילעש, רוסעש אָדער איינגלש. זיי זיינען אַלע גלייך און ווערן אַלע גלייך איבערגעקאָוועט און פאַרענדערט נאָכ׳ן יידעשן שטייגער נאָך.

מע קען זיין זיכער אַז אויב דייטש־רוסעש־פּוילעשע אידען האָבן זיך בעזעצט אין אונגאַרן אָדער אין קאַווקאַז, קרים אָדער טורקעסטאַן און האָבן אריינגענומען אין זייער יידעש עטליכע צאַיטווערטער פון זייערע שכנים, האָבען זיי די געבאָרגטע אונגאַרישע, טאַטערשע א. ז. וו. ווערטער באַהאַנדעלט ווי זייערע אייגענע און אַלע אַנדערע.

אין די יידעשע ביכער פון 15 און 16 יאָהרהונדערט גיפינען זיך די ווערטער פּ ר י י ע ן (פון פראַנצויזישען prier — בעטן, דאַוונען). און אָ ר ע ן (פון איטאַליעניש orare בעטן, דאַוונען) און ב ע נ ט ש ן (איטאַליעניש ב ע־נ ע ד י ט ש י ט ע, בענטשט, הבוֹתי) פּ ר י י ע ן און אָ ר ע ן זיינען איצט גישטאָ אין יידעש — פאַרשוואונדען מיט א סך אַנדערע ווערטער, אָבער ב ע נ ט ש ן איז גיבליבן און נאָך ווי אַזוי! אַז אפילו די „ק ו ל ט ו ר ט ר ע ג ע ר ד ע ר ו ו ע ל ט“, די דייטשן, האָבן עס גיבאָרגט פון אונדז יידן און די נאַראָנים די טאַיטשוקעס שעמען זיך גאָר ניט מיט דעם איינגענאַדיעטן קבצן אין זייער גרויסער משפחה.

אָט די פאַקטן וואָס איך האָב דאָ צונויפגעזאַמלט פאַרשפּרייטן זיך איבער דער לייגנג און דער ברייט פון יידעש און מיט זיי דאַרף מען זיך רעכענען ווען מע שרייבט. ס׳איז ניט גענוג צו זאָגן אַז יידעש האָט ניט קיין גראַמאַטיקע און דערפאַר מעג מען שרייבן ווי עס טרעפט זיך אָדער ווי גאָט גיט.

ד י פ אַ ק ט ן ז י י נ ע ן ד י ה י י נ ט י ק ע ג ר אַ מ אַ ט י ק ע און זיינען ניט גיוועזן דיזעלבע מיט 3—4 הונדערט יאָר צוריק און וועלן אודאי ניט זיין דיזעלבע אין ק״ן יאָר אַרום, אָבער א י צ ט מוזן מיר נאָכטאָן וואָס דאָס פאָלק טוט מיט יידעש איצט, און ווען מיר שרייבן, מ ו ז ן מיר שרייבן ווי מיר ריידען, ווי דאָס פאָלק רעט.

אַלע ציוויליזירטע פעלקער האָבן איצט גרויסע צרות מיט לערנען קינדער שרייבן, ווייל זייער אויסלייגן איז הונדערטער יאָר אַלט און טויג גאָר ניט פאַר זייער איצטיקער אויסשפּראַך. דעריבער קאָכט עס אין איינגלאַנד, אמעריקע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד וועגן „פאַראייַנפאַכן“, פּשוט׳ער מאַכן דעם שרייבן, עס זאָל זיין ווי מעגליך נעהנטער

צום ריידן. נאָר ביי אונדז יידען סטאַרעט זיך איטליכער שרייבער צו שרייבן ווי ווייט מעגליך ניט אַזוי ווי ער רעט, ווײַלע, פאַרשטייט איהר מיך, אַז ער שרייבט ניט אַזוי ווי זרח אָדער ברוך רעט, מיינט ער אַז ער שרייבט בעסער און העכער ווי זרח און ברוך.

אין דעם היינזיכט האָבען אונדזערע שרייבער און רעדאַקטערס געמעגט נאָכמאַכן די יידעשע צייטונגען אין רוסלאַנד: דאָרט דרוקט מען די נקודות, קען מען כאַטש לייענען ווי דער שרייבער מיינט. און אין זייערע רוסעש־יידעשע ווערטערביכער האָבן ליפשיץ און דרייזין אויסגעלייגט די ווערטער ווי מען רעט זיי. זיי האַלטען זיך ביים שרייבן פון אַלטן טייטש־חומש און „צאינה וראנה“, און דאָרט שרייבט מען תמיד ריכטיק: —ען וואו ע הערט זיך קלאָר און —ין וואו מען הערט ניט קיין דייטליכן ע, דאָס הייסט וואו מע דאַרף אים בעסער גאָר ניט שרייבן. אַזוי גיפינען מיר אין „צאינה וראינה“: נעמ־ען, קומ־ען, דאַווינ־ען, קענ־ען, ברייננ־ען א. ז. וו. איינע לעבן די אַנדערע מיט: טראָג־ין, ארבעט־ין, פאָר־ין, טייל־ין, א. ז. וו.

אָבער וואָס טוען בן יעקב (רוסעש־יידעשער ווערטערבוך) און האַרקאַווי אין זיינע ווערטערביכער? ביי זיי ווערט יידעש אויס יידעש און קיין דייטש ווערט עס אויך ניט — ס׳ווערט גאָר עפּעס ניט אַהין און ניט אַהער. מע שפּאַרט דעם ע וואו ער גיהערט ניט און — וואָס איז נאָך ערגער — וואו ער גיהערט וואַרפט מען אים אָפּט אַרויס. למשל, בן יעקב׳ס ווערטערבוך שרייבט זיך גאָר אַף דייטש, אָבער מע קען אין אים גיפינען צעהן און צעהען, אויפאַקערן, אַקערין, געחן און גיין, אָבוועגן און אָבוועגען א. ז. וו.

אין האַרקאַווי׳ס יידעש־איינגלשן ווערטערבוך גיפינען זיך כמעט דורכאויס —ען, און דאָך טרעפט איהר: מעקען — אָפּמעקען, און מעקען וויאַ ציג; צעהן, שטעהן, פּאַסן, זיצן, גענעצן, פלאַמבירען, הערען, שערען, פלאָנטערען, אָנפיהרען — גאַנץ געמישט.

מיט אַזאַ מין אויסלייגן מאַכט מען די זאַך נאָר ערגער און דעם שרייבן נאָך שווערער. קיין מיטלוועג אין אַזאַ זאַך איז ניטאָ: איינס פון די ביידע, אָדער מאַכט עס דייטש דורכאויס און רופט עס ניט יידעש, אָדער שרייבט —ען וואו יידן ריידן אויס „ען“ און שרייבט „ן“ וואו נאָר אַ נון (נ) הערט זיך. דאַן וועלן כאָטש די וואָס נעמען די ווערטערביכער אין האַנט וויסען וואָס זיי זאָלען טאָן. אויב זיי וועט זיך וועלן שרייבן יידעש וועלן זיי ניט האָבן צו טאָן מיט די וואָס שרייבן דייטש מיט׳ן לשון קודש׳דיקן אלף בית און וועלן אָננעמען יענע וואָס שרייבן יידעש אָדער זיי וועלן אומישנע זיך רייסען אויף דייטשן און וועלן שרייבן אַזוי ווי די יידן ריידן ניט.

* * *

דער פּונקט וועגן —ען און —ן איז בלויז איין טייל פון דער פראַגע: ווי מען דאַרף שרייבן יידעש. אָבער דעם גאַנצען ענין אַרומריידן אין איין אַרטיקל איז דאָך אוממעגליך.

יואל סלאַנים:

אסקאַר ווײַלד

דער בעליעבטער דיכטער פון אַ גענעראַציאָן, אָדער פון אַ געוויסע צײַט איז קיינמאָל אָדער כמעט קיינמאָל ניט געווען דער טאַלאַנטפאָלסטער דיכטער, דער זשעני פון זײַן צײַט. די גרויסע דיכטער, די אָריגינעלע שעפפער זײַנען קיינמאָל ניט אַנערקענט געוואָרען אין זייער צײַט, אויסער פון איינצעלנע „פיין־שמעקער", פון איינצעלנע מענשען וועמען גאָט האָט געבענטשט מיט דעם חוש פאַר דאָס אייביג־שיינע, פאַר דאָס אונשטערבליכע. דאָס פאָלק, דער המון האָט פון זיי מעהרסטענטהיילס גאָר ניט געוואוסט, און האָט ער שוין פון אייניגע יע געוואוסט, האָט ער זיי פעראַכטעט, פערדאַמט.

עס זײַנען אפילו יע געווען אייניגע טאַלאַנטפאָלע דיכטער וואָס זײַנען געווען זעהר פאָפולער אין זייער צײַט. זיי זײַנען אָבער נור געווען טאַלאַנטען. זיי האָבען געוועהנליך געבראַכט צו דער וועלט אַן איינפאַכע שליחות אין אַן איינפאַכע פאָרמע. זיי האָבען אַפעלירט צו די אַלטעגליכע הערצער פון די אַלטעגליכע מענשען. זיי האָבען געמאָהלען דאָס וואָס איז קלאָהר, דאָס וואָס איז אויגענשיינליך פאַר דער פאַנטאַזיע פון דעם המון. זיי זײַנען געגאַנגען אין די וועגען פון זייערע פאָר־דיכטער. זיי האָבען די אַלטע געטער ניט פערברענט און קיין נייע געטער ניט בעשאַפען. זיי זײַנען אַריין אין דעם גאָרטען פון קונסט און פערפלאַנצט אַ קוסט מיט בלומען עהנליך צו די בלומען פון פיעלע פריי־הערדיגע דיכטער, און דאָס פאָלק האָט די בלומען געוואוסט און זיי ליעב געהאַט. אָבער די דיכטער וועלכע זײַנען געקומען מיט נייע פאָרמען, מיט נייע ווערטהען, האָט עס געוואָלט פערשקלאַפען, האָט עס געוואָלט צו דער ערד, צו זײַן וועלט אַרונטערציהען.

אָבער ניט נור דער גראָבער המון, נור אפילו דער דורכשניטליכער ליטעראַטור־סטודענט האָט אין די מעהרסטע פעלע געלייגט דערנער אויף דעם וועג פון דעם גרויסען, דעם נייעם שעפפער. פאַר די אַקאַדעמיקער האָט זיך דער אמת פון די אַלטע קלאַסיקער אויסגעוויזען אַלס אַן אונשטערבליכער אמת, אַלס דער איינציגער אמת, און זיי האָבען זיך אויף דעם אופן אַליין פערדונקעלט די אויגען פון צו זעהן די ליכט פון אַ נייעם גייסט, פון אַ נייעם אמת. זיי האָבען אָפט אונבעוואוסט פערשטעלט דעם וועג, צוריקגעהאַלטען די ענטוויקלונג פון דער קונסט, וועלכע פיעלע פון זיי האָבען טיעף, אינערליך געליעבט און פערגעטערט.

איינער פון די דיכטער וועמען די וועלט — דער המון און די אַקאַדעמיקער — האָ־בען ניט פערשטאַנען, ניט אַנערקענט, איינער פון די שעפפער וועלכער איז נאָך עד־היום ניט אַרויפגעשטעלט געוואָרען, אין זײַן לאַנד, אויף דעם הויכען פעדעסטאַל, וועלכען ער האָט כשר פערדיענט, איז אָסקאַר ווײַלד.

2.

אָסקאַר ווײַלד איז סיי אין זײַן לעבען, סיי אין זײַן שרײַבען געווען דער פערליעבטער אין שעהנהייט, דער קינסטלער פון שעהנהייט. ער האָט בעהאַנדעלט די קונסט אַלס דאָס

וויכטיגסטע אין לעבען. פאַר איהם איז באמת'ן די שעהנהייט געווען דאָס לעבען, די הויפּט רעעליטעט. דאָס לעבען, האָט ווײַלד געמיינט, פערדאַרבט די קונסט, רעאַליזמוס איז דער מלאך המות פון שעהנהייט. די אויפגאַבע פון דעם קינסטלער איז צו ערפינדען און ניט צו קאָפּירען, צו בעשאַפען און ניט צו אָבשפּיגלען. דאָס העכסטע אין דער קונסט איז די פאָרשטעלונג פון דאָס ניט ווירקליכע, פון דאָס ניט רעאַלע.

ווײַלד האָט בעקעמפפט די נאַטוראַליסטישע שולע מיט עמיל זאָלאַ אויף דער שפּיצע. די נאַטוראַליסטען, האָט ווײַלד געגלויבט, האָבען די נאַטור געוואָלט מאַכען פאַר א טהעמאַ פאַר א פאָטאָגראַפיע און דעם קינסטלער פאַר א פאָטאָגראַפשציק. די נאַטור טאָר ניט בעהערשען די קונסט, נור די קונסט דאַרף קעניגען איבער די נאַטור און איבער דעם פובליקום.

אָסקאַר ווײַלד האָט געגלויבט אז ער האָט געזאָגט א נייעם וואָרט אין דער ענגלישער ליטעראַטור. ער האָט געגלויבט אז ער האָט רעוואָלוציאָנירט די פריהערדיגע מיינונגען וועגען די שייכות פון שעהנהייט צו מאָראַל. ער האָט געגלויבט אז ער האָט פאָרמולירט אַן אייגענע פילאָזאָפיע פון שעהנהייט, וועלכע וועט ניט נור פעראורזאַכען אַן איבערקעהרעניש אין דער ענגלישער ליטעראַטור און קריטיק, נור אויך אין די ליטעראַטור און קריטיק פון פיעלע אַנדערע לענדער.

ווײַלד האָט אין לויף פון זיין לעבען אָפט געביטען זיינע מיינונגען וועגען פערשיעדענע מענשען און זאַכען, און אפילו וועגען זיך זעלבסט. ווײַלד איז געווען דער מייסטער פון פּאַראַדאָקסען און האָט ליעב געהאַט זאָגען פּאַראַדאָקסען וועגען זיך אליין. אָבער ביז די לעצטע צייט פון זיין לעבען אפילו האָט ער געגלויבט אין איין זאַך, אין די קראַפט פון שעהנהייט און אז ער איז דער שאַפער פון א נייע לעהרע פון שעהנהייט, פון א נייע טהעאָריע פון עסטהעטעיק.

און וואָס מען זאָל ניט דיינקען וועגען אָסקאַר ווײַלד'ס מיינונג וועגען זיך, און ווי מען זאָל ניט האָבען אין זינען אז פיעלע פון זיינע געדאַנקען, זעהר פיעלע זיינען שוין ארויסגעזאָגט געוואָרען פאַר ווײַלד'ן פון מאַלאַרמע און אַנדערע אין פראַנקרייך און פון קיטס, סווינבוירן און ראַסעטי אין ענגלאַנד, דאָך מוז מען צוגעבען אז אזוי צוזאַמענבינדען די פערשיעדענע געדאַנקען פון שעהנהייט, אזוי צוזאַמענבויען די פערשיעדענע פעריל-שטיינער אין איין פעריל - טעמפּעל, האָט נאָך קיינער ביז אָסקאַר ווײַלד'ן ניט געטהאָן. ביי זיי איז די קונסט-לעהרע געווען א ביי-זאַך, ביי איהם איז דאָס געווען דער עצם. ביי זיי איז דאָס געווען נור מינוטען פון זייער לעבען, ביי ווײַלד'ן אָבער איז דאָס געווען דער גאַנצער לעבען. עס איז כמעט ניטאָ קיין איין ווערק זיינע וואָס זאָל ניט פערקערפּערן זיין פילאָזאָפיע פון שעהנהייט, ניט נור אין פאָרמע נור אויך אין אינהאַלט. און ניט נור זיינע ווערק נור אויך אין זיינע לעקטשורס האָט ווײַלד געפּרעדיגט די רעליגיאָן פון שעהנהייט.

אין א פאָרטראַג וואָס אָסקאַר ווײַלד האָט געהאַלטען וועגען דער „ענגלישער רענע־סאַנס“, אויף זיין בעזוך אין אמעריקא, האָט ער געזאָגט:

דער דיכטער איז דער צושויער פון אַלע צייטען און אַלע עקזיסטענצען. פאַר איהם איז קיין פאָרמע ניט צו אַלט און קיין טהעמאַ ניט אויסער צייט. ווען מען שטעהט ווייט פון א געוויסער צייט קען מען איהר בעסער זעהן און אָבשפּיגלען ווייל דער דיכטער ציהט אראָב דעם נעבעל פון פאַמיליאַריטעט וועלכער, צו בענוצען שעללי'ס אויסדרוק, פערשטעלט דעם לעבען פון אונז.

ווײלד האָט אין זײן רעפעראַט ערקלערט אַז מאָראַל האָט קײן שײכות ניט צו קונסט. ער ווײס נור וועגן גוטע ווערק און שלעכטע ווערק, און יעדעס גוטע ווערק דאַרף נור ציעלען צו אײן צוועק, צו מאַכען אַן ארטיסטישען אײנדרוק.

אַסקאַר ווײלד האָט ניט געגלויבט אַז דער אויסדרוק פון שעהנהײט דאַרף זײן דוקא אײנפאַכקײט. אין דער דראַמאַ אָדער אַנדערע נאָכאַהמענדע ליטעראַטורען וועלכע מײנען אַז זײ שפּיגלען אָפּ דאָס לעבען, קען עס זײן זעהר גוט, אָבער די נשמה פון דעם דיכטער דאַרף ניט זײן דוקא אײנפאַך.

אַסקאַר ווײלד האָט מיט שפּאָט און מיט צאָרן געקוקט אויף דעם המון. ער האָט געוואוסט און געפיהלט די פינסטערקײט און ערדישע גראָבקײט פון דער מאַסע. ער האָט געוואוסט אַז די ברײטע לעזער־קרײזען ווילען אימער אונטערדריקען, הערשען איבער יעדע אינדיווידואַליטעט אין דער ליטעראַטור. ער האָט געוואוסט אַז זײ וועלען זײנע איבער־לעבונגען און זײנע געהײמניספאָלע שטימונגען ניט פערשטעהן און ער האָט פּראָטעס־טירט און געוואָרנט די קינסטלערישע יוגענד; דאָס פאָלק איז טיראַנישער ווי אַ קעניג. דאָס פאָלק וויל טיראַניזירען דעם קערפּער און די נשמה פון אַ קינסטלער. פרײ מוז דער קינסטלער זײן, אַבסאָלוט פרײ. די בעסטע רעגירונג פאַר דעם קינסטלער איז קײן רעגירונג. דער קינסטלער דאַרף שאַפען ווי ער פיהלט און קײנמאָל ניט זוכען ווערען אײנפאַך, ערדיש. דער המון דאַרף פּרובירען ווערען ארטיסטיש. דער צוהערער אָדער דער לעזער דאַרף זײן די פידעל אויף וועלכע דער מײסטער דאַרף שפּיעלען.

ווײלד האָט די רעאַליטעט און די נאַטור געהאַלטען פאַר שונאים פון קונסט. מען טאָר דעם לעבען און די נאַטור ניט קאָפּירען. „דער לעבען אַהמט נאָך די קונסט“ ער־קלערט ער אין זײן ווערק „דער פוילען פון ליגען“, פיעל מעהר ווי די קונסט אַהמט נאָך דעם לעבען. דאָס איז אַ רעזולטאַט ניט נור פון דעם לעבענ'ס אינסטינקט נאָכצואַהמען, נור אויך פון דעם וואָס דער זעלבסט־בעוואוסטער ציעל פון לעבען איז צו געפינען אויס־דרוק, און די קונסט גיט איהם געוויסע שעהנע פאָרמען דורך וועלכע דיזע ענערגיע קען רעאַליזירט ווערען.“

וואָס מעהר מיר שטודירען די קונסט, זאָגט ווײלד, אַלץ ווײניגער זאָרגען מיר זיך פאַר דער נאַטור. די קונסט ענטדעקט פאַר אונז ווי מאַנאָטאָן די נאַטור איז, ווי ניט דערענדיגט זי איז, ווי אומגעלומפּערט. עס איז אָבער גוט וואָס די נאַטור איז אַזוי, ווײל ווען ניט וואָלטען מיר גאָר קײן קונסט ניט געהאַט. די קונסט איז אַ פּראָטעסט, אַ פּראָבע צו לעהרנען די נאַטור און אַנווײזען איהר דעם ריכטיגען פּלאַץ. די אמת'ע דעקאַדענץ, די אמת'ע צופוילטקײט איז ווען דאָס לעבען קריגט די אויבערהאַנד און טרײבט די קונסט אַוועק אין אַ מדבר. די בעסטע שוהלע זיך אויסצולעהרנען קונסט איז ניט דאָס לעבען, נור די קונסט.

אַסקאַר ווײלד האָט די אידעע פון „קונסט פאַר קונסט“ געפיהרט צו איהר ווײטס־טען, איהר לאָגישסטען שלוס. אין „די נשמה פון דעם מענש'ן אונטער'ן סאָציאַליזם“ האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז די קונסט דאַרף זײן דער מיטעל צום לעבען אָבער שפּעטער איז ער איבערצײגט געוואָרען אַז די קונסט איז העכער פאַר דעם לעבען.

די איבערגעבענהײט צו שעהנהײט, האָט ער געזאָגט אין זײן אָבהאַנדלונג וועגען ענגלישען רענעסאַנס, איז דער פּרוביר־שטײן פון אַלע גרויסע ציוויליזאַציאָנען. שעהנהײט איז די אײנציגע זאַך וואָס די צײט קען ניט שעדיגען. פילאָזאָפיען פאַלען אָב ווי זאַמד, רעליגיאָנען פאַלגען נאָך אײנע די אַנדערע, אָבער דאָס שעהנע איז אַ פרײד פאַר אַלע

צײַטען, אָן אוצר פאַר די אײביגקײט. ווײַלד האָט זאָגאַר געגלויבט אַז די קונסט װעט זײַן בכח צו פערווירקליכען דאָס צו וואָס דער אידעאַלער סאָציאַליזמוס שטרעבט — פערבריידערן די מענשהייט. נאַציאָנאַלער האַס איז אַם שטאַרקסטען דאָרט וואו די קולטור איז אַם נידעריגסטען. אָן אינטעלעקטועלע אַטמאָספערע און אַ ליעבע צו שעהנהייט װעלען פערברידערן די מענשען.

3.

אָסקאַר ווײַלד איז געװען אַזוי פיעל־זײַטיג אין זײַן טאַלאַנט אַז עס איז ניט לײַכט צו שאַצען אין וואָס ער האָט זיך מעהר אויסגעצייכענט, אין וואָסער גאָרטען פון ליטעראַטור ער האָט פערפלאַנצט מעהר בלומען. עס זיינען דאָ קריטיקער וואָס מיינען אַז ער וועט בלייבען אונשטערבליך צוליב זײַנע דראַמען, אַנדערע וואָס מיינען — דורך זיינע ערצעהלונגען און פאָעזיע אין פּראָזע, און ווידער אַנדערע וואָס שטעלען ווײַלד'ס געדיכטען העכער פאַר אַלץ וואָס ער האָט געשאַפען. ווײַלד אַליין האָט געגלויבט אַז זײַן הויפּט פערדיענסט איז זײַן שעהנהייטס־לעהרע וואָס ער האָט מיט אַזאַ בעגײַסטערונג, מיט אַזאַ איבערגעבענהייט געפּרעדיגט. איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז צו וואָס נור ווײַלד'ס פעדער האָט זיך צוגעריהרט איז עס בעהעלט געוואָרען פון שטראַהלען פון שעהנהייט.

מיט ביטערקייט און מיט שנאה איז אָסקאַר ווײַלד'ס בוך מיט געדיכטע בעגעגענט געוואָרען פון דער ענגלישער קריטיק. עס איז ניט געווען קיין איין צײַטונג, קיין איין זשורנאַל וואָס זאָל האָבען פיעל גוטעס צו זאָגען וועגען די געדיכטען. ווײַלד איז בעשולדיגט געוואָרען אין פּלאַגיאַטור און אין קינסטלערישער אונעהרליכקייט. די „סאַטורדיי רעוויו" האָט אין אַ קריטיק אויף ווײַלד'ס געדיכטען געשריבען אַז זיי זיינען נאָכאַהמונגען נאָך אַנדערע ענגלישע און פראַנצויזישע דיכטער, אַז זיי זיינען ניט עמפּפונדען און געשמאַקלאָז. די „אַטהענעאום" האָט ערקלערט אַז אין ווײַלד'ס געדיכטען קען מען געפינען אײנצעלנע גוטע שורות אָבער מעהר ניט ווי דאָס. זײַן הויפּט חסרון איז וואָס ער איז געקינסטעלט. אַנדערע זשורנאַלען זיינען נאָך געווען מעהר פערביסען. אָסקאַר ווײַלד'ס ליעדער זיינען נור אַן אָפּקלאַנג פון די פערשיעדענע אַנדערע ענגלישע דיכטער, איז געווען זייער ווערדיקט.

דיזע צוויי אַרגומענטען זיינען אייביגע טענות וואָס ווערען גאַנץ אָפט בענוצט פון פערשיעדענע קריטיקער אין פערשיעדענע צײַטען ווען אַ נייער פּאָעט ערשיינט, אָבער אין די מעהרסטע פעלע זיינען זיי גרונדלאָז און בעדייטונגסלאָז. עס איז ניטאָ קיין איין דיכטער וועלכער איז ניט בעאיינפלוסט געוואָרען פון אַנדערע. עס איז ניטאָ קיין איין פּאָעט וועלכער האָט ניט אָפּגעעכאָט די הערליכע מוזיק פון די זשעניאַלע מייסטער פון אַמאָל. עס ווענדט זיך נור אָן דעם וויפיעל איינענעס מען לייגט אין זיי אַריין, עס ווענדט זיך נור אויב די אָפּקלאַנגען ווערען איבעראַניים דורכגעפּיהלט און דורכגעשפּיעלט. און אָסקאַר ווײַלד'ס געדיכטען, אפילו אויב זיי זיינען אַלע נור עכאָס פון אַנדערע, האָבען זיי אָבער געהאַט אין זיך אַזאַ שטאַרקייט, אַזאַ איינענאַרטיגען בוי און ריטם, אַזאַ פיינהייט אין פאָרמע, אַז זיי זיינען געוואָרען אַ וועלט פאַר זיך אַליין, אַז זיי זיינען געוואָרען אָסקאַר ווײַלד'ס וועלט.

עס איז אמת אַז אָסקאַר ווײַלד'ס געדיכטען ווערען יעצט אין דער וועלט, און איבערהויפּט אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד, פיעל איבערשעצט. סוף כל סוף קענען ווײַלד'ס געדיכטען ניט גערעכענט ווערען צוזאַמען מיט די פון די גלענצענדע געטער פון די מוזען.

וואָס אנבעלאַנגט פאַנטאַזיע, מוזיק און געפּיהלפאָלקייט קען ער זיך ניט פערגלײַכען צו א ראָסעטי אָדער א סווינבוירן, שוין ניט ריידענדיג פון א קיטס וועמען ווײַלד אליין האָט פערגעטערט. אָבער ווײַלד'ס געדיכטען וועלען שטענדיג בלײַבען אינטערעסאַנט, און אימער האָבען א שעהנעם פּלאַץ אין דער רײַכער ענגלישער פּאָעזיע צוליב די אַרטיסטישע שעהנהייט, צוליב דעם קינסטלער'ס זיגעל פון הערליכקייט וואָס רוהט אויף זיי.

ווײַלד'ס פּאָעזיע איז עהנליך צו די פּאָעזיע פון באָדלער'ן אין פיעלע אופנים. באָדלער האָט געהאַסט אַלץ וואָס איז נאַטירליך. ווײַלד האָט ערקלערט אז אַלץ וואָס איז רעאַל איז ניט פּאָעטיש. באָדלער האָט געליעבט בעפּוצען זײַנע געדיכטע מיט רײַכקייט אין פאַרבען און פערכטיגע מעטאַפאָרען. ווײַלד האָט פיעלע פון זײַנע ליעדער בעציערט אַזוי ווי מיט אַן אָריענטאַלישען גלאַנץ און הערליכקייט. באָדלער האָט געליעבט דאָס קינסטליכע. ווײַלד האָט פערטהיידיגט דאָס וואָס באָדלער האָט געליעבט, דאָס וואָס איז באמת'ן געווען באָדלער'ס מעטהאָדע, זײַן פילאָזאָפי. באָדלער האָט געהאַט אין זײַנע ליעדער א גייסט פון ביזאַריטעט און סאַטאַנישעס. פיעלע פון ווײַלד'ס ליעדער זײַנען מערקווירדיג ביזאַר און שווידערליך-סאַטאַניש. ווײַלד איז זעהר עהנליך צו באָדלער'ן, מיט דער אויסנאַהמע אז באָדלער איז געווען קאָנסעקווענט און ווײַלד האָט ניט אַכטענדיג אויף זײַן האַס צו דער נאַטור געמאָהלען שעהנע נאַטור-בילדער, פון די פעלדער און לאַנדשאַפּ־טען פון ענגלאַנד.

ווײַלד איז א מערקווירדיגער מאַלער. מיט איינינע ווערטער מאָהלט ער אויס א שאַרפע, א קלאָהרע בילד. זײַן פּאָעמאַ „טשאַרמידעס" איז אָנגעפּיקעוועט מיט זעלטענע ווערטער-בילדער. אין „יומעניטאַד" און אין „גאָרטען פון עראָס" מאָהלט ווײַלד די נאַטור מיט די פרישקייט און קלאָהרקייט פון איינעם וואָס דערפרייט זיך מיט יעדען בלום, מיט יעדער גרעזעלע. אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס דיזע ליעדער זײַנען געשריבען געוואָרען נאָכדעם ווי ווײַלד האָט בעזוכט די הייליגע קירכען פון איטאַליען און איהם האָט זיך צוגעגעסען די אויסגעבלאָזענע הערליכקייט און דער ווײַרוך. ווי עס שײַנט איז דאָס טאַקע געווען די ריכטיגע אורזאַכע. דער ענגלישער טהעמזע איז הייליגער ווי רוים און דער צעגערענדער אָראַנזש-גליהען אויף דעם אבענד-הימעל איז שעהנער ווי רוים'ס וואונדער־ליכסטע ספּעקטאַקעלס אָדער פּראָצעסיעס, האָט ווײַלד געדיכטעט. איהם איז, ווי עס שײַנט, געוואָרען דערווידער די קינסטליכע שעהנהייט פון דעם פּאַפּסט'ס קירכע און ער האָט מיט פרייד געאָטהעמט די פרישע מילדע לופט פון ענגלאַנד, און געטרונקען די צאַרטע דופט פון די פײַלכענס און רויזען.

אָסקאַר ווײַלד'ס געדיכטען זײַנען ווי וואונדערליכע פּאַוועס, בעפּוצט מיט פער־שיעדענע רעגענבויגען פאַרבען. אין די מעהרסטע פון זיי איז אָבער דער גלאַנץ, די רײַכ־קייט אַן אויסערליכע. נור אין זײַנע ליעבעס-ליעדער, און איבערהויפּט אין זײַן באַלאַדע פון רעדינג געפענגניס אָטהעמט דער טיעפער אומעט פון א טיעף-פיהלענדע נשמה און דער שמערץ פון א ליידענדען.

אָסקאַר ווײַלד'ס געדיכטען, זאָגט דער בעוואוסטער ענגלישער קריטיקער אַרטור סיימאָנס, זײַנען נור אויף אַזוי פיעל וויכטיג און אינטערעסאַנט אויף ווי פיעל זיי דייטען אָן זײַן וואונש, זײַן שטרעבען צו שאַפען עפּעס גרויסעס אין דער ענגלישער פּאָעזיע. אין דער אמת'ן אָבער איז זײַן פאַנטאַזיע געווען נור ווי דאָס גלימערן פון ליכט אויף אַן עלעקטרישען דראָט, א גלימערן נור אויף דעם אויבערפלעך. אונז שײַנט אָבער אז אם ווייניגסטען דורך איין פּאָעמאַ וועט ער פערבלײַבען צווישען די אייביגע אין דער ענג־

לישער ליטעראַטור. אונז שײַנט אַז מיט דער אויסנאַהמע פון קאָולערידזש'ס „אַלטער מאַטראָז" איז אין דער ענגלישער ליטעראַטור ניטאָ קיין גרױלענדיג־שרעקליכערע באַלאַדע ווי ווײַלד'ס באַלאַדע פון רעדינג געפענגניס.

4.

אָסקאַר ווײַלד איז אָהן צווײפעל דער טאַלאַנטפאָלסטער ענגלישער דראַמאַטורג פון רעם לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט. ער איז געווען דער ערשטער צו פערוואַנדלען די דאַמאַלסדיגע ענגלישע ביהנען־שטיק אין אַ ליטעראַטור־ווערק. זײַן פינקלענדער דיאַלאָג, די פרישע לעבעדיגקײט פון זײַן שפּראַך, זײַנע שאַרפע קלוגע עפּיגראַמען זײַנען געווען צו־געפּאַסט פאַר די העלדען פון זײַנע ווערק. זײַנע העלדען זײַנען געווען פון דער בעסטער ענגלישער געזעלשאַפט און גערעדט האָבען זיי אינטערעסאַנט און וויציג, אפשר צו איג־טערעסאַנט, צו פינקלענד פאַר רעאַלע מענשען. איז דאָך אָבער ווײַלד ערשטענס ניט געווען קײן רעאַליסט און צווײטענס האָט ער אין זײַנע העלדען אַרײַנגעבלאָזען אַ שטאַר־קען אָטהעם פון לעבען, אַזוי אַז אפילו די קלוגסטע ווערטלאַך וואָס דער דראַמאַטורג האָט זיי אַרײַנגעלײגט אין מויל זײַנען אויסגעקומען אויב ניט נאַטירליך דאַן חאָטש מעגליך.

אָסקאַר ווײַלד'ס דראַמען זײַנען געווען ווערק וואָס האָבען זיך ניט גענויטיגט אין גוטע אַרטיסטען צו מאַכען זיי אינטערעסאַנט. זיי זײַנען געווען ניט נור דראַמען פאַר דער ביהנע נור נאָך מעהר אפשר צום לעזען.

ווײַלד'ס דראַמען האָבען געהאַט אין זיך שטאַרקע דראַמאַטישע סיטואַציאָנען אין סוזשעט, אָבער ווײַלד'ס דראַמען האָבען אויסגענומען און נעהמען יעצט מעהרסטענס אויס מיט זײַער צויבער פון סטיל און צאַפּלענדען געשפּרעך. „ער איז דער בעשאַפער פון דער קאָנווערזאַציאָנס־שטיק" דריקט זיך אויס אַ קריטיקער וועגען איהם. בײַ בערנאַרד שאָו, וועמעס דראַמען זײַנען בעאײַנפלוסט פון ווײַלד'ס דראַמען, איז דער וויץ און דער גלאַנץ פון דיאַלאָג ניט נור פערבונדען מיט דעם אינהאַלט און ענטוויקלונג פון דער דראַמאַ, נור זיי זײַנען די נאַטירליכע רייד פון זײַנע העלדען. בײַ ווײַלד'ן זײַנען די עפּיגראַמען און וואָרט־שפּיעלערײַ אַ צוועק פאַר זיך אַליין.

אַזוי ווי די „וויכטיגקייט פון זײַן ערנסט" איז די אינטערעסאַנטעסטע און לעבע־דיגסטע פון זײַנע מאָדערנע דראַמען, אַזוי איז פון זײַנע היסטאָרישע דראַמען די וויכ־טיגסטע און די רייכסטע — סאַלאָמע. סאַלאָמע איז איינע פון די וואונדערבאַרסטע פּאָעטישע דראַמען אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. די קראַפט און שעהנהייט אין איהר איז ניט צום פערגלײַכען. דער ריכטער האָט אַרײַנגעפּאַסט אין דער קלײנער דראַמאַ אַ גאַנצע פּעריאָדע, אַ גרױלענדעס בילד פון אַ דעקאַדענץ. אַ בילד וואָס פערהאַפט דעם לעזער ווי דעם צושויער מיט אַ צויבער־געוואַלט, מיט אַ פּיבערהאַפטער קראַפט. סאַלאָמע וועט אײביג בלײַבען די קרוין־ווערק פון דעם דיכטער, די ווערק וואָס וועט איהם מאַכען אונשטערבליך אין דער ענגלישער דראַמאַטישער ליטעראַטור.

אָבער נאָך פיעל אינטערעסאַנטער און קינסטלערישער ווי אין זײַנע דראַמען איז ווײַלד אין זײַנע ערצעהלונגען און צויבער־געשיכטעס. זײַן פאַנטאַזיע איז דאָרט אַ מעהר־גליהענדע און זײַן סטיל איז אַ מעהר הערליכער און זײַן שפּראַך אַ מעהר וואַרעמע.

די וויכטיגסטע ערצעהלונג פון ווײַלד איז „דאָריען גרעי". די ערצעהלונג איז מערק־ווירדיג פאַנטאַסטיש און די סיטואַציאָן אין וועלכע ער שטעלט אַוועק זײַנע העלדען איז אַ שטאַרקע און אַ שפּאַנענדע. די ערצעהלונג איז צו יענער צײַט געווען ווי אַ פּראָטעסט

גענען די רעאַליסטישע און נאַטוראַליסטישע ראָמאַנען וועלכע האָבען געהערשט אין דער ענגלישער ליטעראַטור. ווײַלד פליהט אין דיזען בוך ארום ווי א פויגעל אין דעם לאַנד פון פאַנטאַזיע און געהײמניספאָלקײט.

אין „דאָריען גרעי" שילדערט אָסקאַר ווײַלד די דראַמע פון א מענשליכע נשמה. דאָריען איז מערקווירדיג שעהן. א קינסטלער דערזעהט איהם און ווערט אין איהם עסטהעטיש פערליעבט. ער געפינט אין זײַן שעהנהײט און אונשולד א נײַע אינספּיראַציאָן פאַר זײַן קונסט. ער מאָהלט זײַן בילד און קאָנצענטרירט זײַן גאַנצען טאַלאַנט, זײַן גאַנצע נשמה אויף איהר, און זי קומט ארויס ווי לעבעדיג. דאָריען בעגעגענט זיך אָבער מיט לאָרד הענרי, א טיפ פון דאָס געבילדעטע און פערדאָרבענע אין דער געזעלשאַפט, א מין אינטעלעקטועלער מעפיסטאָפעלעס. ער פאַלט אונטער זײַן אײַנפלוס און פערלירט זײַן אונשולד. פון דאַן אָן ווערט די אונווירדיגקײט פון זײַן לעבען אָבגעשפּיגעלט אויף זײַן בילד. ער בלײַבט יונג און רײַן אין אויסזעהן, אָבער דאָס בילד ווערט אַלט און פערברעכעריש. מיט יעדען טאָג ווערט די בילד אַלץ מעהר עקעלהאַפט. מיט יעדען טאָג זעהט ער אַלץ מעהר אין איהר די שרעקליכע חורבה און טומאה פון זײַן נשמה.

די ערצעהלונג איז וואונדערבאַר רײַך אין פאַרבען און אין טענער. דער דיאַלאָג איז פינקלענדיג ווי דימענטען אין זון־שײַן. די נאַטור ווערט דאָרט געשילדערט מיט א טיפע ווארעמקײט.

אָבער ווײַלד דערגרײכט זײַן העכסטע שטופע פון קונסט אין זײַנע צויבער־מעשות און פּאָעזיע אין פּראָזאַ. די שפּראַך איז ווי א שנור מיט פּערלען, רובינען און ברילױאַנטען, און זײַער אינהאַלט איז בעצויבערנד. זײ זײַנען אַזוי צערטליך און אַזוי פער׳חלומ׳ט, אַז ניט נור ווערען אַנדערסען׳ס צויבער־מעשות פערדונקעלט פון זײַער גרענצלאָזען גלאַנץ, נור אַפילו די וואונדערבאַרע „אַראַבישע נעכט". אָבער די שעהנסטע פון זײ איז „די נאַכטיגאַל און די רויזע" וועלכע קען זיך פערגלײַכען אין פּרעכטיגקײט און ליעבעספלאַם צו שיר־השירים, און דער „גליקליכער פּרינץ" וואָס איז אַזוי ווי אַן אוצר פון פּיעלפאַרביגקײט און פּראַכט.

עס איז דאָ נאָך אײן ווערק פון אָסקאַר ווײַלד, „דע פּראָפונדיס", וועלכע האָט פערורזאַכט א גרעסערען רושם ווען זי איז ערשיענען ווי וועלכע עס איז אַנדערע ווערק פון ווײַלד. דע פּראָפונדיס איז א שמערצליך געזאַנג וואָס ווערט געזונגען פון א מענשען וואָס האָט דורכגעמאַכט א לעבען, וואָס האָט דורכגעלעבט אַלעס גוטעס און שלעכטעס און שעהנעס און מיאוס׳עס אין דער וועלט, א ודוי פון אָסקאַר ווײַלד. איבערגעבען אין קורצען דעם אינהאַלט איז אונמעגליך. „דע פּראָפונדיס", שרײַבט דער בעקאַנטער קריטיקער ווילױאַם ארטשער, איז אַזאַ וויכטיגער דאָקומענט, אַז ער קען ניט דיסטילירט ווערען אין אײן אָבהאַנדלונג. עס איז ניט דער וואונדער פון א וואָך אָדער דער געשפּרעך פון א סעזאָן. פּסיכאָלאָגען וועלען דאָס שטודירען יאָהרהונדערטע שפּעטער און אָהן צווײפעל אויך ליעבהאָבער פון ליטעראַטור. א ריכטיגע קריטיק פון דעם בוך וואָלט מײנען ניט ווײניגער ווי אַן אויספיהרליכע אָבהאַנדלונג אויף עטיק, עסטעטיק, סאָציאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע. עס וואָלט זײַן א נשמה־פאָרשונג און אַן אַנאַטאָמיזירונג פון דער געזעלשאַפט.

5.

עס זײַנען דאָ שרײַבער אויף דער וועלט וועלכע זײַנען נור בעקאַנט דורך זײַערע ווערק, דורך דאָס וואָס זײ שאַפען; זײ אַלײן, זײַער אײגענער לעבען איז א סוד פאַר

וועלט, אָדער בעסער געזאָגט אַ זאַך וואָס איז אונבעוואוסט. קיינער ווייס ניט זייער לעבען און קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט זייער לעבען. עס זיינען אָבער דאָ אַנדערע שרייבער אויף דער וועלט וואָס זיינען בעריהמט דורך זייער „איך", דורך זייער פּערזענליכקייט. ביי זיי זיינען זייערע ווערק אַ טהייל פון זייער „איך" און זייער „איך" אַ טהייל פון זייערע ווערק. עס איז אונמעגליך זיי אָבצוטהיילען איינע פון די אַנדערע, ווייל איינע אָהן די אַנדערע זיינען ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה און נור ביידע צוזאַמען זיינען איין לעבען. אָסקאַר ווײלד איז געווען איינער פון דיזע שרייבער וועלכע האָבען גענומען זיך זעלבסט פאַר אַ טהעמאַ. דאָס וואָס ער האָט ניט דערזאָגט און דערפּוצט אין זיינע ווערק, האָט ער פּרובירט פערפאָלקאָמענען אין זיך אַליין. ער האָט פּרובירט זיך אַליין מאַכען פּאַר אַ מיטעל דורך וועלכען צו פּרעדיגען זיין אידעאַל פון שעהנהייט.

מיין טאַלאַנט האָב איך אַריינגעגעבען אין מיינע ווערק, אָבער מיין זשעניאַליטעט האָב איך געלאָזען פאַר זיך אַליין, האָט ווײלד געזאָגט וועגען זיך. און ריטשאַרד לע גאַליען, דער יונגער אַמעריקאַנער פּאָעט, וועלכער איז געווען ווײלד'ס אַ פּערזענליכער פריינד, זאָגט עדות אַז ווײלד'ס מיינונג וועגען זיך אַליין איז געווען די ריכטיגע. „אויב די פעדער איז שטאַרקער פאַר'ן שווערד," שרייבט לע גאַליען, „דאַן איז אין דעם פאַל פון אָסקאַר ווײלד, דער צונג שטאַרקער פאַר דער פעדער."

ווײלד איז געווען אַן אינדיווידואַליטעט, אַ גרויסע פּערזענליכקייט. און זיין הויפּט אויפגאַבע איז געווען פאָרשטעלען פאַר דער וועלט איין קונסט־ווערק, איין שעפּפונג — זיך זעלבסט. אַלץ וואָס ער האָט נור געטהאָן אין זיין לעבען איז נור געווען צו פאָלקאָמען מאַכען זיין קונסט־ווערק איבער קונסט־ווערק, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען — זיין אייגענעם „איך". איהם האָט ניט אינטערעסירט צו זיין בעריהמט אויף דער וועלט אַלס „דער דיכטער אָסקאַר ווײלד, דער דראַמאַטורג אָסקאַר ווײלד אָדער אפילו דער קריטיקער אָסקאַר ווײלד, נור אַלס אָסקאַר ווײלד די פּערזענליכקייט, די ווערק פון קונסט."

ער איז געווען קאָנסעקווענט. ער האָט זיין אייגענעם לעבען אויסגעלערנט נאָכצומאַכען זיין קונסט, אַזוי ווי ער האָט אַנדערע, דעם גאַנצען לעבען, געלערנט צו טהאָן.

און אויב ווײלד האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין זשעניאַליטעט אין וועלכען עס איז בעזונדערן צווייג פון זיין שעפּפונג־בוים, דאַן איז אָבער אָסקאַר ווײלד צוזאַמען מיט אַלע שעפּפונגען איין זשעניאַלע ווערק, איין אייביגקייט־שעפּפונג. און דאָס גלויבען מיר טאַקע איז די אורזאַכע וואָרום אָסקאַר ווײלד פערנעהמט יעצט אַזאַ אויבען־אָן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קונסט און וואָס אין די קינסטלער־קרייזען פון דער וועלט אינטערעסירט מען זיך מעהר מיט אָסקאַר ווײלד ווי מיט באָדלער אָדער ווערלען, און זאָגאַר ווי מיט אַזאַ געטליכען דיכטער ווי סווינבוירן אָדער אַזעלכע צויבער־דיכטער ווי קיטס, וויליאַם מאָרים און ראָסעטי.

ליטעראַרישע איבערזיכט:

י. ס.

דער פּאָעט פון בענקשאַפט

(„שטילע געזאַנגען“ פון דוד אײנהאָרן).

דוד אײנהאָרן איז דער דיכטער פון שטילקײט, פון שאָטענס און פון בלײכע ליכט. ער לעבט אין אַ װעלט פון צערטליכע װײכקײט און ער הערט װי דער טײכעל פערװײנט שטיל זײנע זילבערנע װעללען און פלעכט נעצען פון שטראַהלען, און שטענדיג ציהט עס איהם אַװעק װײט, װײט פון דער אָרימער, רעש׳דיגער, טומעלדיגער װעלט צו אַן אָרט װאו עס שטעהען געפלאָכטען די בױמער, װאו עס שװימען אום עכאָס און װאו װײסע בעראָזאָװע בױמער דערצײלען לעגענדעס, שטילע לעגענדעס. שטילקײט זוכט אײנהאָרן און פון שטילקײט זינגט ער, און דעריבער האָט טאַקע אײנהאָרן קײן פּאַסענדערען, קײן טרעפליך־אײנפאַכערן נאָמען ניט געקענט געבען זײן שעהן אױסגעשטאַטעטען ביכעלע מיט לידער װי „שטילע געזאַנגען“.

אַ לבנה־אָטעם שװעבט דורך די לידער פון אײנהאָרן, אַ בלײכער שטראַהל רוהט אויף זײ. זײנע לידער זײנען ניט דערזאָגטע, און אָמאָל אויך ניט דערהערטע. זײ זײנען שטיל װי אַ פאַרנאַכטיגער װינטעל װאָס קרײזעלט זיך, קוים פיהלבאַר, קוים הערבאַר דורך די בױמער, װי דאָס צוקוסען זיך און האַלזען זיך פון בין־השמשות מיט דעם אבענד, אײדער די נאַכט קומט אָן.

אײנהאָרן זינגט פון שטילקײט, אָבער ניט די שטילקײט פון פאַר אַ מלחמה, ניט די שטילקײט אײדער אַ שטורעם, און ניט די שטילקײט פון נאָך אַ מלחמה. עס איז ניט די שטילקײט פון אַ זיעגרײכער רוהע, בעקראַנצט מיט פלאַמענדע בלומען. עס איז די שטילקײט פון אַ צאַרטע נשמה װאָס האָט מורא פאַר דעם לעבען, װעלכע פיהלט זיך עלענד און פאַר װעמען אַלעס איז פרעמד און װײט. עס איז די שטיל־קײט װעלכע איז ניט בכח עפּעס צו שאַפען, עפּעס צו בױען, װעמעס אָנפאַנג איז שטומע בענקשאַפט און װעמעס סוף איז דער שטומער טױט:

לעער איז מײן צוקונפט אַזױ װי אַ מדבר,
מיט אָפענע קברים אָרום און אָרום,
און אײנזאַם דאַרט בלאָנדזשע איך, מעהר ניט אַ מטה
מיט עטליכע ברעטער בעגלײטען מיך שטום.

אײנהאָרן איז אַ ראָמאַנטיקער. זײנע לידער זײנען ניט פון דער ערליכער אידישער פערגאַנגענהײט און ניט פון די פּאַטריאַרכאַלע צײט, פון דעם חסידיזם װעלכער האַלט אין פערגעהן. ער רעדט ניט פון העלדען און ריטטער און אפילו ניט פון צױבערײ און מכשפות. ער איז אָבער אַ ראָמאַנטיקער אין זײן בענקשאַפט, אין זײן געלוסטען נאָך דאָס פערנעבעלטע, אין זײן בליק אויף דער נאַטור.

איינהאָרן ליעבט די נאַטור, חאָטש ער קען איהר ניט מאַהלען. ער ליעבט זי אָבער טיעף. ער וויל זיך פּעראייניגען, בעהעפטען מיט איהר און זיפצענדיג אונטער'ן לאַסט פון לעבען, בעט ער די בעראַזקעלע זי זאָל פאַר איהם מתפלל זיין. ער איז צו צובראָכען, צו מיעד צו קענען אַליין תפילה טהון. ער וויל דעם וועג צו די הימלען, צו די ראָזיגע נעבלען ואו ער וועט קענען פערטרייבען אַלע פינסטערע טרוימען, וועלכע רינגלען איהם אַרום ווי שוואַרצע וואָראָנעס. אָבער די וועג געפינט ער ניט און ער בלייבט אין דער ענגער געסיל מיט די קליינע הייזקעס, וועלכע

ווי קליינע קינדערלאַך צושראָקענע צוזאַמען,
א דעביל ביי א דעביל שטעהען זיי געדריקט.

* * *

שעהן זיינען איינהאָר'ס ליעדער, אָבער ניט מיט דער שעהנהייט וועלכע לאָזט אויף אייך אַן אייביגען רושם. זיי זיינען גלאַט, זיי זיינען אַפט מעלאַדיש, שטימונגספאָל, אָבער קיינמאָל ניט בעצווינגענד, הינרייסענד. ווען איהר ענדיגט זיי לעזען בלייבט אייך קיין זאַך ניט איבער. איהר קענט קיינמאָל ניט זאָגען: דאָס האָט געשאַפען די גאָלדענע האַנד פון א מייסטער. דאָס האָט געזונגען די האַרץ פול מיט רוח הקדש.

עס טרעפט אַמאָל מען בעגעגענט א בלאַסע חנ'עוודיגע מיידעלע איהר רעדט מיט איהר, זי מאַכט אויף אייך אַן איינדרוק. זי שמייכעלט צו אייך — איז אייך אַנגענעהם. עס ווילט זיך איהר א קוש טהאָן, צודריקען צום האַרצען, אָבער געהט איהר פון איהר אוועק פערגעסט איהר זי, פאַלט זי ביי אייך אַרוים פון זינען. טרעפט איהר אָבער א שעהנ־הייט, א פלאַמענדע יוגענד, איז וואָס ווייטער איהר זייט פון איהר אוועק אַלץ מעהר ציהט זי אייך צו זיך, רייסט זיך די נשמה צו איהר. ניט אַזעלכע זיינען אָבער איינהאָרנ'ס ליעדער. זיי זיינען ווי די שטילע, חנ'עוודיגע מיידעל.

אָבער עס קען אויך זיין אַזאַ שטילקייט וועלכע זאָל זיין אַזוי טיעף, אַזוי זאָנדער־באַר, אַזוי גרונדלאָז, אַז דאָס זאָל אויך מאַכען אַן אייביגען רושם. דאַרף מען אָבער צו דעם זיין א גאָט־געבענטשטער מייסטער, דאַרף מען צו דעם האָבען א וועלט־גרויסע בענקשאַפט, דאַרף מען האָבען א בעשטימטען אידעאַל, דאַרף זיך אין די שטילקייט פיהלען אַן אונטעראירדישער גראָלען, דאַרף אין די שטילקייט בליצען פעריל פון בייגקשאַפט. דאָס האָט איינהאָרן ניט. דאָס איז איינע פון די אורזאַכען וואַרום דיזער ביכעלע ליעדער קען ניט האָבען קיין גרויסע ווירקונג אויף דער צוקונפט פון דער אידישער ליטעראַטור, און אפילו אויף דער יעצטיגער ליטעראַטור אונזערער.

אָרים איז אויך איינהאָרן אין מאָטיוען. דאָס גאַנצע ביכעלע איז כמעט איין מאָ־טיוו, און דעריבער מאַכט וועלכע עס איז ליעד פון ביכעלע א פיעל שטאַרקערען איינדרוק ווען איהר לייענט איהר בעזונדער. לייענט איהר אָבער דעם ביכעלע כסדר הייבט איהר אָן פיהלען די איינטאָניגקייט, די ווידערהאָלונג.

אָבער נאָך אָרימער איז איינהאָרן אין מעטאַפאָרען. א „ראָזער וואָלקען“, א „ראָזער שטראַהל“ חזר'ט זיך איבער כמעט אין יעדער ליעדעל און אַז ניט איז „צאַרטער שטראַהל“ אָדער „ראָזאווער פאַרנאַכט“ און אָדער א „מיידעל א בלאַסע“ אָדער א „בלאַסקייט פון מיידעלשע באַקען“. די פיגורען פון איין ליעד שיידען זיך זעהר ווענינ אָפּ פון צווייטען: עהנליכע פאַרבען, עהנליכע טענער

און וואָלט איינהאָרן ניט געווען א ליריקער, וואָלט אין זיין נשמה ניט געזעסען א זינגער און דערצו נאָך א עלענדער און „א נגון פערטראַכט, וועבען שטיל, וועבען שטיל אויף די

סטרונעס מיט צערטליכע פינגער", דאַן וואָלטען זיינע ליעדער געהאַט זעהר אַ קליינעם ווערטה פאַר אַזאַ ליטעראַטור אפילו וואָס האָט ווייניגער פּאָעזיע, ווי די אידישע. זיין אמת־לירישעס געפיהל, זיין מעלאָדישע צאַרטקייט, רעטעט איהם אָבער.

און מיר האָפען אַז איינהאָרן, וועלכער איז נאָך זעהר יונג, וועט זיך ענטוויקלען, וועט זיין לירישען געפיהל אַרומוועבען מיט אָריגינעלע טענער און פאַרבען, אַז אין זיין נשמה וועט אויפברענען אַ ליידענשאַפט, אַז זיין אויג וועט שאַרפער ווערען און אַז אויב ער וועט אין נעבלען שוועבען, זאָל ער שוועבען מיט אָדלער־פליגעל, זאָל זיין פליה זיין הימעל־הויך, ביז צו דער פיעל־פאַרבינער לאַנד פון פאַנטאַזיע, ביז צו דער הערליך־גלענצענדער זון.

צאַרטע קלאַנגען

(„ליעדער" פון ה. רויזענבלאַט).

עס זיינען דאַ דיכטער אויף דער וועלט וועלכע זיינען ניט געבענשט געוואָרען פון גאָט צו שווימען אין און אונטער די הימלען, זיך צו ערהויבען צווישען אָדער העכער פון די וואָלקענס. זיי זיינען ניט די פערצויבערטע גייסטער מיט פערצויבערטע פאַנטאַזיעס. זייערע הערצער זיינען ניט בעשטראַהלט געוואָרען פון דער שכינה, ניט געפּאַכט געוואָרען פון דעם רוח הקודש און דאָך זיינען דאַ צייטען, ווען זייערע ליעדער קלינגען אנגענעהם און הארציג, און עס זיינען דאַ מענשען פאַר וועמען זייערע ליעדער וועלען זיין אַ דערפרישונג, אַ נחת־רוח.

ה. ראָזענבלאַט איז איינער פון די דאָזיגע דיכטער. זיין פאַנטאַזיע איז ניט קיין בעפליגעלטע, איז ניט קיין שוועבענדע. זיין נשמה איז ניט קיין רייכע אין שטימונגען. זיינע ליעדער איבערראַשען אייך ניט מיט עפּעס אונערוואַרטעטעס, בערוישענדעס. רויזענבלאַט'ס מוזע איז ניט בעקרוינט מיט פיעלע בלומען און פאַרבען (און זיכער ניט קיין נייע פאַרבען) און דאָך זיינען זיינע ליעדער אָפט זיס און בעהויכט מיט צאַרטקייט און פרישקייט.

אין כמעט אַלע ליעדער פון בוך פליסט אַ געוויסער אומעט, פיהלט זיך אַ געוויסע ביינקשאַפט. דער אומעט איז ניט קיין שטאַרקער, די ביינקשאַפט איז ניט קיין טיעפע. עס איז ניט דער אומעט און די ביינקשאַפט פון שטאַרקע איבערלעבונגען. עס איז דער אומעט און ביינקשאַפט פון דעם פיהלענדען מענשען וואָס פערטראַכט זיך אויפ'ן גאַנג פון לעבען, וואָס האָט ליעב די נאַטור.

רויזענבלאַט פערטראַכט זיך וועגען לעבען, וועגען דעם שיקזאַל פון דעם מענשען. ער האָט ליעב די נאַטור, נור ער איז ניט איהר מאַהלער. ער פערשטעהט איהר ניט. די נאַטור איז ניט ביי איהם אַ וועלט פאַר זיך אַליין. זי איז נור ביי איהם אַ סימבאָל פון דעם מענשען, פון זיין לעבען.

און דעריבער מאַקע איז אַ ליעד ווי „דער בוים" מאַטעריאַל פאַר פּאָעזי אָבער ווייניג־וואָס פּאָעזי. וואָלט רויזענבלאַט געהאַט אין זינען דעם בוים'ס לעבען און ניט אַ מענשען'ס לעבען, וואָלט ער דעם בוים און זיין לעבען געוועזן מאַהלען, וואָלט ער די

וואַלד־טראַגעדיע פאַרגעשטעלט אין וואַלד־בילדער, וואָלט זיך דערפיהלט די וואַלד־שטימונג, און עס וואָלט זיך ניט געענדיגט:

און בערוישט פון פויגעל־זמירות
און פון יום־טוב פון גישמאַקען,
הערט ער ניט ווי אונטען האַקען
העקער אונטער זיינע וואָרצלען.

א חוץ דעם. וואָלט רויזענבלאַט ניט געהאַט דעם מענש אין זינען, דאַן וואָלט די בוים וואָס ער מאָלט — טאַקע מיט דעם זעלבען געדאַנק — געווען במילא א סימבאָל פון דעם מענשען׳ס לעבען און דערצו נאָך גוטע פאָעזי.

דער זעלבער חסרון פיהלט זיך אויך אין דער ליעד „בעווייליגט“.

די זון שטייגט אַלץ העכער און העכער,
די היץ ווערט סכנות נפשות,
דעם איינציגען בוים אויף דער לאַנקע
בעפאַלט אזא שווערער חלשות.

די בוים בעט גאָט אויף א רעגען. עס בעווייזט זיך א שטיקעל חמאַרע און

עס דונקעלט.... די היץ פאַלט.... און לאַנגזאַם
א וואָלקען די זון האָט בעהאַלטען — —
א בליץ האָט געטהאָן — און אויף צווייען
דעם בוים נעבאַך איבערגעשפאָלטען....

די ווערטער וועלכע איך האָב אונטערגעשטראָכען אין די צוויי פערזען זיינען אזוי שרייענדיג ניט פאָעטיש, אז איך בין זיכער אז ווען רויזענבלאַט וואָלט געשריבען וועגען דעם לעבען פון א מענשען און דאָס ניט וועלען סימבאָליזירען דורך א בוים, וואָלט קיינמאָל ניט געקענט אַרויסקומען ביי איהם אזא פּראָזא־ליעד. רויזענבלאַט האָט אָבער געוואָלט בעוואוסטזיניג סימבאָליזירען די טראַגעדיע פון מענשען דורך די טראַגעדיע פון בוים און עס איז אַרויסגעקומען אזוי אז עס פיהלט זיך ניט און עס ווערט ניט געמאָהלען די טראַגעדיע ניט פון בוים און ניט פון מענשען. דער דיכטער דערציילט נור וועגען א טראַגעדיע און דער וואָרט „נעבאַך“ דריקט אויס זיין רחמנות.

דער זעלביגער חסרון הערשט אין די מעהרסטע ליעדער פון וואַלד און פעלד. אין אַנדערע ליעדער, ווי „בעריאָזא„ צום ביישפּיעל, גיט נאָך דער דיכטער זיינע סימבאָלען אריין לשון, און אויב יע רעדען א מענשליכע שפּראַך, דאַן וואָרום ניט קיין סענטימענטאַלע און רויזענבלאַט׳ס „בעריאָזע“ רעדט טאַקע:

וואָס טהו איך מיט די נאַקעטע
יתומים׳לאַך אצינד?
איין הילף איז נור פאַר זיי, פאַר מיר
א בייזער שטורם־ווינט.

און אזוי איז עס אויך אין דער „וואָזאָגע“, אין „גאָרטען און פאַלאַסט“, אין די „יונגע ווערבע“ און אַנדערע.

אין „וואַלד און פעלד“ זיינען אויך דאָ אזוינע „נאַטור ליעדער“, ווי „טהוי“, „בין השמשות, „די ווייסע מדבר“. זיי זיינען שוין בעסער פאַר די אויבענדערמאָנטע איינפאַך צוליעב דעם, ווייל זיי זיינען ליריש־פּערזענליך. אָבער אויך אין זיי פיהלט זיך ניט דער

אָטהעם פון פעלד און וואַלד, פיהלט זיך ניט די פערל־פרישקייט פון טהוי און די פאַר־בען־ווייכקייט פון זונענאונטערגאַנג.

פיעל בעסער אָבער איז די צווייטע אבטהיילונג פון רויזענבלאַט'ס ליעדער, די „פאָלקסטהימליכע".

ראָזענבלאַט אליין איז אַ פאָלקס־מענש, און דאָס וואָס איז נאָהענט צו איהם, דאָס וואָס איז באמת'ן אַ טהייל פון איהם, דאָס געלינגט איהם אין זיינע ליעדער. אין די פאָלקסטימליכע ליעדער איז ניט נויטיג קיין פארבען־רייכקייט, קיין שוואונג. פער־קעהרט, וואָס איינפאכער די ליעדער זיינען, וואָס שטילער זיי זיינען, אלץ פאָעטישער זיינען זיי, אלץ מעהר וועלען זיי האָבען ערפילט דעם דיכטער'ס אויפגאָבע. און וואָלט דעם דיכטער'ס שפראַך געווען מעהר פאָלקסטימליך און מעהר אינטים, מעהר בעוועהט פון הארצענס־טהוי, דאַן וואָלטען זיינע ליעדער פון דיעזער אבטהיילונג געקענט גערעכענט ווערען צווישען די בעסטע ליעדער פון דעם מין אין דער אידישער ליטעראַטור. וואָלט רויזענבלאַט געהאַט די מיידעל־ווייכקייט פון אייזהאָרן און די שפּראַך־פרישקייט פון רייזינען, אונטער וועמעס איינפלוס ער געפינט זיך אָפט אפילו אין די ריין־לירישע ליע־דער, וואָלטען די ליעדער זיכער פערנומען דעם אויבען־אָן אין די אידישע פאָלקסטימליך־ליעדער־ליטעראַטור.

ווי ניט איז, אָבער געפינען זיך אויך אייניגע פיינע ליעדער אין דיעזער אבטהיילונג.

שוין נאָך יום טוב, ליעבע קינדער,
ס'הויבט זיך אָן דער נייער זמן,
נו, צוריק צום אַלטען רבין
חיים שמעיה קאַטערזשאַן...

פרישקייט און אינגעלשע לעבעדיגקייט פיהלט זיך אין דער ליעד.. דער ריטהם, וועלכער איז ביי רויזענבלאַט'ן אַן איינפאכער אָבער כמעט שטענדיג אַ גלאַטער, איז דאָ נאָך זעהר צוגעפּאַסט צו דער טעמא פון ליעד. הארציג וואַרים און הארציג־אַנגענעם זיינען די ליעדער „אין העכערן לימוד" און „שלום עליכם מלאכי השרות".

עס זיינען אין די אַנדערע ליעדער פון דער אבטהיילונג דאָ שוואַכערע פערזען און שעלכטע גראַמען, ווי „הנאה" מיט „מהרש'א", „איהם" מיט „תהילים", „גוט" מיט „נאַתא" א. ז. וו. אָבער דאָס זיינען פערהעלטניסמעסיג קליינינקייטען. מיר דאַכט זיך אַז רויזענבלאַט'ס בעסטע סטרונע אין פידעל פון זיין דיכטער־האַרץ איז די פאָלקסטימ־ליכע.

צווישען די ליעדער פון דער אבטהיילונג „פערשידענע", זיינען דאָ צוויי פּאָעמען: „רויטע פערל" און „דער מכשף". אין ביידע פּאָעמען, ווי אויך אין דער געדיכט „דער פערוואָרפענער" צייגט דער דיכטער אַרויס מעהר עלעגאַנץ און פּרעכטיגקייט אין שפּראַך און אַ געוויסע נאַטור־מאַהלעריי. אָבער אַלע דריי ליעדער ליידען פון איין גרויסען חסרון — צושוואומענקייט.

„די רויטע פערל" איז שטאַרק אונטער דעם איינדרוק פון אָסקאַר ווײַלד'ס „באַלאַדע פון רעדינג געפענגנים", וועלכע רויזענבלאַט האָט איבערזעצט. די פאָרמע, דער טאָן און אפילו אַ פּאָר שורות זיינען גענומען פון ווײַלד'ס בעריהמטע פּאָעמא. אויסער צו־שוואומענקייט איז אַ חסרון פון דער פּאָעמא, דאָס מוסר'ן פון דעם דיכטער, וואָס איז ניט נור ניט פּאָעטיש, נאָר, מילד געזאָגט, נאַאיוו.

מיט גרויס פערגעניגען ווילען מיר אָנווייזען אַ פּאָר טהיילען פון סוף פון דיזער ליעד, וועלכע זיינען זעהר שעהן.

אין בוך געפינען זיך נאָך אויך אַ איבערזעצונג פון פּאָ׳ס „ראַב“ און אייניגע קליינע ליעדער. די לעצטע ליעד „שפּיעל מיין פידעל“ האָט דער דיכטער גענומען אין גאַנצען אויסלאָזען פון בוך, און די איבערזעצונג פון פּאָ׳ס געדיכט איז ערטערווייז פערהעלטניסמעסיג גאַנץ גוט, אָבער ערטערווייז רייסט עס ניט נור אין די אויערן, נור אויך אין הארצען. אויסער דעם איז די איבערזעצונג באמת׳ן ניט קיין איבערזעצונג, ווייל דער דיכטער האָט צוויי פערזען פון פּאָ׳ס געדיכט אין גאַנצען אויסגעלאָזען.

רויזענבלאַט האָט געשריבען פיעל מעהר ליעדער ווי עס געפינט זיך אין זיין בוך, און אויב אונזער זכרון נאַרט אונז ניט (און מיר גלויבען אַז ניט) האָט ער געהאַט אייניגע ליעדער וואָס וואָלטען געקענט פערנעמען דעם פּלאַץ פון מאַנכע וואָס זיינען אַריין אין זיין ביכעל.

אַ פּאָעט אַ מאַלער

(„אומעדיגע וועגען“ פון ב. לאַפּין).

אַך, נים בעט איך זאָל פרייליכע ליעדער איך זינגען,
ס׳האָט פון פרייליכקייט קיינמאָהל מיין הארץ ניט געוואוסט,
ס׳איז אַן אומעדיג־בלייכע געוועזען מיין מוטער, —
כ׳האָב דעם אומעט אין זיך איינגעזאַפּט פון איהר ברוסט...

דאָס איז דער גרונד־מאָטיוו פון לאַפּינ׳ס ביכעלע מיט ליעדער „אומעדיגע וועגען“. טרויעריג, יאוש׳דיג זיינען די ליעדער פון לאַפּינען. טענער פון וועהטאָג און לייַדען קלינגען פון די ליעדער אַזוי ווי די טענער פון אַן אָסיען־ווינד וואָס וויינט צווישען די ביימער און פערשפּרייט אַרום זיך טויטע בלעטער. פון דער ערשטער בלעטיל ביז דער לעצטער, פון דער ערשטער ליעד ביז דער לעצטער, האָט אַ שווארצער אומעט אויסגעשפּרייט זיינע פליגעל. אַן עלענדער וואַנדעלט דער דיכטער אום אויף די אומעדיגע וועגען פון לעבען און

ס׳איז אומעדיג... ניטאָ איין פריינד
מיט וועמען כ׳זאָל מיין אומעט טהיילען;
אין הארצען גליהט מיר אַ פערלאַנג,
ניטאָ פּאַר וועמען איהם דערציילען.

אַ חלום טראָגט דער פּאָעט אַרום אין זיין הארצען און אַ קראַנץ מיט בלומען אין האַנט, נור ער האָט קיינעם ניט וועמען די בלומען צו געבען און קיינעם ניט וועמען דעם חלום צו שיינקען. אַלע וועגען האָט ער שוין אין לעבען פּרובירט און האָט קיין גליק ניט געפונען און אפילו אין ליעבע געפינט ער ניט קיין גליק. פריש און לעבעדיג איז די מיידעל מיט „ראָזע פייערלאַך,“ אויף איהרע באַקען, אָבער זיין ליעבסטע איז צובראָכען, ווי ער און כדי צו פערגעסען זייער טרויער רופט ער איהר:

לאָמיר ליבסטע ווי צוויי קליינע קינדערלאַך זיין
פּאַר וועלכע עס איז נאָך דער לעבען אַ שפּיעל.

אָבער באמת'ן ערוואַרטעט ער יעדע מינוט דעם טויט און ער פיהלט אַז דאָס ליעד זיינס, זיין טרויער וועט מיט איהם אליין שטאַרבען. און ווען ער וועט אַ פּערמאַטער־טער פון לעבען שטאַרבען, אויסגעהן ערגעץ אַנגעשפּאַרט אויף אַ שטיין, פערלאַנגט ער חאָטש אַז דער ווינטעל זאָל איהם בעוויינען, אַז דער ווינטעל זאָל נאָך איהם קדיש זאָגען.

אומעדיגע זיינען לאַפּינ'ס ליעדער און אין די מעהרסטע פון זיי איז דער אומעט אַן אויפריכטיגער, אַ דורכגעפיהלטער. אין איינציגע ליעדער ווערט דער אומעט שווערער. ער ווערט אַזוי ווי אַ שוואַרצער וואָלקען אין אַ זומער־טאָג, אַן אומעט וואָס איז ניט ערדיש־קריכענדיג, נור אַן אומעט וואָס האָט אין זיך קראַפט, וואָס קען אויסברעכען אין אַ דונער... אָבער אַ אומעט, אפילו אַ שטאַרקער דורכגעפיהלטער אומעט, מאַכט נאָך ניט קיין גוטע פּאָעזיע. טויזענדער אומעדיגע מענשען מיט אומעדיגע הערצער מיט פער־חמאַרעטע געדאַנקען לעבען און רינגלען אונז אַרום, אָבער דאָס וואָס זיי זאָגען אָדער וואָס זיי שרייבען איז ניט קיין פּאָעזי. אום צו ווערען פּאָעזי מוז דער אומעט דורכ־געפלאָסען ווערען דורך שיינהייט, מוז ער בעוועהט ווערען, ניין ניט נור בעוועהט ווערען נור דורך און דורך דורכגעוועבט ווערען מיט נשמה־מוזיק ווי מיט אַ חלום. און אין די מעהרסטע ליעדער פון לאַפּינען פעהלט ניט נור נשמה־מוזיק נור אפילו אויסערליכע מוזיק.

אָבער אויסערליכע מוזיק, דאָס הייסט די טעכניק פון אַ ליעד, דעם גראַמען־קלאַנג, דעם פערזען־בוי קען מען זיך נאָך פיליכט אויסלעהרנען, אָבער נשמה־מוזיק איז די טהייערסטע מתנה וואָס ווערט דעם אמת'ן, דעם גרויסען טאַלענט געשענקט פון די הימלען. נשמה־מוזיק, דאָס איז באמת'ן די נשמה פון פּאָעזי, דאָס איז דער עצם פון יעדען דיכטער.

און ניט נור פעהלט לאַפּינען די אינערליכע מוזיק וואָס גיט־צו דאָס צויבערליכע צו דעם ליעד, ווי דער קלאַנג פון האַרפען אין אַ ווינט, נעבען ים, נור איהם פעהלט דער געפיהל פאַר די שיינהייט פון וואָרט אין פיעל ליעדער. עס איז ניטאָ קיין איין ליעד וואו עס זאָלען זיך ניט געפינען פּראָזאַאישע ווערטער און אפילו גאַנצע שורות פון פּראָזאַ. און אין אַזעלכע ליעדער ווי לאַפּינ'ס פיהלט זיך דער חסרון שטאַרקער ווי ביי אַנדערע, ווייל לאַפּין איז אַ פּאָעט פון שטימונגען און ניט פון איבערצייגונגען אָדער פון געדאַנקען־פילאָזאָפיע, און שטימונגען קענען ניט אויסגעדריקט ווערען נור געצויבערט ווערען דורך עטוואָס מיסטישעס, דורך עטוואָס טרוים־בעשאָטענטעס. צו צויבערן אַ שטימונג איז נויטיג די סאָגדזשעסטיוויטעט ניט נור פון טאָן פון גאַנצען ליעד נור אויך פון יעדען וואָרט בעזונדער.

לאַפּין איז אַ ליריקער און אַ לירישע ליעד מוז האָבען אַ לירישע פאָרמע. פיעלע פון לאַפּינ'ס ליעדער האָבען דעם סטיל פון עפּיק. ער זינגט ניט, נור ער דערציילט.

לאַפּין צייכענט זיך אָבער אויס אין מאָהלען בילדער. איינהאָרן איז פול מיט זאַנפטקייט און פּאָעטישען צויבער. ער האָט נשמה־מוזיק און זיין ביינקשאַפט איז, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, זאָגאַר אַ מוזיקאַלישע ער איז אָבער אָרעם אין פאַר־בען און בילדער. ביי לאַפּינען ווידער איז אָבער ניטאָ קיין איין ליעד וואָס זאָל ניט ענטהאַלטען קיין בילד און אָפטמאָהל אפילו איינציגע. אמת, די בילדער זיינען ניט די בילדער וואָס ווערען געמאָהלען פון אַ געפליגעלטער פאַנטאַזיע. זיי בליצען ניט אויף אין אַ וואָרט אָדער אפילו אין אַ פערז וואָס זאָל זיך איינגעסטעט אין דעז' נשמה זיי זיינען מעהר מוח־אַרבייט, מעהר צוגעטראַכט, אָבער זיי זיינען אין די מעהרסטע פעלע

גוטע מוח־אַרבייט און עס פיהלט זיך פון זיי ניט דער אָטהעם פון מיעדקייט. איינינע פון די בעסטע בילדלאך אין לאַפּינ'ס ליעדער געפינען זיך אין די „פינסטערע נעכט" און „העני־רייד" און אין „א ניו־יאָרקער פריהמאָרגען". די אינטערעסאַנטעסטע פון די דריי ליעדער איז „א ניו־יאָרקער פריהמאָרגען". אין דער אידישער פּאָעזי פעהלען אין גאַנצען ליעדער פון שטאָדט און חאָטש לאַפּין האָט נאך אין דער ליעד ניט די ריכטיגע פּאָרמע, ד. ה. די פאָרמע צוגעפּאַסט צום איינהאַלט, וואָס איז לויט אונזער מיינונג אַבּסאָלוט נויטהיג, דאָך איז די ליעד אינטערעסאַנט דורך דעם אופן ווי אַזוי דער דיכטער רעאַגירט אויף דער שטאָדט. דער „העני־רייד" איז אין גאַנצען גענומען איינע פון לאַפּינ'ס שוואַכערע ליעדער. זי איז צופיעל צוצויגען, די פאָרמע ניט פּאַסענד און האָט א היבש ביסעל פערזען וואָס זיינען ניט וויינינער פּראָזאאיש און ניט נויטהיג, ווי דיזער:

און דעם הייבט־אָן ווען טהאָן פון זיצען א פוס,
א צווייטען נעהמט ברעכען דער רוקען,
שוין צופיעל די זעלבינע מענשען געזעהן,
מ'קען זיך אין די אויגען ניט קוקען.

לאַפּין שרייבט אין גאַנצען איינינע יאָהר. אונז שיינט אז ער האָט אין זיינע ליעדער נאך ניט אין גאַנצען געפונען זיין אייגענע סטרונע, נור פון דעסטוועגען אָבער, ווען לאַפּין וואָלט אויסער די בילדער־מאַהלעריי און געפיהל־אויפריכטיגקייט, נאך געהאַט נשמה־מוזיק און א זין פאַר שיינהייט, דאַן וואָלט ער אפשר געווען דער פערשפּרעכענדסטער פּאָעט, אַלענפאַלס איינער פון די פערשפרעכענדסטע פון דער נייער אידישער פּאָעזיע. אפשר וועט זיך ביי איהם אויסאַרבייטען עטוואָס אייגענאַרטיגעס, אפשר וועט ער געפינען אַן אייגענע סטרונע.

פאַרשפּרעכענדע פּראָבען

(„ליעבע און בייגקשאַפט" פון א. ל. באַראָן).

די ליעדער פון א. ל. באַראָן'ס ביכעלע „ליעבע און בייגקשאַפט" האָבען גאָר קיין ליעבע ניט אין זיך און זעהר, זעהר וויניג בייגקשאַפט. אין די ליעבע־ליעדער פיהלט זיך ניט דער פלאַם אָדער דער שמערץ פון ליעבע און אין די ליעדער אין וועלכע דער דיכטער בייגקט איז די בייגקשאַפט אָדער א געמאַכטע, דאָס הייסט עס רעדט זיך נור וועגען בייגקשאַפט און די בייגקשאַפט גופא פיהלט זיך ניט, אָדער די בייגקשאַפט איז אַזא בלוט־לאָזע, אַזא שוואַכע און אמאָל אַזא וואַכעדיגע, אַז זי מאַכט קיין רושם ניט. און דאָך האָט באַראָן אין איינינע ליעדער עפּעס אַזוינס, וואָס בעצירט זיין אָרימקייט, זיין בלייכקייט, און דאָס איז — א גוטע פּאָרמע.

א פּערבלאָזע און א כמעט שטימונגלאָזע איז באַראָן'ס מוזע. ניט אַכטענדיג וואָס ער דערציילט אונז אז איהם האָט געלערנט זינגען זיין ליעד „דער וואַלד וועלכער גרינט ביי דעם טייכעל, דער טייך וועלכער רוישט ביי דעם מיהל," קען ער די נאַטור ניט מאָהלען, און וויל ער פּאָרט מאָהלען די נאַטור שרייבט ער דאַן אַזא מין ליעד ווי „פּייזשאַזש", וועלכע איז זעהר ניט געראָטען אפילו אָהן דעם לעצטען פערז און מיט

דעם לעצטען פּערז אַלס צוגאַב, איז עס איינפאַך... נו לאָמיר זאָגען קינדעריש. אָבער אין די מעהרסטע פון זיינע ליעדער פיהלט זיך אַ געוויסע פרישקייט, און וואו ניט וואו אפילו אַ יונגענדליכע וואַרימקייט.

באַראָן האָט נאָך זיך זעלבסט ניט געפונען. דערווייל זיינען זיינע ליעדער נור פּראָבעס. און קוקענדיג אויף באַראָנ׳ס ביכעלע מיט ליעדער אַלס מעהר ניט ווי אויף אַ דערווייליגע פּראָבע, קענען מיר פון דעסטוועגען דעם יונגען פּאָעט בעגריסען אויב — זיין צווייטער ביכעלע וועט זיין פיעל, פיעל בעסער ווי דער יעצטיגער.

י. ע.

די נייע אידעשע באללאדע

(מיכל קאַפּלאַנ׳ס „גהעטאָ קלאַנגען״)

אַ קליין ביכעלע מיט האַרטלאַכע, וואַכעדיגע, צוצויגענע פּערזען. דאָס אויסזעהן גאַר ניט אנציהענד. האָט מען עס ביי אונז טאַקע אָפּגעשטעקט אַ לעבליכען שלום עליכם מיט צוויי פינגער און דערמיט אָפּגע׳פּטר׳ט.

פון העסטער און לוד׳לאָוו סטריטס קומען מיכל קאַפּלאַנ׳ס „גהעטאָ קלאַנגען״, פון צווישען קולות און געפּילדער וועגען הערדינג און אַלטע קליידער און אַ פּאָר פון יענע „האַנדעל! האַנדעל!“ טענער האָבען זיך טאַקע מיט די „קלאַנגען“ אויסגעמישט. וואָס איז דען דער וואונדער, אז מען האָט זיי מיט יענע פאַרביטען?

זיי וואָלטען אָבער אַ גאַנץ אַנדער קבלת פנים געקראָגען, ווען מען וואָלט זיך ניט צו זייער אויסזעהן נור צו זייער נשמה צוגעקוקט; ווען מען וואָלט זיך ניט צו זייער גרילצענדען ביי־קול, נור צו זייער האַרצרייסענדען, אומעטיג־פריילינען, גאַנץ נייעם גרונט־טאָן צוגעהערט.

דען אין מיכל קאַפּלאַן האָבען מיר צוגעקראָגען אַ נייעם, אינטערעסאַנטען, אָריגי־נעלען פּאָעט און אין זיין ליעד האָבען מיר די נייע אידישע באַללאַדע.

דאָס איז די עהרליכע, יאָמערנדע און אָפטמאָל מיט קרעמענעם לאַכענדע ליעד פון דער גאַס. דאָס איז דער נייער נויאָרקער נוסח פון דער אַלטער אידישער פאָלקס־ליעד מכח דעם יתום; ניט פון קרייץ־וועג, ניט פון בית־הקברות הינטער׳ן שטעדטיל, נור פון דעם גרויסען ליאַרעמדיגען בית־עלמין פון דער נויאָרקער אידישער גאַס אויף וועלכען עס ליגען דערשלאָגען אזוי פיעל עהרליכע, ליעבע אַלט־אידישע לעבענס, וואָס זיינען פאַר דער צייט צוטראָטען געוואָרען אינ׳ם ווילדען געלאַף נאָכ׳ן שטיקעלע ברויט.

לאַנג האָט די אידישע גאַס פון נויאָרק געוואַרט אויף איהר מייסטער, געוואַרט אויף דעם זינגער מיט דעם פיינעם געהער, וואָס זאָל אין איהר ווילדען געפּילדער דערכאַפּען די טענער פון אַ האַרציגען, פאָלקסטהימליך־טראַגישען יאָמער־ליעד: פיעלע זיינען איהר פאַרביינגענאַנגען און מעהר ווי אַ מעלאָדראַמאַטיש־פאַלשען בעטלער קרעכץ אָדער אַ האַלב־קלאָוניש קאַטאָוועסיל אין איהר ניט פאַרנומען, אָבער אָט איז געקומען — אמת נאָך ניט דער מייסטער, — אָבער אַן אמת׳ער פאָלקס־מענש און צוהערענדיג זיך צו דער פיעל־צונגיגער שפּראַך פון דער גאַס, האָט ער אין איהר דערשפּירט דאָס אמת וועה־מוטהיגע, דעם ביטערען געוויין געמישט מיט׳ן הים־טערישען געלעכטער פון חופּות אויף בית־הקברות׳ן בשעת כאָליערע, פון שפּיטאָל און משוגעים־הויז. ווען מען איז ביז קאַפּלאַנען איינגעפאַלען אז מען קען פאַרוואַנדען פאַר פּאָעטישע צוועקען דעם באַרבאַרישען זשאַרגאָן פון דער נויאָרקער גאַס, מיט די באַרבאַריש קלינגענדע, נאָך ניט אַסימילירטע ענגלישע ווערטער, די סצענקעס פון אַרום סיוואַרד פּאַרק, דעם קליינעם צייטונגס־אינגעל, דעם גאַסען פאָטאָגראַפשציק, וואָס „גאַרט נאָך אַ ניקעל“. די

„אין מיטען דער גאַס אַ מודעה:
„געדיינקט אונזער יעהרליכען פּיקניק, געדיינקט!

פּראָגרעסיוו יאָנג מען אָוו פּולנאַי"... ?

און אַז דאָס איז ניט בלויז אַ הײלער אײנפּאַל בעװײזען דער ריס אין האַרצען, די נערװעזע צוקונג װאָס אַזעלכע מערזען רופען אַרויס ביים לעזער.

זעלטען װען עס איז געװען נאָך אַזאַ גליקליכע צוזאַמענטרעפונג: אַ פיהלענדע איד־דישע האַרץ מיט אַ ליעבע צו אַלץ װאָס איז פאָלקסטהימליך, אַ זיסער איינפאַכער הומאָר, אַ עהרליכע כמעט װי בדחנישע שפּראַך און אַ אויג און אַ אויער פאַר דער גרויסער, נייער אידישער װעלט. און די מייר גליקליכע איינגעשאַפּטען מאַכען מיכל קאַפּלאַנ׳ס ליעד פאַר דער נאַטירליכער פאַרטזעצונג, אויף אַ נייער אַרט, פון דער אַלטער אידישער באַלאַדע, פון דער אַלט־אידישער בדחנישער ליעד. און אויף אַזאַ אַרט פאַנגט מיכל קאַפּלאַנ׳ס ליעד אָן אויסבויען דעם בריק װאָס האָט אונז אַזוי לאַנג געפעהלט, דעם בריק איבער דעם תהום װאָס האָט אָפּגעטהיילט דאָס היימישע פאָלקס־לעבען פון דאָס היגע, דאָס אידישע ליעד פון דער היים, פון׳ם געזאַנג פון דאַנען. אַזוי מערקווירדיג איז די היים צוזאַמענ־געשמאָלצען מיט אַמעריקאַ אין דעם „גרינעם" דיכטער, אַזוי לייכט, כמעט װי אונבעמערק־באַר, איז ביי איהם דער איבערגאַנג פון די היימישע צו די היגע בילדער.

ניט פון דער נאַטור און איהר פּראַכט זינגט קאַפּלאַן — אָבוואָהל ער האָט פאַר איהר אויך אַ חוש — נאָר פון די מענשען, גרויסע און קליינע, װאָס װאַלגערען זיך אין בלאָטע, ווער קרעכצענדיג שװער און װער פאַסמאַקעװענדיג זיך פון דער אונזויבערער אָבער קיהד־לער פייכטקייט. די נאַטור דערציילט איהם מייסטענס נאָר פון מענשליכען בראָך:

„צוקאַפּעט זיך העסליך אַ דריבנינקער רעגען,
דערמאָנט זיך אין שװאַרצע פאַבריקען:
אין רױשען פון רעדער, אין מענשען װי שאָטענס,
און טריבע, פערלאָשענע בליקען".

אויך ניט פון דער ליעבע זינגט קאַפּלאַנ׳ס ליעד — די פאָלקס־מוזע איז ניט פאַר־צערטעלט. זי קלאָגט פון ברויט און טריבענדע װאונדען און אַ „קורצען אָטעם" און אַזוי אויפּריכטיג איז דער געװיין אַז דאָס נידעריגע שטיקעל ברויט װערט דורך איהם נתעלה און די װאונדען, געװאַשען אין טרעהרען, פאַרלירען זייער עקעל.

קאַפּלאַן מאָלט ניט, נאָר ער דערציילט, צייכענט אָן, אַזוי װי די באַללאַדע האָט אימער געטהאָן. די קראַפט פון דער באַללאַדע ליעגט ניט אין פאַרב נאָר אין טאָן. און דער כח פון קאַפּלאַנ׳ס ליעד ליעגט אויך ניט אין איהרע פאַרבען, װעלכע זיינען זעהר אָרים און קנאַפּ, דען אַנשטאָט מאָהלען זאַכען רעכענט זי זיי נאָר אויס, מעשה פּאַקען־טרעגער פון דער גאַס — נאָר אין איהר האַרציגען טאָן.

אָט איז קאַפּלאַנ׳ס שעהנסטע ליעבעס־ליעד:

„אוי ביזט דו אַ טהייער מיידעל,
רייצסט מיך מיט דיין חן.
דיינע בעקליך, אויגען, ליפּען,
אויסגעטאָקט, װי שעהן!

און זיי בעטען זיך צום קושען:
„נעהם געניס, דו נאַר!"

נאַר איך ציטער, כ׳וועל דיך מוזען
הייראטהען דערפאר,

און ערנעהרען דיך און קויפען
מעביל און געשיר,
און בעהייצען און בעלייכטען.....
כ׳האָב ניט, וועה איז מיר!

כ׳קאָן אליין זיך קוים ערנעהרען,
אוי, ווי כ׳האָב דיך ליעב!
שיינק זשע מיר אַ קוש, אַזוי זיך
אַ נדבה גיב!"

קאַפּלאַן׳ס באַלאַדע איז אָבער אויך די נ י י ע באַלאַדע. דער דיכטער איז ניט אַ פאָלקס־מענש דערפאַר וואָס ער שטעהט אויף דערזעלבער הויך ווי דאָס פאָלק, נור ווייל ער ליעבט עס, און דעריבער, וועהרענד די אַלטע אידישע פאָלקס־ליעדער האָט כמעט גאָר ניט געוואוסט פון מאָהלען, שימערען דאָך אין קאַפּלאַן׳ס ליעדער דאָ און דאָרטען דורך גאַנץ ריידעוודיגע בילדעלאַך.

„און וועט אויף מיר פרעגען אַ מיידעל, אַ בלאַסע, —....
איהר מענסט דו דערצעהלען פון אַלעס, פון אַלעס...
נאָר זי וועט ניט פרעגען, אַ ניין:

נאָר אויפהויבען וועט זי צוויי אויגען ווי קאַרשען,
אַ קוק טהאָן אַ מילדען אויף דיר,
און וועט זיך פערשעהמען, פערשאַרען אַ לאָקען...."

וואָס פאַר אַ אָריגינעלען הומאָר דער דיכטער ענטדעקט אין דעם לעבען פון דעם אַמעריקאַנעם אידישען קבצן, אין׳ם לעבען פון דער גאַס און פון דער ארבייט דאָ, ווי אויך פון דער קליינער שטעדטעל אין דער היים:

„אַ דרעמיל געטהאָן האָט זיך יוסיל אין שאַפּ;
און ס׳האָט זיין פאַנטאַזיע צושפּילט זיך:
פ ע ר ג א נ ג ע ן א י ן ט ר אַ נ ע ן א י ז ז י נ ג ע ר ׳ ס מ א ש י ן
געבוירען אַ סטענדיל...."

קיהלער אָבער דערפאַר ערעלער איז דער הומאָר פון „פערלאַנגט הענד". דער הומאָר נעהמט דאָ אָן די פאָרמע פון פיינער איראָניע, וועלכע איז נאָך מעהר ליעב דערמיט וואָס זי איז אַזוי ניי און וואָס דער דיכטער האָט דאָ דעם הומאָר ענטדעקט דאָרט וואו קיינער האָט איהם פריהער ניט באַמערקט.

און ניט נאָר די היגע, אויך די היימישע בילדער שטעלען זיך דעם דיכטער פאָר אין

א נייעם ליכט און פון רעכטען מיטען פון זייער פורכטבארער טראגיק בליקט צו איהם ארויס דער לאַך דורך טרעהרען.

עטוואָס פון דיזען אומעטיגען הומאָר איז דאָ אין דעם „לעהרער“ און גאָר פיעל אין דעם „גרוס פון דער היים“.

אָבער מיכל קאַפּלאַן׳ס גרויסע מעלות שלעפּען אויך מיט גרויסע חסרונות.

זייענדיג א פאָרטזעצונג פון דעם בדחן — און דאָס איז נאָך מיין מיינונג א גרויסע מעלה — פאַלט קאַפּלאַן מאַנכעסמאָל אריין אין דעם בדחנישען ארט שרייבען. „דער צוואַנציגער“ הייבט זיך אָן ניט שלעכט, אָבער ער ווערט בדחניש צוצויגען און פארקריכט אין האָצע־פּלאָץ. דאָן זינגענדיג פון פאָלק פאַלט קאַפּלאַן אָפט אריין אין דעם טעות פון פיעלע „פאָלקס־פריינדליכע“ אידישע דיכטער, און אנשטאָט צו זינגען הייבט ער אָן דרש׳ענען. א דאַנק דיזען פערבייטען א קינד אויף א שד — ווי די פאָלקס־מעשה׳לאַך דערציילען—האָבען מיר אין די „גהעטאָ קלאַנגען“ אזעלכע ליעדער ווי „קויפט א פייפער“, „אין אַמעריקא איז דער טאַטע“, „טענות“, „מיין האַנקע“ און „מרדכי“, וועלכע זיינען כמעט אין גאַנצען ווערטהלאָז. און אייניגע אנדערע ליעדער, וועלכע וואָלטען אָן און פיר זיך געווען גאָר ניט אזוי שלעכט, ווי, למשל, „ניט דאָ איז דער פּלאַץ וואו צו זוכען א זונן“ און „די זינדערין“ ווערען פערדאָרבען איבער זייער פּראָפּאַגאַנדע און דעם „מוסר השכל“.

א רויהער טאלאנט

(וועגען מאיר בלינקין׳ס „סוד“ און „דאָקטאָר מאַכאָוער“.)

מיט א יאָהר פיער צוריק האָט זיך מאיר בלינקין בעוויזען אין אונזערע מקומות, און גלייך פון אָנפאַנג האָט ער מיט א ווילדען חשק אָנגעהויבען דורכבויערן זיך א וועג, אזוי ווי צווישען פעלזען, אין אונזער ליטעראַטור.

ווילד האָבען דאַן אויסגעזעהען זיינע בעמיהונגען. זיינע שריפטען האָבען גע־קלונגען כמעט ווי בעזגראַמאָטנע, עס האָט אין זיי באַלד געפעהלט דער אלף בית פון טעכניק, פון צוגעהן צו דער זאַך. נאָר, מערקווירדיג, ע פּ ע ס איז אין זיי דאָך געווען, א טליהענד, מיט אַש פאַרלייגטעס פייערל, א דרעמלענדע קראַפט, א שטאַר פאַר׳עקש׳נט אויג, וואָס קוקט אין א נייעם ווינקעל.

אין פיער יאָהר ארום:

דער וועג איז דורכגעבויערט, אין גאַנצען באַזיעגט. די בעזגראַמאָטנאָסט אָבגע־שייערט, אָבער נאָך ניט אין גאַנצען: קיין טעכניק נאָך אלץ ניטאָ; דערפאַר איז פון יענעם ע פּ ע ס געוואָרען א גאַנץ אינטערעסאַנטער י ש.

שוין מיט פיער יאָהר צוריק האָט בלינקין עפּעס פאַרשפּראָכען; מיט די יאָהרען איז דער דאָזיגער פאַרשפּרעכען פיעל ברייטער און זיכערער געוואָרען. אין „דאָקטאָר מאַכאָוער“ זעה איך צום טהייל א ערפילונג פון יענער הבטחה, צום טהייל א צוזאָג אויף עפּעס בעדייטענדעס, ווען —

ווען בלינקין זאָל נאָך גיין אין חדר.

ווער זאָלען די רביים זיין?

דער געדאַנק, די דיסציפּלין און די פאָרטיפונג.

ביי בלינקינען אין קאָפּ איז אַ פּלאָנטער, אַ געדיכט צוזאַמענגעוואָקסענער וואַלד. ער ווייס ניט גאַנץ קלאָר וואָס ער וויל דערציילען — דעריבער דאַרף ער, איידער ער שרייבט, זיך שטאַרק פּאַרטראַכטען און זיך אַליין קלאָר מאַכען וואָס ער וויל אַרויס־ברייננען. און האָט ער שוין דעם הויפּט צוועק פון זיינער אַן ערצעהלונג פאַרטיג ביי זיך אין קאָפּ, דאַרף ער ערשט דערטראַכטען די איינצעלנע ווענדונגען פון זיין סוזשעט, די ציגע און סטאַנציעס פון זיין מאַרשרוט.

דאָס דאַרף זיין די לעהרע פון דעם געדאַנק.

די דיסציפּלין דאַרף בלינקינען אויסלערנען זיין אַ שטיקעלע קריטיקער איבער זיך אַליין, דאַרף איהם געבען אַ שנייד־מעסער אין האַנט מיט וועלכען אויסצוויעטען די ווילדע צולאָזטע גראָזען פון צווישען די חנ'עוודיגע און פרישע, בעשיידענע, געזונטע גע־וויקסע. בילדער, צוגלייכעניסען זיינען, אמת, דער זאַלץ פון ליטעראַטור; בילדער דאַרפען אָבער באַרעכענט געצייכענט ווערן פון אַ האַנט מיט אַ פעדער, און ווער איז דעם קינסטלער ווע־מעס האַנט און פעדער ווערן אוועקגעשלעפּט פון זיינע בילדער.

דאָס וועט די דיסציפּלין בעזייטיגען.

די פאַרטיפונג איז נויטיג, אום מען זאָל שרייבען נאָר דאַן ווען מען איז באַגייסטערט, נאָר דאַן ווען מען האָט עפּעס צו זאָגען. און דאָס גייט ניט נאָר אויף דער גאַנצער ערציילונג און אויף דער הויפּט אידעע, נאָר אויך אויף יעדען רינגעלע, אויף יעדען שריט אין איהר. אז מען שרייבט אונטער דער ווירקונג פון אַזאַ מין פאַרטיפונג, איז מען דורכאויס אָריגינעל, שמידט מען זיך אויך אויס אַ שפּראַך אַן אייגענע, ווערט מען ניצול פון דעם פאַרגליווערענדען שאַבלאָן און מען ווערט אויסגעהיט פון דער זומפּיגער פובליציסטיק.

* * *

נאָך די פאַלשע, אומגעלומפּערט אויפגעהייבענע, אין סטיל ניט אריגינעלע „ווייבער", איז פאַר־אַ־יאָהרען געקומען „דער סוד". און וואָס פאַר אַ גרויסער שריט פאָרוועררטס! פיינע בעאָבאַכטונג, ערנסטקייט, אַ גרויסע אויפגאַבע און אַ שטאַרקער שטרעבען נאָך פּסיכאָלאָגישען גרונטעווען, וועלכער ווערט צייטענווייז צום טהייל אויך מקוים. צייטענ־ווייז אַן אַנגענעהמע, פרישע, זאַפטיגע שפּראַך.

אָבער וואָס פאַר אַ פּלאָנטער, וועלכע אומגעלומפּערטע ווידערהאָלונגען, און וועלכע קינדיש־מעלאָדראַמאַטישע, שאַבלאָנע פאַרענדיגונגען.

אַז שפרה איז ניט אַ מענש ווי אַלע מענשען, אַז וועהרענד אַלע ל ע ב ע ן, הערט זי זיך צו צום ל ע ב ע ן און וויל אין איהם דערכאַפּען עפּעס אַ פערבאָרגענע שטימע, דאָס געלינגט בלינקינען זעהר גוט, זעהר איבערצייגענד אַרויסצוברענגען, און דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע זאַך. איידער דער לעזער קומט צו דיעזער איבערצייגונג, באַ־קענט ער זיך מיט אַ אין־זיך לעבענדער, שעהנער און פאַנטאַסטישער נשמה; עס ווערט איהם אויך קלאָר, אַז אונטער דעם אויבערפלעכליכען שטראָם פון לעבען פליסט נאָך אַ אונזיכטבאַרער א ו נ ט ע ר - שטראָם. אָבער מיט וואָס איז עס דאָס לעבען שפרה'ן געוואָרען אויפּפּאַלענד און וועלכען סוד זי האָט פון איהם געזוכט אַרויסרייסען און ווי אַזוי זי איז עס איבערהויפּט געוואָרען מסוגל דערצו אויף צו זוכען די סודות פון לעבען — דאָס אַלץ איז בלינקינען ניט געלונגען אַרויסצוברענגען.

אַזעלכע שילדערונגען ווי די פון שפרה'ס און נחום'ס לוסטיגע נעכט זיינען בלוט־רייך און גאַנץ אַם פּלאַץ. אָבער די ביישפּיעלע ווענען שפרה'ס מוטער'ס צרות (זייטע

12. ערשטע העלפט) זיינען מליצה'דיג צולאָזט און וואָלטען פיעל געווינטער געקענט פארביטען ווערען מיט א פּאָר קורצע, שאַרפע זעצע.

און ווי געהיפּט און געשפּרונגען איז אלץ! אזא פיעל פארשפּרעכענדער שטאָף, ווי די ווערנדע מוטערשאַפט פון אזא מיסטיש־האַרכענדער נאַטור ווי שפרה'ס, ווערט אָפּגע'פּטר'ט מיט איינינע צײלען און אוועקגעוואָרפען, און די בעציהונגען פון די שטעדטעלדיגע צו דער רעטזעלהאַפטער מיידעל ווערן אויפגענומען ווידער און ווידער.

אין ביידע, סאַי אין „סוד" און סאַי אין „דאָקטאָר מאַכאָוועך", פּיהלט זיך דער איינפלוס פון אַנדרעיעוו'ן, הויפּטזעכליך פון „וואַסילי פיוועיסקי". דאָס וואָלט אָבער אייגענטליך גאָר קיין חסרון ניט געווען נאָר א מעלה, ווען דער איינפלוס וואָלט אָבער בלויז געגעבען דעם אַנשטויס, דעם קוק אויף זאַכען, און וואָלט זיך ניט געפיהלט אויך אין דער מעטהאָדע פון דער אַרבייט. א שרייבער דאַרף זיין אָריגינעל, און אויב יאָ מיסטיציזמוס, דאַרף א אידישער שרייבער קענען א אייגענעם אידישען מיסטיציזמוס בעשאַפען.

בלינקין נעהמט זיך פאַר גרויסע טעמען. דער ציעלען צו עפּעס גרויסעס איז העכסט ערפרייענד אין אונזער מאַגערער, קליינליכער, אַנעקדאָטען־אַרטיג צובערעקעלטער היגער אידישער ליטעראַטור. אָבער א גרויסע טעמע פּאָדערט אויך א גרויסע כלי אין וואָס אויס־צוגיסען זיך, און ניט דער „סוד" און ניט „דאָקטאָר מאַכאָוועך" זיינען גענוג גרויס פאַר זייער אינהאַלט. ביידע זיינען סוזשעטען פאַר גרויסע נאָוועלען.

א גרויסער טיעפער אינהאַלט איז אָנגעצייכענט אין „דאָקטאָר מאַכאָוועך", א וועלט־טראַגעדיע, א טראַגעדיע פון דער מענשליכער געשיכטע. דאָס איז די טראַגעדיע פון דער אייביגער ראַנגלעריי צווישען גלויבען און פערנונפט, אמונה און ספק. און וויפיעל קעפּ, „קעפּ אין שטריימלאַך און קעפּ אין טורבאַנען, קעפּ אין ביסקופּישע מיטרען און קעפּ אין דאָקטאָרשע יאַרמולקעס", זיינען שוין אין דיעזער ראַנגלעריי געפאַלען!

אָט איז דר. מאַכאָוועך'ס — און אויך דעם מאָדערנעם אידען'ס, פון וועמען דער העלד קען גילטען אלס סימבאָל — ענטוויקלונגס־גאַנג:

צוערשט קומט דער טיעפער רעליגיעזער גלויבען, אָבער פריה באַהעפט זיך צו איהם די ברענענדע נייגעריגקייט, געצווילינגט מיט גרויס ליעבשאַפט צו מענשען; דער־נאָך קומט דער צווייפעל און נאָך איהם דער אויגענשיינליכער אמת — די וויסענשאַפט. אָבער דער מאָדערנער, אונרוהיגער, נייגעריגער און מענשען־ליעבענדער איד קען זיך מיט דער וויסענשאַפט ניט צופרידענשטעלען. זי ברייננט די מענשען קיין ערלייזונג ניט, יעדענפאַלס נאָך ניט היינט. און דאָס הארץ טהוט דעם מאָדערנעם אידען פאַר די מענשען אַזוי וועה! דאַן ווערט ער ענטוישט און פאַרצווייפעלט און פאַר פאַרצווייפלונג נעהמט ער זיך פאַר אונזיניגע, משוגענע מיטלען. דאָקטאָר מאַכאָוועך קעהרט זיך צוריק אום צום גלויבען, אָבער איצט שוין ניט צוליעב דאָס געגלויבטע, נור צוליעב דעם גלויבען אַליין, ווייל דיעזער וואָהנזין, דיעזער ליגען, דיעזער פאַרברעכען ברייננט דאָך די מענ־שען טרויסט, ווישט דאָך אָפּ אַזוי פיעל טרעהרען פון פריהצייטיג פאַרגעלבטע באַקען.

און מיט די טרעהרען און בלוט פון ליעבע און רחמנות קויפט דאָקטאָר מאַכאָוועך אויס זיין זינד געגען דער פערנונפט און דעם — אפשר נור האַלבען — אמת.

וואָס פאַר א גרויסע טעמע, און ווי פּסיכאָלאָגיש ריכטיג און איבערצייגענד דער אַלגעמיינער געדאַנקען־גאַנג פון דעם העלד איז. ווער ווייס, צי זיינען די פאַראַצעלזוסעס, די דאָקטאָר פאַוסטוסעס און די אַנדערע געלעהרטע און מכשפים פון מיטעלאַלטער אויך

ניט אויס אַט אַזעלכע מענשליך־בלוטענדע מאָטיווען געוואָרען היילער — און פאַרפיהרער?

די גרויסע טעמע איז אָבער בלויז סקיצירט, נאַר, אַזוי צו זאָגען, אָנגעפּאַסטריגעוועט. אי דאָס זעהר רויה, זעהר פּרימיטיוו, קיין פּראָפּאָרציע — דאָקטאָר מאַכאָוועריס קינדהייט, וועלכע איז בלויז די הקדמה צו דער טראַגעדיע, פאַרנעהמט צו פיעל פּלאַץ. זי איז וועניג אָריגינעל, ניט גענוג אידיש און אָרים אין פאַרבען.

אָרים אין פאַרבען איז אויך דאָס גאַנצע ביכעלע. די שפּראַך איז אַ פּובליציסטישע כמעט דורכאויס. דער ווענדונג־פּונקט פון ענטטוישונג צוריק צום גלויבען — די לעפּעל קאַלטע וואַסער וואָס דער דאָקטאָר הייסט אריינגיסען דעם חולה — קינדיש־אַנעקדאָטיש.

אָבער געדאַנק, דיסציפּלין און פאַרטיפונג וואָלטען דאָך פון דיעזער קינדיש דורכגעפיהרטער סקיצע געקענט מאַכען אַ מעגליכע, בלוט־פּטרביגע טראַגעדיע.

א יונגער טראכטער

(וועגען ד. איגנאַטאָוו און זיינע „צוויי קרעפּטען“.)

דורך אַ פּאָר סקיצען אין פּעריאָדישע שריפטען איז מען פאַר דעם יאָהר אַ ביסעל בעקאַנט געוואָרען מיט ד. איגנאַטאָוו'ן אויך אין די ווייטערע ליטעראַרישע קרייזען. פאַראַיאָהרען, ווען זיין ביכעלע „צוויי קרעפּטען“ איז ערשיענען, האָט מען איהם אויסערהאַלב אַ ענגען ליטעראַרישען קרייז ניט געקענט. אַ „נאַוואָטנער“ איז ער אַלזאָ געווען, זיין ביכעלע איז „גוט משוגע“, די שפּראַך אַ האַרטע, נו, פערשטעהט זיך, אַז ווער עס האָט געהאַט גאָט אין הארצען האָט געלאַכט. און אפילו דעם „גרויסען“ פּרישמאַנען איז אָנגעשטאַנען צו לאַכען פון דעם „נאַוויטשאָק“ איגנאַטאָוו'ן.

לאַכען איז גרינג; ארויסזעהען אַ קליין קרעפּטיג בוימעל פון צווישען דערנער — אַ ביסעל שווערער.

ווען יענע אָפּלאַכער וואָלטען זיך געגעבען די מיה דורכצובראָדזשען דורך דער שווערער, האַמעטנער קאָנסטרוקציאָן, דורך דער שווערער לאָקאַלער שפּראַך און דאַן זיך ערנסט אָפּשטעלען אויף'ן אינהאַלט, — דאַן וואָס וואָלטען זיי הינטער דער ניט אנציהענדער אויסערליכע דערזעהן?

אַ אינטערעסאַנטען מענשען, אַ פאַר'עקשנ'טען טראַכטער, אַ רייכע פּאַנטאַזיע, אַ בעאָבאַכטער, וועלכער קען אויך זיינע בעאָבאַכטונגען אָנקליידען אין פאַרבען און אַ מערקווירדיגע פעהיגקייט זיכטבאַר צו מאַכען דאָס וואָס איז אבסטראַקט.

אַ דאַנק זייער ניט ערנסטקייט האָבען יענע הערען דאָס אַלץ ניט געזעהן. דאָך, די בילדער, די בילדער לכל הפּחות פאַר וואָס האָבען זיי ניט געזעהן?

דאַכט זיך, זיי נעהמען דעם לעזער געפאַנגען און קריצען זיך איין אין זיין זכרון:

„אַ לאַנדסמאַן מיט האַרט פאַרדרעהטע וואָנסען, ברענענדע אויגען אונטער'ן ענערגיש געשטרויפּטען שטערען, האָט „אין דער היים“ אַ ווייב מיט פיער קינדער, פערדיענט „דאָ“ פינף „דאָלאַרעס“ אַ וואָך. פון דעם נעמט ער אַראָפּ אַ קלעגליכע סומע פאַר נאַכט־לעגער, נאָך אַ קלעגליכערע — אויף עסען און סמוקען, דאָס איבריגע שיקט ער „אין גאַנצען“ דער ווייב. עסט אין דער פריה ברויט, ביי טאָג ברויט און אויף דער נאַכט ווידער ברויט. פון דעם אויפדערנאַכטיגען מאָלצייט איז ער בעזונדערס צופרידען, ווייל דאָס ווערט געטהאָן ניט געכאַפּט. ער שפּרייט זיך וואָס אונטער, נעהמט לעבען זיך אַ קרוג וואַסער, ברויט, זאַלץ, אַמאָל אויך אַ ציבעלע.... זעצט

זיך אויף דער ערד (אַזוי, זאָגט ער, איז איהם בעסער) און עסט זיך לאַנגזאַם. נאכדעם פאַר־דרעהט ער די וואָנסען, גלעט אוים דאָס בערדיל, פערסמוקט אַלס פאַרבייסען, פערציהט געשמאַק, קוקט פערטראַכט אויפ'ן רויך, וואָס ווירבעלט זיך פאַר די אויגען. דאָס געזיכט ליוטערט זיך ביסלעכווייס, די אויגען ווערן פייכט און גלאַנצען צופריעדען. אַ גליקליכער שמייכעל בעווייזט זיך אויף די ליפּען — אַט ווי ער וואָלט דאָס בהנה זיין מזיו השכינה. דאָס זעהט ער, ווייזט אוים, דורכ'ן רויך, ווי די ווייב שלעפּערט אײן די קינדער, צי..."

בילדער, ניט ווענינער קלאָרע און נאָך קלערערע און ניט ווייניגער מענשליך ריהרענ־דע, זיינען דאָ פּיעלע אין דעם קליינעם ביכעלע.

אָבער ניט מאָלען איז געווען איגנאַטאָוו'ס הויפּט־צוועק. ער האָט פערטראַכט אַ טיעפען ערנסטען געדאַנק און ער ברייננט איהם אַרוים דורך אַ היבשער גרופּע קלאָר־געמאָלענע מענשען, וועלכע פּלאָנטערען זיך אין לעבען, אין די געדאַנקען און חלומות — און צווישען די אַלע דריי איז אפילו קיין דינע מחיצה ניטאָ, נאָר זיי מישען זיך אינטע־רעסאַנט אוים אינאיינעם — פון דעם העלד, פאַקעל. דאָס אייגציגע אים לעבען, אין גאַנ־צען אוניווערזום, איז איגנאַטאָוו'ס געדאַנק, איז דאָס מוטערליכע, דער דראַנג צו לעבען און געבוירען. ביי „העברעע נאַטורען" נעמט דאָס מוטערליכע אָן די פאָרמע פון שאַפען— קונסט, אידעאַלען. דאָך זיי זיינען ניט דאָס אמת'ע מוטערליכע, זיי האָבען ניט איהר פרישע, נאַטירליכע וואַרימקייט, זיי קענען איהר ניט פאַרבייטען. וואָרים „עס איז אַ גרויסער אונטערשייד פון פ ע ר ש ט י י ן אז מען ארבייט פאַר די אייביגקייט ביז פ י ה ל ע ן אז מען איז באהעפט מיט איהר".

די „פּראָסטע נאַטורען", זיי זיינען מיט דאָס מוטערליכע באהעפט, פּונקט ווי דער שוואַן, די טויב, דאָס קעצעל, די „קוואָטשקע" הוהן און די פריש־געלייגטע איי זיינען מיט איהר באהעפט. באהעפט מיט איהר זיינען פאַקעל'ס אַלט־מאָדישע, אַבערגלויבישע מאַ־מע, זיין קליינשטעטילדיגע געליעבטע מיט די דיקע צעפּ, בלויע אויגען און פולער קלאָ־רער ברוסט, דער לאַנדסמאַן וואָס עסט ברויט מיט וואסער זיצענדיג אויף דר'ערד און זעהט זיין ווייטע ווייב און קינדער אינ'ם רויך פון זיין פּאַפּיראָס, פאַקעל'ס, דעם „באַר־דער'ס, מיסטער און מיסעם", וועלכע ליגען צוזאַמען אין זייער בעט פּונקט איבער אַ וואָנטעל פון פאַקעל'ן, מיט זייער קינד לעבען זיי. ביי די „העברעע נאַטורען", וואָס ווילען ניט זיין קיין „חיים שעיהם", איז דאָס מוטערליכע דערשטיקט, צוטראָטען, און זיי בעקומען זייער שטראָף.

די ראַדיקאַלען נאַטהאַן און אננאַ „וואוינען" צוזאַמען, נור קיין קינדער זיינען ניטאָ... נאַטהאַן ווערט פון טאָג צו טאָג „נערוועזער, געלער, די אויגען גרויער און עפּעס ווי טרוקענער, לייגגער". אננאַ קוקט עפּעס מיט אַזעלכע עלענדע, שולדיגע אויגען און שמייכעלט אַזוי זאָנדערבאַר. און אַז זי דערזעהט אַ פריש געזונט קינד זיך גליקליך שפּיעלענד, שמייכעלט זי „אויך"... זינאַ איז אַ 25־יעהריגע אינטעליגענטקע מיט בע־טענדע, עלענדע אויגען, פאַר וועלכע די לעבער זיינען עפּעס ווי צו גרוים געוואָרען. דער שרייבער יוסף קוקט „אויף אַלץ מיט אָפענע אויגען און דאָך פּוסט". ניט קענענדיג זיין קיין פאָטער, זוכט ער כאָטש מענשען טובות טהאָן, אָבער זיי זיינען עגאָאיסטען, לאָזען ניט „אַגוואַרימען זיך אַרום זיי." און ער ענדיגט מיט'ן רעוואָלווער. דאַן פאַקעל, וועלכער רייסט אַרוים זיין פריידלען פון האַרצען, אום צו קענען שאַפען, בעריהמט ווערן און זעהט פאַר זיך שטענדיג אין אַ רעגען־פלעק אויף דער סטעליע אַ סקעלעט מיט אַן „אָפּגעמעקטער נאָז", און וועלכער ענדיגט ווי יוסף האָט געענדיגט.

איגנאַטאָוו האָט אַ אינטערעסאַנטע פאַנטאַזיע און אַ אינטערעסאַנטע פאָרשטע־לונגס־קראַפט.

פון וואַנען נעמט זיך אַ גאָלדענער זומער־פאַרנאַכט?

„ערגעץ האָט אַ גרויסער „ווער" אַנגענומען מיט זיין גיגאַנטישער האַנט אַ הויפען גאָלד־שטויב און איהם מעכטיג אַ שליידער געטהאָן איבער זיין קאָפּ אַרויף און אַלץ איז מיט גאָלד פאַרשטויבט געוואָרען."

פריידעל'ס ווייסע צייהן דערמאָנען אינ'ם „שוים אונטער די רוישענדע רעדער פון וואַסער־מיהל, אונטער'ן שיין פון דער רונדער זונן, וואָס אין מיטען בלויען הימעל."

אינטערעסאַנט און אָריגינעלער איז אָבער די אַרט ווי אַזוי איגנאַטאָוו מאַכט זיכטבאַר זאַכען וואָס האָבען גאָר קיין פאָרמע, קיין געשטאַלט, קיין קערפּער ניט, ווי אַזוי ער דריקט אויס דורך בילדער אַבסטראַקטע בעגריפע.

דער גערויש פון די מאַשינען אין שאַפּ ר ע ג ע נ ט פּאַקעל'ן אין קאָפּ.

ווען אַ אַלט־מאָדישע מאַמע נעמט אַ פריש־געלייגט איי און קויקעלט דערמיט, פאַר מזל, אויס איהר קינד'ס פּנים'על און זאָגט דערביי „קוט, קוט, קוט, קוט" און וויג־שעוועט דעם קינד, זיינען די אַלע „קוט'ן" אונענדליך ווי די אייביגקייט אַליין. אין דער מאַמע'ס מויל קלינגט דער ערשטער „קוט" גאָר ניט ווי אַן אָנפאַנג און דער לעצטער, ווען דער מאַמע'ס נחת פערגעהט זיך, גיסט זיך צונויף מיט דער אייביגער וועלט־אידעע.

און פריידעל — דער סימבאָל פון דאָס מוטערליכע — שטייט, אין איגנאַטאָוו'ס פאַנטאַזיע, אַ באָרוועסע, אַ שלאַנקע, אויפ'ן שפּיץ פון אַ גרינעם באַרג. אין אַ שטראַה־לענדען געוואַנט איינגעהילט האַלט זי אויף איהר האַנט אַ שעהן קינד מיט גאָלדענע געקרויזטע לאָקען. איין ברוסט איז פאַר'ן קינד ענטבלויזט. געטליך שעהן איז דער מוטערליכער שמייכעל אויף איהרע ליפּען. איהרע בלויע אויגען קוקען צופרידען פאַר זיך, ווייט אין דער בלויע. „ו ו י ז י ו ו אָ ל ט מ ע ס ט ע ן א י ה ר נ ח ת מ י ט ד ע ר א ו נ ע נ ד ל י כ ק י י ט."

* * *

איגנאַטאָוו'ס אינטערעסאַנטער טאַלאַנט — און אַז ער האָט איהם און אַז ער איז אינטערעסאַנט איז ביי מיר גאָר קיין צווייפעל ניטאָ — מאַטערט זיך אָבער נאָך דער־ווייל דורכקריכען, אַזוי ווי לבנה־שטראַהלען דורך כמאַרעס, דורך אַ הינקענדיגער און היפּענדיגער קאָנסטרוקציאָן. דאָס אויסמישען זאַכען פון אויפ'ן וואָהר מיט חלומות איז גראָד אינטערעסאַנט און גיט צום געשריבענעם וואָרט צו אַ פיינעם אַראָמאַט פון צויבער. די מיהזאַמע קלאָרקייט, דאָס אריינלייגען דעם לעזער זאַכען אין מויל אריין האָבען שוין דערעסען. אָבער ביים אַרטיסט קומט די דאָזיגע צוזאַמענגיסונג פאַר לייכט, ערדעל און זאַנפט ווי די זונען־אונטערגאַנג קאָלירען אין הימעל. ביי אַזאַ צוזאַמענגיסונג, ווי ניט קלאָר זי זאָל ניט זיין, קען מען זיך דאָך אָריענטירען. פון איגנאַטאָוו'ס פלוצלונגע איבערגענגע פון אויפ'ן וואָהר צום חלום, בעקומט מען אַמאָל אַ לייכטען „טרייסעל".

פלוצלונג און האַרטלאַך אונאַנגענעהם זיינען איגנאַטאָוו'ס איבערגענגע פון אַ געוויינליכער אין אַ פּאָעטישער שפּראַך. און די גאַנצע שפּראַך איגנאַטאָוו'ס איז נאָך רויה, לאָקאַל, ניט נויטיג אויסגעדרעהט און אונבויגזאַם.

לאָמיר האָפען אַז איגנאַטאָוו'ס בילדער און בילדער־מחשבות וועלען מיט דער צייט געפינען זייער לייכטען, פרייען און אַנגענעהמען אויסדרוק.

מ. י. ח.

דער ים

(„אויפֿן ים“ פון ל. שאַפּיראָ.

ל. שאַפּיראָ מאָלט אַ נאַכט אויפ׳ן ים.

ער מאָלט אָבער די נאַכט מיט פערמאַכטע אויגען און מיט אַ קלאָרען רוהיגען מח. און קוים ערשיינט נור אַן אויסער־ליניע, דער קאַנטור, קוים וואָס עס זעהט זיי נור דאָס אויג, אַזוי באַלד ווערען זיי פערטרונקען אין אַ ים פון רעטאָריק, און צוגעטראַכטע בילדער און פערגלייכונגען.

„חמורנע, אומעטיג אויפ׳ן ים... עס דוכט זיך — נאָך האָט גאָט די וועלט ניט בעשאַפען. צווישען דעם קויטיגען הימעל און דער ווייסטער אויבערפלעכע פונ׳ם וואַסער, אויף דער גאַנצער ברייט פונ׳ם וועלטליכען תהו ובהו, שוועבט ארום דער גייסט פון אַלמעכטיגען גאָט — אַ שטרייננגער, אונפריינדליכער און שווער פערזאָרגטער גייסט. אונרוהיג שליידער׳ן זיך איינע אויף די צווייטע די טונקעל־געדיכטע וועללען מיט די גרויסע שוים־קעפּ. שווער איז דער אומעט פון פערטרויערטען ים און גרויס איז זיין אויפ־רעגונג. מענשעל, וואוהין קריכסטו! מענשעל, וואוהין רוקסטו זיך! אוי אַ שאָל פון אַ ניסיל האָסטו זיך געלאָזען איבער די מעכטיגע וואַסערען. אָך, דו נעבעך־נעבעכעל!“

און נאָך דעם ווי אַזאַ לאַנגע שילדערונג איז איבערגעלייענט — און דאָך ווילט זיך פרעגען: ווי האָט אויסגעזעהן דער ים?...

שאַפּיראָ איז אָבגעטראָטען פון ים גלייך נאָך דעם ערשטען באַנאַלען זאַץ „חמורנע, אומעדיג אויפ׳ן ים“, און ער איז פאַרקראָכען צום רוים, צו דאָס אַבסטראַקטע, און ער געפינט אפילו פאַר נויטיג צו דערצעהלען ווי דער גייסט פון דעם אַלמעכטיגען גאָט האָט אויסגעזעהען. און דערנאָך רופט ער טראַגיש אויס, „מענשעל, וואוהין קריכסטו“!

עס איז אַלץ אין דער וועלט, אָבער ניט דער ים! עס הערט זיך ניט דער ריח פון ים אין דעם גאַנצען ביכעל, עס שמעקט ניט מיט געזאַלצענקייט, עס פיהלט זיך ניט יענע פאַנטאַסטישע צונויפגיסונג פון נשמה און אוניווערזום, וואָס דער ים רופט ארויס ביי דעם עכט־פיהלענדען מענשען. עס פיהלט זיך ניט יענע אונגעהייערע גרויסקייט פון ים און נאַטור, עס מערקט זיך ניט ווי דער געהיימניספולער שלייער פון מ אַ י אַ וויקעלט אין דעם אונענדליכען שטח און די טיעפע נאַכט: — די נאַכט אויפ׳ן ים מיט איהר גרונדלאָזע, אונבעגרייפבאַרע מיסטישע טיפעניש. עס רעגט זיך ניט קיין נערוו, עס צוקט ניט דאָס האַרץ, קיין געפיהל פון דויערהאַפטע אימה, קיין ערנידערנדער געפיהל פון גאַרנישטדיגקייט און קליינקייט פאַר דער פורכטבאַרער אייביגקייט. — פאַר וואָס?

ווייל אויפ׳ן ים פאָהרט אַ מענש מיט אַ גוטען קאָפּ, מיט קלאָרע געדאַנקען און בעגריפען, אָבער מיט ווינציג נשמה און האַרץ, און מיט אַ קליינעם געפיהל פיר דאָס מאַלערישע.

דער וואָס פאָהרט אויפ׳ן ים זעהט נור דאָס בעשרענקטע קאָנקרעטע. אַלץ איז ביי איהם פּינקטליך, צו יעדער ליניע, צו יעדען האַלבען און פערטעל טאָן קען ער צו־

טראַכטען אַ וועלט מיט בילדער און געדאַנקען אַזוי, אַז דאָס ביסעלע ים ווערט פער־טרונקען אין דעם י ם פון ר ע ט אָ ר י ק.

קען דען דער גייסט פון פּאָעט, יענער אונרוהיגער, צורייצטער גייסט, בעשטימטעס פיהלען און דענקען אין אַזעלכע גרויסע בילדער און פערגלייכונגען ווען ער שווימט אויפ׳ן ים? פיהלט דען דער גייסט, דענקט דען דער קאָפּ, ווען פאַר די אויגען בריט זיך אויס אַזאַ גרויסקייט, אַזאַ מעכטיגקייט? קען דען די נשמה פון פּאָעט זיך אָפּשטעלען אויף קליינינקייטען, אויף בילדעלאך? — ניין! ווען דער גייסט פון פּאָעט שוועבט שוין יע איבער ימים, דאַמאָלט דענקט ער ניט, דאַמאָלט טראַכט ער ניט — דאַמאָלט שפּיעגעלט ער נור אָפּ... און לייגט אַרויף אייער האַנד אויפ׳ן פּאָעט׳ס אַקסעל, ווען ער שטעהט און קוקט אין דער וויט אַזוי פאַרטראַכטערהייט, און טהוט איהם אַ פרעג: „פון וואָס האָסטו, ברודער פּאָעט, איצט געטראַכט?"

ער וועט אייך דאַמאָלט אָנקוקען מיט גרויסע, אַ ביסעל צוטראָגענע אויגען, און ער וועט אויף אייך לאַנג קוקען, און אַ האַלב־אונזיניגער שמייכעל וועט זיך ווייזען אויף זיינע ליפּען, און ער וועט אייך אונבעוואוסטזיניג ענטפערן: איך, געטראַכט?... פון גאָרנישט!...

דאָס וועט זיין דער ריינער אמת, וואָרום געטראַכט האָט ער ווירקליך פון גאָרנישט, אָבער געאָהנט האָט ער זעהר פיעל! און דאָס וואָס דער פּאָעט אָהנט און פיהלט דע־מאָלט, מוז פאַרזיכטיג, אידעל, אין האַלבע און פערטעל טענער איבערגעגעבען ווערען, קיין זייטיגער וואָרט אָדער פערגלייכונג טאָרען זיך ניט אַריינמישען, וואָרום דעמאָלט וועט עס שוין זיין אַ געדאַנק אָבער ניט קיין געפיהל.

קאָפּ־אַרבייט, צוגעטראַכטע בילדער, איבעריגע ביי־ווערטער, גאָרנישט־זאָגענדיגע עפעקטען, גלאַנצען ווי בלעכענע אָרנאַמענטען קעגען דער זון, דורך דעם לויף פונ׳ם גאַנצען ביכעל. עס פיהלט זיך אַז ל. שאַפּירא האָט אַ געוויסען געשמאַק פאַר נאַכלעסיגע ליניען, פאַר פערשיידענאַרטיגע וואַריאַציאָנען, און גלאַנצט און קאָקעטירט מיט זיי: אָפטמאָל גיט עס זיך איהם איין, אָפט דערמאָהנט עס אָבער אָן די עלענדקייט פון אַ פּראָווינציאַל, ווען ער איז בעלאַסטעט מיט אַן אָפּערא־הוט אין אַ וואָכעדיגען טאָג.

ל. שאַפּירא האָט אין זיין שרייבען אַ געוויסע אייגענטימליכקייט. און ער ווייס זיך צייטענווייז ווי צו בענוטצען מיט זיינע עפעקטפאָלע ווענדונגען אויף אַזוי פיעל, אַז ער קען לייכט אָפּנאַרען דעם פּראָווינציאַל און בעשיידענעם לעזער.

ער האָט זעהר פיעל פון אַנדרעיעוו׳ס פעהלערן, אָבער ווינציג פון זיינע מעלות. ער פערשטעהט ווי שטאַרק צו נעמען אַן אַקאָרד, אַז עס זאָל אויף אַ מינוט אַ רודער טהאָן. אָבער עס פעהלען איהם דערנאָך אויס אידעלע פּאַסאַזשען, אידעלע איבערגאַנגס־ליניען. ער מאָלט זעהר אָפט גלאַט אין דער וועלט אַריין, אויסוועניג. ער איז בעקאַנט מיט דער אַנאַטאָמיע פון אַ קערפּער, ער איז בעקאַנט מיט דער פיזיאָגנאָמיע פון אַ געזיכט, אָבער ער איז ווייניג בעקאַנט מיט דער פּסיכאָלאָגיע. און איידער דער געלעכטער איז נאָך פון די ליפּען אַראָפּגעשפּרונגען, ווייס ער שוין פריהער אַז „די ווינקלען פון איהרע ליפּען האָבען געציטערט פון א י י נ ג ע ה אַ ל ט ע נ ע ם, פ ע ר ש י י ט ע ן, ל ע ב ע נ ס ל ו ס ט י ג ע ן געלעכטער". (דער אייזבאַרג.)

אָדער:

„אויפ׳ן ים און פון אַלע זייטען זיינען זיך צונויפגעפלויגען אונבעשטימטע קלאַנגען און האָבען זיך געדרעהט הויך איבער׳ן שיף, אַמאָל צוזעעט און צושיטערט, אַמאָל

פערקניפּט און פערפּלאָכטען אין אַ שטילען, אָבער שטרענגען און פייערליכען קאָהר" (דער אייזבאַרג).

אום אַזוי צו מאַהלען אַ כאַר אויפ'ן ים. דאַרף מען גאָר אויפ'ן ים ניט זיין, און עס איז ניט נויטיג עס גאָר צו הערען. מען דאַרף בלויז האָבען אַ געניגענדען „זאַפּאַס" פון ביי־ווערטער און זיי צושטעלען אין אַ געוויסער אָרדנונג, און עס ווערט זיך אַ כאָר אויפ'ן ים.

און דאָס קומט אַלץ ארויס פון וועלען זיין אָריגינעל, ניט שרייבען אַזוי ווי אַלע שרייבען. וואָס איז טאָלסטאָי מיט זיין איינפאַכער, כמעט בויערשער שפּראַך? וואָס איז טשעכאָוו מיט זיינע איידעלע שטימונגען, ארויסגעבראַכט אין אַזאַ גלאַטער איינ־פאַכער שפּראַך? עס פערגעסען מאַנכע אידישע שרייבער, אַז אָריגינאַליטעט איז שטענדיג אונטערוואָרפען דער געפאַהר, אויף מאָרגען צו ווערען באַנאַל און שאַבלאָן...

אַ זוכער פון אידעשע גבורים

(ידידיה מרגלית : „ערצעהלונגען".)

אַ קליין ביכעל טיילוויים ערצעהלונגען, טיילוויים סקיצען און קליינע בילדלאַך פילען אָן די שמאָלע זייטלאַך פון'ם ביכעל, און בילדען אויס אַ גאַנץ בעזונדערע פערשיע־דענאַרטיגקייט, וואָס אין דעם פאַל, רעדט דאָס ניט צו גונסטען פון'ם שרייבער.

שוין די ערשטע מעשה'לע פון'ם ביכעל : „אַ מעשה מיט אַן אָרימאַן, וואָס האָט אין וואַלד מתרעם געוועזען אויף גאָט", ענטשיידט אויפ'ן ערשטען בליק דעם שריי־בערס טאַלאַנט און געשמאַק. די מעשה גופא איז גאַנץ גלאַט דערצעהלט, אָבער עס טרעפט דאָך אַז די באַבעס און מוטערס דערצעהלען אויך אַזעלכע סאָרטען געשיכטען אין די איינזאַמע קאַלטע ווינטער נעכט, און זיי דערצעהלען פיליכט ניט ערגער פון'ם שריי־בער, דערהויפּט נאָך ווען מען האָט אין זינען, אַז זאַכען וואָס ווערען דערצעהלט אין די „מוסע שטונדען" פערלירען ניט, ווען זיי זיינען אָפּט בלאָס אין פאַרבען, וועהרענד זאַ־כען, וואָס זיינען שוין אין בוך פאַרשריבען ליידען פון דעם אָם שטאַרקסטען.

אַזאַ מעשה פון דע קאַליבער,און אין וועלכער עס פיהלט זיך כמעט אונבעוואוסט־זיניג, אַז מיר האָבען עס שוין ווען געהערט דערצעהלען אָט טאַקי אין דעם זעלבען טאָן און כמעט מיט דעם זעלבען נוסח, קען נור דעמאָלט אונז נאָך אַמאָל פערנאַרען אַז עס זאָל זיך וועלען הערען אָדער לייענען, ווען דער שרייבער פאַרשטייט צו בעפאַרבען די גאַנץ איינפאַכע, פאָלקסטימליכע מעשה'לע מיט איהר מוסר, מיט אַ געוויסען פּאַסענדען הומאָר און סאַטירע. — האָט עס אָבער מרגליות אַזוי געטהון?...

די צווייטע בילדעל אין ביכעל „דער חרם" און נאָך איינינע אַזעלכע, ווייזען אַז דער שרייבער קען פאַלש צוטראַכטען אַ געוויסען סאָרט בילדעל און קען אונז אויף אַ מאָמענט אָפּנאַרען מיט אַן אַפּטישע פערבלענדעניש, אַז אונז זאָל זיך דוכטען אַז מיר האָבען ווירק־ליך וואָס געזעהען.

דאַן קומט אַ גרעסערע ערצעהלונג : „דער ריזיקאַנט".

זעהר אַ שלעכטע ערצעהלונג נאָכ'ן ערשטען איינדרוק, און הייבט אָן אַביסעלע מעהר צו געווינען, ווען מען טראַכט איהר אַביסעל דורך.

צום אַלערערשטען איז צו מערקען אז דער שרייבער פערפאַלגט דאַ מיט אמת אידישע עקשנות אַ געוויסע אידעע, אַ געוויסען ציעל. די אידעע, און דעם שרייבערס פאַרליעבע פאַר שטאַרקע, פאַר גבורים, צווינגט דעם שרייבער אונז אידען צו ווייזען אַ אידישען גבור, אַ אידישען ריזיקאנט, אין וועלכען דאָס געפיהל פון נקמה ליעגט טיעף אין אַ ווינקעל פון הארצען בעגראָבען.

אָבער, שוין דאָס בעוואוסטזיין פון דעם געדאנק אָדער אידעע, וועלכע דער שרייבער פאַרפאָלגט, און אויך זיין פאַרליעבע, ריידען געגען שרייבער אַלס אַ מאַלער. דער אמת'ער מאלער היט זיך צו נעמען מענשען אויסנאַמען פאַר העלדען פון זיינע אַ ערצעהלונג. דער אמת'ער מאלער ווייכט שרייענדיג־דראַמאַטישעס אויס, ווארום ווער קען נאָך אַזוי וויסען ווי דער מאַלער, אז עס איז לייכטער צו מאָלען זאכען וואָס האָבען אויף זיך אַ סך קנייטשען און סטרופעס, ווי מאָלען זאַכען וואָס זיינען איינפאַך און גלאַט?

פון דער ארט און וויזע, ווי דער שרייבער פערזוכט צו ווייזען דעם ריזיקאנט", פיהלט זיך ווי ער שטרענגט זיך אָן די גאַנצע געוויכט צו ליגען אויף איין זייט, אום פאַר אונז זאָל ארויסוואַקסען אַ בילד פון אַ אידישען ריזיקאנט אין טלית און תפילין. אָבער דערוויל, זייענדיג פערנומען מיט דעם וועלען עפּעס ווייזען, פערלאָזט ער כמעט אין גאַנצען דעם צווייטען זייט, דעם מאַלערישען, וואָס דאַרף ביי אַ יונגען שרייבער שפּילען די הויפּט ראָליע.

„דער ריזיקאנט" ווי מרגלית שילדערט איהם איז פון איין זייט גאַנץ סימפּאַטיש. עס לאָזט זיך מערקען אין רעם יונגען שרייבער אַ בעזונדערע נייגונג און פערשטענדעניס פון אויפפאַסען דעם הינטער גרונד פון אַ געוויסען כאַראַקטער. נאָטקע דער ריזיקאנט מיט די ברייטע שולטערן, מיט זיין רויהער האַלטונג איז אין דער היים, אַ טרייער מאַן און פאָטער, וואָס דאָס איז דער אלגעמיינער שטריך פון אלע פיזיש־געזונטע און געוואַקסענע מענשען. — אָבער פון דער אנדער זייט, וואו דעם מאַלערס פערהעלטעניסע צום לעבען שפּיעלען די וויכטיגסטע ראָליע, דאָרט וואו „דער ריזיקאנט" קומט פאַר אלס אַ האנדלענדע פערזאָן, דאָרט וואו ער רעדט און האַנדעלט, דאָרט וואו די נעבען־פערזאָנען ריידען, — דאָרט פיהלט זיך דעם שרייבערס אָרימקייט און פלאַכקייט, דאָרט פעלט איהם די נייטיגע קראַפט פון קענען זיך אַריינטראַכטען אין די גאַנץ געוויינליכע ערשיינונגען פון'ם לעבען, וועלכען דער שרייבער רופט ארויס פאַר אונזערע אויגען. און דעמאָלט זעהען מיר די קורצ־זיכטיגקייט און שוואַכע בעאָבאַכטונגס קראַפט אַם שטאַרקסטען. און דעמאָלט ווערט אויך קלאָהר אז דער געדאנק, דער פערקלעהר פון דער ערצעהלונג איז ניט מעהר ווי אַ ציעל, וועלכען ער וויל אונז ווייזען, גלייך ווי ער וואָלט דעם געדאנק אונטערגעשטריכען אָדער אָנגעדייט אויף איהם מיט'ן פינגער.

די צווייטע ערצעהלונג „דער זאַפּאַליטשער" איז שוין פיעל בעסער, כאָטש אויך אין איהר, גלייך ווי אין „דעם ריזיקאנט", קייטעלט זיך דעם שרייבערס פערזענליכע פאַרליעבע פאַר אידישע גבורים, וואָס קענען די גוים דרעשען ווי זאַנגען.

בעסער איז די ערצעהלונג דערפאַר, ווייל דער טאָן איז אַ לייכטערער, און די גאַנצע ערצעהלונג פאָלגט נאָך דעם ערשטען גענומענעם טאָן. און דאָס איז גראַד יענער לייכטער טאָן, וואָס פאָדערט ניט יענע קינסטלערישע פעראנטוואָרטליכקייט, ווי עס פאָדערט אַזאַ ערצעהלונג ווי „דער ריזיקאַנט," וואו די קאָנסטרוקציאָן און די מעהר בעשטימטע ליניען מוזען זיין שאַרף און עכט, און וואו אַלץ מוז זיין איבערצייגענד, וואו אלץ מוז שטימען מיט דער ווירקליכקייט. „דער זאַפּאַליטשער" איז געשריבען מיט יענעם לייכטען טאָן,

וואו אין דעם ערשטען מאָמענט דריקען מיר אונטער דעם אנאַליטישען געדאַנק, און מיר זיינען געגרייט צו הערען לייכטעס און אפילו אביסעלע איבערטריבענעס, און מיר אהנען פאַראויס אז מיט א זייטעל שפּעטער וועט עפּעס וואָס פּאַסירען, און מיט א צוויי זייטלאַך שפּעטער, וועלען שוין זיין צעהנדליגע יאָהרען פערפלאָסען, און ביים ענדע וועט א פּאָג־ראָם אויסברעכען און דער העלד וועט ווייזען אמת'ע קונצען מיט זיין גבורה. — און דאָס אַלץ אהנען מיר פאַראויס, און מיר זיינען דערמיט צופרידען.

אין „אַ ניו יאָרקער געשיכטע“, געשריבען אין דער פאָרמע פון א טאָגע בוך, געלינגט אָפּט דעם שרייבער אַרויסצוברענגען אייניגע גאַנץ טיפע עראָטישע עמפּפינדונגען, און אויך יענעם נערוועזען, קראַנקהאַפּטען צוקען פון אַ מענשען וואָס, טראָטץ זיין ווילד ברוי־זענדע ליידענשאַפט צו לייב און פלייש, און צורייצטע איינבילדונגס־קראַפט, האָט דאָך געלעבט ווי אַ נזיר, אָבער דאָס אַלץ געהט פערלאָרען אין דעם ים פון אויסגעדראָשענעם רעזאָנירען, און דערצו איז דאָס נאָך געשריבען אין דער גאַנץ אַלטער פאָרמע, פון א טאָ־גע־בוך — — —

אין דעם פראַגמענט „לייבעלע“ געלינגט דעם שרייבער אונז איינצואָוויהען אין דעם שווערמוטיגען טאָן און אויך אין דער גאַנצער געהיימניספאָלער שווערקייט וואָס הייננט אזוי ווי איבער לייבעלעס פאַטום. עס פיהלט זיך אין דעם פראַגמענט אַ ביזאַרע שטי־מונג, עפּעס שוואַרצעס שוועבט דאָרט ארום.

גאַנץ נאַריש, נאַאיוו און אונבעהאָלפען זיינען די דראַמאַטישע סימבאַליסטישע עטיו־דען „פון לעבען“ און „אויפ'ן שיידע וועג“. זי שטאַמען, מסתמא, פון יענעם פעריאָד וואו שרייבען אזעלכע איינאַקטער'ס איז געווען אין דער מאָדע.

זאָגען אז מרגלית האָט טאַלאַנט איז ווינציג, און עס איז אויך קיין קאָמפּלימענט ניט פאַר'ן שרייבער, — אָבער דאָס וואָס מרגלית'ען פעלט יענער גלאַנץ, יענע ליעבע פאר דעם מאַלערישען אמת, אן וועלכען, א שרייבער, וועט אויך שטענדיג בלייבען נור א שרייבער — דאָס איז וויכטיג אָנצומערקען.

מרגלית'עס שפּראַך איז אַ גלאַטע, עס לאָזט זיך לייענען, אָבער דערפאַר פעלט איהר גלאַנץ און עלאַסטיציטעט. זיינע רעוועראַנסען זיינען אָהן חן, דער בוי פון זאַטץ אָן אַלטמאָדישער, עס פעהלט איהם בייגזאַמקייט און די קאָנסטרוקציאָן איז זעהר א שלעכטע.

אינהאלט:

אבענד און נאכט (ליעדער)	מאני ליב.
א ווינטער נאכט (ערצעהלונג)	דוד איגנאטאוו.
מיר האבען זיך געבארען... (ליעדער)	מ. ל. האלפערין.
א מעת לעת (זעהונגען)	סאפיע גערשוי.
שווארצע שאטענס (ליעדער)	א. מ. דילאן.
די דעמאקראטישע קונסט (עסעי)	דזשאן עדינגטאן סיימאנדס.
פון אומעט (ערצעהלונג)	א. מ. מאנדעלבוים.
א חלום	ר. אייזלאנד.
ווייסע טויבען (ערצעהלונג)	ב. באטווייניק.
ליעדער	מ. באסין.
חברים (ערצעהלונג)	הערמאן גאלד.
* * *	י. ראלניק.
* * *	יצחק בלום.
די ענטפלעקונג (ערצעהלונג)	ש. פאקס.
שרעס (ליעדער)	ב. לאפין.
אויף יענער זייט בריס (ערצעהלונג)	י. אפאטאשו.
יפתח'ס טאכטער (פאעמא)	י. י. שווארץ.
א. ליעסין (קריטישע נאטיצען)	ב. ולאדעק.
"TRIO"	ע. ל. פליישמאן.
אין גארטען	עמנואל.
שלמה (דראמע)	א. זעלדין.
די אלמנה	מיכל קאפלאן.
דאס אידישע פאלקס ליעד (אפהאנדלונג)	י. ל. כהן.

ליטעראטור

צווייטער זאמעלבוך

ארויסגעגעבען
פון פעראיין
ליטעראטור.

ניו יארק, נאוועמבער, 1910.

מאני לייב:

אבענד און נאכט

1.

טויבענשטילע, בלויע אבענדשטונדען!
שפרייט מיין אבענד שטילען טרוים צושפרייטער –
איצטער גליהען גלוטיגער און רויטער
מיינע רויטע רויזען — מיינע וואונדען — — —

איצטער שטארבט דער לעצטער גאס־געפילדער;
טריט און ווערטער הילכען שטילער, ווייכער,
אויגען בענקענדע נאך אויגען פלאמען בלייכער,
הענד אין הענד געדריקטע רעדען עפעס מילדער,

איצטער ווערט מיין בענקשאפט גאלד געצונדען,
הייסער איז מיין בלוט, מיין אויג קוקט ברייטער!
איצטער, איצטער ברענען רויטער, רויטער
מיינע רויטע רויזען — מיינע וואונדען!
1907.

2.

אין בלייכען צארטען גאלד די זון מיין פענסטער פארבט,
דאס הייסט: איך וועל מיין קאפ אין טיעפען טרויער נייגען
און ווייגען, ווייגען שטיל מיט שטומע בלייכע אויגען
די שטונדע, ווען די זון אויף מיינע שויבען שטארבט;

דאס הייסט: איך וועל א נאכט ביים קבר פון דער זון —
ביים לעמפעלס צאנקענדיגען רויכערדיגען שימער.
אין מיינע שטיינערנע און גרויע וואנד פון צימער
א שאטען זיין אין שאטענס נאכטיגען טאבון.

1909.

3.

(מיין פריינד דוד איגנאטאָוו)

זי איז ביי דעם פענסטער א בלאסע געשטאַנען,
א בלאסע ,א שטילע, מיט פלאמיגע אויגען,
געקוקט האָט זי ווייט וואו די נאכט האָט פערצויגען
די ראָשיגע שטאָדט אין טומאַנען,
אין רויט-גרויע שלייערס-טומאַנען,

וואו עפּעס א מחנה צושטרויטע מכשפות
אין ריעזיגע גרויע געביידענגעשפענסטער
האָט כשופ'דיג, לאנגזאם אין שטאָקבלינדע פענסטער
געצונדען בריליאנטענע שריפות...
געצונדען פער'חלומ'טע שריפות —

געברענט האָט די שטאָט, און געברענט אויף איהר בלאסען
געזיכט האָבען רויזען... צועפענט די אויגען
מיט פייער, אָהן ווערטער, האָט זי מיך געצויגען
אהין, אין פלאמיגע גאסען,
אהין אין די ראָשיגע גאסען.

מיין טיר איז געוועז ניט פערשלאָסען ווי אימער...
געזאָגט האָב איך: שמעטערלינג מיינער געטרייער!
דיך לאָקען די גאסען אין נאכטיגען פייער —
און מיך? — אָט די שאָטענס פון צימער — — —
און איך בין פערבליבען אין צימער.

1909.

4.

* * *

אויף מיין קאלטען שווארצען פענסטער
שוועבט א שמעטערלינג ארום,
צאפּעלט זיך און בעט זיך שטום
צו מיין לעמפעל, צו מיין לעמפעל.

קאלט און פינסטער איז דער אָבענד...
טהייערינקע, קום אריין,
ווער פערברענט אין העלען שיין,
קאלט און פינסטער איז דער אָבענד...

1908.

5.

דער טאָג האָט געזעגנט זיך טרויעריג, צאַרט
און טרויעריג שטיל — כ'האָב געלאַכט —
אַ קראַנקער פון טאָג — כ'האָב געלאַכט, כ'האָב געוואַרט
מיט ווילד־בייזע פרייד אויף דער נאַכט.

די נאַכט איז געקומען... מיין לאָמפּ האָט געברענט —
מיין האַרץ האָט געברענט אין דער נאַכט;
געוואַרט האָב איך... שמערצליך פערבראָכען די הענד,
געוואַרט האָב איך לאַנג... כ'האָב געלאַכט...

1908.

6.

נאַכט.

זי וועט אַרומגעהן בלינדערהייט
מיט בלינדע פינגער טאַפּענדיג
אין גאַסען אויסגעלאָשענע,
מיט בלינדע פינגער קלאַפּענדיג
אין פענסטער צוגעשלאָסענע.

זי וועט זיך זעצען ביי אַ פּלויט
די שוואַרצע האָאָר צושויבערען,
אויף אימיצען צו לויערען
און אימיצען בעצויבערען,
און אימעצען בערויערען....

1910.

7.

איך האָב דיך פיינט... נור ווען פאַרוויגט און צערטליך איינגעקוסט,
דאָס בלאַסע קראַנקע קינד אין שמייכעלדיגער זיסער רוה,
אַ רגע — עפענט אויף די אויגעלעך — אַ רגע — שליסט זיי צו,
מיט שלעפעריגע ליפּלאַך ציהט זיך צו דיין וואַרימענדע ברוסט;

און פון די אויגען דיינע טרעהרען רינען שטיל אַראָפּ
באַטויענדיג דאָס קינדיש פּנים'ל מיט טרערען־טהוי,
דאַן בויג איך טיעף צו דיינע פיס, מאַדאָנאַ, אָט אַזוי,
מיין זינדיגען, מיין זינדיגען, מיין אונגליקליכען קראַנקען קאָפּ!

1910.

8.

קושט דער שלאָף די אויגען איהרע, קושט די טרוימען איהרע זאכט
נור דיין הארץ איז בייז און שלאָפלאָז, בייז און שלאָפלאָז איז דיין נאכט.

וואַרפסט צום פענסטער קראנקע בליקען, קראנקע בליקען צו דער טיר,
וואַרטסט אויף קיינעם ניט און קיינער וועט ניט קומען איצט צו דיר.

בעטעלסט שלאָף ביי דיין געלעגער, בעטעלסט קושען ביי דיין שלאָף,
שטרעקסט די הענט אויס אין דער פינסטער. — האָף ניט, עלענדער, ניט האָף.

שפּרינג פון בעט אויף, לויף צום פענסטער, רייס די פאַרהאַנגען אַראָפּ,
עפען האַסטיג אויף דעם פענסטער, שפּאַר אַרויס דיין הייסען קאָפּ.

זעהסט די גאַס אין נאכט פערלוירען, זעהסט די טויבע שטומע גאַס,
דאָ און דאָרטען — אַ לאַמטערען איינזאם, איינזאם ציטערט בלאַס.

זעהסט די דרימלענדיגע שטילקייט, זעהסט די גליהענדיגע רוה
דאָ און דאָרטען קוקען פענסטער, בלינדע פענסטער ערגעץ וואו.

ועסט אַ פייף טהון, אַ געשריי טהון, ווילד וועט הילכען דיין געשריי.
דאָרטען, דאָרטען פון דער פינסטער וועט אַ זייגער שלאָגען צוויי.

צוויי אַ זייגער! — וועסט אַ לאַך טהון, וועסט אַ קריץ טהון מיט די ציין.
דאָרטען, דאָרטען ציהט אַ וואָגען — רעדער קרעכצען אויפ׳ן שטיין.

שטיינער קרעכצען! שטומע שטיינער קרעכצען אין דער שטומער נאכט.

— —

קושט דער שלאָף די אויגען איהרע, קושט די טרוימען איהרע זאכט.

— — — — — — — — — — — — — —

נ. י., 1908.

9.

זיצען אבענד־צייט אין צימער, שטום, אין שאָטענס איינגעהילט,
הערען ווי אין אבענדשימער ווערט דער טאָג ראש איינגעשטילט,
און א לאַך טהון בייז ווי אימער: — נאָך א טאָג האָב איך פערשפּיעלט!

און אין ברוסט זאָל זויגען, זויגען דאָרשטיג, בייז די עלענד־ראָב
צו די דאַרע ברוסט זאָל נייגען דער יסורים'דיגער קאָפּ,
טרעהרען זאָלען פון די אויגען טריפען אויפ'ן שוים אראָפּ.

און דערהערען טריט וואָס קלינגען, און פערשטארבען אויף די טרעפּ,
שרייען: זעה! די לאָקענרינגען האָב איך איינגעקעמט אין צעפּ,
הער, די הייסע פּאַלדען זינגען פון מיין זיידען העמדגעוועב.

און די הענד פערברעכען: טרייער, שעהנער אונבעקאנטער פריינד!
וועסט היינט אָנצינדען מיין פייער? וועסט צו מיר ניט קומען היינט?
און ניט הערען: מיין געטרייער, שעהנער, בלייכער עלענדפריינד!

1910.

10.

כ'האָב ליעב דעם הערבסט מיט זיינע טרוימען־שלאַנגען
אין זיינע מדבר־נעכט פערוואָגעלטע און שטום,
ווען אין דעם נאַכט־חושך מיין דמיון בלאָנדזעט אום
און זוכט א גרונד, אין חושך'נעם פערלאָרענעם — א גרונד.

און דאָרט, אין גרויסען עלענד אויסגעגאַנגען,
מיט אויסגעוואַרטע, נעגעלדיגע לאַפּעס, הענד.
פערוואָרפען אין דער וועלט — צום חשך'נעם געווענדט.
זיין גרויסע נע ונד־ליעד זינגט דער ליריקער, דער הונד...

1908.

11.

עמיץ קלאַפּט אין מיין פענסטער שטיל, שטיל אין דער שטיל...
כ'געה צום פענסטער א בלייכער מיט אימה געפיהל:
— וועמען לאָזט עס די הערבסט־נאַכט ניט שלאָפען?
עמיץ איז פון מיין פענסטער אנטלאָפען...

דאָרטען, וייט, דאָרטען וייט, וואו די פינסטערנים גרויט,
וואו די נאַכט האָט איהר קעניגרייך בלינדען געבויט.
אין א שלייער א שווארצען געשלייערט
עמיץ שטעהט דאָרט א בייזער און לויערט...

1907.

12.

פערוואָרפען ליעגט די ווייטע וועלט אין שנייען,
פאַרקאָוועט האָט דער פראָסט מיין שטומע טיר;
קיין פייער צינד איך איצט ניט אָן... עס געהען
פאַרנאַכטליך קאַלטע שאָטענס איבער מיר,

איך בין אליין. איך וואַרט, איך טראַכט פון דיר
מיין ווייטער פריינד פון מיינע ווינטערוועהען,
דיין נאָמען מיינע בלייכע ליפען וועקען:
מיין פריינד! מיין פריינד, איך געה צום פענסטער צו.

די אויגען זוכען דאָרטען צייכענס־פלעקען
פון טריט אין שניי־פערלאָרען ערגעץ וואו —
דאָרט ליעגט דער שניי אין פראָסטיג ווייסען רוה...
דאָרט וועט די נאַכט דעם שניי מיט שטערען דעקען...
1908.

13.

ניט וויין, ניט וויין, מיין עלענד קינד!
דער סם פון צווייפעל־טרעהר מאַכט בלינד
דאָס ליכטיגסטע, דאָס צאַרטסטע אויג;
דיין קאָפּ, דיין גאָלד־בעלאָקטען, נייג
אין שטילען טרויער אויף מיין ברוסט,
און שוויג... און הער!... אין ווילדען לוסט,
אין בייזען גרויזאַמען זאַוויי
צוואַוואַרפענדיג דעם מדבר שניי.
די מכשפה — ווינטערנאַכט,
זי טאַנצט איהר יובעל־טאַנץ און לאַכט...

ניט וויין, מיין עלענד קינד, ניט וויין!
זיי שטיל און זעה... פער'כשופ'ט ריין
און מיידעלש אונשולדיג ווי דו,
אין ציטעריגען רויטען רוה.
דער שטילער פייער אין קאַמין
וועבט קלאָר זיין גאָלדענעם געשפין
פון טרוימען ניט דערטרוימטע פראַכט,
אומזיסט געטרוימטע אין דער נאַכט...
ניט וויין, ניט וויין, מיין אָרים קינד,
די מכשפה נאַכט איז בלינד!

נור ווען דער מאָרגען שטראַהליג בלייך
אין פראָסטיג בלויען זילבערר־ייך
א רוהיגער, פערשנייטערהייט
וועט ליגען אויף דעם פעלד צושפּרייט —
און אין דער שנייאיג־ווייסער בלוי
דער ערשטער שליטען שוואַרצליכגרוי
וועט דורכטאַנצען און וועט פערגעהן —
דאַן וויין, מיין עלענד קינד, דאַן וויין !
1908.

דוד איגנאַטאָוו :

אַ ווינטער נאַכט

א בלויע, פרישע ווינטער־נאַכט.

און ס'ציהט זיך אַ ווייסע ווייט אויף מיילען און מיילען, איבער בערג און בערג, שטראַהלט, אין דער בלויער נאַכט אריין.

די נאַכט הויבט זיך זיכער, שטיל ביז צום ווייטען הימעל ; ציהט זיך, פרעסט זיך צום פערשטערנטען בלויען ים.

ס'ברענט דער פראָסט, געוועלטיגט אין דער נאַכט־בלויער לופט, פערכאַפּט דעם אָטעם, מאַכט פידלען דעם שניי אונטער די פיס. און עס שטאַרקט די אָדערן, ציהט אָן די מוסקולען, קרעפטיגט דאָס בלוט, — פּיהלסט פראָסטיג, ברענענדיג.

בערג ווייסע, מיט בוימער נאַקעטע, פערשנייטע הויבען זיך דאָ און דאָרט, שטילע, לעבעדיגע, חבר'ן זיך צופרידען מיט דער קרעפטיגער, טיפער בלויקייט וואָס ארום זיי, וואָס איבער זיי : —

— זיי געגריסט, דו קרעפטיג־בלויע ווינטער־נאַכט ! זיי געגריסט ! און דער שטאַרקער ריעז, דער ז י י ד ע ־ פ ר אָ ס ט, קלאַפּט אָפּ דעם ערשטען, גרעסטען באַרג אין פּלייצע :

— וואויל, וואויל, מיין קינד ! — וואויל ! — און שפּאַנט ווייטער.

*   *   *

נידריגער, צווישען די בערג, אויפ'ן אייז־ראַנד גליטשען זיך חברה, פרישע יונגע, וואַרפען זיך איבער מיט ווערטער, טומלען, לויפען ; יאָגען זיך איבער'ן אייז. ס'קומען נאָך אָן אַלץ נייע און נייע, זעצען זיך אויף די בענק, ארום ברעג, טוען אויף גיך אָן די שטאָלענע גליטשערס ; העלפען אויך זייערע מיידלעך.

גליטשט מען זיך דורך דעם ערשטען ראַנד, ווערט מיט אַמאָל וואַרעם, — וואַרפט

מען אראפ פון זיך די אויבערשטע ווינטער־קליידער, דערפיהלט מען מיט אמאל לייכט, אזוי פערגניגענד־גרינג, כאטש פליה! פליהט מען איבער׳ן אייז אויף די גוט געשארפטע, בלאנקע גליטשערס. שנעל און שנעלער, איינס הינטער׳ס אנדערע, איינס פאר ס׳אנדערע, אט גאר צוזאמען: איינער אן דעם צווייטען, איינער אן דעם צווייטען אין א לאנגער, לאנגער קייט, און אט — האנד אין האנד.... ס׳צואווארמען זיך די בלוטען אלץ פרישער, לעבעדיגער, ווארעמען צופרידען די הויט פון די קרעפטיגע, יונגע לייבער, ווערען צו־פלאמטע באקען לײדענשאפטליך געקושט, געביסען פון דעם שארפען פראסט; די ברוסט אטעמט פריי, פריש, גערן; דאס הארץ קלאפט מוטהיגער, שטארקער און אלץ שטארקער, שטארקער רייצט דער שטארקער פראסט.

איז עמיצער צופרידען, גליטשט ער זיך שטארק; איז עמיצער אויף עפעס אין כעס, גליטשט זיך, אויף־צו־להכעיס, נאך שטארקער.

אט האט עפעס איבער׳ן אייז לויז א קלונג געטהון: ס׳איז ביי א מיידעל, אין מיטען יאגען זיך מיט איהר חבר׳טע, ארונטערגעפאלען איין גליטשער; ס׳מיידעל פאלט, די חברטע פרובט זי אונטערכאפען — ס׳פאטיקעט זיך אליין איינמאל און נאך אמאל, לאזט א פאר מאל ארויס א מיידעלשען קוויטש, צולאזט אין דער לופט די הענד, קען קוים כאפען דאס גלייכגעוויכט, — לויפט באלד אונטער א בחור, האלט איין די צווייטע, העלפט זיך אויפהויבען דער ערשטער.

— איהר האט זיך א קלאפ געטהון?

— ניין, ניין, זי ענטפערט מיט א לייכטען שמייכעל, — נאר ניט....

— אז איהר גליטשט זיך אליין... אהן א בחור... — שמייכעלט אויך ער.

— כא—כא—כא!

— כא — כא — כא!

ס׳צולאכען זיך די מיידליך:

— איז עס דאריבער?!

— ס׳הייסט!.... געוויס! — מיידליך.... און אט אין אזא נאכט... אויף אזא גוטען אייז... אליין... דארפען — פאלען....

— כא—כא—כא!

— כא—כא—כא!

ס׳לויפט נאך אן אן אנדער בחור, רויט, צופלאמט, מיט׳ן ארונטערגעפאלענעם גליטשער אין האנד און זאגט גלייך: נו, וואס איז דא צו לאכען?!

— אט האסטו דא אן אנדערן! — אויך איהר אזוי?

— נו, געוויס! איהר קענט דען צושרויפען א גליטשער ווי מען דארף? — זאגט ער כלומר׳שט ערנסט, — איך בין זיכער אז ביי אייך וועלען זיי אויך באלד ארונטער־פאלען, — גיט ער איבער דעם איינציגען גליטשער דעם ערשטען בחור, און נעמט זיך טאקע גלייך בעקוקען די גליטשערס פון דער צווייטער.

דער פראסט ברענט, מיידליך לאכען, בעהאלטען זייערע הענד אין די מופטעס; בחורים ארבייטען פלייסיג ארום די מיידעלשע פיס. האלט א בחור איין פוס אין האנד, שרויפט אן דעם גליטשער, שטעהט דאס מיידעל נאר אויף איין פוס: גיט זי זיך א וויכנע, לאזט ארויס א קוויטש, האט מורא, זאל ניט פאלען; שפארט זיך אן מיט איהר ברוסט אין בחור׳ס אקסעל.

לויפט פון ערגעץ אָן א בעקאַנטער, אָדער גלאַט א כוואַט, שרייט ער אויס מיט א קנאַה'דיגען נגון: Oh you Kid! און פליהט ווייטער, פליהט ווייטער, ווייטער.

באלד ווארפען זיך די צוויי נייע פּאָרלעך צווישען די גליטשערס, ס'הייסט: צוויי בלודנע בחורים האָבען זיך אויף א ספּאָרטישען אופן בעקאַנט מיט צוויי פרעמדע מיידלעך, וועלען אינאיינעם פערברענגען א צופרידענעם אבענד אויף דעם אייז־ראנד, וועלען זיך נאכדעם צוגעהן און — קען זיין — וועלען זיך קיינמאָל מעהר ניט בעגעגענען; אָדער וועלען אָפּמאַכען זיך טרעפען דאָ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל; וועלען נאכדעם נעמען „ארויספאָהרען" צוזאמען....

ברוך'ן איז דער פאל מאָדנע געפעלען. — קען זיין, אז אָט אויף אזא אופן האָט זיך חנה בעקענט מיט מאקס'ען.

און איצט?

— אוועקגעפלויגען.

אָט שוועבען זיי דאָרט ביידע, האַלטען פאר זיך געשלאָסען די הענד ווי אין טאַנץ. איהר ווייסער, וואָלענער „סוועטער"! דער ווייסער פוטערנער הוט! רויט־צופלאַמטע, ווייסע באַקען, ס'בלישטשען מיט פרישער פייכטקייט די ווייטע אויגען. ס'שלאָנגען זיך ארויס עטליכע דונקעלע האָר, ווערען בעדעקט מיט ווייסען פראָסט. קלוגע, שלאַנקע בעוועגונג.... גליטשער קוקען זיך אום, — לאָזען זיך נאָכ'ן פּאָרל, פערלויפען אויף־צו־פריי־הער, בלייבען אויף א ווייל'ע הינטען, פערלויפען פון רעכטס, פון לינקס. ס'שווינדעלט אין די אויגען דאָס שטאָל פון אונטער אלעמענס פיס, וואָס שלייפען מיט א מאָדנעם גערודער דאָס יונגע, קרעפטיגע אייז. און דאָס איז לאָזט פון מאָל־צו־מאָל ארויס מורא'דיגע קלאַנגען, ווי ס'וואָלט זיך דאָ און דאָרט אין שטיקער שפּאַלטען, אָדער פער'כשופ'טער שטילער, ווי ס'וואָלטען פלוצלונג ערגעץ ביי א פידעל־שפּילער סטרונעס פּלאַצען....

ברוך ווערט פער'כשופ'ט, נעמט אויך אַנטייל אין דעם צולאָזטען לויפען און אי בערלויפען, ווי אויך ער וואָלט צום ערשטען מאָל דאָס מיידעל אין ווייסען „סוועטער" דערזעהען.... אָט האָלט ער שוין לענגער נישט אויס, פערלויפט פון לינקס, הייסט זין גיבען איהר פרייע האַנד און — מע לאָזט זיך אין דרייען.

באלד ווערט ער קאַפּריזנע, ווי א צופּעסטעטע קינד: „מאקס זאָל געהן אויף דער זייט און ער אויף יענער, — האָט גלייך חרטה, בייט זיך אָב צוריק.... אָט האַלט ער זי מיט אמאָל אָב אין מיטען לויף, אז זיי שלאָגען זיך אָן אלע צוזאמען, פאַלען.

און זיי גיבען איהם נאָך, פערגיבען אלעס. נאָך מעהר, זיי בלייבען גליקליך צו פרידען פון אלעס, בעזונדער זי.

— מיין גאָט, ווי צולאָזט איהר זיינט דאָס היינט! וואָס איז דאָס מיט אייך?! — זאָגט זי און לאַכט צופרידען.

— אויף מיין וואָרט, ער איז היינט משוגע, פּשוט — משוגע! האָסט געהער אזוינס! מילא איין מאָל — א חכמה!

— נעווער מיינד! אונזער ברוך איז אָלל רייט! אז הוליען, איז הוליען! — א זי קוקט דערביי שעלמיש, קוקט דאכט זיך מיט אינגאַנצען איהר שלאַנקען לייב, מי איהרע ברוסטען, מיט אינגאַנצען איהר פערצאַפּעלטער נאַקעטקייט....

— נו, אלזאָ, רב ברוך, גענוג! ציגד זייט שוין א מענש.... נאָט!... — זי דערלאַנ איהם איין האַנד, מאקסען — די צווייטע, שטעלט ארויס אויף צו פריהער איהר ברוס א פּוס — הויבט אָן:

— איינס, צוויי! איינס, צוויי! שטארקער! איינס, צוויי! איינס, צוויי! און זס זעהט אוים: זי א ווייסער פויגעל, זיי — איהרע צוויי שווארצע פליגעל....

שוועבט דער פויגעל אין דער בלויער נאכט, צווישען ווייסע בערג און שטערען, און שרייט: איינס, צוויי! ווערט ווילד און שרייט: איינס, צוויי, איינס, צוויי! ווערט ווילדער, ווילדער און שרייט: איינס, צוויי! איינס, צוויי! שטארקער! שטאר־ ער! ס'ארא פראסט! א—ו—או!—הוך!

וואס איז מיט דיר פויגעל!? ווייסער, גוטער פויגעל?

און דאס אייז אונטער די פיס זטארקט זיך, שטארקט זיך, וועט באלד פלאצען פון טארקייט.

דא און דארט ברענען אויף'ן אייז רויטע פייערלעך... קוקען ווי רויטע וואונדען, יהען רויטע שטראהלען איבער'ן גרינליכען אייז: יענע פלעצער זענען געפעהרליך....

ברוך הויבט אן פיהלען איהר האנד דורך די הענדטשקעס. ס'ארא האנד! 'א—רא הענטעל!

ווארפט ער פערביטערט אב די האנד, דרייט זיך ארוים פון זיי, גליטשט זיך אפ ן א זייט, בלייבט דארט אליין....

בוימער: — שווארצע שטאמען מיט נאקעטע צווייגען, ציהען אוים זייערע שא־ נס ברייט און לאנג איבער'ן צוקרעלטען אייז, אונטער די פיס פון די גליטשערס; י דארטען לויפט וואס אריבער פון איין בארג צום צווייטען. א הינטעל?... א משונה'דיג נגער שאטען לויפט איהם נאך איבער'ן ווייסען שניי... אט איז דאס שוין אויף'ן צוויי־ ין בארג... פערשוואונדען. און ווידער — שא! ווידער בוימער, ווידער ווייסע בערג, ויער רוים, ווייטע פייערלעך.... אט דערהערען זיך קלאנגען פון א שטאדט־זייגער: —א—מ—מ—ם, בא—מ—ם! ס.קאטשען זיך, ס'צוטראגען זיך די קלאנגען, שווימען ם, באדען זיך אין דער פראסטיג־שטארקער לופט.... בא—א—מ—ם! בא—אאמם! זען זיך אראפ, לייגען זיך אוים אויפ'ן ווייסען שניי קיילעכדיגע רויטע.... קוקען צו־ הט אין דער בלויער וועלט — באא—אמם, בא—א—אם?... און אט — עס פערגעהען די קלאנגען, בעהאלטען זיך שטיל אוים אין'ם ווייכען שניי, נאר די לופט געדיינקט ך לאנג — באמם, באם, באמ....

צינדען זיך אין הארצען פייערן, פייערן.... ס'ווערט מיט אמאל אזוי באנג. רייס וים דאס הארץ, שלייד דאס אין ווייסען שניי אריין!.... און דער דונקעלער הימעל פערשאטען מיט גאנצע קופעס שטערן, קוקען זיי אלע אראפ אזוי מאדנע, אנגעשטעלט, עס פיהלט זיך ווי אט־אט.. אט־אט — און ס'נעמט רעגענען מיט שטערן.... און יהען זיך קלאנגען: בא—מ—ם.... בא—מ—מ—ם!....

מיר האבען זיך געטראפען אויפ'ן אייז.

— אזוי!

— וואס אזוי!

— גארניט!

האט חנה'ן א קלונג געטהון דער „גארניט"... האט זי אויפגעהויבען איהרע גרויסע ען... באלד האבען זיך די אויגען צועפענט ברייטער... א קלוגער קוק פון אויבען פ, און א ענטפער: הו—הו?!

רייסט זיך פלוצלונג אפ א גרויסער שטערן, לאזט זיך אראפ מיט אמאל ווי א יצטע, ווייס־צוגליהטע שלאנג!....

גיט ברוך אַ ציטער, דערפיהלט אַ ריס אין האַרצען, דאַכט זיך, טרערען אין האַלז, אַ ביטערקייט אין נאָז. און פּלוצים גאָר:

פּף — פּפּפאַף! פאַף! — אַ שטאַרקער געדודער, אַ רעווע ווי פון אַ ווילד־צוריצטען ליוב, — אויף איינעם פון די ווייטערע בערג שפּרינגט אַרויף אַ שוואַרצער לאָקאָמאָטיוו, ס'זעצט אַ ווייסער רויך מיט שטיקער דיקע רויטע פלאַמען.... וואַגאָנען; ליכטיגע פענ־סטער; פּנים'ער — טאַנצען, שפּרינגען.... ס'האַלט זיך איין וואַגאָן אָן'ם אַנדערן, איינער אין'ם אַנדערן אין אַ לאַנגער, לאַנגער קייט. אָט גיט זיך די ראַשיגע קייט אַ שלייַדער אַהער, אַהין.... ווידער אַן אויפטרייסלענדען רעווע און פערשווינדט. ס'בלייבען צווישען די פערטראַכטע בוימער עטליכע ווייסע וואָלקען רויך.

קאַלט. — ער איז צוגעפרוירען.... רייסט זיך אָב, לאָזט זיך צוריק אַריין צווישען די גליטשער, איז אויסגערוהט, אָבגעקיהלט, וואָלט וועלען אַנטלויפען... פון זיך אַליין; צויאָגט ער זיך שנעל, שנעלער, דערפיהלט באַלד ווידער יענע גוטע וואַרימקייט, — ווידער בריהט זיך דער פראָסט אין זיין צופלאַמטען פּנים, ווידער אָטעמט זיך מיט חשק און כח.

ער סטאַרעט זיך צו האַלטען נאָר צווישען פרעמדע, קוקט אויף פרעמדע פאַרלעך, פרעמדע מיידלעך...

האָט אָבער אַ ציה געטהון אַן אַנדער ווינד.... לינדער... ס'האָט גענומען פאַלען שנייַ — ס'האָט דער גלייכגילטיגער פּעטער־שנייער גענומען שפּרייטען זיין צו אַלעם גלייכגילטיג־גלייכגילטיגע נעץ.

גליטשער נעמען יאָגען פלייסיגער און ווערען אַלץ מעהרער פערפּלאָנטערט אין זיין נעץ. ס'ווערט שנייאיגער, געדיכטער, ס'ווערט שווער צו זעהען עטוואָס ווייטער פון זיך.... לויפסט, לויפסט און פון דער ווייסער נעץ איז זיך ניט אַרויסצורייסען....

„דאָס וואָס דו האָסט געוואָלט האָבען, פון וואָס דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט, וואָס מע האָט ביי דיר צוגענומען, בלייבט אויף אימער און אייביג דיינס. עס לעבט, וואַקסט און צובליהט זיך אַלץ ליעבער און שעהנער פאַר דיר.

„זיי ווייט — זיי גלייכגילטיג.

„קורצזיכטיג, נאַריש איז די ליידענשאַפט.

„מיר — שנייעלעך, מיר — דאָס געשפּין פון'ם בלאַסען גלייכגילטיגען פּעטער־שנייער!...."

האָט עס אָבער ברוך'ן ווידער אַ טראָג געטהון צו חנה'ן....

* * *

פאַר'ן אוועקגעהן.

דער גליטש־פּלאַץ ווערט ליעבער... בעט זיך — ממש — ביי יעדען: נעהם כאַפּ אַריין נאָך אַ גליטש! נאָך איין מאָל גליטש זיך דורך דעם גאַנצען ראַנד! גוט? טאָ איז נאָך אַ מאָל! האַ? — צו דער פראָסט וועט דען נאָך לאַנג אָנהאַלטען? און ביז מע דערלעבט זיך דאָ אָט צו אַזאַ פראָסט... קום אָט אין יענער זייט, צו די בוימער, — דאָס אייז איז דאָרט אַזוי גלאַט... אַ צוויי־דריי שטאַרקע בעוועגונגען און נאָכדעם טראָגט דאָס שוין אַליין... אַנטקעגען ווינד?... איז וואָס?... שטאַרקער!

דאָך דער עולם ווערט שיטערער מע מוז מאָרגען פריה אויפשטעהן. די פיס וועלען זיין שווער.

עס ווערט לעדיגער, פוסטער, ווערט דעם ווינד היימליכער, נעמט ער זיך אָבקערען

דעם שניי פון אייז ; קעהרט ווי מיט ווייכע, ברייטע בעזימער, — עס הויבט זיך אויף א ווייסע שטויב, טראָגט זיך מיט א לייכטען בייזער...

זיי זיינען פערבליבען צווישען די לעצטע. זי וועט זיך היינט ניט אויסשלאָפען, וועט, פיליכט, מאָרגען פערשפעטיגען... עס איז שוין סתם פאר איהר צופיעל... ברוך וויל איהר וואס זאָגען און זאָגט ניט... עס זאָגט זיך ניט...

האָט ערגעץ א פאָליסמאן צוגעלייגט זיין פייפעל צום מויל און ארויסגעלאָזען א לאנגען פייף, דער פייף האָט זיך א צוויי, דריי מאָל צובראָכען, איז נאָכדעם ווידער אוועק גלייך. — האָבען באלד אלע אנדערע פאָליסלייט, וואָס אויף דער וואך ארום דעם אייז, גענומען פייפען. ס'צוטראָגט זיך א טומעלדיג פייפען אין דער נאכט, ציהט זיך איבער אלעמענס קעפ, שמייסט ווי מיט בייטשען :

— א היים, אהיים ! א־א־היים־מ־ם !

ווערט דער עולם ווילד, צושראָקען, נעמט זיך מיט אימפעט ארייננכאפען נאָך און נאָך א ראנד.

כאפט ברוך אן חנה'ן הינטען ארום, גיט א קאָמאנדע ! שנעל ! א קייט ! — באפט זיך מאקס אן אן ברוך'ן פון הינטען, אן מאקס'ען זייערער א בעקאנטער, אן דעם בעקאנטען אן אנדערער, לאָזט מען זיך אלע אין לעצטען, שנעלסטען לויף.

*　*　*

אויפ'ן וועג א היים נעמט מען זיך ווארפען מיט שניי.

אָט פליהט א ווייסער קנויל פון איהר האנד, טרעפט ברוך'ן גלייך אין פנים אריין.

לאָזט ער זיך נאָך איהר, יאָגט זי איבער דעם ווייס־געבעטען פעלד, ס'צופליהען זיך די שווארצע פאָלעס פון זיין לאנגען ראָק. — יאָגען איהם נאָך.

זי לויפט, לאכט און שרייט :

— ברוך, ברוך ! מעהר ניט, אויף מיין וואָרט — ניט !

— אז ווער דארף דאָס אייערע תירוצים ? !

— ברוך ! ! אָה ! האָ־הא ! — שרייט זי אָיס שוין אין זיינע הענד.

— אָט, איצט, בחור'טע, וואַרט ! — מיט איין האנד האלט ער זי פעסט ארומגע־נומען, מיט דער צווייטער נעמט ער אן שניי, נעמט איהר איינרייבען דאָס פנים. זי וועהרט זיך, רייסט זיך פון איהם און פרעסט, פרעסט זיך צו איהם... איהר לייב — דאכט זיך — נעמט מיט א מאָל גרעסער ווערען, צוואוואקסט זיך אונטער זיינע הענד... און זי רייסט זיך און שרייט צופרידען, פערשייט... מאקס און זיינע בעקאנטע שרייען צו פון דערווייטענס: אָט אזוי ! גוט, גוט ! הורייי ! הורייי !

האָט ער זי אָבגעלאָזט.

נעמט זי אָבווישען דאָס פנים, פעררינכטען די האָר, הויבט אויף די אויגען, בע־גענענט זיך מיט זיינע... —

— געהט צום טייוועל ! — זאָגט זי אָב אין כלומר'שטען כעס און לאָזט אראָב די לאנגע ברעמען.

— איז צו וואָס דארפט איהר נאָך רויט ווערען ?

— געהט צום טייוועל !

— ניין, איך מיין גאנץ ערנסט... וואָס פאר־א־פנים האָט דאָס ? אזא ווייסע נאכט, און אויפ'ן בלויען הימעל וואלגערען זיך איצט אזוי פיעל פרישע שטערען, און אלע

קוקען... און דארטען שטעהט דאך טאקע מאקס אליין, אזא געזונדער, שעהנער בחור... נעמט פלוצלונג א ווייסע מיידעל מיט לאנגע ברעמען און ווערט זיך רויט... וואס ?

— ברוך!...

— וואס איז ?

ס'בלייבט שטיל.

שנייעלעך פאלען ווי צוגעציילטע.

טרעטען פיס אויף פרישען, ווייכען שניי.

דאס הארץ איז ביטער פערקלעמט.

עס בענקט זיך ?

וואוהין ?

עפעס ווילט זיך.

עפעס ווילט זיך ?

ס'ווילט זיך גארניט.

נאר ניט ?

פראסט און שניי שפיעלען הינטער די פיס, ס'דאכט זיך טויבען ווארקען, פויגעל פיסטשען.

מאקס מיט זיינע בעקאנטע געהען אויפצופריהער שמועסען וועגען אייז, וועגען גליטש, אט וועגען „פייט“.

— געוויינען וועט דער ניגער.

— אין לעבען ניט !

— איך וועט.

— דזשעפרים קלאפ וועגט פינף הונדערט פונט.

— ער האט מיט איין קלאפ אוועקגעלייגט א בער.

— איך וועט.

חנה און ברוך... איבער זייערע קעפ טראגען זיך רעיונות... טענות... וועלכע טענה'ען זיך אליין...

געהען זיי הינטען, שווייגען שטום, הערען זיך איין...

— האלטסט נאך אלץ פון דיין: „אונזער אונטערגאנג“.

— יא.

— און וועסט טאקע קיינמאל ניט חתונה האבען ? — ברוך !

— בעסער קוק איך דעם אונטערגאנג גלייך אין די אויגען אריין.

— און האסט מיך ליעב !...

— חנה !

— וואס?...

—... דיין ווייסע בלאסקייט. און דאס, וואס אפט זיינען אזש דיינע ליפען בלאס, און . . .

דאס וואס אפט קוקסטו ווי א געטרייע שוועסטער, ווי א מאמע און אפט, ווי א נעהארכזאם קינד...

און וואס דו מאכסט זיך נאריש, און דו פרעגסט אזא נארישע שאלה און... וואס דיינע אויגען קוקען אזוי מאדנע ווייט, ווייטער ווי דו אליין קאנסט דאס גאר פערשטעהן...

און וואָס אָפּט ביזטו אזוי שעלמיש קלוג... און וואָס דו ווערסט פּלוצלונג רויט, ס'צינדען זיך בלייכע רויזען אויף דיינע באקען...

און דאָס ציטערען פון דיינע רונדע בריסט... און דיין שלאַנגען צאָפּעל, חנקה ! דער צאָפּעל, וואָס האָט אזוי ליעב מיינע ברייטע אַקסעל, מיינע אומגעלומפּערטע, שטאַרקע הענד.

—און וואָס זשע ביסטו פּלוצלונג אוועקגעפאָהרען ? ! און אויף אזוי לאַנג און אזוי ווייט, פון זיך גאָרניט געלאָזט וויסען ? און געקומען צוריק אזוי שפּעט?... צו־ליעב ערד־ארבייט ? צוליעב דיין פּלאַן וועגען „נייעם דאָרף ?"

— צוליעב דיר, חנה'קע !

— דאָרף מען פאָהרען אזוי ווייט, ווייט אין דער וועסט ?

— ווייטער פון חנ'קען.

— מיינסט — ווייטער פון זיך אליין —

— חנה !

— און פּלוצלונג דרוקסטו אָפּ אזעלכע ווילדע ליעדער !

— חנה !

— דו וואָלסט דאָך זיך אליין אויפגעגעסען. — ס'אָרא ליידענשאַפטליך ווילדען זיידע־פּראָסט דו האָסט דאָס אויפגעמאָלען און גלייך מיט איהם דיין אויסגעבלאָזענעם : פעטער־שנייער...

— חנה ! . . .

— און אין ווילדסטען ברען, — דערזעהט דער זיידע אָט אַ דעם פעטער, וואָס קוקט — ווי דו ווילסט — מיט בליקען פון ווייטער, אָפענע פעלדער, לאָזט ער אָפּ הענד און פיס, דערפיהלט זיך ווי אַן אַלטער, ווען מען מע'כאַפּט ביי עפּעס א אינגעלשער נאַרישקייט.

— אז כ'האָב אָבער דאָס נאָך גאָרניט אויפגעשריבען ! איך האָב דאָס נאָך דער־וויל ניט אויפגעשריבען...

— כאַ־כאַ־כאַ !

— חנה !

— „חנה, חנה ! " וועסט נאָך אַ מאָל קריצען מיט די ציין און שרייען : חנה ! חנה ! וועסט זיך ראַנגלען מיט'ן שלאָף, וועסטו די קישען בייסען און רופען : חנה ! חנה !

— און חנה ?

— וועט שוין דאַן האָבען אַ קינד, אַ גוטען, עהרליכען מאַן און אַ אייגען בעט....

— און ברוך ?

— וועט זיך וואַלגערען ווי א היימלאָזער הונד.

— ווי א איד ? !

— ווי א ברוך !

— און ווען אַמאָל אין אבענד שפּעט וועט ער אָנקלאַפּען אין דיין טהיר, וועסט עפע־נען און דערזעהן : ברוך!... א מיעדער, אַן אַלטער ! אויך דו וועסט שוין האָבען דאַן גרויע האָר. וואָס פאַר אַ פייער וועט זיך דאַן אויפכאַפּען אין דיין הארצען?... ווי וועסטו איהם דאַן אָנרופען? וואָס וועסטו זאָגען?... וועסטו זיך דאַן דערמאָנען אַן א מעשה'לע

פון א ברוך'ל מיט א חנ'קען, וואָס זיינען געוואַקסען אמאָל, ערגעץ ווייט, אויף יענער זייט ים, אין א שטאָדט, אין אַ דאָרף, ביי א וואַלד?...

— איך וועל זיך דערמאָנען אָן א מעשה'לע מיט אַ פויגעל...

— געדענקסט, — ס'האָט אַמאָל ברוך'ל א נעץ פערשפּרייט... האָט אַ פויגעל גע־כאַפּט, איז ער מיט שמחה אהיים געלאָפען, וועט איהם זיין חנ'קען ברענגען, און אַז ד'איז א היימגעקומען, און אַז חנ'קע האָט אַ פערציטערטע גענומען בעטען : אוי, ברוך'ל! ברוך'ל ! לאָז מיר האַלטען דעם פויגעל ! כאָטש א קליין ביסעלע ! אָט־אַזאַ קליין־קליין ביסעלע ! נו, איז כאָטש א גלעט טהאָן נאָר, אַ גלעט טהאָן איבער די פעדערלעך, אוי ברוך'ל, ברוך'ל ! — איז ברוך'ל פּלוצלונג צוגעגאַנגען צום צועפענטען פענסטער : — נאַ ! — און אַוועקגעשטעלט דעם פויגעל אויף זיין צועפענטער האַנד. דער פויגעל האָט זיך אין איין רגע צוגעזעצט, אַ פּאַטש געטהאָן מיט די פליגעל, ארויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי און —

...און ווען חנ'קע'ס מאמע איז אריין האָט שוין חנ'קע ביטער געוויינט: מאַמע, מאַמעניו ! דער פויגעל ! ער האָט אַבגעלאָזט דעם פויגעל, דעם פויגעל !

און אָן די אַלע פויגלען, וואָס איך האָב אַבגעלאָזט און אַבגעלאָזט — צוליעב מיר, צוליעב דיר, ווערסטו זיך דערמאָנען דאָן ?

און איך וועל נאָך מן הסתם ביז דאַן פערבלייבען אַ גרויס קינד, א בחור, א מאַנאַך...

— וואָס איז מיט אייך, ברוך ? — רייסט חנה איבער די שטומע טענות.

— האַ? ! . . .

— וואָס האָט איהר זיך אַזוי פערטיעפט ? וועגען וואָס טראַכט איהר עָם ?

— הם. איך טראַכט ? יאַ... ווי מיינט איהר א שטייגער... אַזאַ פּלאַן : אָר־גאַניזירען אַ פעראיין פון גליטשער, ארויסרייסען עטליכע חברה פון אָט די פערשידענע „וועלט־פערזאָרגער" — פעראיינען, — גענוג שוין, קינדער, קומט, לופטערט זיך דורך אביסעל!... האַ?...

חנה שווייגט.

? . . .

— מערקווירדיג, ווי עס ווערען ביי אייך געבוירען די פּלענער ! עפּעס אַזוי צו־פּעליג ! האָט איהר דען וועגען אָט ד ע ם געטראַכט די גאַנצע צייט ? און מאָרגען וועט איהר זיך מן הסתם שוין נעמען פערווירקליכען אָט דעם נייעם פּלאַן !

— נו, יאַ !

— און איבערמאָרגען?...

— יאָ, און איבערמאָרגען...

— אָבער וועגען וואָס האָט איהר געטראַכט די גאַנצע צייט ?

— אַזוי... נו יאַ... מאָרגען וועט איהר — ווייזט אוים — פערשפּעטיגען... וועט זיך פערשלאָפען, אויפכאַפּען ווי פון א פּלוצליכען פייער... ווי עמיצער אַ פערוויכערטער, א ווילדער, וואָלט זיך פּלוצים אָנגעבויגען איבער חנה'ס בעט, וואָלט זי אַ שטאַרקען טרייסעל געטוהן: פייער, פייער ! ווי איהר וועט זיך דאָס נאָכדעם יאָגען צום שאַפּ אַ פער'סמ'טע... פון וויטענס נעהמט איהר שוין בעצייטענס שלעפּען די שפּילקעס פון היט... נאָך איידער איהר וועט עפענען די טהיר, וועט איהר שוין האָבען אויסגעטהאָן

איין ארבעל פון ווינטער־ראק, דעם הוט אין די הענד — זאל די „פארליידי“ זעהן, אז איהר פיהלט זיך שולדיג... אויב ס'איז ניט „ביזי“, קען זי ברוגז ווערען און שיקען אהיים... און וועט דאס אפגעהן גלאט, איהר וועט אפקומען מיט'ן ביסעל הארץ־קלא־פעניש, וועט איהר זיך דאס צוכאפען צום מאשין, וועט זיך דאס נעמען יאגען, יאגען... טע!... אויף מיין ווארט, אז עס לוינט זיך טאקע בעסער חתונה האבען...

— ברוך!!...

— ניט ברוך, שרייט : פייער! פייער !

— דעמאן !

זיי בלייבען שטיל. ער דערזעהט צוויי לאנגע שאטענס ציהען זיך איבער'ן ווייסען שניי ! זיינער — א לאנגער, א ברייטער, איהרער — ווי זיין'ס א קינד... בעוויזט זיך א שמייכעל אויף זיינע דיקע ליפען, צוציהען זיך די הארטע וואנסען ברייטער, פלוצ־לינג גלאנצען אויף זיינע אויגען שווארצער, טיעפער, עפעס ווארמס, בלוטיג'ס שלאגט זיך אן אין הארצען : או־ו־ו?... צורייסען, צופליקען אויף איהר די קליידער : זאל זי בלייבען איגגאנצען נאקעט ! צופאטלען די האר, זיך איינבייסען אין איהרע ליפען ביז בלוט, זיך איינבייסען אין איהרע צאפעלדיגע ברוסט, אין איהר ווארימען לייב, ארויפ־כאפען אויף די הענד א נאקעטע, איינהילען אין זיין ווינטער ראק און בייסען, בייסען...

און דער שמייכעל אויף די דיקע ליפען צושפרייט זיך נאך ברייטער...

זי הויבט אויף די אויגען, גיט א קוק אויף איהם :

— מיר דאכט... איהר וואלט מיך צינד אויפגעגעסען?...

— יא.

האט זי א שטארקען ציטער געטהאן. אין א ווייל́ע ארום געשמייכעלט און נאכדעם מיט אמאל שטארק רויט געווארען.

— ווידער רויט?! איך זאל געהן צום טייוועל ! זאגט דאס ! ס'קומט דאך ביי אייך ארויס אזוי שעהן.

— געהט צום טייוועל !

— ווי גוט דאס קומט ביי אייך ארויס ! ווי גוט ! זאגט דאס נאך א מאל ! חנה'קע ! נאך איין מאל ! נו!?

— געהט צם טייוועל !

— חנ'קע ! איהר געדענקט ווי מיר פלעגען קאטשען שניי־קנוילען ? גרויסע קנוי־לען, חנ'קע !

און דאס פעלד פאר די אויגען ציהט זיך ווייט, ציהט זיך ווייט. ס'שפיעלט דער שניי אונטער די פיס, דאכט זיך טויבען ווארקען, פויגעל פיסטשען... — — — — —

— —

קאטשען זיי ביידע א הויפען שניי, וויקלען איהם איבער'ן ווייטען פעלד, דער הויפען ווערט אלץ גרעסער, גרעסער, פערוואנדעלט זיך אט אין א רונדען קנויל, אט אין א קלאץ. און זיי ארבייטען פלייסיג, ווערען פערפלאמט, ס'זעצט פון זיי א פארע ; ס'שלאגט זיך ארויס א לאק האר איבער איהר פנים, שלאגט זיך ארויס זיין שווארצער טשוב איבער'ן שטערן, און זיי שפארען דעם שניי־הויפען אלץ פעסטער, פעסטער — באלד און זיי זיינען מיט איהם נעבען וואלד. הינטער זיי בלייבט א לעדיגער פאס און דער פאס צושניידט דאס ווייסע פעלד אויף צווייען.

— באלד וועסטו זעהן, חנ'קע ! אַט קייקעל נאָך אביסעל, נאָך אביסעל. נישטאָ קיין זאך אומזיסט. אך, ווי שעהן עס פאַסט דיר דער לאָק, ווי שעהן איז דיין צופלאַמט פּנים ! און ווי דו קייקעלסט דאָס אזוי פלייסיג, מיין גוטע חנ'קע ! קייקעלסט און פרעסט זיך דערוויי̈ל צו מיר. האָסט זיך ליעב פרעסען צו מיר ? אַ?... קייקעל, קייקעל.

— געגוג שוין חנ'קע !

— וואָס ווילסטו טאָן ?

— באלד! דו וועסט זעהן, איך וועל אויפשטעלען די קלאָץ.

— וואָס ס'טו מאַכען, אַ מענש ?

— ניין, קינד ! באלד — ס'טו זעהן.

— נעמט ער אָן די קלאָץ פון איין זייט און ווי נאָר ער שטעלט זי אויף — דער־הערט זיך באלד אַ פליעסק פון פליעגעל, אַ קוויטש : ס'פליהט ארויס דער פויגעל, די פליעגעל צופרידען נאָכגעלאָזט ; נאָך איהם פּאַטשט ארויס אַ גאנצע מחנה... הויבען זיך אויף אין דער לופטען און לאָזען זיך אראָב אויף ברוך'ן, — ברוך ווערט אָפּגעשאָ־טען מיט פויגעל און אלע פיסטשען, פיסטשען און פלאַטערן, גלעטען מיט די פליגעל, צועפּענען די שנעבעל, קושען זיך איינער מיט'ן צווייטען פאר פרייד, און דער אלטער פויגעל רופט פון קלאָץ אַלץ נייע און נייע : די יונגע, די יונגערע, די גאָר יונגע, און דאָס פיסטשען און דער פליגעל־פלעסק ווערט אַלץ גרעסער, רווישעדיגער.

— חנה, מיין חנ'קע, זעה נאָר! זעה נאָר ווי עס ווערט גאָר ניט פערלווירען. — אמאָל־אמאָל אָפּגעלאָזט אַ פויגעל... געדענקסט ? איצט וויפיעל ? נאַ, קאָנסט זיי איצט אַלע גלעטען, אַלע קושען... חנה, חנ'קע !.... —

— טפוי, צום טייוועל ! העי ! מאַקס ! צו וועלכען טייוועל האָסט זיך דאַרטען פעררעדט ? דו ווייסט, אז כ'בין ניט געשלאָפען די לעצטע עטליכע נעכט... נעהמט און לאָזט מיך אליין מיט חנ'קען.

— כ'וויים.. וואָס.. איך מיין.. אדרבה.. איהר רעדט דאָך מן הסתם.. — וואָס?.. אויף מיין וואָרט...

— ביזט אַ נאַר. מיר קלעפּען זיך די אויגען.

— —

— —

ערגעץ איבער ווייסע, ווייטע פעלדער געהט זיך דער פעטער־שנייער בלאָס, פער־טראכט... אַ שיטערע באָרד, שיטערע וואָנסען... און טריט לייכטע, גלייכגילטיגע.

ערגעץ אין עק פון אַ דאָרף דערזעהט איהם אַ היימלאָזער הונט און ווערט צוטור־מעלט... — לאָזט אראָפּ דעם עק, ציהט איהם אונטער צווישען די פיס. די פעל נעמט זיך שטארקער צו זיין דארען לייב פרעסען... ער זעצט זיך צו אויף די אונטערשטע פיס, קוקט נאָך אַ ווײלע פאר זיך... און באלד נעמט, אין דער בלויער לופט, זיך טרינקען אַ פעביטערטער, אַ לאנג־צוצויגענער הינטישער וואויען.

ערגעץ צווישען וועלדער אין אַ וואַלד צינדען ווינד־מיידלעך בלויע פייערן. שטאר־קען זיך די בלויע פייערן, שטארק זיך דער פראָסט, ברעכט דער זיידע בוימער און וואַרפט זיי אין פייער ; שפּאַלט ער מיט זיינע הענד די שטארקסטע דעמבעס, שפּאַלט זיי אין שטיקער, כאַפּען זיי אונטער די ווינד־מיידלעך און וואַרפען זיי צופריעדען אין פייער,

כאפען זיי און צולייגען אלץ נייע און נייע פייערן, בלויע... ס'קנאקען די פייערן, קנאקען די שטיקער, די בוימער. ס'קנאקט און הילכט דער גאנצער שווארץ־ווייסער וואלד. געהט דער זיידע אוועק אין זיין ארבייט אלץ ווייטער און ווייטער, בעווייזט זיך ביי'ם אייז דער פיעדעל־שפיעלער א צורייצטער, א בלאסער... שפארט ער זיך אן אן בוים, וואס וואקסט, ווי אויף אומצופאלען, נעמט זיך שפילען אויף דער דינער סטרונע — צוטראגען זיך שאר־פע, רופענדע טענער, בעווייזט זיך פריש־שמייכלענדיג א שעהנע ווינד־מיידעל אין א העל־בלויען זיידענעם העמד, אין דאס העמד ציטערט אויף איהרע ווייכע גלידער, אויף די ברוסט, גיט זי א קוק אויפ'ן פידעל־שפילער, מיט איהרע גרויסע בלויע אויגען, דער־קאנט איהם, פערשטעהט : ער מיינט ניט זי, הויבט זי זיך אויף, אויף די בארפעסע פיס, אויף די שפיץ פינגער, ציהט זיך אוים, ווערט לענגער, שלאנקער, הויבט אויף איהר שעהנעם האלז איהר נאקעטע רעכטע האנד, און רופט — העלפט איהם רופען. קומט אן נאך א מיידעל און נאך א מיידעל. זיין פידעל רופט אבער איצט שוין קלאר: דזין־דזין !

„דזין־דזין" הייסט דאס מיידעל, פאר וועלכער דער זיידע־פראסט האט אוועק־געגעבען שטארקע דרייצען וועלדער, זי איז איהם טייער ווי דער שווארץ־אפעל פון אויג, זי — האט אבער ליעב דעם בלאסען שפיעלער, האט ליעב צו טאנצען אונטער זיינע טענער, צו בויגען איהר קערפער, פונקט ווי זיי וויגען זיך ; און דערהערט זי אין מיטען טאנצען ווי די פידעל ציהט אוים: דזין־דזין — ווערט זי אן אויפגעציטערטע און פאלט איינגאנצען אריין אין זיין מאכט.

איצט אבער שרייט זיין פידעל : דזין־דזין, די מיידלעך ווילען איהם ארויסהעלפען לויפען זיי איבער'ן אייז און שרייען צוזאמען מיט'ן פידעל : דזין־דזין, גליטשען, גליט־שען זיך בארפעסע און רופען : דזין־דזין ! דזין־דזין ! — דזין־דזין אבער קומט ניט: זי האט היינט מורא מעהר ווי אלע מאל, זי וויים, אז דעם זיידע פראסט געהט דאס היינטיגע נאכט זעהר גוט, און — נאכדעם, ווי ער וועט אנברעכען א סך בוימער, אנ־שפאלטען א סך האלץ, ווען די בלויע פייערן וועלען שוין זיין צושפרייט איבער'ן גאנ־צען וואלד, און ס'וועלען ארום זיי טאנצען די ווילדע מיידלעך, וועט זיך איהם פערוועלען האבען נעבען זיך זיין דזין־דזין, פאר וועלכער ער האט אוועקגעגעבען די דרייצעהן שטאר־קע וועלדער

ער וויל אבער ניט וויסען פון גארניט. די פידעל רופט און רופט. מיידלעך גליטשען זיך אהין און אהער און רופען, רופען, ווערען די טענער צורייצטער, צורייצען זיך אלץ שטארקער, שטארקער, ווערען די מיידלעך צורייצטער, ווילדער, רייסען פון זיך די בלויע העמדער, נעמען ארומלויפען איבער'ן אייז נאקעטע, קלעטערען ארויף אויף די דערביי־איגע בוימער, שטעהען הויכ„ פערציטערטע מיידלעך אויף פערשנייטע בוימער, קוקען צושראקען איבער'ן וויים־צוצווייגטען ווייסען וואלד, זוכען און רופען : דזין־דזין ! — דזין־דזין ! ! ברייננט הער ווינד נאך כוואליעס ווינד־מיידלעך, ווערען זיי באלד פערכאפט פון'ם דזין־דזין, ווארפען זיי אראב פון זיך די ווייסע, שנייאיגע שלייערס, שפרינגען ארוים אין די בלויע זיידענע העמדער, קוקען זיך איבער צושראקען... טאנצען פערצווייפעלט ארונטער, שלאגען זיך אלע צוזאמען, פלעכטען זיך איבער, נעמען ווילד בייסען איינע די אנדערע, און אט שטשירען זיי אויף דער נאכט די מילך־ווייסע, פער־בלוטיגטע ציין... קאן די שעהנע דזין־דזין שוין לענגער ניט אויסהאלטען, לאזט זי זיך קייקלען, שפרינגען איבער בארג און טהאל, טאנצט שפרינגט א פערצאפעלטע איבער

בוימער און בוימער און בעווייזט זיך אויפ'ן אייז. דערהערט זיך באלד א שטארקער פראָסטיגער בייזער. ס'ציטערט אויף דער אלטער וואלד. א ווייסער שטויב... א צורייצטער ווילדער שטורם. ס'קנאקען צווייגען, ס'פלאצען בוימער, דאָס אייז נעמט זיך אין שטיקער רייסען. עס ציטערן אויף שטערט און דערפער. עס בעווייזט זיך אין ווילדען כעס דער זיידע־פראָסט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ברוך ציטערט אויף — צועפענט די אויגען ברייטער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ערגעץ איבער ווייטע, ווייסע פעלדער געהט זיך דער פעטער־שנייער בלאס, פער־טראכט... און טריט שטעלט ער — צום וואלד צו — רוהיגע, גלייכגילטיגע, גלייכגילטיגע.

מ. ל. האַלפּערן:

מיר האָבען זיך געבאָדען — — —.
ווי אַזוי, מיין קינד, קען יענער זומער־טאָג אין האַרץ פערגעסען ווערען?....
אייביג געהען מיינע טרוימען — יונגע קינדער־מחנות דיר אַנטקעגען.
אייביג, אייביג לעבט אין שטערין־זעהערם אויג, דאָס קלאָהרע גאָלד פון שטערין....

הימעל. ים.
אויף די ווייטע וואַלען און אויף דיינע אָרעמס טאַנצען זונען־שטראַהלען.
אין וואַסער מיט דער האַנד אַ פּאַטש — עס פאַלט אַ בויגען גאָלד־נער רעגען
אויף דיין בלאָנדען קאָפּ. אַ רגע דאַן — און ס'וואַרפען זיך אַרויף די וואַלען

אַלע בחורים, און רוישיג־ווייסע קרייזען צייכנען זייערע גלידער
ווייט אַרום דיין לייב. און נעמען זייערע קולות הילכענדיגע קלינגען,
זינקט דיין קאָפּ, מיט רויזען אין געזיכט, אַ לאַנגזאַמער צום ברוסט אַנידער....

ווילדע, ווילדע בחורים. און ווילדער נעמען זיך די וואַלען טראָגען —
נעמען טאַנצען ׳רום די לענדען דיינע, גאָלד־בעזוימטע וואַלען־רינגען,
נעמען לוסטיג ווילדע שווימער, העט ביז ווייט אין מיט׳ן ים זיך יאָגען
נאָך די וואַלען, וועלכע האָבען אָקערשט אַנגעריהרט די לענדען דיינע....

אבענד־זון.
און שעהן ביסטו מיין קינד. ניט אַנדערש, אין אַ יונגען רויזען־גאָרטען
האָט די וועלט צום ערשטען מאָל בעגעגענט זיך מיט דיר — מיט דיינע אויגען....
וואָס הייבסטו צו דער זון אַרויף דיין קאָפּ, מיין קינד — וואָס זעהסטו דאָרטען?...

אויף די אויגען דיינע לעגסטו דיינע הענטלאַך — נעמט דיין שעהנקייט זינגען
איהרע אבענד־ליעדער.... נעמען אַלע, אַלע בחורים זיך בויגען
טיעפער, טיעפער מיט די אויגען צו די אבענד־רויטע וואַלען־רינגען —

שטרעקען זיך אַנטקעגען דיר די אָרעמס זיי׳רע, בלינד און, גאָלד־געצונדען — — —
טראָגען זיך אויף אבענד־וואַלען טויזענד זינגענדיגע וואַסער־מיידלאַך — — —
אבענד־גאָלד אין לאָקען־האָהר, מיט רויזען־קרענץ אַרום געבונדען,
טראָגען זיך אויף אבענד־וואַלען, טויזענד זינגענדיגע וואַסער־מיידלאַך....

נעהסט אוועק.
אויף דיין ווייסען זומער־קלייד און אויף דיין נאַקטער רונדער שולטער, גליהען

גאָלד־געצונדען אַלע בחור־אויגען... געהסט אוועק — אַ וועלט פון שווייגען
געהט דיר נאָך ביז ווייט אהין וואו ס'נעמט דער הימעל צו דער ערד זיך נייגען —

און צווישען ערד און הימעל ווערט די קרוין פון אבענד־בילד פערשוואונדען....
ברעג און ים און הימעל שווייגען — אלע ציטערדיגע ליפּען זינגען
שטילערהייט, דאָס אייביג יונגע ליעד: „איך האָב דיך ליעב". אויף גאָלד'נע רינגען

טראָגען זיך די עכאָ־קלאַנגען אום... „איך האָב דיך ליעב", אַזוי געהט זיכער וואו
דיין מאַמע, מיט אַ קוש אויף איהרע בלומען־ליפּען, דיר אנטקעגען....
מיין קוש האָט ניט געוואַגט די לאַסט: „איך האָב דיך ליעב" אַרויף צו לעגען
אויף דיין נאַקטער שולטער־פלאַך... איך האָב דיך ליעב מיין קינד. איך האָב דיך ליעב.

איך ליג ביים ים.
עס גלעט די נאַכט, די בענקשאַפט פון מיין טרוים, מיט פינגער פון פּאַרפומען...
מיין אויג צום הימעל קוקט. ס'איז וואָהר: "Es hat der Himmel seine Sterne"
מיין זינדיגע נשמה אָבער ליעבט די ערד — די ערד מיט איהרע בלומען....

בלומען, בלומען האָב איך שוין געליעבט אין מיינע יונגע קינדער־יאָהרען.
אונזער גאַס — עס קוקען שווארצע, מאַטע בלומען דורך צעבראָכ'נע פענסטער
וויט אַרוים אין פעלד, וואו ס'בליהען רויטע בלומען צווישען ווייץ און קאָרן..

בלומען, בלומען האָב איך ליעב. און דו? די לאַנגע־לאַנגע לאָקען דיינע
אויף אַ זיידען־קישען... ליגסטו איצט און שלאָפסט... און חלום'סט זיכער ניט
פון יענעם נאַר, וואָס ליגט ביים ים אַליין און פּרעסט די ליפּען זיינע
צו דעם זאַמד, אויף וועלכען ס'האָט דיין לייב גערוהט אין צווישען־צייט פון באָדען.

הימעל. ים.
און יעדע וואַסער־וואָהל בעריהרט נאָך איצט מיין לייב מיט פייער־פינגער...
ס'האָט דיין יונגע שעהנקייט אין מיין יונגען הארצען פייער אָנגעצונדען —
שטיל און לוסטיג טרוימען יונגע קינדער. שטילער, לוסטיגער און יונגער

טרוימען איצטער מיינע ליידען — מיינע קינדער, אין די אבענד־שטונדען....
שטילער, שטילער. ס'איז דעם פּאַסטוך'ס בענקענדיג געזאַנג צום שלאָף געקומען.
פון איהר לאַנגען שלאָף ערוואַכט די יונגע קעניגס־טאָכטער... גאָלד־געצונדען

עפּענען פענסטער זיך... און פּיאַנאָ־קלאַנגען — פּורפּור־רויטע שנורען, ציהען
זיך צום גאָרטען, וויקלען זיך אַרום די בוימער דאָרט, אַרום די בלומען —
נעמען אַלע בוימער צוויטען —נעמען אַלע, אַלע בלומען בליהען — — —
שטילער, שטילער, שטילער. אין די אבענד־שטונדען טרוימען מיינע ליידען...
ניו־יאָרק, 1910.

(צו א. ש.)

געליעבטע, אַז מיך האָט דיין יוגענד פערלאָזען — ווי זאָל איך דאָס גלויבען?...
עס קען דאָך דער שניי ניט פערוועהען די שפּורען פון זומער און אָסיען
'זוי לאַנג ווי עס האָט נאָך דער פריהלינג זיין בליהענדיג ליעד ניט דערזונגען....

אין צימער איז ליכטיג געווען —
און דער וויין האָט אין גאָלדענע כוסות
געזונגען, ווי טרוימענדעס לעבען אין הארץ פון דער יוגענד געבוירען...
מיין איינזאַמע קראַנקע נשמה איז איינגער געוואָרען אין יאָהרען,
א נגון פון ליעבע אין הארצען ביי מיר האָט דיין אויג אָנגעצונדען,
ביי דיר אין די אויגען איז ווידער מיין מאַמע געבוירען געוואָרען —
איהר וויעג־ליעד, וואָס האָט אַזוי הארציג אַריבער מיין בעטיל
געקלונגען — איהר וויעג־ליעד, וואָס איך האָב, א יתום אויף וועגען אויף פרעמדע,
פערלוירען — איך האָב עס ביי דיר אין די אויגען געפונען —
ביי דיר אין די אויגען....

— יא, אָנגעפילט האָסטו מיט וויין ביז צום ראַנד מיר, מיין גאָלדענעם בעכער,
מיט וויין פון דיין אייגענעם גאָרטען — פון זיסע און זאַפט־שווערע טרויבען...
און איינציג־ווייז האָבען דאַן אויפגעבליהט מיינע פערגעסענע טרוימען —
א טרוים, נאָך א טרוים... און מיין האָפנונג, א קינד ניי־געבוירען, האָט רוהיג
געשפּיעלט זיך מיט יעהוועדען טרוים, פאַר מיין לעבענס ווייט־אָפענע טוירען,
אַזוי ווי עס שפּיעלט זיך אין זומער דער ווינד מיט דעם פעלד'ס יונגע זאַנגען....
צום הימעל, א לאַז געטאָן האָבען זיך לייכט, מיינע ליליען־טויבען —
און וואָס אַמאָל העכער און העכער עס זענען די טויבען געפלויגען,

איז נענטער, אַלץ נענטער דער רינג פון מיין טרוימענדער יוגענד, געקומען....
און שטילער — — —
מיין בענקענדיג־טרוים־פייכטעס אויג האָט צעפלאָכטען די גאָלד־לאָקען דיינע,
מיט טרערען, מיט טרערען פון תפלה... מיט פּעריל פון אייגענעם הארצען
האָב איך דיינע לאָקען בעקרוינט — ווי מיט קראַנצען פון יונג־רויטע רויזען —
דאַן האָב איך פערדעקט מיינע אויגען — עס האָט דאָך דיין אונשולדיג פּנים
געלויכטען, געלויכטען —
אַזוי ווי א מאָרגען־זון העל אין דעם טאָג'ס יונגע אָרעמס...
געליעבטע!
א ווינד פאַלט אַריין אין וואַלד און עס ווערען די עלטערסטע דעמבעס
צו סטרונעס — דער וואַלד צו א ריעזיגער האַרפע פערוואַנדעלט....
די סטרונעס אין הארצען ביי מיר זענען שטאַרקער געוואָרען פון דעמבעס,
אויף זיי האָט דיין שעהנקייט צעקלונגען דעם לעבענס געזאַנגען.... צעקלונגען
אַריבער מיין וועלט דער צושטערטער, וואָס גאָט האָט צושטערט אין זיין צאָרן...

די סטרונעס אין הארצען ביי מיר זענען שטארקער געוועזען פון דעמבעס —
עס האט זיי מיין אייגענער שטורעם צעריסען ווי שפינען־געוועבען,
און אויסגעשטרעקט האב איך צו דיר מיינע ארעמס — א קינד.... און מיט טרערען
פון ליעבע, מיט מוטערליך הארציגע טרערען האסטו מיר בענעגענט....
און איצטער — — — ?
אוי, קינד מיינס — — —
איצט בלאנדזשען צעשראקען ארום אין דער נאכט מיינע ליליען־טויבען,
אזוי ווי אין פינסטערען וועג וואו, אן איינזאמען וואנדערער'ס אויגען....
עס פליהען ארום מיינע טויבען, און יעדוועדער קלאפ פון די פליגלען
טראגט זיך ארום אין דער פינסטער אזוי ווי א זיפצען פון קינדער
וואס זוכען, מיט אקערשט פון שלאף־אויפגעעפענטע אויגען, דעם הימעל,
פון וועלכען זיי האבען אט ערשט אזוי גוט, אזוי הארציג גע'חלום'ט....
איצט פליהען ארום אין דער נאכט מיינע טויבען — און זוכען א מאמען. — — —
אז מיך האט דיין יוגענד פערלאזען — געליעבטע, ווי זאל איך דאס גלויבען —
ווי זאל איך דאס גלויבען?....

דער נאכט־שומר האט מיט זיין שטעקען דעם לעצטען קלאפ געטון אין די לאדען פון א פענסטער, א ווינטער מיט א נאכט האבען זיך אנגענומען ביי די הענד, זענען אוועק. פון אונטער די בערג, נאך איינמאל א קוק געטון אויף צוריק און, פערשוואונדען.

קינדער אין ווייסע געלעגערס און קינדער אין בלויע זיידענע געלעגערס חלום'ען פון הימלען. קוקט דער טאג מיט מארגען־זון אין די פענסטער אריין, נעמען די שטראהלען ציטער'ן אויף די ברעמען, אויף די ראזא־ווייסע הייטלאך פון די קינדער־אויגען. עפענען זיך די אויגען. א לייכטער אטעם־צוג. א שמייכעל —

— פריהלינג!

פון יענער זייט וועלט, וואו די זון איז אויפגעגאנגען, ציעהט זיך א גאס בארג־אראפ, ברייטערט זיך אוים פאר דעם טויר פון דער אלטער שוהל און פאר דער טיר פון דעם נאכט־שומר'ס שטיבעל.

אין די פענסטער פון דער שוהל, אויפ'ן דאך פון'ם שטיבעל, פינקעלט מארגען־גאלד. עפענט וועך דעם טויער פון דער שוהל, וועקט זיך אין שטיבעל דארט, דעם נאכט־שומר'ס קראנקער זוהן, הויבט זיך פון זיין געלעגער אויף. לאנגזאם געהט ער צום פענסטער צו — זינגענדיג פליהען די פויגעלעך אין דרויסען ארום, פליהען ארויף אויפ'ן שוהל־דאך, טאנ־צען דארט א ווילע ארום, פליהען אוועק, קומען ווידער און טאנצען ווידער ארום. זאל קומען א קינד, זאל עס זיינע הענטלעך אויסשטרעקען, וועלען די פויגעלעך אויף זיינע הענטלעך, אויף זיינע אקסעל און אויף זיינע לאקען ארומטאנצען...

קומט דער אלטער נאכט־ שומר פאמעלאך די גאס אראפ. מארגען־גאלד און ווינד־נעזאנג שפיעלען זיך מיט זיינע ווייסע האהר. האלב קלינגענדיג און האלב קרעכצענדיג בעוועגען זיך זיינע טריט. קומט ער נעהענטער צו זיין שטיבעל, קוקט ער אין פענסטער אריין — דערקאנט ער זיך קוים... ער האט זיך שוין לאנג, לאנג ניט געזעהן אזוי יונג:

פייכטע קוקען די אויגען פון זיין זוהן אין דער מארגען וועלט ארויס. ערגעץ אין דער ווייטער מארגען־וועלט איז פאראן א קעמעריל — שטעהט ביים שפיגעל דארט א יונגע טאכטער אין ווייסען געקליידט. זי קעמט איהרע גאלדענע האהר. קומט א זונען־שטראהל אריין, זעצט זיך ציטערדיג ארויף איהר הארץ, געהט א ציטער — א הארפען קלאנג דורך איהר יונגען לייב — בליהען אין שפיגעל רויטע רויזען אויף א ליליען־געזיכט... איך האב דיך ליעב, מיין כלה... איך האב דיך ליעב. — — —

אזוי זעהט דער פאטער דעם פריהלינגס־טרוים אין די אויגען פון זיין זוהן, פרעהט זיך זיין אלטעס פאטער־הארץ, — הויבט ער לאנגזאם זיין גרויען קאפ צום הימעל ארויף, ווערען די שאטען־ווינקלען אין זיין געזיכט דורכזיכטיגער. דינער ווערען די פאלדען אויף זיין שטערין. גאלד־געטונקען ציעהט א פערקלעהרטע בלייכקייט זיין געזיכט אריבער. שפרייטען זיך זיינע אויגען פייכט און ווייט — ציעהט זיך פון זיינע אויגען א ווייסער פייער־זייל צום הימעל — — —

און לאנגזאם און שטיל הויבט ער זיין ארעם אויף, צייכענט מיט'ן פינגער א רינג אין דער לופטען, א רינג און נאך א רינג — און זיין הארץ זינגט שטילערהיים צו גאט אזוי:

„רונד איז די אייביגקייט, רונד....
דער לעצטער הויך פון מיין פאטער'ס ליפען האט אויף מיין שטערין א ציטער געטון—
בין איך געווארען זיין קלאנג אין דעם ליעד פון דער אייביגקייט...
דער לעצטער הויך פון מיינע ליפען וועט א ציטער טהון אויפ'ן שטערין פון מיין זוהן
און מיין קלאנג וועט ער ווערען אין'ם ליעד פון דער אייביגקייט...
נאך א טאג און נאך א יאהר —
און אריבער די אקסעל פון מיין זוהן וועט א גאלד־געלאקטעס קינד
צום פענסטער ארויסקוקען, און אייביג יונג וועסטו זיין, מיין גאט! —
אייביג וועט אויף די פאלדען פון א שומר־מאנטעל
דער שימער פון לבנה־שיין ציטער'ן.
אייביג וועט דער קלאנג פון מיינע טריט
און דער שיין פון מיין שומר־ליכט
די פינסטערע שאטענס פון די גאסען פערטרייבען.....
אייביג וועלען די טוי־טראפענס פון די זומער נעכט,
און די אייז־ליכטלאך פון די ווינטער־נעכט
אויף מיינע ברעמען גלאנצען —
אייביג בלאנד וועלען מיינע האהר זיין —
אייביג בלאנד....

און ציטערדיג צינדט זיך א טרער אין דעם נאכט־שומר'ס אויגען, בעוועגט זיך א שמייכעל ארום די ליפען זיינע, זינקט זיין קאפ צו דער ברוסט אראפ — פאלען פעריל פון מארגען־טוי אויף זיינע ווייסע האהר. א פעריל און נאך א פעריל. — — —

און אריבער זיין שטיבעל־דאך הענגט א גאלד'נער חופה־דעק. פאר דער טיר, צוויי מלאכים אין פייער־קליידער, בעוואכען דעם איינגאנג צו דער אייביגקייט.. דערנעהענטערט זיך א געשטאלט אין ווייס געקליידט, ברייטערט זיך דער איינגאנג אויס. געהען מלאכים מיט שטילע געזאנגען דער קומענדער אנטקעגען. ווינען די געזאנגען א פריידען־ווייגען. ווינט דער נאכט־שומר'ס הארץ מיט זיי — ווינט און טרוימט דעם טרוים פון דער אייביגקייט — — — און זעהט ניט ווי דעם זוהן'ס אויגען, וואס קוקען פון פענסטער

אין דער מאָרגען־וועלט אַרויס, זענען מאַט און אונרוהיג.... ווערען פינסטער, לעשען זיך... ס'לאָזט זיך דער קאָפּ צו דער ברוסט אַראָפּ טיעפער און טיעפער.... ס'פאַלט די ברוסט און הויבט זיך.... פאַלט און הויבט זיך העכער — העכער... אַ ציטער — — — —

און די לעצטע שוואַרצע ראַב, וואָס דער ווינטער האָט איבערגעלאָזען, איז איבער דעם נאַכט־שומר'ס שטיבעל־דאַך אַוועקגעפלויגען...

נאַכט אויף נאַכט.

אַ יאָמערליך וויינען פאַלט אַרויס פון דעם נאַכט־שומר'ס שטיבעל — וואַרפט זיך צום טויער פון דער אַלטער שוהל און טראָגט זיך פערצווייפעלט אין דער נאַכט אַרויס — און בלאָנדזשעט אַרום אין די גאַסען. וועקען זיך די קינדער פון שלאָף — קוקען זיי צעשראָקען צום פענסטער און זוכען דאָס ליכט פון דעם נאַכט־שומר....

און ווידער וועט קומען אַ פריהלינג.

ווען די אָדלערס וועלען זייערע פליגלען אויסשפרייטען אַריבער די בערג, וועלען די ווינדען זינגען. די הערצער פון אַלע יונגע קינדער וועלען זינגען — וועלען זיך זיי'רע קעפּעלאַך אויפהויבען מיט פערמאַכטע אויגען און אויסגעשטרעקטע הענטלאַך וועלען זיי בעגעגענען די זון.... דער בלינדער צווישען זיי וועט עס מיט די פויסטען טהון. —

דער אַלטער נאַכט־שומר וועט די זון פון דעם ערשטען פריהלינגס־טאָג בעגעגענען אַ גוסס ביים קבר פון זיין יונגען זוהן. עס הויבט זיך אַ האַנד... אַ האַלבער רינג... דער לעצטער הויך פון זיינע ליפּען גיט אַ ציטער אויף אַ קאַלטען מצבה־שטיין — דער לעצטער הויך — דער לעצטער קלאַנג אין דעם ליעד פון דער אייביגקייט — — —

דער לעצטער קלאַנג....

סאָפיע גערשוי:

א מעת לעת

פריהמאָרגען.

די זון געהט אויף א לויטערע, א שעהנע — שיינקט שמייכלענדיג איהרע שטראהלען דער ערד.

אין זיסער מאטקייט פון פארטאָגיגען דרעמעל ציהט זיך די ערד, ראָסטעט זיך, און מיט בלומען, קוסטען און בוימער הויבט זי זיך אנטקעגען דער זון. — דער מאָרגען געהט.

מיט פורפורנעם שיין רויטלען זיך לופטיגע וואָלקענדלעך.

א גרויסער פלאַמיגער ד י ס ק העבט זיך ביים האָריזאָנט, קוקט אראָפ ליעב ברע־נענדיג, שמייכלענדיג.

די ערד וואַרפט זיך דורך און אטעמט, נאָך האלב־פערשלאָפען, מיט קיהלקייט, מיט דופט פון פלאָטערדיגע בליהטען.

עס פראלט אויף, צינדט זיך אָן מיט ליכטיגקייט דער שניי־ווייסער שפיץ פון בארג.

אויפ'ן בויג פון בארג זענען צוואָוואָרפען וועלדער.... זיי זענען נאָך דונקעל און סודות'דיג פערטראכט.

אונטען, ביים ערשטען טראָט, דאָרט וואו דער בארג גיסט זיך צונויף מיט דער פלאָכ־קייט פון טהאָל, געהט א מענש. טאָפענדיג, איינגעהילט אין האלב־דונקעלהייט, געהט ער בארג־ארויף, אהין אויף יענער זייט פון די דונקעלע וועלדער, אויף יענער זייט פון די קאלטע שנייאיגע שפיצען, ארויף וואו עס שימערירט העל דער שיין.

טאָג.

עס מאטערט די היץ.

נאָר אָהן רחמנות'דיג מילד שיטען זיך שטראהלען.

מיט פייערדיגע קושען צינדען זיי די כלה־ערד, און זי, די פול־קרעפטיגע, ליגט פער־שמאכט אין קלייד פון גראָז און בלומען, אין צאַרטער וואָרעמקייט, אין בשמים ריח און לאַנגווייליגער מיעדקייט.

מיט ליכטיגען זון־גלאַנץ איז פערגאָסען דער בארג. און מיט לעבען און ליכט פלאַ־טערן: בלומען, בליהטען, בוימער.

פון'ם גרינעם חשך, פון'ם קיהלען וואַלד, וואָס אויף דעם בויג פון באַרג. געהט ארויס דער מענש.

ער געהט אונטער די צוגליהטע שטראהלען פון דער זון.

דאָרטען הויך, אויף די גלאַנציגע און ריינע שטיינער, שטראָמט א הויכזיכטיגע פייכטקייט.

די ליכטיגע זון און דער לויטערע, בלויער הימעל שפילען און פינקלען אין איהרע קלאָהרע שטראָמען.

און פון דעם גרינעם וואלד צו דער קיהלקייט פון די לויטערע שפּיגעלדיגע שטראַ־מען, אַרויף, געהט דער מענש.

פאַר נאַכט.

די זון געהט אוועק. האָט זיך אַנגעבויגען איבער'ן באַרג. בעשימערט מיט וואַרעמען שיין זיין שפּיץ, שיקט דעם לעצטען גרוס דער ערד און פערשווינדט לאַנגזאַם.

שאָטענס לייגען זיך.

עס בלאָזט קיהל.

א טונקעל בלויער וואַל האָט ארומגעוויקעלט די וועלט.

די ערד דרעמעלט איין.

נישט געוואַגט, צושראָקען, צושלאָגט די שטילקייט די שטימע פון א פויגעל, דאָס מורמלען פון בלעטער. און נאָר אויבען, דאָרט ווייט, הויך אויפ'ן שפּיץ שפּילט דער שיין — לייגט זיך מיט א רויטליכען גלאַנץ אויף דער שנייאיגער קרוין.

אויפ'ן בויג, נעהענטער צום שפּיץ, דאָרטען וואו עס גלאַנצען געפעהרליכע אייז־פלעקען, דאָרטען וואו שפּאַלטען און אָפּגרונטען בעהאַלטען זיך צווישען די קופּעס פעלזען, שטעהט דער מענש. די טונקעלהייט האָט איהם ארומגענומען, קוים וואָס עס גרייכט דער שיין.

אונטען, ביים טראָט פון באַרג, צינדען זיך פייערלאַך.

די זון האָט זיך בעהאַלטען.

עס שווימט ארויס די לבנה, א בלאַסע, א האַלב־דורכזיכטיגע, בעלייכט דעם באַרג מיט א פעיערישען גלאַנץ.

אויבען איז ווידער שעהן, כשופ'דיג, צאַרט. עס שטראַהלט דער זילבערנער שיין.

פון די שפּאַלטען שטרעקען זיך לאַנגע הענט. גרויע שאָטענס קריכען פון די פעלזען.

א איין־איינציג שטיבעל שטעהט דאָרט אין'ם ליכטיגען פאַס לבנה־שיין.

און אומקוקענדיג זיך אויף די פייערלאַך, וואָס אונטען אין טהאָל, לאָזט זיך דער מענש ווייטער ארויף, דורך די געפעהרליכע אייזען און שפּאַלטען. — ער געהט צום איינזאַמען שטיבעל וואָס איז פערגאָסען מיט בלאַסען גייסטער־האַפטען שיין.

נאַכט.

מיט סודות און שרעקען האָט די נאַכט ארומגעפלאָכטען די ערד.

פינסטער. די ערד שלאָפט.

שטערען שימערען, ווייטע, אָהן ליכט און שטראַהלען.

דער באַרג האָט אויף זיך ארויפגעוואָרפען א שוואַרצען מאַנטעל. אויף די ווייכע פאַלדען שפּרינגען אום גייסטער.

אָט לויפען זיי ארויף אין א פרעהליכער מענגע אויפ'ן שפּיץ און נעמען זיך דרעהען אויף קלאָרען פינקעלדיגען שניי — טאַנצען, לאַכען, פייפען....

שנעל דרעהען זיך פערשייטע נ י ש ט ע ן ארום דעם מענשען, וואָס שטעהט שוין ביים שפּיץ און קוקט אַרונטער....

אין טהאָל — דאָרטען ברענגען פייערלאַך.... גריסען. די פינטלען־פענסטער ווינ־קען היימליך.

און אויבען גיסען זיך ערד און הימעל צונויף אין איין שווארצע אונענדליכקייט. די עלפען פיהרען זייער נאכטיגען „קאראהאָד“.

א שטילקייט פול מיט קלאנגען קעניגט איבער דער וועלט.

א וועלט, א פרעמדע, א ניט־בעוואוסטע, הערשט איבער דער וועלט.

און אינ׳ם חושך פון דער נאכט, דורך אייזען און אָפּגרונטען ארומגעריננעלט פון פערשטעלטע, שטיפעריש־פערשייטע גייסטער — ארונטער געהט דער מענש, ארונטער, וואו דער בארג גיסט זיך צונויף מיט דער פלאכקייט פון טהאָל, אהין, וואו פינקלענדיג, אין׳ם חושך רופען די פייערלעך.

נויאָרק, 1910.

אין דער נאכט

פול מיט סודות און גרויל איז די נאכטיגע פינסטערניס.... דאָרט אינוויינינג, אין׳ם אייזערנעם פארקאַן פון דעם אַלטען סאָד איז פייכט און מורא׳דיג.

שווארצע זעהונגען שטרעקען זייערע לאנגע צוצווייגטע הענד, וויגען זיי לאנגזאם אין דער לופט און שעפטשען שטיל פון נאכט־סודות און גרוילען.

אין די ווינקלען האָט זיך צוזאמענגעקליבען די פינסטערניש, א גערדיכטע, א קאַלטע.

לויפט דורך א קליין מייזעל איבער׳ן ווייכען גראָז, צווישען די טונקעלע בלעטער טרייסעלט זיך אויף א שליפעריג פויגעלע — דאכט זיך, אז דאָס זענען גייסטער, שלעכטע גייסטער פון דער נאכט.

קוים וואָס עס אָטעמט א לייכט ווינטעל.

בלאסע שטערענדלאך בליסטשען און שימערען שפּילעוודיג הויך איבער דער ערד.

זיי בעלייכטען ניט די נאכט, נאָר שיינען צופריעדען ארויף — עמיצען דאָרט אויבען....

א שווארצער שלייער האָט ארומגעוויקעלט דעם סאָד, אין׳ם ווייסען שטיינערנעם הויז איז פינסטער.

אין דער דונקעלהייט פון דער נאכט זעהט דאָס הויז אויס ווי א מת, א ריעזיגער, א פערגליווערטער.

אויפ׳ן באלקאָן בעווייזט זיך א מיידעלשער סילועט, א ווייסער, א שלאנקער.

מיט א אָנגעצונדענער ליכט לייכט זי זיך דעם וועג.

משונה׳דיגע שאָטענס צולויפען זיך, יאָגען זיך איינער נאָכ׳ן צווייטען, צוקריכען זיך פאר דעם קליינינקען, צאַפּעלדיגען פייערל.

ווייטער געהט דאָס מיידעל— טראָגט איהר ליכט אין די פינסטערע ווינקלען....

מיט א וואונדער־שיין פארבען זיך טונקעלע בלעטער, פערשלאָפענע פויגעלעך, איינגעדרימעלטע בלומען.

אונרוהיג ווערט די נאכט... געטריבען פון׳ם ציטריגען פייערל, נעמען אומלויפען די נאכטיגע שאָטענס, לויפען אין דער פינסטערניס דער געהיימער, דער דריקענדער.

און אויפ׳ן שווארצען פאָן פון דער נאכט מאָלט זיך דייטליך דער ווייסער סילועט פון א פרוי א שעהנער, א שלאנקער מיט א בלאסען ציטערדיגען פייערל אין האנד...

נאַכט־פייערן.

עס ברענט א ליכט אויף דער וועראַנדע.

א פרישינק ווינטעל שעפּטשעט עפּעס צו די בוימער; זיי בויגען זיך איבער'ן פּאַרענטש, כאַפּען א קוק אויף דער ווערא‏נדע און פליסטערען וואָס מיט די טונקעלע בלעטער.

ארום איז טונקעל און שטיל.

עס שטייט א ליכט אויף דער ווערא‏נדע, און אזוי ווי א ליכטיגער אַרעאַל שפּרייטען זיך די שטראַהלען פון איהר פייערל.

א גאַנצע מחנה פליגעלעך דרייען זיך אַרום דעם פייערל. זיי איז נייגעריג, פריילאך און שרעקליך....

אָט איז איין פליגעלע א קלייניקע, א גרויע אונטערגעפלויגען צו דער ליכט נאָהענט, נעהענטער....

דאָס קלוגע פלעמעל גיט א גלעט די צאַרטע פליגלען. — פאַלט אַראָפּ דאָס פליגעלע אויף'ן רונדען טישעל פערברענט, א פערוואונדערטע...

עס ברענט א ליכט אויף דער ווערא‏נדע און אַרום איהר דרעהט זיך א מחנה פליגעלעך, קלייניקע, גרויע.

* * *

נאַכט. פינסטער. עס שמעקט מיט פרישען היי, מיט פעלד בלומען.

אויפ'ן גראָז, וואָס איז פערגאָסען מיט לבנה־שיין, זעהט זיך איהר שאָטען. — זי גנב'עט זיך צום הייזעל וואָס שטעהט אויפ'ן באַרג.

אין פענסטער פון הייזעל לויכט זיך א פייערל; פון דער טיר ציהט זיך זיין שוואַרצער שאָטען איבער דער ערד — ער וואַרט אויף איהר ביי זיין שוועל.

זי קומט נעהענטער, גאַר נאָהענט... די שאָטענס בעהעפטען זיך, פלעכטען זיך איבער, קושען, ציטריגע ווערטער, א געלעכטער.... די נאַכט איז שעהן...

עס פינקעלט דאָס פייערל אין פענסטער און אויפ'ן פייערל איז זי געקומען.... אויפ'ן פייערל, אויף די ציטריגע ווערטער, אויף די קושען און אפשר אויך אויף טרערען....

—דו ביזט מיינע.

זיי זענען אַרוים פון'ם פּאַס לבנה שיין און האָבען זיך אָפּגעשטעלט לעבען צאַם פון בית עולם.

שורות מיט קברים לויפען אין דער זילבערנער ווייטקייט אוועק. בוימער. א קבר און לעבען איהם א דינער, שלאַנקער טאָפּאָל. אין גאַנצען פערגאָסען מיט לבנה שיין קושט ער זיך מיט'ן דורכפליהענדען ווינטעל און שעפּטשעט צו איהם און צו איהר, צום פּאָרעל וואָס לעבען צאַם:

— ווי כשופ'דיג איז די נאַכט!

די נאַכט איז שטיל און אָטעמט צאַרט־מיעד.

דער מיידעל'ס פּנים, בלאַס פון לבנה־שיין, איז געווענדעט צום בית־עולם.

צושראָקען קוקען איהרע טונקעלע אויגען אין דער זילבערנער ווייט...

— ווי קומען מיר אהער ? !... איך האָב מורא, ע ר איז דאָך דאָ בעגראָבען. —

זי טוליעט זיך צו איהם לייכט ציטעריג, ווי אַ טויב, אַ צושראָקענע.

ער נעמט אַרום איהר שלאַנקע טאַלי, פּרעסט זי שטאַרק צו זיך.

— פּערגעס דאָס געשטאָרבענע, דאָס טויטע. די נאַכט איז אַזוי שעהן. די נאַכט איז געבוירען פאַר ליעבע, פאַר לעבען.

די נאַכט איז שטיל און אָטעמט צאַרט־מיעד.

זייערע בליקען בעגעגענען זיך. איין בליק זינקט אין'ם צווייטענס... ס'גיסען זיך צונויף זייערע ליפּען.

— דו ביסט מיינע, — שעפּטשעט ער שטיל.

פון דער ערד גליטשט זיך אַרויס, שטעהט אויף אַ לייכטער שאָטען, שטעלט זיך אונטער איהר — דאָס גרינליכע געזיכט פון'ם טויטען בויגט זיך צו צו איהרען....

דו ביסט מיינע, — שעפּטשעט שטיל דער שאָטען. — — —

א. מ. דילאַן :

שוואַרצע שאָטענס

.1

...און אויפשפּרינגען וועל איך פאַר שאַנד און פאַר שפּאָט,
צורייצטערהייט לויפען אין וואַלד ווייט אליין...
עס וועט יענע נאַכט אַ שוואַרץ־פינסטערע זיין,
און איך — פון דעם חושך וועל פלעכטען אַ קרוין.

און וועיזען וועל איך זי ביים שיין פון דער זון
עס זאָלען איהר זעהען די מענשען אין גאַס...
און לויפען צוריק אַ צורייצטער אין וואַלד —
און זאָל פון דעם וואהנזין זיך שמיעדען אַ כעס.

2.

...ער האָט אין אַ פינסטערע נאַכט זיך בעוויזען
אין שוואַרצען געקליידט און מיט אויגען בלוט־רויט...
און האָט אויף זיין וועג דאָרט אַ מענשען בעגעגענט
און באַלד ווי אַ חבר אַהיים איהם בעגלייט.

אין ווינקעל פון צימער דער גאַסט שטעהט — דער מערדער.
געפּרעסט איז די שטילקייט, זי שרייט שטומערהייט..
און בייסט דאָרט אַ מענשען מיט ווילד־שאַרפע צייהנער,
פערטרויט דאָרט אַ בלוטיגען סוד שטילערהייט.

עס ריהרט וועד זיין האַנד אָן... ער שפּרינגט אויף פערציטערט:
עס שטעהט ביים געלעגער אַ מחנה געשפּענסטער...
עס שמייכעלט דער מערדער דער שוואַרצער און שמייכעלט,
אַ קברן אַן אַלטער קוקט שטום אין דעם פענסטער...

3.

...אין חדר איז פינסטער און שוואַרץ.
עס עפענט וועד שנעל אויף די טיר...
עס ציטערט מיט קעלט אויף די לופט,
אַ טראָט — און ער שטעהט נעבען מיר...

איך פאַל אויפ'ן בעטעל פאַר שרעק,
אַ טויט־שוויים מיין שטערן בעדעקט...
מיר דאַכט זיך, ער רופט מיך און רופט,
און שלעפּט מיר די דעקע און וועקט:

„דער אָרון ער איז שוין אין וועג,
„און אָט איז דיין שנעע־ווייסע קלייד...
„און אויפ'ן בית־עולם ווייט, ווייט
„דיין קבר — ער שטעהט שוין געגרייט...

רזשאַן עדינגטאָן סיימאַנדס :

די דעמאָקראַטישע קונסט און וואַלט וויטמאַן

אויף דער שוועל פון דער נייער קונסט שטעהט דער ראָמאַנטיזם. דער ראָמאַנטיזם איז געווען אַ מרידה געגען דעם געשמאַק, וואָס האָט געהערשט אין איירָאָפּאַ נאָכ׳ן רע־נעסאַנס; ס׳איז דערזעלבער קאַמפּף, וואָס די רעאַליסטען האָבען געפיהרט געגען די אידעאַליסטען אין אונזער צייט. שטאַמען שטאַמט דער ראָמאַנטיזם פון אַ בעדערפניש אין אַ פרייער, ספּאָנטאַנער קינסטלערישער פאָרם; די ראָמאַנטיקער זענען געווען איי־בערצייגט אַז די אַלע מצוות עשה ולא תעשה פון׳ם קלאַסיציזם זענען פאַלש אין גרונד. די פערהטיפונג אין דער מיטעלאַלטערליכער קולטור, דער בענייטער ענטוזיאַזם פאַר שעקספּיר׳ן, די מעכטיגע ווירקונג פונ׳ם גערמאַנישען גייסט, וואָס האָט ערוואַכט פון זיין לאַנגער לעטאַרגיע — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופען אַ רעאַקציע געגען די הערשענדע הומאַניסטישע טראַדיציע; אין פראַנקרייך איז דערגאַנגען צו אַן איבערקערעניש אין אַלע אָנגענומענע קונסט בעגריפען. דיכטער, נאָוועליסטען, מאַלער האָבען אויף אַ קול פּראָקלאַמירט זייער פיינדשאַפט צום הערשענדען GRAND STYLE, און האָבען זיך געווענדעט צו די שוין לאַנג־פערגעסענע מייסטערווערק פון מיטעלאַלטער. די רויעסטע זייטען פון מענשליכען לעבען האָבען זיי געצויגען צו זיך; דער עיקר האָבען זיי געסטאַרעט זיך צו זיין ליידענשאַפטליך, גראָטעסק, מאַכען אַ שטאַרקען, אונגעוועהנליכען איינ־דרוק. די האַרמאָניע און פּראָפּאָרציע, וואָס איז אייגענטימליך דער גריכישער קונסט, איז פערשוואונדען; איהר פּלאַץ האָט פערנומען קאַפּריז, אונרעגעלמעסיגקייט און ווידער־שפּרוך. אין שפּיטאָל, גנפעננגים, שענק הוכט דער ראָמאַנטיקער פּאַטאָס און ערדלקייט פון כאַראַקטער, מכשפות און וואַמפּירען האָבען זיך ברייט צוזעצט אויפ׳ן אָלימפּישען פּאַנטעאָן; מאָרד, פערגוואַלטיגונג, זעלבסטמאָרד, אומגליקליכע ליעבע, וואָס טויט אומ־רחמנות׳דיג — דאָס זענען די לייטמאָטיוון פון אַ נייער אונגעזונדער קונסט. ס׳איז געווען אַ צייט פון „שטורם און דראַנג“, פון „וועלטשמערץ“; די העלדען פון טאָג זענען געטע׳ס „ווערטער“, „דע־מיוסע׳ס „ראָלאַ“, בייראָנ׳ס „מאַנפרעד“, שילער׳ס „רויבער“. די ראָמאַנטיקער האָבען זיך אויסגעלאַכט פון געזונדען מענשענפערשטאַנד, סיסטעם און רעגעל; זיי האָבען צו שפּאָט און שאַנד געמאַכט בואַלאָ׳ס פאָרשריפטען, וואָלטער׳ס הורכזיכטיגע איראָניע, פּאָפּ׳ס קאָרעקטקייט, לעסינג׳ס איינגעהאַלטענקייט און מאָס. די ווערק פון הוגאָ, גאָטיע, דעלאַקרואַ זענען עדות פון דער לעבענסקראַפט, וואָס די ראָמאַנ־טישע בעוועגונג האָט אין זיך געהאַט. זי האָט אונז געגעבען אַ באַלזאַק, וואָס זיין פּראָזאַ שטעהט אויף דער הויך פון שעקספּיר׳ס דיכטונג, און געבוירען אַ מייסטערווערק, וואָס וועט לעבען להורות — געטע׳ס פאַוסט.

דער ראָמאַנטיזם האָט געהאַט אַן ערפאָלג; דער געשמאַק און קריטישער אורטייל האָבען זיך בעפרייט פון אַלטע קייטען. עס איז געקומען אַ סוף צו דער הערשאַפט פון

פסעוודאָ־קלאַסישער אונאויפריכטיגקייט און פוסטקייט — נייע פאָרמען, נייע מאָסען פון קינסטלערישער פאָלקאָמענהייט האָבען פערנומען זייער פּלאַץ. די וויכטיגסטע ענטדעקונג, וואָס די ראָמאַנטיקער האָבען געמאַכט, איז, אַז עס איז ניטאָ אין דער מענשליכער געשיכטע און לעבען, ווי אויך אינ׳ם גאַנצען וועלטאַל עפּעס, וואָס זאָל אַן און פאַר זיך זיין אונפּאָעטיש. אַלע פאָרמען און מעטאָדען פון קינסטלערישען שאַפען זענען גלייכבעדייטענד — דאָס איז געווען דער סך־הכל פונ׳ם קאַמפף. דער קינסטלער דאַרף נור זיין געוויסענהאַפט, זיין אַרבייט — אויפריכטיג, דער סטיל־צוגעפּאַסט צום ענין, און דאָס ווערק — טריי דער קינסטלערישער קאָנצעפּציע.

שוין דאָס איז געווען אַ גרויסער געווינס; דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. ניט דער קלאַסיציזם, און ניט דער ראָמאַנטיזם, זענען דאָס לעצטע וואָרט פון קונסט. דער קלאַסיציזם איז געווען דורך און דורך אַריסטאָקראַטיש, דער ראָמאַנטיזם — רעוואָלוציאָנער, אָבער אויך די קוועלען פון זיין בעגייסטערונג זענען געווען אַריסטאָקראַטיש.ביידע שטרעמונגען האָבען זיך ניט גערעכענט מיט דער וויכטיגסטער ערשיינונג פונ׳ם נייצעהנטען יאָהרהונדערט; זיי האָבען ניט בעמערקט דאָס פאָלק, וואָס איז אַרויסגעטראָטען אויף דער היסטאָרישער סצענע. קלאַסיציזם און ראָמאַנטיזם זענען ניט געווען ספּאָנטאַן, אונמיטעלבאַר; דער קלאַסיציזם האָט שטענדיג געהאַט פאַר זיינע אויגען גריכענלאַנד און רוים, שטרענג האָט ער אָבגעהיט די רעגלען פון דער אַנטיקער קונסט, און זיך געהאַלטען אַן איהר אינהאַלט און פאָרם, די ראָמאַנטישע קונסט איז אַוועק אין אַן אַנדער וועג: זי האָט זיך צוריקגעקעהרט צום פעאָדאַליזם און זיין קולטור. אַ נייע קונסט, אַ דעמאָקראַטישע קונסט, איז אויף אַזאַ אופן געוואָרען מעגליך; זי איז אָבער נאָך ניט קיין פאַקט. עס איז צייט צו זעגנען זיך מיט ביידע, אַ מיט׳ן קלאַסיציזם, אַ מיט׳ן ראָמאַנטיזם; דער היינטיגער דיכטער קען ניט בוקען זיך פאַר די מוזען פון אַ קאָמישען פּאַרנאַס, און וועט אויך ניט פאַלען כורעים פאַר די פאַנטאַסטישע געשטאַלטען פון אַ קאַרטאָנעם „בלאָקסבאַרג“. דער קינסטלער וואַנדערט איצט אַרום איבער דער גאַנצער גרויסער וועלט, אינ׳ם שיין פון זון. ער הערט זיך צו צו דער פערגאַנגענהייט, און פערנעמט אויך דעם קול פון דער געגענוואַרט; זיין צוועק איז צו ענטפּלעקען דאָס שעהנע און גרויסע אין דער אויסערער און אינערער וועלט.

II.

דער קאַמפף צווישען קלאַסיציזם און ראָמאַנטיזם איז געווען נאָר אַ פּרעליודע צו דער דעמאָקראַטישער קונסט. די אַמאָליגע קלאַסישע און פעאָדאַלע קונסט איז געווען בעצם אַריסטאָקראַטיש — דער מאָדערנער קלאַסיציזם און ראָמאַנטיזם זענען געווען אָבקלאַנגען פון דער אַריסטאָקראַטישער קולטור. אמת איז, אַז דער ראָמאַנטיזם האָט אָבגעשפּיגעלט געוויסע זייטען פון פאָלקסלעבען, אָבער געטהון האָט ער עס היסטעריש, אָהן אַ קלאָרען בעגריף פון די נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע פערהעלטניסען. איצט איז געקומען די צייט פאַר דער פאָלקסקונסט, די קונסט מוז ווערען דעמאָקראַטיש, אָדער זי וועט פערלירען יעדע ווירקונג אויפ׳ן לעבען און אַראָבפאַלען צו דער מדרגה פון אַן אנגענעמען שפּיעלצייג. ביז איצט האָבען מיר נאָך גאָר ווייניג סימנים פון דער ווידערגעבורט פון קונסט: ניט נור אין אייראָפּאַ, נור אויך אין אַמעריקא, איז די קולטור נאָך אַלץ אויפ׳ן אַלטען וועג: זי רעפּראָדוצירט און קאָפּירט. די ראָמאַנטישע מרידה בעפרייט דעם געשמאַק, אָבער די קינסטלער האָבען נאָך אַלץ צו טהון מיט אויסגעדראָשענע סוזשעטען,

געהען אין די אַלטע וועגען, אָהן דער געטליכער פּלאַן פון איבערצייגונג, אָהן דער אמאַליגער קראַפט, אָהן כח אָנצוציינדען הערצער.

III.

מיר דוכט, אַז פון אַלע מאָדערנע קינסטלער איז קיינער ניט צוגעגאַנגען צו דער פּראָבלעם פון דעמאָקראַטישער קונסט מיט דעם פולען בעוואוסטזיין פון איהר גרויסער בעדייטונג פאַר געגענוואַרט און צוקונפט ; קיינער אויסער וואַלט וויטמאַנ'ען. ער האָט זיין גאַנץ לעבען געחלומט וועגען אַ נייער ליטעראַטור און געפּרובט אויפבויען איהרע גרונדלאַגען. וואָס פאַר אַ מיינונג מיר זאָלען ניט האָבען וועגען די רעזולטאַטען פון זיין אַרבייט, מוזען מיר זיך דאָך רעכנען מיט זיין טעאָריע און פּראַקטיק.

אין "DEMOCRATIC VISTAS" גיט אונז וויטמאַן די קווינטעסענץ פון זיין טעאָריע. אַמעריקא און דעמאָקראַטיע זענען גלייכבעדייטענד", שטעהט שוין אין אָנהויב.

„די פעראייניגטע שטאַאַטען מוזען איבערווינדען דעם פעאָדאַליזם, אָדער זיי זענען דער גרעסטער אומזין פון דער געשיכטע. אמעריקא ווערט אַלץ רייכער, אַלץ מעכטיגער, מיט ריעזענשריט געהט זי אויפ'ן וועג פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשאַפט, אָבער קיין אייגענע ליטעראַטור האָט אַמעריקא נאָך אַלץ ניט. פעאָדאַליזם, קאַסטענ־גייסט, קירכליכע טראַדיציאָן פערלירען אַלץ מעהר זייער מאַכט אין פּאָליטישען לעבען, אָבער דער אַלטער גייסט הערשט נאָך אומבעשרענקט אין שולע, ליטעראַטור און סאָציאַלען לעבען. נור דאַן וועט דעמאָקראַטיע האָבען איהר היסטאָרישע בערעכטיגונג, ווען זי וועט געבירען איהר אייגענע קונסט, פּאָעזיע, שולען און טעאָלאָגיע, אַפּראַמענדיג אַלעס, וואָס מענשען האָבען געשאַפען אין דער פערגאַנגענהייט, אונטער דער ווירקונג פון ענטגעגענגעזעצטע געזעלשאַפטליכע קרעפטען".

מעגליך, אַז וויטמאַן איבערטרייבט ; ער פאָדערט צו פיעל פון אַמעריקא און דער דעמאָקראַטיע, אָבער צוהערען זיך מוזען מיר צו איהם. „וויטמאַן א י ז די דעמאָקראַטיע", זאָגט טאַרא, און ווי עקסטרעם זיינע מיינונגען זאָלען ניט זיין, איז ער דאָך אַ גרויסער דענקער און אַ שאַרפזיניגער בעאָבאַכטער. זעלבסטפערשטענדליך האָבען זיינע געדאַנקען פאַר דער אַלטער וועלט ניט די בעדייטונג, וואָס פאַר אַמעריקא : ער האָט דאָך לכתחילה געהאַט אין זינען אַמעריקא. מען קאָן ניט ערוואַרטען, אַז ענגלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניען, דייטשלאַנד, איטאַליען, זאָלען אָברייסען „מיט זייערע היסטאָרישע טראַדיציעס און בעפרייען זיך פון אַלעם, וואָס מענשען האָבען געשאַפען אין דער פערגאַנגענהייט, אונטער דער ווירקונג פון ענטגעגענגעזעצטע קרעפטען. „ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער טריומף פון דער דעמאָקראַטיע אין אייראָפּא, וועט אַלץ אונמעגליך זיין פאַר נאַציאָנען, וואָס זענען פון געבורט אָן איינגעהילט אין קעניגליכען פורפור, און אומרינגעלט מיט הערליכע דענקמעלער פון אַמאָליגער פּראַכט, אָנצוהויבען אויפ'ם ניי זייער קולטור־לעבען.

IV.

לאָמיר זיך נאָך אַמאָל אָבגעבען אַ חשבון פון דער איבערקערעניש, וואָס דער ראָמאַנטיזם האָט געמאַכט הונדערט יאָהר צוריק. בעפרייט פון סכאָלאַסטישע טראַדיציעס און טויטע כללים וועגען סטיל און סיוזשעט, ניט שרעקענדיג זיך פאַר'ן אויטאָריטעט פון קירכע און אַריסטאָקראַטיע, פריי פון פּעדאַנטיזם און בלינדען רעאַקציאָנערען אייפער, שטעהט דער קינסטלער פּנים אל פּנים מיט דער וואונדערבאַרער וועלט פון מענשען און זאַכען, פול ליעבע צו דער וועלט, וואָס ער דאַרף פּערטייטשען און אויסמאָלען. איהם מאַניעט די גאַנצע נאַטור — דאָס געזונדע קינסטלער־אויג האָט זי ביז איצט נאָך ניט

געזעהען ; איהם רופט צו זיך די גאַנצע מענשהייט, וואָס איז געווען צוטיילט אויף קאַסטען און שטאַנדען. איצט ערשט בליצט אויף אין דעם קינסטלער׳ס הארץ דאָס געפיהל פון געטליכען און שעהנעם, וואָס איז פערבאָרגען אין די איינפאַכסטע בשר ודם׳ס און די געוועהנליכסטע זאַכען, וואָס ער זעהט אַרום זיך ; ערשט איצט וואַרפט זיך איהם אין די אויגען די ווירדע פון די נידריגסטע בעשעפטיגונגען, און די גראַציע פון יעדער גוטער אַרבייט ; ערשט איצט דערגעהט ער, אַז גאָט אַמור איין דער אָרימער כאַטקע איז דער גאָט אַמור, וואָס אין די הערליכע פאַלאַצען — און טהון טהוט ער עס ניט מיט בעליידיגענדען, גאווה׳דיגען נעביך־געפיהל פון טאַסאָ׳ס "AMINTA‘ אָדער גאַרינו׳ס "PASTOR FIDO“, נור מיט עהרפורכטיגער אנערקענונג פון׳ם PRAESENS DENS, דעם פערבאָרגענעם געטליכען, וואָס איז אין הארץ פון יעדען מענשענזוהן. דער דיכטער דאַרף שוין ניט, אַז פלאָריזעל און פערדיטאַ זאָלען זיין איבערגעטהוענע פרינצען — זיי בעצויבערען אונז, ווי זיי זענען : „דאַפניס און כלאָע“ קעהרען זיך שוין ניט צוריק צו רייכע, הויכגעבוירענע עלטערן, ווי עס ווערט דערצעהלט אינ׳ם אַלטען מערכען — מערכענהאַפט זענען זיי אויך אויסער׳ן פאַלאַץ. הערמאַיזם פערלאָזט אכילעס׳ געצעלט ; ריטערטום נידערט אַראָב פונ׳ם ריטערם היציגען, שנעלען פערד ; ליידענשאַפטליכע פריינדשאַפט זעגנעט זיך מיט פילאַדען. איך וויל ניט זאָגען, אַז די אַלע טוגענדען פערשווינדען. פאַרקעהרט, מיר געפינען זיי אַלע, און אומעטום ; קיין איינע פון זיי געהט ניט פערלוירען. אַמאָל זענען זיי געווען די פריווילעגיע פון הערשענדע — איצט בעקרוינען זיי דעם פאָלקס קאָפּ ; פריהער האָבען זיי געשוועבט אין דער ווייטער, וואָלקענדיגער פערגאַנגענהייט — איצט זענען זיי מיט אונז, אַרום אונז. מיר האָבען העלדען גרעסער פון טעזעאו, וואָס קעמפפט מיט׳ן שרעקליכען מינאָטאַוור ; עס לעבט צווישען אונז ריטערליכע אכטונג צו דער פרוי און אַלע שוואַכע, איבערגעבענהייט אָהן אַ סוף, פריינדשאַפט וואָס טהוט אַלץ פיר׳ן חבר און טראַגישע ליידענשאַפט — אין אונזערע גאַסען, אין פעלד און וואַלד, נעבען אונזער הויזטהיר בעגעגנען מיר די טוגענדען פון דער גריכיש־רוימישער וועלט.

דער דעמאָקראַטיע פערדאַנקען מיר דעם נייעם קוק אויפ׳ן עסטעטישען אין מענשליכען לעבען, אָבער זי האָט נאָך אַ טיעפערעס וואָרט פאַר אונז — דעמאָקראַטיע איז אַ נייער און טיעפער רעליגיעזער קוק אויף דער מענשהייט, אַ טריומף פונ׳ם אמת׳ען כריסטליכען גייסט נאָך פיעלע יאָהרהונדערטע פון קאַמפף, אַן אונבעקאַנטע פעהיגקייט דורכצודרינגען די אויסערליכקייט און ערשיינונגס־פאָרמען און אנטפלעקען דעם תוך און סובסטאַנץ. די דעמאָקראַטיע אַנערקענט, אַז דאָס געטליכע איז אימאַנענט דער נאַטור און דער מענשהייט ; גאָט איז ניט אויסער דער וועלט, ער שאַפט ניט פון דרויסען און קען אויך ניט פערקערפערט ווערען אין איינצעלנער פערזענליכקייט — ער איז אומעטום, און אַלץ איז כולל אַלץ, דאָס איז די דעמאָקראַטישע פילאָסאָפיע.

איך וויל ניט מען זאָל מיך פערשטעהן פאַלש, איך זאָג ניט, אַז מען דאַרף זיך אָבזאָגען פון אַלדעם, וואָס האָט בעצויבערט אַמאָליגע צייטען, פאַרוואָס זאָלען מיר צערייסען די רינגען פון דער קייט, וואָס פערבינדט אונז מיט דער פערגאַנגענהייט ? אכילעס איז אויך אונזער העלד, דער היכטער פון דער דעמאָקראַטיע וועט זינגען לויב איהם און פערקערפערט וועט זיין מעכטיגע געשטאַלט אין מראַמאָר און בראָנז ווערען ; די העלדען פונ׳ם אַלטערטום און מיטעלאַלטער האָבען פאַר אונז זייער אַלטען צויבער און קראַפט,

כאָטש מיר אַנערקענען, אַז ריטערטום, חבר'שאַפט, ליעבע און פּאַטהאָס, וואָס בעשטראַהלען די אַלטע געשיכטען און לעגענדען, ענטפּלעקען זיך אויך אין אונזער לעבען, איז'ם שטילען לעבען פון אונבעקאַנטע מענשען, אָהן אַ נאָמען, אָהן אַ זכר.

די דעמאָקראַטישע קונסט פערברייטערט די ספערע פון מענשהייט; זי עפענט אויף דעם קינסטלער'ס אויגען אויף די אונענדליכקייט פון שעהנהייטספאָרמען, וואָס זענען אייגענטימליך דעם פאָלק, די העכערע שטאַנדען האָבען ניט קיין פּריווילעגיע אויף פּיזישע שעהנהייט; מען קען זאָגען, אַז די סאָציאַלע בעדינגונגען, אין וועלכע די העכערע קלאַסען לעבען, לאָזען ניט פאַנאַנדערבליהען די אַלע שעהנהייטסמעגליכקייטען, וואָס זענען פערבאָרגען אין זיי, געטע האָט, דוכט זיך, אַמאָל געזאָגט, אַז פיינע געזעלשאַפט איז אַ געזעלשאַפט אָהן אמת'ער שעהנהייט; עס איז ניט קיין פּאַראַדאָקס, אַז די ראַפּינירטע דזשענטעלמען און דאַמען זענען ניט דאָס בעסטע מענשען־מאַטעריאַל פאַר'ן סקולפּטאָר מאַלער. ווי שווער איז זיי אַלע, די מענשען איו פראַקען און באַלקליידער אריינצוגעהן אין קעניגרייך פון קונסט! אין יעדעם מין ארבייט איז פאַרהאַן אַן אייגענטימליכע שעהנהייט — איהר דיכטער איז נאָך ניט געקומען. אמת, קינסטלער האָבען שוין פריהער בעמערקט די גראַציע, וואָס ליעגט אין יעדער פּראָפעסיאָן און מלאכה; פון צייט צו צייט פלעכטען זיי אריין די מאָטיווען אין זייער דיכטונג — *דאָס איז אָבער ביי זיי אַ בייזאַך*, אַ טפל; דער עיקר איז — דער העכערע, ערהאַבענע סוזשעט, און דעריבער טאַקי איז ביז איצט נאָר טיילווייז ענטפּלעקט געוואָרען דאָס עסטעטישע אין דער מענשליכער אַרבייט. ס'איז שוין אָבער צייט צו עפנען די טויערען פון קונסט פאַר'ן פאָלק.

ס'איז פאַרהאַן אָבער אַ געפאַהר: דער דיכטער קען צוגעהן צום פּראָבלעם פון דעמאָקראַטישע קונסט צו בעוואוסטזיניג. דאָס איז ניט גוט; מיר זוכען איינפאַכהייט, אויפריכטיגקייט, עמאָציאָנעלע אונמיטעלבאַרקייט, אַ פערשטענדיגע ליעבע, אַ שאַרפען אינטערעס, און דאָך פול עהרפורכט, אַ וויסענשאַפטליכע, און צו דערזעלבער צייט, רעליגיעזע בעציהונג צו וועלט און מענש, די קונסט טאָר ניט זיין דאָקטרינער, און ניט דידאַקטיש; דרשות און חקירות דאַרף זי לאָזען אָן אַ זייט — טאָר ניט פּאַטראָניזירען און קוקען פון אויבען אַראָב.

און פריהער פאַר אַלעם דאַרף די נייע קונסט איבערווינדען די לעבענסאַנשויאונגען פון'ם מיטעלשטאַנד, די בורזשואַזיע איז ניט פעהיג צו חבר'שאַפט, איז געוואוינט צו קוקען פון אויבען אַראָב אויף די נידריגערע קלאַסען, מישט צוזאַמען מאָראַל מיט פאָרורטהייל און שטייפער פאָרמולע, קאָן ניט אויפנעהמען קיין ברייטע קאָנצעפּציעס און האָט אַ נייגונג צו דערשטיקען דאָס רעליגיעזע בעוואוסטזיין אין דער שעדליכער אַטמאָספערע פון דאָגמעס און אונבעדייטענדע שבולת'ן. „סנאָבבערי“ און צביעות פערגיפטען דעם מיטעלשטאַנד; זעלבסטצופרידענהייט, עגאָאיזם, די מורא פון אַ שטראָוס פערצעהרען זיין נשמה. מיר מוזען זיך בעפרייען פון די זינד פון'ם מיטעלשטאַנד און אויפהויבען זיך אין אַ ריינערע אַטמאָספערע. פריי ווי אַ פויגעל איז דער דיכטער, פריי מוז ער זיין, דער אַפּאָסטעל פון בעפרייטער מענשהייט!

V.

עס איז ניט לייכט צו זיין גערעכט צו וואָלט וויטמאַן'ען. זיין סטיל איז אַזוי גראָטעסק, זיין זאַץ — שווערפעליג און אונגעלומפּערט; דאָס מאַכט שווער צו בעגרייפען די הויך פון זיין געדאַנק און פאַנטאַזיע. מען דאַרף זיין מיט וויטמאַנ'ען צוזאַמען אין לאַנגע

שעה'ן פון איינזאמקייט, אום איהם צו פערשטעהן. זיין כאראקטעריסטישע פארם ליידט זעהר פון ציטירען. מען מוז עס אבער טהאן. אויפ'ן שער־בלאט פון זיינע LEAVES OF GRASS געפינען מיר די ווערטער: איך זאג דאס ווארט דעמאקראטיש ארוים, דאס ווארט "EN MASSE". וואס פאר א בעדייטונג דאס האט פאר וואלט וויטמאנ'ען, אויף דעם ווארפען א ליכט די פערזען:

„דער אורא‌לטער לאזונג איז מיין לאזונג; איך גיב דעם צייכען פון דער דעמאקראטיע.
ווארהאפטיג! איך וועל ניט אננעהמען קיין זאך, וואס יעדער איינער זאל ניט האבען א גלייכען טייל דערין".

דעמאקראטיע איז גלייכהייט. יעדער איינער זאל האבען א טייל אין גוטען און ביי־זען. פאר וויטמאנ'ען איז קלאר, אז אלע, אלע, די נידריגסטע און רויהסטע, זענען ערעל און פרעכטיג פאר דעם, וואס האט א טיעפען בליק. געטליך איז דאס אלטעגליכע פאר וויטמאנ'ען. „טייערער פון אלץ איז פאר מיר דאס געוועהנליכע, דאס פרישע פעלד־ווינטעל, דאס בערגעל, דאס וואסער איז מיר טייערער פון העלפאנד־ביינענע פאכערס, וואויל־בעשמעקטע און די לופט איז טהייערער פון די עדעלסטע פארפיומען."

דעם קרעפטיגען קערפער בעזינגט וויטמאן:

„ברודער, ווער דו זאלסט ניט זיין! פרעכטיג, געטליך איז דיין קערפער און יעדער טייל פון איהם."

די ליידענשאפטען, וואס שטורמען אין מענשענ'ס הארץ זענען וויטמאנ'ען ניט וועניגער נאהענט. ער שיקט זיין ליעד „אומעטום, וואו ס'ציטערט נאר א מענשענ'ס הארץ אין פיין".

„איך בין דער, וואס קום העלפען די קראנקע וואס ליעגען אין פיין און פעריאמערט.
איך בין דער, וואס קומט העלפען די שטארקע און שלאנקע."

„פאר מיר איז יעדע שעה פון ליכט און פינסטערניש א וואונדער
און א וואונדער איז פאר מיר יעדער צאהל פון רוים,
און יעדער קוואדראט־אייל פון דער ערד'ס אויבערפלעכע איז פאר מיר א וואונדער.
און יעדע קוביק־פוס פון דער ערד'ס אינגעווייד הילט וואונדער איין אהן סוף.
און יעדע גרעזעל, יעדעס גליעד, דעם מאנ'ס און פרוי'ס ארגאנען
און אלעס וואס אין מאן און פרוי —
פאר מיר איז אלעם וואונדער איבער וואונדער."

א מאל האט מען געזוכט וואונדער אין די ווייטע הימלען. וויטמאן געפינט א טיעפען מיסטישען זין אין דער ארומיגער וועלט, וואס ער איז א טייל פון איהר. ער ווארפט אראב די געטער פונ'ם אלטען פאנטעאן, דען ער זעהט גאט אומעדום ארום איהם. ער רייסט אראפ די קרוינען פון די העלדען פון דער מיטאלאגיע — צו בעקרוינען די העלדען פונ'ם לעבעדיגען אלטאג.

„איך גלויב אז א גרעזעל איז ניט ערגער פון שטערן,
און די בראמבעער וואלט געווען א צירונג פאר די הימלען,
און די קוה, וואס גייט אראפגעלאזט דעם קאפ איז העכער פון די טייערסטע סטאטועז,
און א מויז איז וואונדערבאר גענוג, וואקעלדיג צו מאכען דעם אונגלויבען פון זעקסטיליאנען."

דער נביא האט די געטליכע פעהיגקייט צו ענטפלעקען דאס געטליכע, וואס איז פערבארגען אין אלעם, וואס אטהעמט און לעבט.

„מאלער האבען געמאלט גרופעס און צענטראלע פיגורען
און די צענטראלע פיגור, מיט אן ארעאל פון גאלדענעם ליכט,
איך מאל מיריאדען קעפ, און ניטא קיין קאפ, וואס זאל ניט זיין בעקרוינט מיט גאלדענעם ליכט.
שטראמען ליכט אין מיין האנד..."

טהוען מיר נאָך אַ טראָט, זעגען מיר אין דער וועלט פון געזונדער מעגליכקייט, אין דער שעהנקייט וואָס איז אין איהר פערבאָרגען.

„ניט צו בעשרייבען, ניט צו בעגרייפען איז דער אויסדרוק פון געזיכט,
נאָר דעם אויסדרוק פון אַ שלאַנקען און אַ שטאַרקען זעהט מען ניט נאָר אין געזיכט.
ער לעבט אין זיינע גלידער און געלענקען, ער לעבט געגוי אין די געלענקען פון די היפטען און די הענד.
ער לעבט אין זיינע טריט, אין בויג פון האלז, אין זיינע קניה און לענדען —
די קליידער קענען ניט פערהילען איהם.
און זעהסטו איהם פאַרבייגעהן, איז ער פאר דיר דאָס הערליכסטע געדיכט, און אפשר — מעהר.
דו שטעלסט זיך אָב זיין רוקען צו בעטראַכטען, און זיין פּלייצע און זיין קאַרק.“

וואָלט וויטמאַן'ס ליעדער זענען רוי און פּאַראַדאָקסאַל. ווער עס הערט זיך אָבער צו צו זיי מיט ליעבע, מוז דערפיהלען די רייכקייט פון די פּלאַסטישע געשטאַלטען און די גענויקייט פון זיין מאָלען.

דער קינסטלער זעהט דאָס געטליכע אין נאַטור און מענש אומעדום; אונטער'ן שאָלעכץ פון באַנאַליטעט ענטדעקט ער דאָס פּאָעטישע. אָבער ס'זענען פאַרהאַן מדרגות אין דער אָפּענבאַרונג פון'ם שעהנעם. ס'געהט אויף און פערגעהט די זון טאָג איין טאָג אויס — אַ וואונדער. אַ וואונדער איז דאָס לעבען פון יעזוס אָדער בודדא, אָבער פער־שיעדען זענען די מדרגות; יעזוס און בודדא זענען געטליך. אַ העלד איז דער מאַשיניסט וואָס ערפילט זיין טעגליכע פליכט; אָבער ניט אַלע העלדענטהאַטען האָבען איינע און די זעלבע מאָראַלע בעדייטונג; פערשיעדען זענען די מדרגות.

די פּיאָנערען פון דער דעמאָקראַטישער קונסט ווילען אונז דערמאָנען, אַז אונזערע אויגען זענען בלינד געווען און ניט געזעהן, אַז אַלע טוגענדען און שעהנהייטס־פאָרמען זענען געטליך. וואָלט וויטמאַן דריקט דאָס אויס גראָטעסק און פּאַראַדאָקסאַל.

„דריי קאַסעס בלאַנקען אויפ'ן שניט־פעלד אין די הענד פון דריי מלאכים קרעפטיגע אין ווייסע העמדער,
און עס אַרבייט שווער דער שטאַליונג מיט די רויטע האָר, וואָס בעשערט איז איהם
ערלייזען אונז פון די זינד אמאָליגע, און די וואָס וועלען קומען.“

VI.

איז אַ דעמאָקראַטישע קונסט מעגליך? אָפּטמאָל גנב'עט זיך אַריין אַ צווייפעל אין הארצען. וואָס פאַר אַן עפּאָכע אָדער פאָלק מיר זאָלען ניט נעהמען פון דער פער־גאַנגענהייט — גריכענלאַנד, איטאַליע, פּערסיען, יאַפּאַן, מיטעלאַלטער, די צייט פון דער קעניגין יעליזאַבעטאַ און פון לואי 14טען — שטענדיג און אומעטום איז די קונסט פער־בונדען מיט'ן פאָלק. אין אַלע צייטען האָט די קונסט אויסגעדריקט דאָס איניגסטע פון'ם פאָלק, דעם פאָלק'ס נשמה, און ליעב און טהייער איז זי געווען דעם פאָלק. די נאַציאָן און איהרע דיכטער זענען געווען איינס, צווישען זיי איז ניט געווען קיין אָבגרונד. אַנדערש איז עס איצט. פון איין זייט שטעהען אונגעהויער־גרויסע מאַסען אָהן ענטוויק־לונג, וואָס פערברענגען אַלע זייערע יאָהרען אין שווערער אַרבייט אָדער יאָגען זיך נאָך געלד, צוזאַמענגעשטיקטע אין מאוסע שטעדט — אַ געמיש פון די פערשיעדענסטע ראַסען, אַן אמת'ער ערב רב, אָהן אינדיווידואַליטעט, אָהן אַן אייגענעם געשטאַלט. פון דער אַנדער זייט האָבען מיר די שרייבער, מאָלער, סקולפּטאָרען, אַרכיטעקטאָרס, מענשען וואָס לעבען, מייסטענס, מיט די אַלטע טראַדיציעס, שאַפען שעהנהייטס־פאָרמען, ניט האָבענדיג קיין שום בעריהרונג מיט די מאַסען, קענען זיי גאָר־

ניט, האבען ניט קיין ווירקונג אויף זיי, מאכען זיך פון שעהנהייט א שפיעלצייג און שטרעבען גאר ניט צו פערקערפערען דעם רעליגיעזען עצם פון זייער עפאכע. זיי איז, אפנים, בעשערט לאזען בירושה די קומענדיגע דורות א בילד פון 19טען יאהרהונדערט מיט זיין גייסטיגען כאאס, טיטאנען-ענערגיע, וואס געהט לאבוד, און ארימער קולטור.

איז א דעמאקראטישע קונסט מעגליך ביי אזעלכע בעדינגונגען? קענען מיר נאך האפען, אז די מענשען וואס שרייבען פאעמען, מאלען בילדער, ווענדען זיך, ווי א מאל, בעהעפטען מיט'ן פאלק? האט די קונסט א צוקונפט, אדער זי איז פעראורטהיילט צום טויט? קען די דעמאקראטיע בעגייסטערן א גרויסען דיכטער? אדער איז דער קונסט בעשערט צו פאלען אלץ ניעדעריגער און פערגליווערט ווערען אין ווי־זאנטישע פארמען — א שפיעלצייג פאר א מינדערהייט פון קולטור־מענשען?

וועד וויים, צו וואלט וויטמאן וועט אונז לייזען די פראבלעם? ער האט אבער א גליהענ־דען גלויבען אין פאלק, ער איז דאך אליין איינער פון די ווענינע גרויסע שרייבער, וואס זענען קינדער פון פאלק, לעבען מיט'ן פאלק, פערשטעהען און ליעבען דאס פאלק.

וויטמאן איז פעסט איבערצייגט, אז רייכטום איז ניט די מאס פון אמת'ער גרויס־קייט. מאכט, פראדוקציאן, רייכטום האבען א גרויסע בעדייטונג: מאטעריעלע מאכט קען איינפאנירען דער וועלט, בעהערשען די געגענווארט, האבען א שליטה אויף דורות. אבער מאכט פערגעהט, רייכטהום פערגעהט, דאס מאטעריעלע זינקט אין תהום פון פער־געסענהייט, אויב די ראסע דערהויבט זיך ניט צום בעוואוסטזיין און העכערן גייסטיגען לעבען. קונסט איז די נשמה פון א פאלק, וואס לעבט איהם איבער. גריכענלאנד לעבט אין האמער'ן, פידיאס'ן, עסכיל'ן; דאס אלטע יודישע פאלק אין זיינע נביאים און פסאל־מען; דאס מיטעלאלטער — אין דאנטע'ן, דער פעאדאליזם אין שעקספיר'ן. אבער וואו איז פיניקיען? וואו איז קארטהאגא? ניטא קיין זכר פון זייער גרויסקייט, דען זיי האבען ניט געלאזען נאך זיך קיין סימוואלען און זענען פערגאנגען אהן אן אידעאלען אויסדרוק פון זייער היסטארישער פערזענליכקייט.

אמעריקא, זאגט וויטמאן, איז מאטעריעל מעכטיג, זי האט אבער ניט איהר אייגענעם גייסט, עס וואקסט אהן אויפהער די מאטעריעלע קולטור, ארים איז אבער די גייסטיגע. קוקט מען אריין טיעפער, זעהט מען, אז די פראבלעם, וואס מיר האבען צו לעזען, טראגט א סאציאלען און רעליגיעזען כאראקטער. דער גלח פערלאזט דעם טעמפעל, דער געט־ליכער דיכטער קומט!

„וואס איז אונזער נאציאנאלער וואוילשטאנד? — פרעגט וויטמאן. — דעם כשוף־מאכער'ס שלאנג האט אויפגעגעסען אלע אנדערע שלאנגען. איהר געדענקט די פאבעל? דאס יאגען זיך נאך געלד איז אונזער כשוף־מאכער'ס שלאנג. וואס זענען אונזערע שטעדט? א מין טרוקענע סאהארא פול פאנטאמען, שאטענס, וואס מאכען קונצען אהן א זין. וואס איז אונזער פיעלגעלויבטע קולטור? זענען די אונענד־ליכע, לאנגווייליגע שמירערייען — קונסט? זענען דאס אונזערע דיכטער, אט די כאפטע רעגדים, אט די דזשענטעלמען, וואס פערפלייצען אונזער ליטערארישען מארק מיט זייערע פיאנא־ליעדער, קלינגענדיגע גראמען, גאסט־צימער־סענטימענטאליטעט, קלאגעריי, און פיהרען אהן אויפהער דיספעפטישע ליעבעס מיט דיספעפטישע פרויען?"

וויעדער און וויעדער דערצעהלט וויטמאן וועגען דער גייסטיגער ארימקייט פון אמעריקא. אבער וואס פאדערט ער פון איהר? די וויכטיגסטע עלעמענטען פון נאציא־נאלער גרויסקייט זענען כאראקטער, אונאבהענגיגקייט, פערזענליכקייט, און אן אמת'ע רעליגיעזיטעט.

„אַ נייע קונסט דאַרפען מיר. זי וועט אַריינהויכען אַן אָטהעם פון געזונטען און העראָאישען לעבען אין דער געזעלשאַפט. די נייע קונסט וועט ניט נאָר רעפּראָדוצירען, אָבשפּיגלען, אָדער אונטער'חנפ'ענען זיך דעם געשמאַק, זי וועט ניט נאָר אַמוזירען, זיין אַ פערוויילונג, זינגען ליבעזאַנגען דעם שעהנעם און ראַפינירטען און בעווייזען קונצען פון טעכניק, ריטם און גראַם, — זי וועט זיין רעליגיעז, אין איינקלאַנג מיט דער וויסענשאַפט, ערציהען דעם מענשען, בערעכטיגען דאָס לעבען.“

די היינטיגע קולטור איז פיינדליך דער דעמאָקראַטיע. וואַלט וויטמאַן פאַלט אויף איהר אָן אונברחמנות'דיג. מעכטיג איז דאָס קעניגרייך פון'ם מאַטעריעלען, מעכטיגער — דאָס קעניגרייך פון גייסט.

„דאָס וואָס האָט ביז איצט אַנגעפילט און פילט נאָך איצט אָן אונזער פאַנטאַזיע איז נאָך פרעמד דעם פאָלקס־גייסט. די גרויסע פאָעמען — שעקספּיר'ס אפילו — זענען אַ בעליידיגונג פאַר'ן שטאָלץ און ווירדע פונ'ם פאָלק. אונזערע קלאַסישע ווערק זענען געבוירען געוואָרען אין דער אַטמאָספערע פון פּאַלאַצען, די דיכטער האָבען זיך געוואָרעמט אינ'ם זונען־שיין פון פירסטען און קעניגען. פאַרהאַן דיכטער מיט טאַלאַנט. וואו איז אָבער דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר דיכטער?“

קולטור איז נויטיג; נויטיגער איז גלויבען. אונזער איצטיגע קולטור, זאָגט וואַלט וויטמאַן, פערשפּרייט אַ זעלבסט־צופריעדענעם אונגלויבען, עס וואַקסט די צאָהל פון מענשען, וואָס גלויבען אין גאָרניט און שפּאַטען פון אַלץ. דער אידעאַל פון דער דעמאָקראַטיע איז ניט אַזוי ראַפינירטער געשמאַק ווי שטאַרקער כאַראַקטער. מוט, מענליכקייט, זעלבסט־אַכטונג, ליעבע צו אַלע פאָרמען פון לעבען — זענען די עלעמענטען פון אַ העכערער קולטור.

VII.

איז וואַלט וויטמאַן געגען יעדע טראַדיציעס? ער קעמפט אַזוי שטאַרק געגען דער שליטה פון די טראַדיציעס אויף דער היינטיגער קולטור, אַז ס'קען זיך אויסדוכטען, דאָס וואַלט וויטמאַן איז פול מיט פעראַכטונג פאַר דער געשיכטע און דעם געשיכטליכען. דאָס איז אַ גרויסער טעות. וואַלט וויטמאַן זאָגט:

פאַר איהם וואָס איך בעזינג
בוי איך די געזעלשאַפט אויף דער פערגאַנגענהייט,
פּאַרפיל זיין צייט מיט יעדער צייט, זיין רוים מיט יעדען רוים.

און ערגעץ אַנדערש:

כ'האָב ערפאָרשט די אַלטע צייטען,
צו די ווערטער פון די גרויסע גייסטער צוגענייגט מיין אויער.
זאָל איך פון די שטאַאַטען ווענען דאָס אַלטערטום פעראַכטען?
ניין! זיי זענען דאָך די קינדער פון דעם אַלטערטום און דאַרפען איהם רעכטפערטיגען.

און צו דיכטער, פילאָסאָפען, מאַרטירער, קינסטלער, ערפינדער פון די אַלטע צייטען ווענדט ער זיך.

איך טאָר ניט געהן ווייטער ביז כ'האָב ניט מיט עהרפורכט פערנומען אייער וואָרט.
איך האָב געהערט, זיך צוגעהערט און זאָג: ווי וואונדערבאַר איז אייער וואָרט, און די ירושה אייערע.
און כ'גלויב: ניטאָ קיין העכער וואָרט און ס'קען ניט זיין.

און כ'גלויב: ניטאָ קיין העכער וואָרט און ס'קען ניט זיין. וואַלט וויטמאַן'ס געדאַנק איז קלאָר. שטאַרק איז די קעניגרייך פון מאַטעריעלען, שטאַרקער די קעניגרייך פון גייסט. נביאים, דיכטער, דענקער, מאָלער, סקולפּטאָרען, אַרכיטעקטאָרס פון פערגאַנגענע דורות — זענען אונשטערבליך. זיי זענען זונען, וואָס פערגעהען ניט. זיי פער־

כשופ'ען אונז — וויטע און פרעמדע. מיר מוזען זיי בעוואונדערן. אָבער מיר טאָרען אין אונזער עהרפורכט פאר זיי ניט זינקען צו דער פריוואַליטעט פון אַ קולטור, וואָס האָט מורא צו זיין אָריגינעל, וואָס טאַנצט נאָך פרעמדע קולטורען.

פיעלע ווילען זאָגען, אַז דעמאָקראַטישע קונסט איז ניט קיין ניי וואָרט. די פּאָעזיע פון געוועהנליכען האָט שוין בעגייסטערט פיעלע גרויסע און קליינע קינסטלער. זענען דען טעאָקריט און וויירגיל ניט דעמאָקראַטיש? און די האָלענדישע מאַלעריי? דאַן געהט אַ צעטעל פון ענגלענדער, ווי דעפאָו, האָגאַרט, סמאָלעט, מאָרלאַנד, ווילקי, קראַב, און טריאומפירענד דערמאָנט מען אונז צום סוף די דראַמען פון דער עפּאָכע פון קעניגין עליזאַבעטא.

אמת איז אַז יעדער קינסטלער האָט אַן אויג פאַר דער פּאָעזיע, וואָס איז פערבאָרגען אין די געוועהנליכע מענשען און זאַכען. אָבער דער מאָדערנער דעמאָקראַטישער דיכטער געהט אין אַן אַנדער וועג און קוקט מיט אַנדערע אויגען.

און די קונסט פון דער עפּאָכע פון דער קעניגין עליזאַבעטא? זי איז ווייניגער פון מאָנאַרכיש-פעאָדאַלע אידעען, און איז אַן אויסדרוק פון פעאָדאַליזם. אמת גרויס מאַכט יהר דער ברענענדער נאַציאָנאַלער ענטוזיזם. ווער איז אָבער די נאַציאָן? אַ היעראַרכיע פון שטאַנדען. יעדער שטאַנד האָט זיך זיינע אייגענע פליכטען זיינע אייגענע פריווילעגיען און די זעלבסטאַכטונג פון אַן איינגעפונדעוועטען שטאַנד. דאַריבער איז ניטאָ קיין פונק פון דעמאָקראַטיע אין דער מעגליכקייט, פרייהייט און פריידיגקייט פון דער פּאָעזיע פון יענער צייט. אָפילו די רעאַליאַסטישע דראַמען פון הייוואָוד און דעקער זענען ניט דעמאָקראַטיש. וויטמאַן איז גערעכט, זאָגענדיג אַז שעקספּיר איז די פערקערפערונג פון פעאָדאַליזם אין ליטעראַטור. ס'מאַכט ניט אויס וואָס דער פעאָדאַליזם איז אין זיינע צייטען שוין געוועזען אַ מעשה שהיה. די מלחמות פון די ראָזען האָבען איהם געגעבען דעם לעצטען קלאַפּ. די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג פון ענגלאַנד איז זעהר אַ לאַנגזאַמע. דריי הונדערט יאָהר נאָך שעקספּיר'ן לעבט נאָך דער פעאָדאַליזם אין דער ענגלישער קולטור.

אין ענגלאַנד איז ניט קיין אויסנאַהם, אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע נאַציאָנען זענען אויך אונטער דער שליטה פון פעאָדאַלע אַנשויונגען. זיי שטאַרבען טקע אָפּ אָבער דערווייל האָבען זיי נאָך אַלץ אַ גרויסע ווירקונג. די שווייץ איז דאָס לאַנד פון אידעאַלער פּאָ־ליטישער דעמאָקראַטיע, זי האָט אָבער ניט קיין אייגענע קונסט.

די דעמאָקראַטישע קונסט דאַרף ערשט קומען. פאַרהאַן נאָך קערענדלעך. זיי זענען אַלץ דעמאָקראַטיש. זי איז געבוירען געוואָרען אין דער אַטמאָספערע פון צוזייט דאָ און האָרט. ווייט זענען זיי פון וויטמאַן'ס נביא'ישען חלום. אפשר זענען מילע און די רוסישע נאָוועליסטען — טורגיעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי — שוין נאָהענט צו זיין אידעאַל?

די קונסט האָט אַ מיסיאָן: מאַניפעסטירען דאָס געטליכע אין מענש און נאַטור. זי ענטפּלעקט גאָט אין דער וועלט פון ערשיינונגען און שאַטענס. דאָס קעניגרייך פון פאַטער איז פערשוואונדען; דאָס קעניגרייך פון זוהן פערשווינדט. ס'דערנעהנט זיך די קעניגרייך פון הייליגען גייסט.

אידיש פון מ. ק.

א. מ. מאַנדעלבוים:

פון אומעט

ווען ס'ווערט טונקעל און טאָג מיט נאַכט בייטען זיך מיט זייערע ערטער — פעל־בעלט זיך איבער מיין חדר א העל־פּאַרביגער פאַס ליכט; נאָכדעם וועבען זיך אויס שטראַה־לענדיגע אוזאָרען אויפ'ן באַלקען, קריכען ארום, ווי בייזע גייסטער, איבער די ווינקלען פון די ווענט, לאָזען זיך אראָפּ נידריגער און נידריגער, שלאָגען זיך אָפּ אָן פּאָדלאָגע און זינקען... שפּעטער קוקען אריין אין חדר אייביג־שעהנינקע שטערנדלעך, ווינקען פרעהליך, ווי קינדערשע אויגלעך און מאַכען חן'דלאַך...

און אין די אַרומיגע פענסטער בליצען־אויף ליידענשאַפטליכע פייערלעך; איבער דער גאַס עפענט זיך א פענסטער און פון דאָרט טראָגט זיך א קורצער, אָבגעהאַקטער אַקאָרד פון א ניגון... א בלאַס מיידעלש פּנים בויגט זיך אַריבער איבער'ן אַנלעהן פון פענסטער, וואַרפט אַריין אין גאַס אריין א קאָקעטיש שמייכעל, א גנב'יש וואונק און פערשווינדט... ס'פענסטער גיט זיך האַסטיג א האַק־צו און א גרינער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער... און איך זיץ ביים אָפענעם פענסטער, צעהל די בלימלעך פון פאָרהאַנג, מערק יעדען לייכטען ריהר וואָס שלאָגט אָפּ פון אינווענינג בולט, שאַרף...

דער אומעט שרעקט מיך...

און איך געה אַרונטער אין גאַס, געה־צו צו א בריקעל פון א הויז, שטעה א פּאָר מינוט, וויל אַרויפגעהן צו א בעקאַנט מיידעל. אָט עפען איך שוין די טיהר, נאָר איך אָטהעם בלויז אַריין אין דונקעלען קאָרידאָר: פוי! פּשוט'ע, אונענטוויקעלטע מיידלעך. וואָס געהט מען צו זיי?"... וואַ־אָ־אָם?!" און איך שפּאַן ווידער אַליין איבער'ן טראָ־טואַר, רעכטס און לינקס, און שפּעט, שפּעט, ווען די גאַסען וויקלען זיך איין אין שטיקער נאַכט, קעהר איך מיך צוריק אַהיים און וואַרט אויף מיין חבר...

און כמעט יעדען אבענד קומט מיין חבר א בעטרונקענער, מיט בייזע, מוטנע אויגען און דערצעהלט מיר ווי אזוי „זי" האָט אַרומגעפּלאָכטען איהרע ווייכינקע הענטעלאַך אַרום זיין האַלז, ווי ער האָט גאָר פערגעסען, אַז ער איז אין א הייזעל... און אַז ער וועט „זי" פון דאָרט אַרויסרייסען, וועט מיט איהר חתונה האָבען און אָנהויבען לעבען פון ס'ניי — און ער וויל טאַקע אויך וויסען וואָס הערט זיך מיט מיר, מיט מיין סאָנקע'ן...

צו סאָנקע'ן געה איך ניט מעהר...

זי האָט מיר געזאָגט: „כ'קען מעהר ניט ליעבען!" זי איז פערליעבט אין מאַזינען, א קרעפטיג, ברייט־אַקסעלדיגען בחור, מיט פעסטע מוסקולען און שאַרפע, ביסטרע אויגען...

און פאַר וואָס נאַרט זי מיר? פאַר וואָס און פאַר ווען?!...

אָפּט מעדק איך: סאָנקע שמייכעלט א פרעמד בחור אין פּנים אריין — קום איך אַהיים, וואַרף מיך אריין, אין די מלבושים, אין בעט אַריין און ליעג אָפּ א גאַנצע נאַכט

מיט אָפענע, פערקלעהרטע אויגען, מיט אַ פערגליווערט אומעט און די ווינקלען פון די ליפען און אָטהעם מיט אַ קורצען, אָבגעהאַקטען אָטהעם... און מיין חבר אַ בחור מיט בויגיגע בעווענונגען און געטאָקטע מיידעלשע גליעדער, בויגט זיך אריבער איבער מיר, מעסט מיך אָפּ מיט זיינע פער'שכור'טע אויגען און אָטהעמט מיר אריין גלייך אין פנים אריין:

— און גאָר!... פרעגט: וואָס? ווען? צוליעב אַ סאָנקע? עט, ניט כדאי, כלעבען! איהר הערט?!...

כ'שפּיר: סאָנקע ליעגט ערשט איינגעשלאָסען אין אַ פּאָר פעסטע, מענערשע אָרעמס, אַ פרישע, אַ שטראַהלענדיגע, מיט אַ ברייט־צושפּיליעטען בוזים, מיט ארויסגעסטאַר־טשעטע ברוסטען און קוקט מיט תאוה'דיג־בליציגע אויגען אין דער נאַכט אריין... און דאָרט, צווישען ענגע שמאָלע געסלעך, אויף אַ פּיערטען שטאָק, ליעגט אַ בחור מיט פייכטע אויגען און פּרעסט זי, אין כח הדמיון, פעסט צו זיך, פיהרט מיט נערוועזע פינגער איבער איהר ברוסט... און דאָרט, ערגעץ אין אַ לאַנגען, דונקעלען קאָרידאָר שטעהט אַן אַנדער בחור, קוקט נאָך פערשעהמט יעדעם מיידעל וואָס טראָגט זיך פון די טרעפּ אַראָפּ און וואַרט און וואַרט... און ס'קען זיין: יעדער בחור הערט דעם שטילען קלאַפּען פון צוויי־טענס האַרץ, צעהלט די ווייכע קלאַנגען פון דעם טיק־טאַק...

און ס'ווערט מיר קלאָהר: סאָנקע איז אַ קאָקעטקע, אַ שטיפערקע... זי האָט גע־שטיפט — און גאָר! ס'ערגערט מיך: אַ מיידעל: — חן און רייץ, אַ שטיק לעבען!... ליעבסט ניט — זאָג: „כ'קען ניט!“ און נענוג!... אָבער נאַרען?! — — —

כ'בלעטער דורך, אין געדאַנק, נעמען פון בעקאַנטע מיידלעך, מיט וועלכע כ'בעגעגען זיך אָפט, פרעס אָפּ אַ קוס אויף אַ ראָז בעקעל, גנב'ע אַ גלעט, אַ קניפּ און ס'מאַטערט מיך: — צו וואָס?... און אָהן זיי? — אָהן די מיידלעך?... שווער צו לעבען אָהן זיי!...

* * *

אָט אָטהעמט די שטאָדט מיט אַ וואַרעם, ווייך אָטהעם... ס'וועהען פון ערגעץ שטילע, רוהיגע ווינטעלעך און שפּעטשען אויף ווינט־שפּראַך: דאָרט, ווייט ווייט, איבער ימים, צווישען וועלדער און סטעפּעס, שפּרייטען זיך בעגראָזטע פעלדער און לאָנקעס... און הייזעלעך נידעריגע מיט שטרויענע דעכלעך און קליינע שייבלעך קוקען ארויס פון צווישען גרעזער און אקאַציען־בוימער, און צווישען די בוימער אַ טייכעל מיט קרומע, זאַמדיגע ברעגעס און בעזילבערטע, קנייטשיגע וועללען, וואָס טונקען זיך אין שטראַהלע־גלאַנץ... און אין טייכעל — אַ הימעל, אַ טיעפער, אַ פרומער, ווי אַ פערליעבט מיידעל'ש אויג, און ביים ברעג הימעל — לייכטע, דורכזיכטיגע וואָלקענדלעך, וואָס דראַפּען זיך שטיפעריש־קונציג איינס אין דאָס אַנדערע, איינס איבער דאָס אַנדערע און שמעל־צען זיך צוזאַמען אין גרויסע שנייאיגע בערג...

אַ שטראָם פרישקייט שווימט דורך מיינע אָדערען — ס'ציהט אהין, אהין... מ'מוז צוריקקעהרען אהיים... און דאָרט חתונה האָבען מיט דער שוואַר־חן'עוודיגער קורסיסטקע, וואָס האָט מיך ליעב אַזוי וואַרעם, וואַרעם און האַרציג... זי איז ניט גלייך צו די היעגע.... זי איז גאָר אַן אַנדערע....

ערשט מוז זי זיכער טראָגען אַ ווייס, דורכזיכטיגע בלוזקע, פון וועלכער ס'קוקט אַרויס פריש לייב און אַ ראָז בלימעל אויפ'ן סאַמע ברוסט... און ס'אָטהעמט און ס'ציטערט דאָס בלימעל — פונקט ווי ס'וואָלט אַ נשמה געהאַט... און פון אונטער די

געדיכטע סאמעט־ברעמען קוקען ארוים מיעדע, רויטליכע אויגען — זי װארט...
און אפשר? — אפשר האט זי שוין אן אנדער בחור?!...

* * *

די מארגען־זון פארבט מיט גאלד־קאלירען די דעכער און קוימענס — שטראמט־א־דורך אין חדר־לופט א לייכטער סקריפ פון טיר־שליסעל און א פערזאטערטער בחור שארט זיך אריין אין חדר אריין, מיטברענגענדיג מיט זיך א שארפען גערוך פון וויין... שפעטער קלעטערט ער איבער די קורצע טרעפ, קעהרט זיך־צוריק עטליכע מאל און שלעפט מיך מיט אין שענק, צ מעלדעך.

פארנאכט־צו, ווען די זונן זינקט אין ים — שטעהען מיר ביידע, איך און מיין חבר, ביים אפענעם פענסטער, ווינקען צום מעדעל פון ענטקעגענאיבער, שענקען איהר לופט־קוסען, ווינקען צו גנב׳יש־קונציג מיט די אויגען, מאכען אלערליי גרימאסען מיט די הענט און שרייען אריין אין גאס אריין מיט א הילכיג, אבגעהאקט געלעכטער:
— אהער, אהער, טהייערע, חא! חא! חא!...
— אהער, אהער, טייבעלע, א־חא־חא! — — —

שווייגענדיג, אנגעלאדענע לאזען מיר זיך ארונטער פון די טרעפ אראפ אין גאס ארוים...

פארביי אונז טראגען זיך יונגע, געארעמטע פאארלעך, מונטערע, פלינקע, מיט זיניגע אויגען און א הילכיג־ווייך געלעכטער טראגט זיך פון ברוסט ארוים אין גאס אריין... אונז ערגערט עס: מענשען לעבען! און מ י ר? !...

מיר כאפען זיך אריבער מיט קורצע, אבגעהאקטע טריט אויפ׳ן צווייטען זייט טראטואר און אויך דארט: פרישע, ענג־געשלאסענע פאארלעך!...

אין ראג גאס בלייבען מיר שטעהען...

— הערט — זאגט צו מיר מיין חבר — מיר איז אומעטיג ביז צום טויט!... כ׳שפיר: דער אומעט וואקסט אין מיר און פער׳סם׳ט מיין נשמה... טרינקסט, דאכט זיך, שטיפסט און שפאסט מיט מעדלעך און שפירסט: ס׳איז אומעטיג!... צום טייפעל: וואו־אהין אנטלויפט מען?... וואו־אהין?...

איך קוק מיין חבר אין פנים אריין און מיך דאכט: פאר מיר שטעהט א שטיק פערגליווערט אומעט... און פון הארצען רייסט זיך:
— וואו־אהין? וואו־אהין?...

ר. אייזלאנד:

א זומער-נאכט חלום

1.

אין פלאַמענדיגען גאָלד — וואָס שפּרייט
זיך אויס אַ ים. דאָרט ווייט וואו ס'האַלזט
דער הימעל זיך מיט בארג און וואַלד —
געהט אויף זיין שיינענדיג געשטאַלט.
א יונגער קעניג'ס זוהן —
און זיין געזיכט איז גאָלד,
און פּורפּור איז זיין קלייד.
און שטאָלץ בעטרעט ער דאָרט דעם ווייסען שטעג
מיט זינגענדיגע טריט.
און הויבט ער אויף אַ האַנד, דאַן וועבט
אַ גאָלדענטרוים זיך אויס.

— העי, העי, מיין שעהנער פּרינץ!
עס וואַרט דיין ליעב' שוין לאַנג.
אין הימעל־בלויען קלייד בעקליידט
און מיט דעם רויזענבאַנד.
עס בענקט נאָך דיר איהר בליק.
און ס'שמעקט איהר יונגער ווייסער לייב
ווי פרישער צווייט פון טוי געקוסט,
און ס'טאַנצט איהר פריידיג הארץ בערוישט
פון גליק, פון גליק, פון גליק.
דאָך שטאַרקער פלאַטערט, פלאַטערט נאָך
אקעגען דיר איהר זעעל,
איהר ווייסע ליליענזעעל!
— העי, העי, מיין שעהנער פּרינץ,
עס וואַרט דיין ליעב' שוין לאַנג.

2.

און זעה, ער קומט, ער קומט!
ער איילט מיט שנעלע אינדרענטריט
פאַרביי דעם וואַלד'ס בעגולדטען זוים
אַרויף דעם ווייסען שטעג.
און פאַר זיין טריט ווי מחנות טויבען
ווייסע וואָלקענס שוועבען.
און זעה — ער קומט, ער קומט, ער קומט! —
און זי — זי שפּרייט די אָרעמס אויס

און האַלזט די בלויע לופט.
און ס׳שוועבט אַ הייסער קוש־פערלאַנג
אויף איהרע ליפּען אום.
און ס׳צאַפּעלט, צאַפּעלט זיך איהר האַרץ,
איהר פיעל בערוישטעס האַרץ.

3.

אַ הייסער אָטעמצוג. אַ לאַנג
פערזונקען זײַן אין גליהענדיגען קוס,
און ס׳לאַכט אַנטקעגען איהר
אַ שטיל פערטרערטער בליק.

4.

אַ מילדע בלויע נאַכט, אַ זילבער שײַן,
אַ ווינטעל וועהט, אַ ווינטעל וועהט,
און ווייט וואו שפּיעלט אַ פליימ.
זי זיצט אין גראָז, און ער
צו איהרע פיס האַלב קניהענדיג,
ער האַלט איהר לײַכטע ווייסע האַנד
און ער דערצעהלט, דערצעהלט איהר פיעל:
פון וואַלד, פון פעלד,
און פון אַ ווייטער, ווייטער וועלט,
און פון אַ נײַער זון...
און ווייט וואו שפּיעלט אַ פליימ — —

— וואָס טויג מיר יענע ווייטע וועלט?
וואָס טויג מיר יענע זון?
מײַן וועלט ביזטו אַליין,
מײַן זון ביזטו אַליין!
מײַן האַרץ געהט אויס נאָך דיר, נאָך דיר — —
און שטיל — אַ ווילדעס ברויזען רוישט
און רוישט אין ביידענס זעעל... — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
און דאַן — —
אַ ווייסער זילבערשטרייף,
ער וויעגט זיך, וויעגט זיך אויף אַ בוים,
אַ ווינטעל וועהט, און ס׳גלעט אַ האַנד
איהר נאַקען אַזוי שמערצליך זיס,
און ווייט וואו געהט דאָרט אויס די פליימ
זיס ווייגענדיג, זיס ווייגענדיג,
און שטיל ווי גלײַך אַ הויך — אַ הויך!...

ב. באַטווינִיק:

ווייסע טויבען

אין מזרח זייט ביי דער גרויסער ניו־יאָרק, ליגען אויסגעשפּרייט ברייטע גרינע פעלדער, וועלכע ציהען זיך ווייט, ווייט צו מזרח און פאַלען אריין מיט ברייטע געל־זאַמדיגע ציגנער, אין א שמאָלען אויסגוס פון אטלאַנטישען ים.

די דאָזיגע פעלדער זיינען ניט בעזעהט, ניט בעוואָהנט.

שוואַרץ־צובראָכענע וואָרצלען פון בוימער דערצעהלען, אַז דאָ איז אמאָל א וואַלד געווען.

אויף יעדען ראָג, וואו וועגען שיידען זיך פאַנאַנדער, שטעהען הילצערנע שטאַנגען, האַלטען שטום אויף זייערע פּלייצעס אָנגעשריבענע מודעות, וועלכע זאָגען עדות, אַז די פעלדער האָבען ערגעץ אין שטאָדט א רייכען בעל־הבית מיט'ן נאָמען טהאָמאַס פּ. מעקדאָנאַלד. און אז דער בעל־הבית זוכט קונים, וועלכע זאָלען קויפען פעלד און בויען הייזער.

ווילען אָבער די מענשען ניט בויען קיין הייזער אין די וויסטענישען ביים שטורעמ־דיגען ים, וואו דער ווינד איז דער איינציגער בעל־הבית.

האָט אָבער דער קלוגער טהאָמאַס פּ. מעקדולאַנד דערזעהען א נבואה, אַז די וויסטע וועט אמאָל א אידישער ישוב זיין. ער האָט בעמערקט ווי „ישראל'ס קינדער" שפּרייטען זיך אוים ביי די ברעגען פון שטאָדט, וואָס גרענעצען זיך מיט זיינע פעלדער.

האָט ער זיך א אידישען פערוואַלטער גענומען.

און קאָהען, דער פערוואַלטער, האָט זיך געלאָזט בויען א שעהנע הויז אויפ'ן גרי־נעם וויסטען פעלד, וואו ער האָט זיך מיט זיין הויזגעזינד אריינגעקליבען.

באַלד איז ניט ווייט פון זיין הויז אויסגעוואַקסען אַן אנדער גרויסע הויז מיט א „מגן דוד" איבער'ן טיר, מיט א פּאָר האַלב־רונדע פענסטער פון פערשיעדען־פאַרביגען גלאָז און א גרויסע מודעה צוגעקלעפּט צום טיר האָט מכריז געווען: „ א נדבה פון מיסטער טהאָמאַס פּ. מעקדולאַנד". — זאָלען אידישע קינדער האָבען וואו זייערע תפילות צו זינגען...

צו אַלע־ענם וואונדער האָט נאָך פּלוצלונג די „שטאָדט פערוואַלטונג" אויסגעבויט אויף אָט דעם וויסטען פעלד א „סקוהל" פאַר קינדער...

און עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען ישוב.

מיסטער קאָהען דער פערוואַלטער פון דער „טהאָמאַס פּ. מעקדולאַנד קאָמפּאַניע" איז אויך געווען דער גבאי פון שוהל.

יעדען שבת פלעגט דער גבאי נעהמען זיין סעמעלען, א דרייצעהן יאָהריגען אינגעל, און קומען מיט איהם צו שחרית אין שוהל.

— זאָל ער זיך לעהרנען צ זיין א איד, — פלעגט דער גבאי שטענדיג זאָגען, — זאָל ער ניט צולאָזען ווערען אין גאַס מיט דער חברה. —

אין דער צייט פון קריאת־התורה, ווען דער גבאי האָט פלייסיג געשמועסט מיט די אידען פון מזרח־וואַנד, וועגען געשעפט, פלעגט סעמי ארויסגעהן אין קאָרידאָר פונ'ם בית־מדרש, אוועקשטעלען זיך אין דער האַלב־אָפענער טיר פון דעם שמש'ם וואָהנונג און קוקען.

צוערשט איז ער געווען נייגעריג צו זעהן, ווי מענשען וואָהנען דאָס אין א שוהל, זיי עסען דאָרטען, שלאָפען דאָרטען א גאַנצע נאַכט; ער וואָלט מורא געהאַט צו זיין דאָרט, טראַכט ביי זיך סעמי. איבערהויפט צו שלאָפען ביי נאַכט, אין אזא גרויסער שוהל, וואו עס שטעהען אזוי פיעל ליידיגע בענק, הויכע ווענד, לאַנגע מאָדנע פענסטער, די צוויי בייזע לייבען איבער'ן ארון־קודש מוזען ביי נאַכט ווילד ברומען. די מאַמא דער־צעהלט, אז טויטע קומען אהער ביי נאַכט דאַווענען. א מורא, א גרויסע מורא צו וואָהנען אין א שוהל.

און סעמי פלעגט נייגעריג קוקען, ווי דעם שמש'ם קליינע קינדער לויפען אום, שפּיעלען זיך, און ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אזוי זיי האָבען דאָס גאָר קיין מורא ניט.

אויסער חנ'קע, א קליינע שוואַרץ־חנ'עוודיגע מיידעל, אין סעמי'ס יאָהרען, האָט דער שמש פערמאָגט א דערוואַקסענע טאָכטער, א כלה־מויד.

סעמי האָט דעם שמש'ס עלטערע טאָכטער קיין מאָל ניט געזעהען. נאָר חנ'קע האָט איהם איין מאָל אָנגעוויעזען אויף א בחור, וועלכער איז אריינגעקומען, אז דאָס איז איהר שוועסטער'ס חתן. דער בחור פלעגט אריין קומען און פערשווינדען אין א זייטיגען צימער.

און איין מאָל, ווען סעמי שטעהט אזוי און קוקט אויף דעם שמש'ם הויז און אויף די „פּאָני" קינדער, וועלכע האָבען ניט מורא צו שלאָפען א גאַנצע נאַכט אין שוהל, פאַלט זיין בליק אויף א שפּיגעל, וועלכע הייננט פונקט געגענאיבער דער אָפענער טיר.

אינ'ם שפּיגעל האָט ער דערזעהען א מאָדנע זאַך:

אויף א פערבעטער בעט, זיצט א בחור געראָטען אין דעם שמש'ם טאָכטער'ם חתן. נעבען איהם ביי א טישעל שטעהט א מיידעל אָהן א „ווייסטעל", און פלעכט לאַנגע שוואַרצע צעפּ אין איהר קאָפּ.

יעדע ווייל, שפּרינגט דער בחור אויף ווילד פון בעט, כאַפּט ארום דאָס מיידעל, פּרעסט זי שטאַרק צו זיך, קושט איהרע נאַקעטע הענט, די אַקסעל.... דאָס מיידעל לאַכט שטיל און שטאַרק, טרייבט איהם פון זיך און קושט איהם אויך...

סעמי איז ווי צוגעשמידט געוואָרען. מאָדנע האָט ער זיך דערפיהלט, ווי אימעצער וואָלט איהם דאָס הערצעל געצופּט... ווי לאַנגע שאַרפע שפּיזען האָט ער זיינע בליקען אינ'ם שפּיגעל אריין געשטאָכען. געקוקט, געקוקט אָהן אויפהער.

חתן־כלה געהען דורך פערפוצטע, פאַרביי סעמי'ן, איהם טוהט באַנג וואָס אזוי שנעל זענען זיי שוין אוועק... א צוטומעלטער געהט ער צוריק צום טאַטען אין שוהל אריין

א גאַנצע וואָך טראַכט סעמי, וועגען דער פאָרשטעלונג אינ'ם שמש'ם שפּיגעל. ער דערוואַרט קוים דעם שבת, ווען דער טאַטע וועט מיט איהם געהן אין שוהל. —

און יעדען שבת, זעהט ער אין שפּיגעל פערשיעדענע נייסען. —

איין מאָל, שטעהט אַזוי סעמי אין טיר און קוקט צו אַ פּערציטערטער ווי דער שעהנער שפּיגעל דערצעהלט פונ'ם זייטיגען צימער. חנה'קע שטעהט נעבען סעמי'ן מיט'ן בעזים אין האַנד און דערצעהלט איהם זאַכען, וועלכע קריכען איהם גאָר ניט אין קאָפּ....

מיט אַמאָל גיט חנ'קע אַ קוק אויף איהר סעמי'ן און זי דערשרעקט זיך: בלאַס איז סעמי, ווי קאַלך.

— סעמי, וואָס איז דער מער מיט דיר? — פרעגט איהם חנ'קע שטיל.

סעמי הערט ניט.

— סעמי? — פרעגט ווידער חנ'קע.

סעמי שווייגט און שטעהט פערגליווערט.

ווענדעט חנ'קע איהרע אויגען, וואו סעמי קוקט און גיט מיט כעס אַ געשריי:

— דו ביזט אַ שלעכטער אינגעל — !..

חנ'קעס עלטערע שוועסטער לויפט אַרויס פונ'ם זייטיגען צימער:

— אינגעלע, שלאָג איהר ניט — !

— איך שלאָג איהר ניט—, ענטפערט סעמי צושראָקען

מען פערמאַכט די טיר. סעמי בלייבט שטעהן אין קאָרידאָר, ווי נאָך אַ חלום. און ערשט איצט פיהלט ער אַז חנ'קע איז ווערט קלעפּ...

דער גבאי האָט אַ שעהנע פעטע בהמה. דער שמש פערמאָגט צוויי ווייסע ציגען.

עס קומען די הייסע זומער מאָנאַטען, די קינדער זיינען פריי פון לעהרנען זיך, פיהרט אַרויס סעמי, זייער בהמה צו פיטערען אויפ'ן גרינעם גראָז.

טרייבט אַרויס חנ'קע זייערע צוויי ווייסע ציגען אויך אויפ'ן גרינעם גראָז.

קומען זיך צוזאַמען די ציגען מיט דער בהמה, און קייען בשותפות די פּאַשע.

שטעהט סעמי, און שמייכעלט מיט זיינע בלוט־רויטע ליפּען, גענען דער שוואַרץ־חן'עווּדיגער חנ'קע.

פערשעהמט זי זיך און לאָזט אַראָפּ די אויגען

וויל חנ'קע אָפּטרייבען די ציגען, זי וויל מיט זיי אַוועקגעהן.

טרייבט סעמי זיין בהמה ווידער צו די ציגען. —

ווערט חנ'קע אין כעס און ברוגז'ט אָן אַ ליפּעלע.

בעט איהר סעמי איבער און גלעט מילד איהר גערויטעלטע בעקעלע.

כעס'ט זיך חנה'קע נאָך מעהרער און הרעהט מיט איהרע אַקסלען.

געפעהלט דאָס זעהר סעמי'ן, און ער גלעט ווידער.

קריעגען זיי זיך אַזוי אַ גאַנצען טאָג אויף שטום־לשון... ביז די בהמה און די ציגען פיהלען שוין דעם זונען־אונטערגאַנג, און שפּאַנען, קייענדיג, צום ישוב. — — — — — —

ביי נאַכט, חנה'קע ליגט אין בעט נעבען איהר עלטערע שוועסטער, קוקט מיט אָפענע אויגען צו דער פינסטערער סטעליע. זי דערמאָנט זיך אויף דער שפּיגעל... און זי פיהלט, זי ווערט עהנליך צו איהר עלטערער שוועסטער... אַ כלה איז איהר עלטערע שוועסטער, סעמי האָט היינט אויף איהר אויך געזאָגט: כלה.

איהר טאַטע לעהרענט מיט איהר חומש. האָט דאָרטען „רבקה“ התונה געהאַט צו „יעקב'ן“ נאָך אינגער ווי זי איז.

מיט אמאל דערפיהלט זי, אז עפעס צופט און רייסט איהר, פון ביידע זייטען הארץ. זי ליינט צו איהרע הענדטלאך, און דערפיהלט עפעס אונגעוועהנליכעס...

און זי דערמאנט זיך, ווי שעהן סעמי איז. וואס'ערע ווייכע קלאהרע הענט ער האט. כלה האט ער איהר גערופען, מיין ליעבע שעהנע כלה....

אין פריהמארגען, ווען חנ'קע דערהערט די ערשטע טריט אין קארידאר פון די אידען וואס געהען דאווענען; כאפט זי זיך אויף, טהוט זיך אן, און שלאגט זיך אליין אן ארויסצוטרייבען יעצט די ציעגען אויפ'ן גראז..

איהר מאמע איז צופריעדען, א טייער קינד.

— עס עפעס, איידער דו געהסט אוועק, — זאגט איהר די מוטער ליעבליך, — עס אפ, חנה'לע. —

חנ'קע טרייבט ארויס די ציעגען. די גראז איז נאך נאס פון פרישען טויה. א קיהל מארגען־ווינטעל יאגט. די זון, ווי א גרויסע קופערנע טעלער הויבט זיך אויף פונ'ם ים, און פלעכט זיך אריין אין א דינעם דורכזיכטיגען וואלקען, ווי מיט א טול ווערט איהר רויטער פנים בעצויגען. די ציעגען בויגען שטום זייערע קעפ צום גראז. חנ'קע קוקט... ס'נעהמט איהר ארום א בענקשאפט, זי ווארט אויף עפעס... זי שעהמט זיך צו טראכטען

באלד בעווייזט זיך א רויטע גרויסע בהמה, שפאנט איבער'ן פעלד גדלות'דיג, מיט איהר ווייסע לאטע אויפ'ן קאפ. חנה'קען הויבט אן אין הארצען נאגען, נאגען, זי דער־זעהט סעמי'ן דערשרעקט זי זיך... און בלייבט שטעהן פערשטיינערט..

פלוצלים אבער שטעלען זיך אויף די ציעגען אויף די הינטערשטע פיס און נעהמען זיך קלאפען מיט זייערע הערנער, פערפלאנטערען זיי זיך מיט די פערדרעהטע הערנער איינע אן דער צווייטער. הרעהען זיי מיט די נארישע ציעגענע קעפ און קענען זיך ניט ארויספלאנטערען. צולאכען זיך די קינדער פרעהליך, ווערט זיי היימליכער..

און די זון ווארעמט די גראזען — — —

ווינטער.

דעם גבאי'ס בהמה שטעהט אין שטאל. דעם שמש'ס ציעגען זענען שוין לאנג פער־קויפט.

א סך הייזער האבען זיך צום פעלד דערנעהנטערט. די הייזער האבען שווארצע פענסטער און זיי קוקען מיט זיי צום אפענעם פעלד ארויס....

און דאס פעלד איז מיט א דיקען שניי בעדעקט...

סעמי און חנ'קע בעגעגענען זיך בלויז אין דערפריה און פארנאכט נעבען דער סקוהל.

שעהמעוודיג דערזעהען זיי זיך און פערשעמט צושיידען זיי זיך..

אפט חלומט זיך חנה'קען, אז דער גבאי האט זיי ארויסגעטריבען.... איהר טאטע־מאמע וויינען: סטייטש גזלנ'טע, וואס האסטו געהאט צו אונז? געבליבען אהן ברויט. אלץ צוליעב היר...

אין בית המדרש איז קאלט... קאלט...

אין דערפריה דאווענען אפ א פאר מנינים, די תפלות אבער טראגען זיך ווי פון אונטער א מאשין.

אויף מנחה און מעריב קומען בלויז אַן די אבענדשאָטענס, טרויעריגע, קאַלטע... פילען אוים די גרויסע געביידע, צולייגען זיך אויף די שטומע ווענד, אויף די שווייגענדיגע ביינק.

ניטאָ קיין מתמיד וועלכער טרעלט ערגיץ אין א ווינקעל זיינע הארציגע גמרא ניגונים וואָס זאָלען זיך צופליהען איבער׳ן מקום קדוש, און אָנפילען יעדען ווינקעל מיט ווייסע קלאָהרע נשמות פון ערשט געבוירענע מלאכים.

הילט זיך חנה׳קע איין אין דער מאַמעס גרויסער שאַל, כאַפּט זיך ארוים פון שטוב און גנב׳עט זיך אריין אינ׳ם גרויסען שטילען בית־מדרש... יעדער טראָט ענטפערט זיך אָפּ פונ׳ם הויכען קיילעכדיגען באַלקען.. מיט גרוים שרעק געהט זי צו צו דער טיר, עפענט זי שטיל אויף, סעמי כאַפּט זיך אריין, ער איז אָנגעפרוירען, פון אונטער זיינע פים סקריפעט דער שטייפער שניי. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער הויך איבער׳ן ארון קודש קוקט שוין אריין די לבנה דורך׳ן קאָלירטען גלאָז פון די האַלברונדע פענסטער. עס שפּאַרען זיך געהיימניספאָל רויטבלויע ליכטפּאַ סען... ציהען זיך איבער׳ן בית המדרש, קוקען אויף די ליידיגע ביינק, פאַלען אויף די פנימ׳ער פון די קינדער...

שטייף דריקט סעמי זיין חנה׳קען צו זיך — פּרעסט מיט זיינע שעהנע הענטלאך איהרע נאָך ניט צייטיגע ברוסטען. עס טראַגען זיך קושען, הייסע, זיסע... צויאָגען זיך איבער׳ן פּוסטען בית־מדרש. עס טראָגען זיך וואָרקענדע, ווייסע טויבען... דאַן שטרעקט ארוים די שכינה פון אונטער׳ן פּרוכת איהר גאָלדענעם קאָפּ... קוקט פערוואונדערט : — א ווארעמקייט !... א פּלוצלונגע ווארעמקייט ! — ציטערט זי אויף — — — און ס׳גיסען זיך איהרע גאָלדענע שטראַהלען אויף צוויי ווייסע, בלוי־רויטע קעפּ — — —

מ. באסין:

דער טאג

א זוהן פונ'ם פלאמיגען מזרח ענטפלעקט זיך פון אנפאנג א בלאסער,
פערבארגען אין טהויאיגען מאנטעל,
אזוי ווי ס'בעוויזט זיך א געטער־געשטאלט פאר דעם אויג פון א נביא — — —
וואס ווייטער און ווייטער אלץ העלער, אלץ זוניג־דורכזיכטיגער, ברייטער,
צושפרייטער, אזוי ווי דער טרוים פון אן עביגען פריהלינגס־פריהמארגען.

צוגעהמט ער די ווייסע פריי־וועה ענד־דורכזיכטיגע ברעגעס פון מאנטעל;
און שפרייט זיי געלאסען אויף ערד און אויף ים'ען, אויף לענדער און וועלטען — — —
צושפרייט ער זיין ווייסען און זוניגען מאנטעל אריבער, אריבער,
און לאנגזאם מיט גאלדענע שפיזען פערטרייבט ער די נאכט פון די שויבען.

עס נעהמט זיינע קליינע, פיעלפארביגע, נארישע, ווירבלענדע קינדער,
דער אייביגער פאטער פון יוגענד — דער טאג — אויפ'ן גאלדענעם שויס זיך
און שמייכעלט — — און קוקט ווי מיט שטויביגע פיסלעך זיי פלעקען דאס קלייד איהם
צוגיסט זיך זיין שטראהלענדער שמייכעל אלץ ברייטער פון איין וועלט צו'ר צווייטער.

ער שמייכעלט... דאך צייטענווייז וואלקענט זיך גרוי אן זיין ליכטיגער שטערען,
און ס'דאכט זיך — אט וועט ער א הויב טהאן א ברעג פון זיין פאלע, און צארניג,
א ווילהער א ציה טהון א פאך טהאן אין לופטען פון איין רוים צום צווייטען,
און ווייט מיט דעם קול פון א דונער וועט פלאצען א גרוויזאמע קללה.

דאך וואגט ניט צו טהון עס דער קלוגער, דער אלטער און אייביגער יונגער,
דער צינדער פון אויגען און וועלטען, דער שמייכלער פון אירדישע טומלער. —
„נו ווירבלען זיי, ווירבלען זיי ווערעמלעך קליינינקע“, שמייכעלט ער זוניג...
פארנאכט נעהט ער וואשען דעם מאנטעל,
אום מארגען איהם ווידער א ווייסען צו ברענגען אלס שפיעל־צייג די קינדער....

אבענד

עס וועבט זיך דאס נאכט־קלייד דאס אייביגע, שווארצע
און רוקט זיך אריבער דעם טאג'ס ווייסען לעבען...
עס ווארטען די גאסען די קומענדע צינדער,
און זינקען אלץ טיעפער אין שאטען־געוועבען. —

און ס'זוכען זיך בליקען ארום אין דער פינסטער,
אזוי ווי פערבלאָנדזשעטע היימלאָזע טויבען.
באלד האָט ווער פאר צאָרן דאָס נאכט-קלייד צולעכערט —
עס ווייזען זיך פייערלעך וואו אין די שויבען...

עס קומען די צינדער און צינדען און צינדען, —
עס בליצען די לאָמפּען אין העלען, אין בלאסען,
און ס'פליסען אין שטראָמען אי יונגע, אי אלטע,
עס טראָגען געלעכטערס זיך אום אין די גאסען — — —

און עלטער אלץ עלטער מיט שעה'ן די נאכט ווערט,
און פאנגט אין די גאסען זיך אָן שטיל צו לייגען...
און קירצער אלץ, מיעדער, צוזייהטער די רייהען,
ביז ס'פאנגען די גאסען אָן שליסען די אויגען.

נאכט

ס'האָט עמיץ אין אייביגען טרויער מיט קראנקע, פערבלוטיגטע אויגען
ווי גוסס'ע זונען: מיט קויל-שווארצע, ברייטע, צועפענטע פליגעל
אויף ווייטען און רוימען מיט פינסטערע כוואליעס צו ווייהען גענומען...

און אייגגעהילט האָט ער זיין גאָלדענע קרוין טיעף אין שווארצען, אין שווארצען...
און שטום מיט דעם צער פון אן אָבל געקלעמט זי צום טרייסטלאָזען הארצען,
און שטיל און פערביטערט מיט הארציגען טרויער צואווײנט זיך... —

און ערגעץ אויף פעלדער צושפּרייטע לויפט לילית א בלייכע, צושראָקען,
זי רייסט פון צושויבערטען קאָפּ זיך די ווייך-שווארצע, זיידענע לאָקען,
און וואַרפט זיי צורייצט אום אין לופטען, אין לופטען מיט ווילדען געלעכטער...

און שווער צו דער ברוסט פון א מוטער איז הילפלאָז א קינד צוגעפאלען,
און קוים מיט צושראָקענע הענטלעך ווי גוסס'ע פליגעל, געצאפעלט
און קראנק זיך געבעטען: „די אויגען פערדעק מיר!... בעהאלט מיך!...

הערמאן גאָלד:

חברים

זרחי איז געגאַנגען אויף איסט בראָדוויי, געטאַפּט אַלע מאָל די צייטונג אין קעשענע און געוואַרט, זי זאָל אָנקומען.

ער וועט איהר איבעררּאַשען: אין דער צייטונג פאַנגט זיך אָן איהר גרויסע ערצעהלונג. און זי וועט איהם קומען אַנטקעגען מיט איהרע פערפלאַמטע קיילעכיגע בעקעלעך, מיט׳ן געלעכטערל אין די שמייכעל־גריבעלעך. און די אויגעלעך מיט די שוואַרצע ברעמען וועלען טאַנצען מיט אַ פייערל, מיט אַ לוסט, און די הענד וועלען זיך אויסשפּרייטען צו איהם פון ווייטען און איהר שמייכעל וועט רופען:

— זרחי! דו!

אַ לעבעדיג מעדעל איז זי, אַ ברען, און ער איז דאָך אַזוי בחוריש געשטימט שטענדיג, אַזוי ערנסט. נעבען איהר פרישען קערפּער בלויז פאַנגט עס אין איהם אויך אָן צו לעבען, פאַנגט אָן דאָס אויג זיינס איינגעשפּאַנט אין פייערל צו טאַנצען...

דער מענשענשטראָם ווערט גרעסער און גרעסער: דאָס האָבען די מיידלעך פון די פאַבריקען אויסגעשפּיגען אַ פּאָר קנײדלעך מענשען אין די גאַסען אריין. פון אויבען איז געקומען אַ הייסע פּליסיגקייט וואָס האָט זיך אויסגעמישט אין דער לופט, און איסט בראָדוויי האָט זיך געקאָכט אין דעם שוויים פון מענשענלייבער.

אַנטקעגען, אין העסטער פּאַרק, ליגען צוזאַמענגעפּרעסט בערגלעך לייבער. מאַמעס מיט קינדער, מעדלעך מיט בחורים. זיי קאָכען זיך אין שוויים און שעפּען לופט; לויפען אַלע מאָל ארויס צו די וועגעלעך וואָס שטעהען ארום פּאַרק, דאָרט שטעהן אידען און פערקויפען אייז־וואַסער אַ סענט אַ גלאָז. זיי כאַפּען די גלעזער, שלינגען דאָס וואַסער מיט דורשט, און די גאַס ברענט..

מיט פולער צופרידענהייט געהט צו זרחי צו אַ וועגעלע אייז־וואַסער:

— ר׳ איד; פון וואָס מאַכט איהר אייער וואַסער?

— קיין איין טראָפּען טראָפּענס — זאָלען מיר ביידע אַזוי געזונד זיין! פּראָסטע וואַסער מיט צוקער און ציטראָנען.

— און די וואַסער קאָכט איהר ניט?

— זאָל מיר אסור זיין! למאי?...

זרחי און ארומשטעהנדע האָבען זיך צולאַכט.

— אידען מאַכען זיך פּרנסות!

— זאָל נאָר גאָט געבען, קיין רעגענדעל זאָל ניט אונטערשפּרינגען! —

האָט דער אידעל געבעטען, די אויגען צו די הימלען ארויפטראָגענדיג. זרחי איז אוועק זוכען דבורה׳ן, טאַנצענדיג מיט זיינע געדאַנקען:

דבורה — דבורה — און אין קעשענע די צייטונג — היים — היים — אַ מערעל לויפט דאָרט —

— זרחי!

ער קוקט זיך אום. נעבען איהם שטעהט בלום מיט אַ פרעהליך געזיכט:

— גוט וואָס איך האָב אייך געפונען, זרחי! איך שטאַרב אַ טרונק; קומט צו, וועלען מיר נעמען אַ גלאָז וואַסער.

— נאַט אייך אַ סענט און טשעפּעט זיך אָב פון מיר! איך האָב איצט ניט קיין צייט.

— ניין, איהר מוזט געהן!

זיי זענען צוגעגאַנגען נעמען וואַסער.

— האָט איהר עפּעס נייעס צו דערצעהלען?

— דערווייל גאָרניט. מיין צונג איז טרוקען ווי בליי! זרחי, די רעדאַקטערע פער־מאַטערען מיך!

זרחי הערט שוין אָבער ניט קיין וואָרט. זיי טרינקען וואַסער, און זרחי'ן באַמ־בעלט זיך אין קאָפּ:

— דבורה — היים — די צייטונג אין קעשענע — לידער — לעבען —

— זרחי, וואָס טוט מען? איך וועל איצט מעהר גאָר ניט שרייבען! אַ יאָהר צייט!

זרחי קוקט ווייט. פון דאָרט קומט ווער געהנטער. אָט זענען די אויגען! דאָס פּייערל, די בעקעלעך שיינען אַנטקעגען פייערל, די בעקעלעך שמייכלען אין די גריבע־לעך, — און אָט זעהן זיי זיך! די אויגען בעגעגענען זיך! —

— זרחי!

זי שאָקעלט צו איהם מיט'ן קאָפּ, העבט די הענטלעך אין דער לופט און ער — ער טאַנצט. אָט שפּרינגט ער צו צו איהר, ער וויל שוין זיין דאָרט, אין איהר שאָטען, אין איהרע פיער איילען, קוקט ער זיך אַרום און זעהט נעבען זיך בלום'ן:

— איהר האָט מיר עפּעס געזאָגט, בלום?

— איך האָב אייך געפרעגט צוויי מאָל, און איהר האָט מיר ניט געענטפערט!

— קומט אַרויף שפּעטער, אין אַ שטונדע אַרום: דבורה וועט זיין ביי אונז, הער־צעל און אַנדערע.

דערווייל איז צוגעקומען דבורה מיט אַ געלעכטער:

— אַ — נו, זרחי!

— וואָס; נו?

— מיין ערצעהלונג?!

— איהר האָט עס שוין געזעהן?!

מעכאַניש האָבען זיך איינגעקייטעלט זרחי'ס פינגער אין דער צייטונג און ווי געוואָלט מיט די נעגעל צוגראַבלען עס אין שטיקער, צורייסען און צובלוטען עס — האָט איהם דבורה אָנגעריהרט מיט איהר האַנד, און ער האָט אַ ציטער געטהון.

— מיר וועלען שוין האָבען אייז־קרים, בלום; לכבוד מיין ערצעהלונג! און איהר, זרחי, איהר וועט ניט זיין צופרידען פון דער ערצעהלונג — וואָס? איהר האָט עס שוין געלייענט? ס'געפעהלט אייך? — לאָזט מיר צורוה! איהר פאָדערט שטענ־דיג פון מיר אַזוינס, וואָס איך וועל אייך קיינמאָל ניט נאָכגעבען!

זי האט זיס געלאכט, און ער האט זיך געצערטעלט מיט יעדען קלאנג פון איהרע ווערטער, מיט יעדען שמייכעל פון איהר בליק: ווי ער וואלט האלטען אין האנד א גאלדען קייטעלע און שפילען זיך מיט דעם.

— איך פערלאנג פון אייך אזוינס, וואס איהר וועט מיר קיינמאל ניט נאכגעבען?

— וועד האט עס אייך געזאגט? פערקערט, איך פאדער פון אייך אבסאלוט קיין — בלום האט זיך אריינגעמישט:

— דאס איז שוין ניט אמת, זרחי! איך האב מורא צו זאגען: אן אבסאלוטער ליגען. איהר פערלאנגט פון מיר אויך דאס זעלבע. איהר האט ליעב דעם טרוקענעם באנאלען רעאליזם —

דבורה:

— יע! דאס וואס איהר קענט — ווירקליך שעהן — אויספיהרען אין אייערע אריגינעלע פאעמען, אבער דאס קענען מיר ניט. און אז איהר ווילט, קען איך אייך פערזיכערען, אז דער רעאליזם פון אייערע לידער איז מאדערן, אבסאלוט ניט באנאל, ווי יענער וועלכען איהר ווילט אונז אנהענגען.

— אבער —

— ניין. ניטא קיין אבער! איך וועל אייך ניט לאזען רעדען, זרחי. לעגט אריין די צייטונג אין קעשענע; אזוי: אייערע לידער פון צוויי יאהר צוריק זענען, אמת, מעהר ראמאנטישע, אבער ווייניגער אריגינעל: דער אלטער אומעט, דער בעקאנטער זיפץ.

— לאמיר בעסער ארויפגעהן אין אונזער צימערל. קומט, בלום!

בלום וויל ניט. בלום וויל בעסער געהן עסען. ער וועט שפעטער ארויפקומען. זיי געהען ביידע און זי גיט איהם שמייכלענדיג א קאמפלימענט:

— איהר האט ווירקליך פערדינט, איך זאל געהן מיט אייך: אזא שעהן צימערל וואס קוקט ארויס אויף דעם שעהנעם העסטער־פארק, אזא צימערל איז אנ׳אמתער נחת!

יא. ער פיהלט דעם נחת. זיי זיצען ביידע נעבען פענסטער, איין ווינטעלע גלעט זיי ביידען ארום און זי —

זי שמייכעלט. ראזע גריבעלעך ליגען אויף די באקען נעבען זיינע ליפען און איהם דאכט זיך, ער קושט זיי, קושט זיי...

זיי ביידע רעדען, — אמת׳ער, זי רעדט און ער, ווי ער וואלט זיך ווירקליך צוגעהערט צו אלע איהרע ווערטער, ווארפט אלע מאל אריין א האלבען ווארט פון יוצא וועגען, א יא אדער א ניין, און די גאנצע צייט קוקט ער אויף איהרע ליפעלעך און איהם דאכט זיך, זיי קושען איהם...

— נו?!

זי קוקט אויף איהם מיט געלעכטער און פראגע, און ער ווייסט פון גארניט צו זאגען.

— נו? איך האב דאך אייך געפרעגט עפיס, און איהר האט הפנים גארניט געהערט!

— אמת. איך האב ניט געהערט.

— איהר זענט געווען פערטראכט! איך וואלט שווערען, אז איך נעהם איצט א געוויסען אנטייל אין אייער טראכטען!

— געטראפען.

— אָ, ניט געטראָפען, נאָר פּראָסט געזעהן! אז אייערע אויגען זענען אין גאַנ־צען געווען פּערזונקען אין מיר, אז איהר האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט מיך נאָכצופאָרשען אזוי אָפען! ס'איז ווירקליך אינטרעסאַנט, וואָס איהר האָט געקענט טראַכטען וועגען מיר!

ער האָט איהר געוואָלט ענטפערען עטוואָס אזוינס, וואָס ער האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט פאַר איהר. — האָבען זיך אַ ווירבעל געטון ווערטער און געמען אין אַ פּלאָנ־טער, און ער האָט שנעל אַ טראַכט געטון:

ווי שעהן זי איז!

— איהר טראַכט שוין ווידער? וואָס טהאַכט איהר דען אזוי פיעל וועגען מיר?

— איך טראַכט אַ סך, דבורה, אָט טראַכט איך איצט וועגען דעם, וואָס אלע האָבען איך ליעב ווי אַ שוועסטער.

זי האָט זיך צולאַכט הילכיג פרעהליך:

— ווי אַ שוועסטער — כאַ־כאַ־כאַ! ווייל איך בין אַ מעדעל! איך זאָל זיין אַ אינגעל, אַ בחור הייסט עס, וואָלט מען מיך ליעב געהאַט ווי אַ ברודער.

— ניט דאָס!

— וואָס דען?

— אָט וואָס:

ער האָט זיך אליין אַ יאָג געטהון ווייטער און געענדיגט:

— איך מיין, וואָס אלע האָבען אייך אזוי ליעב און — איהר — שווייגט —

אָט איז אַ שאָטען פון זיינע ווערטער! נאָך ניט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגען, אָבער ס'איז גוט. גוט ארויסגעפּלאָנטערט.

און זי האָט אַ ציטער געטהון:

ער האָט ווירקליך אַ פערפּלאָנטערטע מיינונג אין זיין ענטפער. ווי ער איז פער־קראָכען מיט זיינע לעצטע ווערטער!

אָבער, איינגאַנצען ניט זיכער, האָט זי געפרעגט:

— ווירקליך, זרחי, איהר ווילט מיר עפּיס זאָגען; אָבער איהר מוזט עס קלעהרער ארויסברענגען.

— קלעהרער? האָט איהר טאַקע ניט פערשטאַנען? גאָרניט?

אַ רויטע כוואַליע האָט אַ וואַש געטון איהר געזיכט, און ער האָט געזעהן.

זיין הארץ האָט אַ שפּרונג געטון. און דערווייל האָט זי זיך בערוהיגט:

— אלע האָבען מיך אזוי ליעב — און איך שווייג — אזוי האָט איהר דאָך גע־פרעגט? נון, ווייסט זשע: איך שווייג, ווייל איך האָב אַ סוד — — —

אַ ווייל האָבען זיך ביידע שטיל פערטראַכט, ארויסקוקענדיג דורכ'ן פענסטער אויף אַ פּאָר איינזאַמע בוימעלעך אין העסטער־פּאַרק, וואָס האָבען זיך געוויגט. זרחי האָט זיך אויפגעכאַפּט צוערשט.

— איך האָב אויך אַ סוד!

זי האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט:

— דאָס האָט עפּיס צו מיר?

איהרע אויגען האָבען איהם משוגע געמאַכט. ער האָט דאַמאָלס געוואָלט איבערוועג־גען די שטוהל מיט זיין קערפּער און ער זאָל זיך איבערקעהרען: זאָל ער די פּלייצע צוקלאַפּען, צושמעטערען! — אָבער ער האָט עטוואָס אנדערש געטון:

האט אריבערגעווארפען זיין האנד ארום איהר האלז, אוועקגעלעגט זי אויף איהר ווארעמען אקסעל און אריינגעקוקט אין איהרע אויגען:

— איך האב אויך א סוד!

— דאס האט — הייסט עס — צו מיר עפּיס! —

די אויגען קוקען מיט פראגען און איהר אקסעל הויבט זיך ארויף און אראב. ער דערשרעקט זיך פאר דעם און נעמט ארונטער זיין האנד.

— ס'מאכט ניט אויס. —

לאכט זי מיט א האלבען געלעכטער צו איהם:

— איך האב אייך אויך ליעב, ווירקליך!

א כוואליע פון פרייד טהוט זיך א יאג צו איהם. אט־אט, און ער ווערט דערטרונקען פון איהר. מיט די לעצטע כחות שרייט ער אויס, זיך ראטעווענדיג:

— יא?!

—יא. אבער — איך האב א סוד — — —

— איהר האט דאך מיר אבער געזאגט עפּיס פריהער! געזאגט מיר! ווירקליך!

ער כאפּט ארום איהר האלז און גיט א קוש איהר שמייכעל גריבעלע.

זי לאכט צופריעדען:

— א קוש?!

ער ענטפערט מיט פייער און אהן א ברעקעל קאנטראל איבער זיינע געדאנקען:

— א קוש!

און פרעסט איהר אב נאך א קוש אויפ'ן זעלבען שמייכעל גריבעלע.

זיי קוקען זיך אן מיט צופרידענע שמייכעל־געזיכטער; זיי פערשעהמען זיך, און דערביי טראכטען זיי איבער:

דאס האט דאך מיך צופריעדענגעשטעלט! אויף איין ווייל, אבער דאך צו־פריזענגעשטעלט!

— איך האב אייך דערצעהלט מיין סוד; צו וועט איהר אויך אויסזאגען אייער סוד?

— ס'וועט אייך צו גארניט נוצען.

— צו גארניט? — און דאך, זאגט עס מיר. איך קען אייך דאס איינס צוזאגען: דאס אינטערעסירט מיך פונקט ווי אייך אליין.

— פאר מיר איז דאס וועניג. פונדעסטוועגען וועל איך עס אייך אויסזאגען. דעם סוד — — —

ער האט זיך דערוואַרט:

— אלע האבען מיך אזוי ליעב און איך שווייג, — דאס איז געווען אייער פראגע. אלזא, איך וועל דא ניט אריינגעהן אין דער פּסיכאלאגיע פון אייער ליעבע צו ערקלע־רען אייך, וואס אזוינס מ'האט אין מיר געפונען מיך ליעב צו האבען; איינס קען איך אייך איצט יא זאגען: אז מיין ליעבע — מיין ליעבע זוכט עטוואס אזוינס חוץ דאס גע־וועהנליכע; מיין ליעבע וויל אזוינס, וואס מ'זאל זיך קענען פערליבען אין דעם אר־טיסטיש, — בקיצור, מיין ליעבע זוכט א סוד וואו איך זאל זיך גריבלען, א געהיימ־נים וואס זאל מיך פעראינטערעסירען, פעראינטערעסירען אזוי — ביז צום פערליבען זיך, ביז צום איבערגעבען זיך אינגאנצען צו דעם סוד. א'ן איך האב איצט א סוד — —

ער שווייגט דערשלאגען און זי ענדיגט ווייטער, וועלענדיג מאכען ווייכער און ליע־בער דעם געשפּרעך:

— דאָס איז איצט אַריין אין דער מאָדע, זרחי. איך בין ניט שולדיג אין דעם. איצט האָט מען ליעב סתרי תורה, פינטעלעך, דעקאַדענס; איצט גריבעלט מען זיך אין חסידישע קבלה, אין מיסטישע מעשה׳לעך; און דאָס איז דאָס איצטיגע לעבען;
— איהר ווייסט עס דאָך! איצט וויל מען זיך דאָס לעבען מאַכען פינטעלעך, מיסטיקע...

זי האָט געשמייכעלט, און ס׳האָט גאָרניט געווירקט.

די מינוטען זענען איהר געוואָרען שווער און שווערער, ער האָט געזוכט אין זיי איג־טערעס, געזוכט אין זיי לעבען, און זיי האָבען איהם געדריקט...

זי האָט עס ניט געקענט צוזעהן:

— איהר ווייסט דאָך אָבער, אז איך ליעב אייך אויך! ווארום דען ניט? אז איהר האָט מיך ליעב ווי א ב ר ו ד ע ר!..

שמייכעל־גריבעלעך האָבען געלאכט צו איהם, און ער האָט זיך ניט געקענט איינ־האַלטען; ער האָט מיטגעלאכט.

— איהר מעגט מיר אפילו געבען א קוש, אז איהר ווילט. אָבער ניט מעהר! צוויי קושען — אָבער ניט מעהר!

ווי קען ער דען ניט קושען איהר?

שיכור, קושט ער איהר איינמאָל, צוויי מאָל און ביז א דריטען מאָל. איצט איז ער שוין אינגאַנצען צופריעדען.

און אויך זי איז צופרידען. און זיי לאַכען, זאָגען וויצען. און אין די אויגען פלאַקערען פייערלעך, די באַקען ברענען און צווישען זייביידען שטראָמען זיך מינוטען לעבען, אזוי ווייך, אזוי צופרידענשטעלענד...

— מ׳קלאַפּט אין טיהר!

— עפען ניט זרח! — לאָז אונז לעבען.

— ניין. איך וועל ניט עפענען.

— און אפשר איז עס הערצעל?

טומ א ציטער ביי איהם אין מח א געדאַנק:

הערצעל — הער רעטעניש — דער סוד —

— הערצעל?!

— עפען!

— שטער אונז ניט; דו טאָרסט איצט ניט אריינ

דבורה כאַפּט זיך אויף:

— הערצעל?!

און הערצעל לויפט געשווינד ארונטער די טרעפ און ענטפערט ניט. זרחי האַלט אָפען די טיהר, ער האָט שוין חרטה פון דעם האַלבען שפּאַס — האַלבען ערנסט וואָס ער האָט דאָ געמאַכט, ער ווייסט אָבער ניט ווי צו פערריכטען עס.

— הערצעל! הערצעל!

זי שרייט און לויפט צוריקרופען איהם. יי וויל איהם זאָגען, אז דאָס איז בלויז א וויץ. ער קען עס נאָך אָנעמען דאָרט אין אן ערנסט.

און זי לויפט ארונטער די טרעפּ. זרחי הערט זיך שטיל איין צו איהר רוף, צו איהר לויף, און אין מח הילכט א ווידער־קול: —

א סוד — א סוד —

הערצעל איז געשווינד אריין אין העסטער־פּאַרק, אויסגעדרייט זיך דורך אנארויס־גאַנג און פערפּלאָנטערט זיין וועג צו איסט־בראָדוויי.

דבורה האָט איהם געזוכט אין העסטער־פּאַרק, אויסגעקוקט אַלע ווינקעלעך און אַלע בענק, און צום סוף האָט זי בעשלאָסען, צו זוכען איהם נאָך אַ מאָל אין פּאַרק.

און הערצעל האָט זיך אָבגעשטעלט און אַ טראַכט געטהון:

וואָס איז דען דאָ געווען?...

ער האָט זיך אָן אַלץ פערגעסען. ברעקעלעך פון דער געשעהעניש האָבען זיך געבאַמבעלט אין זיין זכרון און ער האָט זיי ניט געקענט צוזאַמענגעמען.

אונבעוואוסט האָבען איהם זיינע טריט צוריקגעבראַכט אין העסטער־פּאַרק. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק טראַכטענדיג און צוזאַמענגעמענדיג די ברעקלעך פון געדעכעניש; און ער האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז אויף דער וועלט.

דבורה — דן — ווי נאַריש! ער איז דאָך אַנטלאָפען! פאַר אַ נאַרישען געדאַנק איז ער אַלזאָ אַנטלאָפען! און דבורה רופט איהם: — הערציל! הערציל! און דן האָט זיך אַ וודאי דערשראָקען. — זיין בעסטער פריינד; זיינע פריינד.

— הערציל! — הערט ער די בעקאַנטע פרויענשטים. זי שטעהט איבער איהם, און שמייכעלט.

— דו ביזט טאַקע געגאַנגען מיך זוכען?

— דו ביזט אַנטלאָפען! צו האָסטו ניט געהערט, אַז איך בין אינוועניג? דו אַנטלויפסט גאָר פאַר מיר!?

און זי שמייכעלט. ער קוקט אויף איהר און טראַכט:

איך האָב דאָך איהר ליעב! און זי מיך — אויך! מיר זאָגען זיך שוין „דו“, און אַט ווי עס האַלט שוין אין מיין וועלט!

— וואָס זשע ביזטו אַנטלאָפען? דו האָסט עס ווירקליך גענומען אין ערנסט דעם שפּאַס זרחי׳ס?

ער קוקט אין איהרע טיעפע אויגען און לייענט דאָרט עפּעס. זי הערט:

— צו גלויבסטו, דבורה, אַז דער אונשולדיגער שפּאַס איז מיר ווי אַ בייזער, אַ שרעקליכער חלום געווען? איך קלאַפּ אין אַ טיהר און בעט זיך: צו האָט איהר ניט, מענשען, איין מינוט לעבען פאַר מיר? — איך זאָל זיי ניט שטערען... אָבער — איהר זענט דאָך פריינד!

זיין שטימע ווערט פלוצים העכער און הילכיגער.

— דבורה, דו ווייסט דאָך ניט פון דעם! דו האָסט דאָך דאָס ניט איבערגעלעבט! צו ווייסטו? —

ער האָט געענדיגט און איז געווען בלייך ווי קאַלך. זי האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם און געענטפערט:

— דאָס זענען חלומות. איצט ביזטו ניט אַליין, הערציל, דו ווייסט עס דאָך! קום, לאָמיר אַרויסגעהען. זרחי איז אַ פריינד — אויך דאָס ווייסטו דאָך! לאָז זשע איהם אָבער ניט וואַרטען אין אַזאַ שווערע שטימונג ווי דו האָסט איהם דאָרט געלאָזען. און פאַר דיר, פאַר מיינע חלומות אין וואַך — פאַר זיי וועט עס אויך בעסער זיין. וואָס זענען דען חלומות אין לעבען? — בלויז שאָטענס, שאָטענס! לאָמיר אוועק פון די שאָטענס, הערציל!

זיי זיינען אַוועק. הערציל האָט זיך בערוהיגט, און איהר האָט עס בעלעבט.

— קום. לאָמיר אַרויפשפּרינגען. זרחי וואַרט!

דערווייל איז דאָרט ביין טיהר געשטאַנען זרחי, געהאַלטען די טיהר אָפען און געוואָרט, זיי זאָלען ביידע צוקומען.

ער איז דער סוד... צו ניט אפשר? הערציל איז זיין נאָמען...

זרחי האָט געשמייכעלט:

דער נאָמען פון דעם סוד — צו האָט אַ סוד אַ נאָמען? — און ווען ער האָט איצט דאָך אַ נאָמען, איז עס דאָך שוין אויס סוד! — אָט ווי ער האַלט איצט!

און, ווי אַ ווינד וואָלט געקומען און אַלע זיינע געדאַנקען פערזאָגט, אַזוי פּוסט האָט זיין מח געפיהלט פאַר אַ ווײַלע, און שנעל ווי אַ בליץ האָט אַ נייער געדאַנק געפּלאַטערט:

ער האָט זיך אפשר בעליידיגט פון זיין רוף? וואָס האָט הערציל געקענט דענקען דאַמאַלס?

זרחי האָט זיך צולאַכט הויך:

פריינד! — כאַ־כאַ־כאַ! אָט ווי מיר רופען זיך פריהער! און דערנאָך, הינטער זיין פּלייצע, שאַפען מיר אינטריגעס דאָך, ווילען מיר דאָך אַרויסשטופּען איינער דעם צווייטען! — ווי זאָל מען דאָס רופען?

ער גלויבט אין מיר — און אפשר? אַ? — אפשר האָט ער איצט דעם שפּאַס פערשטאַנען ריכטיג? — הערציל! הערציל!....

איהם האָט זיך געדוכט, ווי ער הערט טריט אויף די טרעפּ. ער האָט אַרויסגעבויגען דעם קאָפּ איבער די טרעפּ און מיט שרעקען גערופען:

— הערצעל! הערצעל!

קיינער איז ניטאָ. שוואַרצע שאָטענס שרעקען איהם: זיי שפּאַצירען דאָ איהם נאָך און שפּעטער וועט מען עס איבערגעבען הערצלען. — ניין, ער וועט עס אַליין הערצלען דערצעהלען. און ווי ער וועט דאַמאָלס אויסזעהן פאַר זיין חבר — פאַר זיין חבר וואָס האָט אין איהם געגלויבט: ווי אַ שפּיי, אַ מיאוס׳ער שפּיי פון פולען מויל אַרויס אין אַ פּנים — זיין פּנים!

אין צימער האָט עס גענומען ווערען טונקעל. שאָטענס זיינען אַרומגעלאָפען אין צימער׳ל און געזוכט אַ פּלאַץ וואו צו פערזאַמלען זיך. ביסלעכווייז, ביזלעסווייז האָבען זיי אָנגעפילט זיין צימערל און זרחי האָט עס בעטראַכט טראַכטענדיג:

אָט אין אַזאַ שאָטענשטימונג, אין אַזאַ שאָטענוואַלד האָבען זיי אַ מאָל צוערשט די הערצער איינעם דעם צווייטען געוויזען; ווי וועט דאָ איצט זיין געזיכט אויסזעהן?

די טיהר האָט ער געלאָזען אָפען און אַליין איז ער אַרויפגעפאַלען אויף דער שוואַרצער סאַראַטענער סאָפע וואָס האָט ביינאַכט געדיענט פאַר אַ געלעגער.

ווי קיהל די סאַראַטע איז, ווי געשמאַק!

ער האָט געקיהלט אויף דער סאַראַטע זיין שטערען, זיין קאָפּ און ביסלעכווייז זיך גענומען בערוהיגען:

די זינד וועט ער אָבוואַשען. זאָל ער בלייבען רוהיג — און זאָל דאָס וואָס רופט זיך פריינדשאַפט, דאָס וואָס דערמאָהנט איהם אַזוי שעהן דעם אויפלעבען פון זיין לעבען — בלייבען... ווי גוט די סאָפע איז, ווי קיהל און געשמאַק זי איז! ס׳וועט נאָך גוט זיין! און איצט וועט ער זיך נעהמען טהעטיגער צום זאַמעל־בוך, צו יענער

ארבייט וואָס איז אזוי פערנאַכלעסיגט געוואָרען אין די היצען; און ס'וועט זיין גוט! די וועלט וועט זיין א וועלט!

פון די טרעפּ האָט זיך געהערט א קוויטש און א געלעכטער, דערנאָך האָט זיך גע־הערט א רוף נאָך א רוף:

— זרחי!

— דן!

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט בערוהיגט צו מקבל פנים זיין די געסט וואָס קומען איצט צו איהם, געכאַפּט און אַנגעצונדען א שוועבעלע. די שאָטענס זיינען זיך צולאָפען, ווער דורכ'ן פענסטער, ווער דורך דער טיהר, און זרחי האָט בעלויכטען די טרעפּ מיט דעם שוואַכען שוועבעלע־שיין וואָס האָט געציטערט צום חלש'ען, און געשריען פרעהליך:

— העי! הערצעל! דבורה!

— העי־העי! העי־העי! —

האָט מען איהם געענטפערט לעבעדיג. דאָס שוועבעלע האָט גע'חלש'ט, ס'איז געוואָרען פינסטער און די שאָטענס זיינען ווידער געקומען צופליהען מחנות־וויי.

— זאָל עס פינסטער זיין, און דו וועסט ניט זעהן ווי מיר קומען!

— איך זעה ניט! איך זעה ניט!

באַלד זיינען זיי אריינגעקומען אין פינסטערען צימערל. זיי האָבען ניט געקענט זעהן, ווי א רויטקייט האָט זיך אויסגעגאָסען אויף זרחי'ס געזיכט, אָבער זרחי האָט עס געפיהלט.

און ער האָט דאָס געוואָלט שוואַכער מאַכען מיט א פאַלשען געלעכטער:

— דו ביזט אַנטלאָפען פריהער, א?

— דו האָסט מיר אָבגעטהאָן א שפּיצעל!

— א שפּיצעל — זאָגט נאָך זרחי שווער. און א ליגען דריקט איהם דאָס הארץ און ער קען ניט אָטעמען, קען אויף די פיס ניט שטעהן, קען די פינסטערנים ניט זעהן.

ער האָט זיך צוגעשלעפּט צו דער סאָפע און אַוועקגעזעצט זיך. זיי האָבען זיך גע־זעצט ביין פענסטער, געזאָגט וויצען, געלאַכט און איהם האָט עס געמאַטערט: זאָל ער איהם דערצעהלען! זאָל ער זיך ניט מאַטערען מיט דעם ליגען, מיט דעם ליגען וואָס הענגט איהם אויף דער נאָז, וואָס ליעגט איהם ווי א בלאָטע אויפ'ן געזיכט, ער שעהמט זיך די אויגען צו עפענען!

— הערצעל!

— וואָס איז?

— גאָרניט, גאָרניט.

ניט איצט. זאָל זי ניט האָבען וועגען איהם אזא שלעכטע מיינונג ווי ער אליין האָט פון זיך. מאָרגען, מאָרגען וועט ער עס איהם דערצעהלען.

ער לאַכט שטיל:

דן, דו ביזט א גרויסער נאַר! ווי איך בין א איד, דו ביזט א נאַר! דו זעהסט אוים קאָמיש. טהו אקאָרשט א קוק אין שפּיגעלע ווי דו זעהסט אוים!

— הערצעל!

— וואָס איז?

— אָנצינדען פייער?...

דאַ האָט זיך דבורה שוין ניט געקענט איינהאַלטען און געענטפערט, שמייכלענדיג:

— איהר ווילט שטערען אונזער ליעבע, זרחי! און ווען איהר האָט זיך געשפּיעלט מיט מיר אין ליעבע, האָט איהר ניט געוואָלט הערצעל זאָל אונז שטערען! זאָל זיין פינסטער. ליעגט וואו איהר ליעגט!

ער האָט הערצלען ניט געלאָזען שטערען... ווי זעהט איצט אויס זיין נאַרישע געזיכט? ס'וואָלט טשיקאַווע געווען צו זעהן, וואָס דאָס שפּיגעלע זאָגט, און זיי ווילען אין דער פינסטער. ווי זעהסטו אויס, דן? זאָל עס שוין זיין ביז מאָרגען.

זיינע גליעדער זיינען געווען מיעד, אָנגעפּילט מיט פוילקייט, און אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער גענומען צוהערען זיך צו הערצעל און דבורהס וויצען און פרעהליכע רייד ביים פענסטער. דאָרט האָבען זיי געלאַכט פון שרייבער און פּאָעטען, פון זיך און פון דער וועלט, געמאַכט חוזק פון צייטונגען און רעדאַקטערע און יעדען איינעם גענומען אויפ'ן ביינקעל.

ס'האָט איהם גענומען אינטערעסירען. שטאָלץ האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און גענומען מאַכען בעוועגונגען מיט'ן קערפּער: געוואָרפען מיט די הענד, מיט די פיס און די שאָטענס אויפ'ן וואַנד האָבען איהם פרעהליך נאָכגעאַהמט.

די גאַנצע געשיכטע פון פריהער האָט ער שוין געהאַט פערגעסען, דערפאַר האָט ער געקראַגען פרישע כחות, און ס'האָט איהם גענומען הונגערען.

— חברה! איהר וועט זיך נאָך לאַנג שפּיעלען דאָרט, צו איהר'ט שוין אַ מאָל סטאָפּען!?

— בייסט זיך אָב די צונג! — האָט דבורה געענטפערט. זרחי האָט דעם ענטפער ניט געוואָלט צונעהמען.

— אפשר וועלען מיר געהן עסען? איך שטאַרב אוועק'עט! כאָטש ביים די צונג, ווי די גוטע דבורה האָט זיך דאַ אויסגעדריקט.

— עסען — יע! דאָס איז שוין אַנאַנדער זאַך. דבורה, לאָמיר בעסער דענקען ערנסט וועגען דעם; דאַ וועט דער חוזק גאָרניט העלפען.

די טהיר האָט אויפגעפּראַהלט און חברה זיינען אַרויס מיט שטורם. אקוראַט ווי זיי וואָלטען געוואוינט אין אַ וואַלד, ניט צווישען מענשען. —

מאָרגען. שבת אין דער פריה. דן האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק געטהאָן צו הערצעל'ס בעטעל: הערצעל שלאָפט. דער זייגער איז ערשט זעקס.

ער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען צו דער סטעליע און גענומען טראַכטען:

דן'קע, וואָס איז נעכטען געשעהן?

ער האָט געלאַכט פערשעהמט.

אַ פיינע שפּיעל האָסטו נעכטען געהאַט!

פוי, דן! ס'אַראַ מיאוס'ע ראָלע דו האָסט נעכטען געשפּיעלט! און דו האָסט אפילו ניט געזעהן, וואָס'ער פּנים דו האָסט געהאַט!

ער האָט זיך אוועקגעזעצט, פערשעהמט אָבגעווישט זיין געזיכט און גענומען דאָס שפּיגעלע אין האַנד:

— מיאוס! מיאוס!

אַ לענגערע צייט איז ער געלעגען אויף זיין געלעגער בעוואוסטלאָז, געדאַנקענלאָז.

עס האט אויסגעזעהן, ווי דאס לעבען האט פערלארען פאר איהם זיין זין און ער לעבט אין א תהו ובהו.

און נאכדעם האט ער זיך מיט א מאל אויפגעכאפט לעבעדיג. ער איז געווען אין גאנצען בערוהיגט, פריש און געזונד.

— הערצעל! — האט ער געוועקט הילכיג.

הערצל איז פעסט געשלאפען און אין צימערל איז געלעגען אן אייזערנע שטילקייט: ווי א האמער וואלט עס א הילך געטהאן און געמאכט שטיל.

און אין מח האט איהם געקלונגען נאכאנאנד:

הערצעל — הערצעל! הערצעל — הערצעל! הערצעל — הערצעל!

— הערצעל!

— דן? וואס איז דען?

— מ'דארף שוין אויפשטעהן.

— וויפיעל דער זייגער?

— שוין האלב נאך זעקס.

— יע. מיר שטעהען שוין אויף.

אין צימערל האט זיך עס גענומען עסק'ען מיט זייער אנטהאן און וואשען זיך. דער גלעקער־קלאנג אין דן'ס אויערען איז שטיל געווארען און אין אלגעמיין איז ער געווען לוסטיג און פרעהליך — שוין צופיעל פרעהליך: ווי די פרעהליכקייט וואלט אנגעיאגט געווארען מיט בייטשען אין א גאלאפ. די שטימונג האט אנגעהאלטען ביי איהם א גאנצע טאג. הערצעל איז, פערקעהרט, געווען אין א נארמאלען פרעהליכען הומאר און ס'האט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט אבגעשלאפען זיין נאכט רוהיג און שטיל, און קיין איבערראשונג ערווארט ער ניט מיט היינטיגען טאג.

— היינט ביינאכט וועט דא זיין פרעהליך! — האט דן גענומען דערמאהנען וואס איהם ערווארט היינט. אבער הערצעל האט רוהיג געענטפערט:

— די זעלבע קאמפאניע; קיינע נייעס. היינט וועט מסתמא זיין דבורה'ס ערצעה־לונג דער הויפט־פונקט.

דבורה — האט עס א באמבעל געטהאן דן אין אויער. און ער האט בעסער געוואלט אריבערגעהן צו א צווייטען פונקט:

— אפשר זאלען מיר גאר מאכען היינט אן אויספאהר אין בראנקס פארק? ווערליג די היצען, וואלט עס געווען אויסגעצייכענט!

— מיר וועלען עס פארלעגען צו חברה. איך, פון מיין זייט, וועל דעם פארשלאג אונטערשטיצען מיטביידע הענד.

אין פארק — אין פארק — האט עס איצט גענומען קלינגען דן אין די אויערען. דארט וועט עפעס געשעהן מיט איהם. דבורה — הערצעל קאמפאניע — זאמעלבוך — וואסער בארג מיט ווערטער דארט ליעגט!

— מיר וועלען לעבען א טאג, הערצעל!

— א נאכט!

דערנאך האט עס געדויערט א טאג ביז ס'איז געווארען נאכט. דער „סאלאן„ איז שוין געווען פול, חברה האבען זיך שוין גענוג אנגעהיצט און אנגעשריען איבער דבורה'ס ערצעהלונג און איבער אנדערע זאכען און פראגען וואס האט זיי אזוי אינטערעסירט.

מ'האָט געוואַרט אויף נאָך חברה וואָס דאַרפֿען קומען, און צוזאַמען וועט מען זיך אַרויס־כאַפּען אין דעם צויבער־גאָרטען בראָנקס־פּאַרק.

און צימערל איז געוואָרען פינסטער. מ'האָט שוין געגעסען אייז־קרים וועלכע דבורה האָט געדאַרפט געבען צוליעב דער ערצעהלונג וואָס זי האָט געדרוקט און הערצעל האָט עס פאַר איהר געטהאָן. דערווייל זיינען אַלע געווען פרעהליך, און מעהר פון אַלע — זרחי:

ער האָט פּראָסט געוואָרפען מיט געלד פאַר שמחה. הערצעל גיט געלד אויף אייז־קרים, וואָרפט זרחי אויך אַרויף אויפ'ן טיש געלד און: — הערצעל זאָל צוריקנעהמען זיין געלד, ער וועט געבען!

פערשטעהט זיך, אַז צוריקגעבען גיט מען ניט. הערצעל האָט געגעבען — פאַר־פאַלען! און איינער האָט גלייך צוגענומען זרחי'ס געלד און בעהאַלטען אין קעשענע: דאָס וועט מען נאָך לעבען היינטיגע נאַכט!

און זרחי שיט מיט געלד שיכור־פרעהליך: ער וועט צאָהלען רייזע־קאָסטען פאַר אַלעמען! דער עולם האָט עס אָנגענומען און ער איז גליקליך געווען.

זיך גענאַרט — און גליקליך געווען.

און אַלע מאָל האָט איהם דער רוף פון די נעמען: דן — הערצעל — זרחי — דבורה — בראָנקס־פּאַרק געציטערט אין די אויערען ווי אַן עכאָ פון גלעקער־קלאַנגען, עלעקטריזירט זיינע נערוועז און ווי אַ שווערע מיעדקייט זיך געלעגט אויף איהם:

זאָלען זיי שוין פאָהרען! — פאָהרען!

— קינדער! וואָס וועלען מיר שוויצען? צו וואָלט ניט געווען אַ יושר מיר זאָלען שוין פאָהרען אַ מאָל!

— און די אַנדערע?

— טאָמער וועלען זיי שוין גאָרניט קומען; דער רוח ווייסט זיי!

לאַנג ניט גערעדט און קיין סך ניט געטראַכט, און באַלד זיינען חברה געווען אין בראָנקס־פּאַרק.

בערג בעקליידט מיט גראָז און פון אויבען אַ הימעל וואָס הענגט אויף בוימער און שפּיגעלט זיך אין גראָז. און די בוימער זיינען פעט געוואָרען פאַר וואָרילטאַג, שאָקלען זיך שטיל און רוהיג ווי זיי ווילען איינדרעמלען אין זייער נחת. און דער גאַנצער גאָר־טען, ס'אַרא רייכען לעבען ער פיהרט, ס'אַרא גרויסקייט און שעהנקייט! הפנים, די אַלע גראָזען, די אַלע בוימער און די אַלע הימלען, זיי אַלע בעלאַנגען עס צו איהם, צום פּאַרק!

האָבען זיך חברה אויסגעלעגט אויף אַ בערגאָזטען בארג מיט די פּנים'ער צו די הימלען. און איינער פון צווייטען איז געווען געגוג ווייט, אַז יעדער זאָל קענען אויס־לעגען הענד און מאַכען זיך ווי אַ צלם, מיט די הענד טאַפּען די פייכטע גראָז, מיט די אויגען קוקען אין דער טיעפבלויקייט פון די הימלען און — שווייגען.

האָט איינער אפילו פּרובירט אַ זאָג טהאָן עפּעס, אַ בעמערקונג צו מאַכען, אָדער אַ פראַגע צו שטעלען; אָבער קיינער האָט איהם ענטפערען געוואָלט: יעדערער איז געווען פערנומען מיט זיין הימעל.

און דער איינער — איז געווען זרחי.

— דבורה!

דבורה ענטפערט ניט. זי הערט ניט: עפּעס אַ בוים האָט דאָרט אַ רויש געטהאָן... פון ווייט ערגעץ טיעפער אין פּאַרק טראָגען זיך געלעכטערס און געזאַנגען... און

חברה דאָ אויפ'ן בארג פיהלען, אַז איבער זייערע קעפּ לעגט זיך עפּעס אַ טומאַן און פערשטעלט זיי די הימלען, און די הענד. זיי פיהלען עפּעס ניט דעם גראָז אונטער זיך... דער געזאַנג און דער געלעכטער ציטערט אנטקעגען זיי, זשומעט אין די אויערען; דער געדאַנק שטערט, ער שטערט, אָבער אַזוי שעהן...

— דבורה!

פּונקט צווישען דבורה און הערצלען ליעגט זרחי. רופט ער צו דבורה'ן, דאַן פיהלט זיך הערצעל געשטערט, ווי מ'וואָלט עס צו איהם רופען; און ער טהוט בייזוויליג אַ ריהר אָן שווער דאָס גראָז אונטער זיין האַנד.

דבורה ענטפערט ניט גערן:

— איהר האָט מיר עפּעס געוואָלט זאָגען, זרחי?

— יע. קומט אַהער נעהנטער.

זיי שאַרען זיך צו איינער צום צווייטען.

— דבורה! ווער בין איך? — ציטערט זיין פראַגע אויפגערעגט פון אַ שווערען מאַטער.

— איהר זיינט דאָך זרחי! אַ פיינע מעשה מיט אייך: אין די בערג האָט איהר פערגעסען ווער איהר זיינט!

— ניין, איך האָב ניט פערגעסען גאָרניט! איך בין זרחי. וואָס, אָבער, קעהר איך זיך אָן מיט דער וועלט! מיט אייך אַלע? מיט אייך, מיט הערצלען, מיט אַלע אונזערע חברים דאָ, — וואָס בין איך זיי?

זי שווייגט און ער ענטפערט געשווינד און גיך:

— אַ פריינד, ניט מעהר, יאָ!? וואָס פאַר אַ ממשות אָבער האָט די פריינדשאַפט? צו ווייסט איהר דאָס?!

זי ווייס ניט. און ער רעדט ווייטער:

— צו אייך בין איך אַ פריינד — ניט מעהר. די פריינדשאַפט האָט דאָך אָבער קיין ווערטה ניט ווען איך האָב אייך ליעב — יע, ווען איך האָב אייך ליעב און איהר האָט ליעב אַ צווייטען. — איהר פערשטעהט!? — אָט האָב איך נעכטען ביינאַכט גע־הייסען מיין פריינד הערצעל ער זאָל ניט אריינקומען און שטערען אונז. — לאַכט ניט! דאָס איז ניט געווען קיין שפּאַס, דאָס איז געווען אַן אמת. פערשטעהט איהר שוין איצט?! — איך האָב מיין פריינד מקנא געווען זיין ליעבע און מיט איהם געשפּיעלט: געזאָגט איהם אַ וויץ און געמיינט עס אמת. — אמת! — נו, וואָסער ווערטה האָט דען אונזער פריינדשאַפט, דבורה?

און זיינע הענד האָבען דערוייל געריסען גראָז אונטער זיך.

צו הערצעלס אויערען זיינען צוגעפאַלען איינציגע ווערטער און ער איז געוואָרען פעראינטערעסירט.

באַלד האָט ער שוין געוואוסט די גאַנצע געשיכטע.

ער האָט זיך צוגעשאַרט צו זיי רוהיג, נאָר געדאַכט האָט זיך איהם, אַז ער ציטערט, ציטערט ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. וואָס געהט דאָ דען געשעהן?...

— אָט איז הערצעל! צו ווייסטו עפּעס, הערצעל, פון דיין פריינד — פון דיין פריינד! ווער איז ער? ווי רופט מען איהם? — דן! דן! — אָבער וואָס'ער פריינד איז דיר דן? דו האָסט בלויז אַ נאָמען פאַר אַ פריינד, און ער — דער פריינד אַליין — ער האָט געוואָלט צונעהמען דבורה'ן פון דיר, געוואָלט איהר ליעב האָבען!

איצט האָבען זיך די דריי אַוועקגעזעצט, און הערצעל האָט געפונען אַ פּאָר ווערטער:

— זי איז נאָך דערוויל ניט מיינע, דבורה; און דו רעגסט זיך אויף אומזיסט. איך וועל געווים זיין צופריעדען, דו זאָלסט זיין אַ ביסעל רוהיגער.

— וואַרט אַ ווײלע. איך בין רוהיג. איך בערוהיג זיך באַלד. — אָט בין איך אַ פריינד פון אייך אַלעמען, און אַ זאַמעלבוך וואָס איך האָב געפּלאַנעוועט פאַר מיינע פריינד — וואָס האָב איך געטהאָן אין דעם? — יע, גאָרניט! איך וויים וואָס דו זוילסט מיר ענטפערען: ניטאָ קיין געלד. — און איך זאָג: ניטאָ קיין מענשען! קיין פריינד!

הערצעל האָט איהם געוואָלט ענטפערען, אָבער זרחי האָט איהם ניט געלאָזען רעדען:

— וואַרט. איצט וויל איך וויסען ווער ביזטו? — אויב דו קענסט מיר ענטפערען אויף דעם.

הערצעל האָט אַ שמייכעל געטהאָן. דבורה קוקט איהם אין די אויגען אריין, און ער ענטפערט:

— נאָך דיר נאָך, דן, בין איך ניט מעהר ווי מיין נאָמען, ווי הערצעל; אַ הערצעל וואָס האָט זעכס בוכשטאַבען — אויף צוויי פּיס. איך פערזיכער דיר אָבער, דן; גיב מיר דיין האַנד; אַזוי. איך פערזיכער דיר מיט דער האַנד, אַז איך בין מעהר ווי אַ נאָמען, אַז איך בין פאַר דיר אַ פריינד מיט אַלע מיינע ביינער, דן! און לעג זיך בעסער אויפ'ן גראָז, וועסטו זיין מעהר מענש. סיידען דו ווילסט זינגען אַ פּאָר לעבע־ליעדער, ווי יענע דאָרטען?

דן פערטראַכט זיך:

— יאַ, איך וועל שרייבען. שוין לאַנג ניט געשריבען.

הערצעל האָט אַ ציטער געטהאָן און אָט האָט ער ווידער אַ ציטער געטהאָן, — ער האָט עס אַליין געפיהלט מיט אַלע זיינע ביינער, — און אַ פריידע פון צופריעדענהייט האָט אַ כוואַליע געטהאָן אין איהם און ער האָט אַ רוף געטהאָן:

— דבורה! מיין חבר דן האָט דיך ליעב!

דבורה לאַכט:

— און דו ביזט צופריעדען מיט דעם?

— דבורה! ער איז מיין בעסטער פריינד! איך האָב דיך אויך ליעב!

— דאָס זאָג איך דאָך! איך האָב דיך אויך ליעב!

— איך וויים! און איך האָב דיך צעהן מאָל מעהר ליעב איצט, ווען מיין חבר האָט דיך ליעב. דבורה, דו ביזט גליקליך וואָס ער האָט דיך ליעב!

— אָבער דו? — אַז איך זאָל איהם אויך ליעב האָבען: למשל, איך האָב אייך ביידען ליעב. איך קוש דיך און קוש איהם — פאַר דיר אין די אויגען, — ווי וואָלסטו דאָס ליעב געהאַט?

— גוט, דבורה!

— איך קוש איהם! אָט־דאָ!

— טהו עס! איך וועל דיך צעהן מאָל מעהר ליעב האָבען!

און דן ליעגט אויסגעצויגען ווי אַ שאָטען צווישען זיי, טראַכט און טראַכט, און ענד־ליך בעטראַכט ער אויסצוזוכען זיך אַן אַנדער שטיקעל גראָז־פּלאַץ ווייטער אַ ביסעל פון זיינע חברים.

— דן!

דאָס וועקט איהם הערצעל פון איין זייט און דבורה פון דער צווייטער.

הערצעל רופט :

— זי האָט דאָך דיך אויך ליעב, דן !

און דבורה :

— יע ! ס׳איז אמת ! אָט וועל איך אייך א קוש טהאָן דאָ און זאָל ער זעהן. וואָס וועט ער דען זאָגען, הערצעל ; ער איז דאָך נאָך מיינער קיין חתן ניט!?

זי האָט איהם געקושט הארציג און ער האָט זיך געוועהרט :

— איך וויל עס ניט, דבורה. איך בין אייך מוחל ! איצט וויל איך רוהען.

אָבער הערצעל וויל שוין גאָרניט רוהען :

— דן ! דו זאָלסט וויסען זיין, אז דו ביזט מיינער א פריינד. אז זי וועט דיך קושען, וועט עס מיר זיין ווי זי וואָלט מיך געקושט, אַלצאיינס ! מיר זיינען איינס, דן, פערשטעהסט ?! און דו וועסט נאָך זיין מיין „באָרדער" — יע, איך פערזיכער דיר ! מיר וועלען זיין צוזאַמען !

און דבורה שמייכעלט צופריעדען, שטיל :

— איך האָב אייך אויך ליעב, זרחי, איך האָב אייך אויך ליעב.

י. ראָלניק :

I.

מיין שטעקען האָב איך אויסגעהאַקט שוין,
מיין טאָרבע איז אויך צוגעריכט,
איך לאָז זיך אויף וועגען און שטעגען,
דער נעבעל היינגט ברייט און געדיכט.

מיין לייב וועלען דערנער צושטעכען ,
און שפּיציגע שטיינער מיין טראָט,
און אומפאַלען וועל איך ניט איינמאָל
צו לייטיש געלעכטער און שפּאָט.

שענקט, מענשען, זלזולים־נדבות,
שענקט געטער, מיר צער און לייד —
מיין שטעקען איז דעמבען־האָלץ עבטער,
מיין בעטיל־זאַק טיעף איז און ברייט.

II.

און איז אין מיין הארצען א זעעל נאָך פאַראַן,
ביזטו דאָס, ביזטו,
און גלימערט אין חשך א שיין נאָך פאַר מיר,
ביזטו דאָס, ביזטו.

און טהו איך צום הימעל נאָך בעטען אמאָל,
פאַר דיר אַלץ, פאַר דיר,
פאַרלעשען זיך זאָל ניט מיין איינציגער שיין,
פאַרלעשען פון מיר.

יצחק בלום :

* * *

אזן באלד וועלען האָר־גרויע זילבערנע פעדים זיך קרייזלען
צעוואָרפען אריבער מיין נאקען, אריבער מיין שטערן —
עס וועט מיך די עלטער בעגריסען מיט בלייך־קאלטע פינגער,
זי וועט מיך בעגריסען אַז אַלטען אַז אָרעמען זינגער.

און אלט וועל איך זיין, און צושראָקען מיין יונגע נשמה
וועט בלאָנדזען און זוכען מיין לאנג שוין געשטאָרבענע יוגענד —
אַזוי ווי אַ ים־פויגעל פלאַטער, ווען פלוצלונג פערפאלען
געוואָרען די שיף איז, וואָס ער האָט בעגלייט אויף די וואלען...

* * *

ניט וויין, מיין קינד, ניט וויין,
ווען איך פערגעה.
יאָ, טראָג אריבער שטיל
דיין טיעפען וועה.

און קומסט צום קבר דו —
אָ, זיפץ ניט שווער.
פערבאָרג דיין טרעהר, מיין קינד,
פערבאָרג דיין טרעהר.

און קומסט צום קבר דו — — —
מיט שטומען בליק,
אַנידער לייג דיין קראַנץ,
און געה צוריק.

און געהט דיר עמיץ נאָך,
אָ, שרעק זיך ניט — — —
מיין ליעבע געהט מיט דיר
אַ טוידטע מיט...

ש. פּאַקס:

די ענטפּלעקונג

א פריהלינג איז פון הימעל אויף דער ערד אַרונטער.

א זוניגער, א צופּלאָמטער האָט ער זיך געלאָזט לויפען איבער פעלדער, וועלדער, דערפער און שטעדט.

פערביילויפענדיג האָט ער זיך אַריינגעכאפּט אין רבי'נס הויף, בעגעגענט דעם זעכ־צעהן יעהריגען דוד'ל, איהם אַרומגעכאַפּט, א קוש געטהאַן זיינע פּוּלע, פרישע באַקען און איהם א סוד פערטרויט...

דוד'ל, וואָס האָט ביז איצט געלעבט אין א וועלט פון געהיימניספּולע שאָטענס און הייליגע, קינדערשע חלומות, האָט ברייט די אויגען צועפענט, א מאָדנעם ציטער געטהאַן און זיך פערטראַכט....

שטיל, רוהיג, ווי א בוימאייל טייכעל, זענען זעכצעהן יאָהרען פון זיין לעבען פערפלאָסען; און אָט, האָט זיך די שטילקייט גענומען בעוועגען, די רוהיגקייט אונרוהיגער ווערען.

ער האָט אָנגעהויבען פיהלען לאַנגווייליג, אומעטיג. ס'איז איהם ענג. דאָס לייב ציהט, ווערט שטייפער, גליך ס'וואָלט מיט אַמאָל קלענער געוואָרען. עפּעס ווי געבונדענע פליגעל רייסען זיך צו בעפרייען...

ער וואַרפט זיך מיט א שטאַרקערע התמדה אויפ'ן לערנען, שאָקעלט זיך שטאַרקער, הייסער איבער דער גמרא, דאַכט זיך יעדער גליעדער לערנט. דאָס קול קלינגט אַזוי האַרציג, ליעב. אָט, פערמאַכט ער די אויגען, פערקוועטשט זיי שטאַרק און הערט זיך איין צו זיין אייגען קול, וואָס פלאַטערט איבער'ן צימער, דאַכט זיך איהם דאָס קול קומט גאָר פון אַנדערען, פון ערגעץ ווייט, ווייט...

בעזונדער האָט איהם שטאַרק גענומען רייצען דאָס זינגען, וואָס הערט זיך, כמעט יעדע נאַכט, פון דעם דאָקטאָר'ס אָפענעם פענסטער, וואָס געגענאיבער זייער הויז.

שפּעט ביי נאַכט, די גאַס איז שטיל, אין שטוב איז פינסטער, אַלע שלאָפען שוין; נור ער אַליין ליעגט מיט אָפענע אויגען, טוליעט זיך אין די ווייכע, אַטלאַסענע קאָלדרע און הערט זיך איין צו דער זיסער שטימע, וואָס ציהט זיך, מיט אַזא ליעבע ביינקעניש, צו די גאָלדענע שטערען, בעגלייט פון פערשיעדענע קלאַנגען.

א ליעבע וואַרעמקייט צוגיסט זיך אין דער לופט, נעהמט אַרום זיין קערפּער. ס'ווערט עפּעס ווי ליכטיגער, פרייער. די ליכטיגקייט דרינגט דורך די ווענד. ס'ווערט ווייטער, ברייטער... ווי עפּעס מיט ווייסע צויבער פליגעל פראַלט אויף און לאָזט זיך הויך און העכער צו דעם בלויען הימעל. און אָט כאַפּט עס איהם אַליין אויכ'עט אויף און ער שוועבט, שווימט אין די ווייכע לופט־וועלען און באָדט זיך אין א וואַרעמע ליכטיגקייט...

און באַלד פלעגט ער ווידער אַריינפאַלען אין א מין עצבות.

א שטארקער בײנקענדער אומעט נעהמט ארום זײן נשמה. אין הארץ ריהרט זיך עפּעס, נאגט מיט אזא ליעבען װעהטאג און רײסט זיך צו עפּעס אונבעװאוסטעס, װײטעס און געהײמניספולעס...

כאטש װען ער טוליעט אײן דאס געזיכט אין װײכען, סאמעטענעם פרוכת פון ארון־קודש און צוגיסט זיך מיט א שטילען, הארציגען געװײן, װערט איהם אביסעל לײכטער אויפ'ן הארצען. דאס געזיכט הויבט איהם אן צו פלאמען און א געטליכער פײער נעהמט איהם אין גאנצען ארום, און ער פיהלט אז דאס שװעבט די שכינה ארום איהם... דאך, װען ער געהט נור אװעק פון ארון־קודש איז אלעס צוריק װי געװען.

ער נעהמט זיך פערטיעפען אין די געהײמניספולע קבלה־ספרים.

הײליג זײנען די ספרים און טיעף אהן א גרונד. גאנצע אוצרות ליגען דארט צװישען די שורות בעהאלטען. — און װאויל איז דעם װאס קען זעהן מיט אפענע אויגען! — אלעס, אלעס קען מען דארט געפינען...

ער זעהט, װי עס האבען זיך מלאכים, פנים אל פנים, בעװיזען צו די בעהאלטענע צדיקים און זײ מגלה געװען די סודות פון לעבען.

אט זײנען אלע סגולות, װעלכע זײנען נויטהיג דערצו.

א ניט זיכערער פערלאנג נעהמט ציטערען אין זײן הארץ...

גאט! װען ער זאל נאר ראוי זײן! װען ער זאל נאר זוכה זײן! — — — — — —

שוין זיעבען װאכען װי דוד'ל פאסט הפסקות, היט זיך ניט צו קוקען אויף קײן אונ־רײנע זאך, און טהוט אלע סגולות, װעלכע די הײליגע ספרים הײסען.

יעדען פרײטאג, װען דער מזרח זײט פון הימעל נעהמט זיך נאר רויטלען, איז ער זיך טובל אין דעם קלארען טײך, װאס פליסט אונטער זײער גארטען. הײנט, דעם זיעבטען טאג פון די זיעבטע װאך, האט ער זיך זיעבען מאל טובל געװען און א גאנצען טאג פער־בראכט אין לערנען און תפלות.

געשעהן װעט דאס אין געדיכטען טיעפען װאלד, װאו קײן בן־אדם קומט ניט.

דער בעל־שם הקדוש פלעגט אויף גאנצע װאכען פערפאלען װערען אין געדיכטע, װיסטע װעלדער; און ער פערשטעהט טאקע אלײן, אז דער דונקעלער, טיעפער װאלד איז דער מסוגלסטער פלאץ דערצו.

פארנאכט, װען די זון האט זיך שוין אנגעהויבען אראפלאזען אויף מעריב זײט, איז דוד'ל ארויס פון הויז.

הורך גערטנער, מיט הינטער־װעגען, געהט דער קלײנער דוד'ל. דאס פנים צוטראגען, די באקען פלאמען מיט א שפּיעלעװדיגע רויטקײט און ברײט צועפענט בליצען די שװארצען אויגען.

אט איז דעם דאקטאר'ס הויז, נאך איהם הויבט זיך שוין אן דער װאלד. עס זאל איהם נאר ניט בעגעגענען דעם דאקטאר'ס טאכטער, די חצופה װאס דרעהט זיך אזוי אפּט ארום זײער פענסטער און קוקט איהם אימער נאך װען ער געהט אין גאס. אן אונהײמליך פײער נעהמט ארום זײן הארץ, װען ער בעגעגענט איהר ברענענדיגען בליק.

גאט אין הימעל! זעה, איך האב זיך דאך אזוי כשר געטובל'ט, איך בעט דיך אזוי רײן: בעהיט מיך פון שלעכטע געדאנקען, פון א שלעכטע בעגעגניש. איך װיל דאך בלויז דײן הײליגען נאמען כשר דיענען. העלף מיר דיך צו דיענען!

און מיט צונויפגעפרעסטע הענד און פעסט געשלאסענע אויגען, איז ער דורכגעלאפען הינטער דעם דאקטאר'ס גארטען און אריין אין וואלד.

ער געהט אלץ טיעפער און טיעפער.

דער הימעל פון די זייטען איז שוין אין גאנצען פערשוואונדען. נאר אין דער הויך, צווישען די געדיכטע צווייגען, קוקען אריין בלויע שטיקער הימעל, ווי זיי וואלטען וועלען ארייינדרינגען און זעהן, וואס טהוט זיך אין די בעהאלטענע ווינקלעך פון דער ערד.

א געהיימניספולע דונקעלהייט און פערכשופטע שטילקייט האט געהערשט ארום. נור פון די הויכע בוימער האט זיך געהערט דאס שטילע, אומעטיגע אבענד-געזאנג פון די בעהאלטענע פויגעלעך.

ער האט ליעב די פויגעלעך מיט זייער ציהענדען, ביינקענדען זינגען. ער ווייס, אז די קליינע זינג-פויגעלעך זיינען פערזינדיגטע מלאכים'לעך, וועלכע גאט האט אין זיין צארן פון הימעל פערטריבען און זיי דעם צלם-אלהים צוגענומען. און דעריבער פער־ רייסען זיי אזוי זייערע טרוימישע אויגעלעך צום הימעל און זינגען מיט אזא טרויריגע, ליעבע בייענקעניש, וועלכע פערכאפט דאס הארץ; דאס ביינקען זיי נאך די אייביג-ליכטיגע הימלען פון וועלכע זיי זיינען פערטריבען געווארען...

די בוימער וויעגען זיך, וויעגען זיך און מורמלען עפעס אין דער שטיל...

אט אויף יענעם בערגעל, נעבען דעם אלטען בוים, וועט ער זיך אוועקזעצען.

ער האט גענומען זינגען די געוויסע פסוקים און תפלות מיט אזא התלהבות, מיט אזא פייער, וועלכע ער האט נאך קיינמאל ניט געפיהלט; און יעדעס מאל, ווען ער ענדיגט א תפלה, טהוט דער פערטראכטער וואלד א ציטער און ענטפערט: אמן.

נאכדעם האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן גרינעם בערגעל.

די זאנפטע, קיהלע פרישקייט פון געדיכטען וואלד נעהמט איהם ארום. א זיסע מיעדקייט צוגיסט זיך איבער זיין גאנצען קערפער און קלעפט איהם די אויגען צו... — — —

— —

א שארך פון עפעס לייכטעס, שוועבענדעס האט זיך דערהערט פון צווישען די קוסטעס.

א שוידער איז איבער זיין לייב דורכגעלאפען און פעסטער האט ער די אויגען צו־ זאמענגעדריקט...

— ווער איז דארט? — האט זיך באלד דערהערט א ווייכע, זיסע שטימע.

— דאס בין איך, דיין קנעכט, דוד בן ישראל — האט ער געענטפערט מיט א ציט־ טערדיג קול.

— דאס ביסט דו, דוד'ל?! און וואס טהוסטו דא אינ'ם טונקעלען וואלד?!

— דיך, מלאך אלהים, האב איך געוואלט זעהן, דעם סוד פון לעבען מיך צו לערנען...

— טו פארוואס האלסטו דיינע אויגען צוגעמאכט?

— איך האב מורא.

— האב ניט קיין מורא. איך בין דער מלאך פון לעבען. דער וואס זעהט מיך בלייבט אייביג יונג...

ער האט די אויגען געעפענט און דערזעהן נעבען זיך א פרויען-געשטאלט אנגעטהאן אין גאנצען אין ווייסען און פון צווישען א וואלד סאמעט-שווארצע האר האט ארויסגע־ לויכטען א צארט שניי-ווייס געזיכט, מיט גרויסע, שווארצע אויגען.

א געדאנק האט אין זיין מוח א בליץ געטהאן: אהא! די סטרא-אחרא, לילית!...

ער האָט געוואָלט אויפשפּרינגען און ענטלויפען, נור זי האָט איהם לייכט פאַר דער האַנד אָנגענומען און צוריק אַוועקגעזעצט.

— האָב ניט קיין מורא, דוד'ל. דאָס בין איך, קענסט מיך גאָר ניט? רוזיא דעם דאָקטאָרס. מיר זיינען דאָך אַלטע שכנים. ווען איך בין אין דער גרויסער שטאָדט אוועק, ביסטו נאָך אַ קליין אינגעלע געווען. אַזאַ קליין, שעהן אינגעלע. געדענקסט נאָך, ווי מיר פלעגען זיך אָפט שפּיעלען דאָרט, ביים טייך, אונטער אייער גאָרטען? און היינט ביסטו אַ גרויסער. אַ גרויסער, שעהנער בחור און האָסט גאָר מורא אויף מיר אַ קוק צו טהאָן. — און איך האָב דיך אַזוי געוואָלט זעהן און ריידען מיט דיר, דוד'ל!

מיט איהרע ווייכע, וואַרעמע הענד האָט זי זיין קאָפּ אַרומגענומען, צו איהר ברוסט געדריקט. און איהרע בריסט הויבען זיך... ווייכע, ווייכע, וואַרעמע וועללען...

ער האָט מורא... ער וויל זיך בעפרייען פון איהרע הענד און ענטלויפען, נור ער קען ניט. עפּעס אַלע זיינע אברים זיינען ווי אָפּגענומען. און זי קלאַמערט איהם נאָך שטאַר־קער אַרום, טוליעט זיך צו איהם און איהר שטימע ציטערט, ציטערט.

— מלאכים זוכסטו, דוד'ל?! דעם סוד פון לעבען ווילסטו וויסען?! און איך, דוד'ל, איך האָב שוין פיעלעס געזעהן און ווייס אַ סך, אַ סך זאַכען, וואָס דו ווייסט ניט. און מיעד בין איך פון יענעם טומעל, וואָס זיי רופען לעבען. דערווידער איז מיר יענער פאַלשער גלאַנץ, וואָס זיי רופען שעהן. טרוקען זיינען זייערע בלומען, אָהן זאַפט, אָהן אַראָמאַט. און ליעב זענען מיר געוואָרען די סקראָמנע, בעהאַלטענע בלומען, וועלכע וואַקסען אין דיעזע געהיימניספולע דונקעלהייט. בלומען, וועלכע די ברענענדע שטראַה־לען פון די זון האָבען זייער זאַפט נאָך ניט אויסגעטריקענט, זייער פּנים מיעד געמאַכט. יונגינקע, פרישינקע בלימעלעך, אין זייערע קנאָספּען פערוויקעלטע, פון וועמעס בעבער'ל די לוסטיגע ביהנען האָבען זייער זאַנפט נאָך ניט געטרונקען... די גיפטיגע שלאַנגען האָבען זייער יוגענד־ריח נאָך ניט דערשמעקט... און קיין האַנד האָט זייער זויבערקייט נאָך ניט פערדונקעלט...

איך זוך דאָס בעהאַלטענע זילבער־קלאָרע טייכעלע, וואָס קוועלט און פליסט פון אַ פערבאָרגענע טיעפעניש, אום מיט איהר פריש, קאַלט וואַסער אַ טרוקענע זעעלע דער־פרישען... דאָס פערצעהרענדע פייער אין מיין ברוסט צו פערלעשען...

ווי פערזונקען אין אַ שווערען טרוים איז דוד'ל געזעסען.

אַ ראַזאַוועער טומאַן הויבט זיך אויף פון דער ערד, פערשפּרייט זיך איבער'ן וואַלד, פערשכור'ט די לופט, הילט איין די בוימער, דאָס בערגעל און איהם אַליין... אַלעס נעהמט זיך וויעגען, וויעגען... ס'דאַכט זיך די בוימער, דער גאַנצער וואַלד זינגט און טאַנצט מיט די טענער פון איהר שטימע... נור ער אַליין הערט גאָר ניט, זעהט גאָר ניט, ער פיהלט נור דאָס שטאַרקע קלאַפּען פון זיין האַרץ און פון נאָך אַ האַרץ נעבען איהם.

און אָט פערגעהט אַלעס... ס'ווערט שטיל, שטיל... — — — — — — — — — — — —

— —

עס דערהערען זיך טריט. זי שפּרינגט אויף און ווערט פערשוואונדען אין געדיכטען, פינסטערען וואַלד.

ווען דוד'ל איז צו זיך געקומען, האָט ער געזעהן זיין פאָטער'ס צוויי שמשים שטעהן נעבען איהם און ריידען עפּעס אין דער שטיל. דאַן האָבען זיי איהם גענומען אונטער די אָרעמס און שטיל שווייגענד אַהיים געפיהרט.

פון דאַמאָלס אָן קומט דוד'ל ניט אַרויס פון זיין פאָטער'ס הויז. טאָג און נאַכט שטעהט אַ שמש נעבען זיין צימער.

זיין פאָטער, דער אַלטער צדיק, האָט בלויז איין זיפץ געטהאָן: „הציץ ונפגע..." נור זיינע האָר ווערען יעדען טאָג אַליץ ווייסער און ווייסער...

צווישען די חסידים סוד'עט מען זיך און מען דערצעהלט פערשיעדענע, וואונדערליכע מעשות וועגען „סטרא אחרא" און ווי אַזוי זי פערשטעלט זיך אין פערשיעדענע גע־שטאַלטען אום אַראָפּצופיהרען פון וועג די יונגע, ניט ערפאַהרענע צדיקים...

אין שטעדטעל שמועסט מען אַפילו: משוגע.

דוד'ל אַליין רעדט גאָר ניט. ער לערנט ניט מעהר. גאַנצע טעג שטעהט ער ביים פענסטער צום גאָרטען, קוקט אין דער ווייטעניש, גלייך זוכענדיג עפּעס. אין זיינע אויגען ברענט אַ מאָדנע פייערל, וועלכעס פערצעהרט זיין קערפּער פון טאָג צו טאָג...

און אין אַ שטילע לבנה־נאַכט, ווען ס'שלאָפט דאָס גאַנצע שטעדטעל, איינגעהילט אין מאַטען שיין, הערען זיך פון דאָקטאָר'ס פענסטער שטילע, פערביינקטע פיאַנאָ־קלאַנגען. זיי פלאַטערען אין דער לופט, ווי זוכענדיג וועמען און וועבען זיך איין אין די ווייסע, זילבערנע לבנה־שטראַהלען.

דוד'ל שטרעקט אויס זיינע הענד פון פענסטער, נעהמט אַרום די ציטריגע שטראַה־לען און טוליעט זיי שטיל צו זיין הייסע ברוסט....



ב. לאפין:

שרעק

1.

צייכענס

מיין הארץ האט גענומען היינט שטארקער צו קלאפען
און עפעס ערוואַרט זי אין מורא און שרעק.
פערגאנגענע צופאלען שלייכען פאר מיר דורך
אזוי ווי די טריט פון א מחנה אין וועג...

זיי שלייכען אהן סדר... כ׳געדענק זיי ניט אלע —
היינט נעהמט זיי מיין הארץ אן פאר צייכענס אויף בייז.
עס ליעגט ביי מיין פענסטער א פויגעל א טויטער —
א עפעס ערוואַרט איך, ס׳וועט טרעפען, איך וויים!...

די הינד האבען מורא דעם פויגעל צוריהרען
דער ווינד גיט די פעדערען זיינע קיין בלאז.
און גלייך ווי היינט נאכטס וואלט א שטורם געוועזען,
אזוי ליעגט צולעגט מיעד אין פעלד היינט דער גראז...

און נעכטען איז פלוצלונג א גאסט אנגעקומען,
געערדט וואס אהן ענד מיט א טרוי׳ריגער שטים.
און כ׳וויים ניט וואס האט ער געמיינט מיט די ווערטער:
„ווער ס׳וואַרט ניט אויף קיין זאך, וואַרט עפעס אויף איהם?“...

כ׳האב איינמאל אין אבענד אן אלטען בעגעגענט,
זיין גוף האט משא א שווערע פערשטעלט.
און ווען כ׳האב געבעטען: ערלויבט מיר איך העלפען —
האט ער זיך צולאכט — און פערשוואונדען אין פעלד...

און לאנג שוין איך גלויב ניט צו ס׳האט גאר געטראפען, —
האט בלאנדזשענד אין נעבעל א פלאם מיר גענארט.
איך קום... ס׳איז א ליידיגע הויז... נאר עס ליעגען
דארט שיכלעך מיט קינדערשע ביינדלעך פערדארט...

געברענט האט דארט פייער גלייך ווי א נר־תמיד
און קינדערשע שמייכלען — געשוועבט אין דער לופט.
א נעבעל האט פעסט מיינע אויגען פערשלאסען —
„מיין קינד! א מיין קינד!“ הער איך קוים ווי מען רופט...

און זיצענדיג היינט ביי דער נאַכט קעגען שפּיגעל
האָב איך מיין געזיכט דאָרט אין איהם ניט געזעהן.
ס'האָט עמיץ צו מיר דורכ'ן פענסטער צולאַכט זיך —
כ'האָב האסטיג געבליקט דאָרט — איז קיינער געווען...

און פול איז מיין הארץ מיט א שאַרפקייט א שווערע,
אזוי ווי די לופט ווען ס'דאַרף שטורימען באַלד.
און כ'האָב מיר די פענסטער און טהיר אויפגעעפענט —
און כ'וואַרט איינגעשפּאַרט אויף דער פרעמדער געשטאַלט!...

2.

אין צימער

עס שרעקט מיר, ווי מאָדנע זי ליעגט אויפ'ן בעטעל!
פערוואָרפען דעם קאָפּ און די לאָקען צושויבערט, צושאָטען.
אזוי ווי א בערגעל פערוואַקסען מיט גראָזען,
וואָס ווערט פון א חיה אין ווילדער צורייצונג צוטראָטען...

ווי האַלט זי פערשלאָסען, פערמאַכט איהרע אויגען!
ווי עמיץ מיט גוואַלד וואָלט א סוד פון זיי וועלען אויספּרעסען.
און ס'ציט'רען די ברעמען און ס'קנייטשט זיך דער שטערען,
אזוי ווי זי וואָלט איצט א גרויסע געהיימנים פערגעסען...

און ס'ברענט אויף די צנועה'שע באַקען א רויטקייט,
ווי ס'וואָלטען די אויערען ציגישע שמועסען הערען.
און שלאָפענדיג וואַרפט זי זיך מיעד אויפ'ן בעטעל,
אזוי ווי זי וואָלט זיך פער'חלש'ט מיט עמיצען וועהרען...

דער קערפּער — אזוי ווי א פּריש־ווייסער צלם,
זי ליעגט ווי געקרייציגט א שטילע — די ברוסטען ענטפּלעקטע.
די ליפּען — א ליפּ אין א ליפּ איינגעגעסען,
די הענד אין דער לענג אויסגעשפּרייט ווי צו ועם' אויסגעשטרעקטע...

אָט האָט איהר מיין גיריגער קוק אויפגעשוידערט,
די אויגען — גלייך ווי צום ענטלויפען פרעמד בלאָנדזשען צוטראָגען.
זי שאַרט זיך צום וואַנד ווי א שאָף א צושראָק'נע —
ס'טהוט גלייך ווי א האָגעל איהר הארץ אין דער פינסטערניש שלאָגען...

3.

דער טוידט

איך האָב דעם טוידט א לאַנגע צייט זיך פאָרגעשטעלט אין שוואַרץ.
און שוואַרץ פלעגט שרעקען מיך, — האָט מיך דער טוידט געשראָקען.
אין פינסט'רע נעכט נאָר קייקלען זיך ווי דונערם אויפ'ן פעלד,
די שוואַרצע לויה־טענער פון די קלייסטער גלאָקען...

היינט שרעקט מיך מעהר קיין שווארצקייט ניט, ווייל ס'איז מיין לעבען שווארץ.
און ווי דער לויה־קלאַנג טהוט מיך מיין ליעד בעגלייטען.
איך האָב איין איינציג פריינד מיט בלאָנדע האָאר און בלאַס געזיכט
מיט אויגען קאַלט־פּערגליווערטע ווי ביי א טויטען...

און קומען קומט ער צו מיר אַלע ווייסע טעג צוגעהן,
און שווייגט. נאָר אויף די ליפּען טהוען ווערטער שוועבען,
און רעדט ער — קלינגט זיין שטימע דאכט זיך אָב אי אַלט, אי ווייט —
ווי ס'וואָלט א טוידטער אויסדערצעהלט זיין אַלטען לעבען...

עס שרעקט מיך מעהר קיין שווארץ... איצט ווען פארנאכט איך זעה אין פעלד
ווי העלע קאָרען־זאַנגען וויעגען זיך אויף בייטען.
אזוי שווימט באַלד ארויס פאר מיר מיין חבר'ס בלאָנד געזיכט
און אויגען קאַלט־פּערגליווערטע ווי ביי א טוידטען...

4.

בלומען

— זיידע, זאָג וואָס זוכסטו דאָרטען,
און וואָס קושסטו ס'געלע גראָז?
— אך, ווי שעהן איז, קינד, דיין גאָרטען,
כ'קלייב דאָ בלומען ווייס און ראָז...

— זיידע, הער פון מיר אויף לאַכען,
וואקסען אַסיען בלומען דען?
— קינד, נאָר פּרואוו דיין אויג פערמאַכען,
וועסטו אויך די בלומען זעהן...

— כ'שרעק זיך האַלטען צו די אויגען,
ס'ווערט מיר מאָדנע פינסטער דאָ.
— פּרואוו — און זעה, ס'איז דורכגעפלויגען
פאר דיין בליק א ווייסער שוואָן...

— כ'האָב געפּרואווט... און שרעק זיך מעהר ניט,
פאר מיין בליק איז ליכטיג, ווייס.
— גוט, מיין קינד, נו, איצטער שטער ניט,
לאָז מיר רייסען וואָס איך רייס...

י. אָפּאַטאָשו:

אויף יענער זייט בריק

פריהמאָרגען.
א גרויסע שטוב.
די פענסטער קוקען אויף דער לאָנקע.
שמשון כאַפּט זיך אויף, רייבט די אויגען, וואַרפט א קוק צום פענסטער:
— גרויסער טאָג. נו, מען וועט זיך אויפהויבען!
ער שפּרינגט ארויס פון בעט, קנאַקט אויס די פינגער, גענעצט געשמאַק אָפּ, בע־טראַכט די שטייגעלעך מיט פויגעל, וואָס הענגען ביים פּולאַפּ; וואַרפט אויך א בליק צום קינד, וואָס שלאָפט ביי דער קיך אין א מולטער, זאָגט אָפּ: „א שוואַרץ יאָהר" גלאַט אין דער וועלט אריין, שפּייט אויס און פערוויכערט א פּאַפּיעראָס.
א באָרפוסער אין גאַטקעס שפּאַציערט זיך שמשון דורך עטליכע מאָל איבער'ן צי־מער ביז — ער נעהמט זיך איינוואַשען.
מיט'ן האַנדטוך אויפ'ן אקסעל, מיט נאַסע צושויבערטע קודלעס געהט שמשון צום ווייבס בעט, בויגט זיך צו איהר אויער און שרייט אויס ווילד:
— ביילע! געגנוג געבראָפּעט! שטעה אויף און מאַך עפּיס אין מויל אריין!
ביילע טהוט פון שרעק א שטאַרקען שיפּ, זעצט זיך אויף, גלאָצט אויס א פּאָר פער־אָפּעטע אויגען, דערזעהט ווי שמשון שטעהט און לאַכט, האַלט זיך פאַר די זייטען פון לאַכען, טהוט זי א שפּיי:
— טפוי, מיינע וויסטע חלומות צו דיין קאָפּ!
דאָס קינד אין דער מילטער קומט אויף און צוואַויינט זיך.
ביילע מיט שמשונ'ען הויבען מיט א מאָל אָן רופען:
— וועלוויל! וועלוויל! געה וויעג צו דאָס קינד.
ס'הערט זיך א בורטשען פון פּיעקעליק:
— אזא „בענקאַרץ"! אפילו שלאָפען לאָזט ער נישט!
וועלוויל א אינגעל פון א יאָהר 9־10 מיט א פּאָר שוואַרץ־גנבה'שע אויגעלעך, אין א קורץ העמדיל ביז צום פּופּעק, קריכט ארונטער. ער שאָקעלט די מילטער און וואָרט־שעט צו:
— שא־א. שא־א־אאי — — — —
דאָס קינד וויינט אויף צו להכעיס נאָך העכער. וועלוויל גיט עם א קניפּ און זעצט זיך אוועק.
— ממזר, וויעג! — שרייט ביילע, כאַפּט א שוך און וואַרפט וועלווילען אין קאָפּ אריין.
וועלוויל צוואַויינט זיך.

דאָס געשריי ווערט גרעסער און גרעסער.

רוזשקע אַ מאַטע ברונעטקע מיט אַ פּאָר לאַנגע רייפּען־אויערינגלעך אין די אויערן, כאַפּט זיך אויף, זעצט זיך אַוועק אויף דער שלאָף־באַנק און הויבט אָן סטראַשעןביילען, אַז אויב זי וועט נישט אויפהערן צו מאַכן אַלע פריהמאָרגן אַזעלכע חתונות, וועט זי זיך זוכן אַנאַנדער וואָהנונג.

— בין איך ווייטער בדלות ! — זאָגט ביילע און קריכט אַרויס פון בעט.

די שוואַרצע קאַץ וואָס ליעגט אויף דער קיך איינגעוויקעלט ווי אַ בייגעל און דרעמעלט, כאַפּט זיך אויף, שפּרינגט אַרונטער, שטעלט אויף אַ הויקערדיגען רוקען, גלאָצט אויס אַ פּאָר פינקעלדיגע אויגען און נעהמט זיך ציהען.

וועלוויל פאַרגעסט זיך אינעם ווייגען, גנבה'עט זיך אויף גיך אונטער און גיט דער קאַץ אַ שטאַרקען צופּ פאַר'ן עק. די קאַץ גיט זיך אַ ריס, פאַנגט אָן פּריסקען און דער הויקערדיגער רוקען נעהמט קאָנוואולסיש צאַפּלען.

אַלע שיסען אויס מיט אַ געלעכטער.

ביילע וואַרפט אויף זיך אַרויף אַ האַלב קליידעל און גרייט צום טיש.

שמשון טהוט זיך אָן אַ פּאָר טריקאָטענע הויזען אַ טריקאָטען העמדעל געשניטען דעקאָלטע, אָהן אַרבעל און בעפּוצט מיט זילבערנע און גאָלדענע בלעכליך. ער פער־דרייט וואוילערעש זיינע וואָנסען און זינגט בשעת־מעשה אַ ניגון.

רוזשקע געהט צו צום שפּיגעל.

די פעך־שוואַרצע האָר בעדעקען איהרע בלאַסליכע באַקען. זי באַנעצט די האָר מיט אָדעקאָלאָן, פודערט זיך, צינדט אָן אַ שוועבעלע און מיט דעם סאַזשע־קעפּיל מאַכט זי האַלבע רינגען אונטער די אויגען. זי טהוט זיך אָן שמשון'ס היטעל מיט די גלעקליך, נעהמט די קורצע האַלקע אין דער האַנד און לאָזט זיך אַ באַרפוסע איבער'ן צימער מיט „אַ פּאַדיספּאַן".

גיט שמשון אַ וואונק צו וועלוועלען, שפּרינגט וועלוויל צו דער קאַטערינקע, נעהמט שפּילען אַ וואַלס.

כאַפּט שמשון אַרום רוזשקען פאַר דער טאַליע, זייערע פיס באַוועגען זיך לייכט אין דער לופט.

ביילע, טראָגענדיג אַ גרויסע ערדענע שיסעל מיט שטשאַוו, שטעלט זיך אָפּ, מאַכט מיט די אַקסעלען צום טאַקט, קוועלט פון איהר שמשונען.

אין אַ ווײַלע אַרום זיצען שוין אַלע ביים טיש און שלינגען געשמאַק דעם שטשאַוו.

נאָכ'ן עסען נעהמט שמשון די קאַטערינקע אויף די פּלייצעס אין דער האַנד האַלט ער אַ קליאַטקע מיט ים־חזיר'לעך. וועלוויל טראָגט איהם נאָך אַנ'אַלטען דיוואַן, אַ צימבעלע און אַ קעסטעלע מיט פּאַקוס־כלים.

אַזוי געהען זיי איבער דער שטאָדט.

שמשון שטעלט אַוועק די קאַטערינקע, שפּרייט אויס דעם דיוואַן און גיט אַ וואונק צו וועלוועלען. די קאַטערינקע שפּיעלט :

— מאַלגאַזשאַ־אַטאַ, מאַלגאַ־אַזשאַטאַ — — —

שמשון אַ קאָמפּאַנירט אויפ'ן צימבעלע און דער עולם העלפט אונטער.

די קאַטערינקע ווערט אַנטשוויגען.

שמשון פערליינט זיינע נאקעטע הענד אויף זיין בולטער ברוסט און מעשה־ארטיסט בעטראכט ער דעם עולם. נעלאסען ציהט ער זיך אויס אויפ'ן דיוואן מיט'ן פנים צום הימעל. פאמעליך נעהמט זיך זיין ברוסט הויבען, זיך ציהען. זי וואקסט אלס העכער און העכער. דאס פנים ווערט רויטער און די אויגען, ווי פערגליווערט, גיבען זיך קיין ריהר נישט. אט זעהט שמשון אויס ווי א פאראבאלא און אט ווי א האלבער־קרייז.

חברה עפענען די מיילער און שטופען זיך אלס נעהנטער און נעהנטער.

וועלוויל אין א פאר קורצע, טריקאטענע הייזלעך, א פאר לעטשלעך, און א שווארץ־סאמעטענעם פאסעק ביז איבער'ן בייכעל, כאפט זיך פלינק ארויף אויף שמשון'ס ברוסט און שטעלט זיך אויפ'ן קאפ.

ביסלעכווייז, ציהט שמשון אויס זיינע פיס, זיין ברוסט זינקט פאמעליך. אט ליעגט ער ווי פריהער מיט'ן פנים צום הימעל.

ער נעהמט וועלוועלען פאר די הענדלעך, גיט איהם א שליידער. וועלוועל מאכט א קאזשעלעק אין דער לופט און בלייבט שטעהן ווי קיינמאל גאר נישט.

— וויוואט! בראוואָ! — שרייט דער עולם.

שמשון גיט א וואַרף זיין קערפער, ווי א פיש אויפ'ן ברעג, און בלייבט שטעהן אויפ'ן דיוואן. ער געהט זיך עטליכע מאל דורך און זיין עלאסטישער קערפער צייכענט אויס קרייזען הין און צוריק אין דער לופט.

אט ליעגט ער ווי א בייגעל, די פיס ארום דעם האלז. וועלוועל שטעלט זיך ארויף אויף שמשון'ס פאדעשוועס. מיט אימפעט גיט שמשון א ציה אויס זיינע פיס. וועלוועל דרעהט זיך אין דער לופט און בלייבט שטעהן.

דער עולם גאפט.

וועלוועל נעהמט שפיעלען אויף דער קאטערינקע און קוקט צו מען ווארפט נישט עפיס איינגעוויקעלט אין א פאפירעל פון די הויכע פענסטער אראפ.

שמשון נעהמט דערווייל ארויס פון קעסטיל עטליכע שפיציג־בלישצענדע מעסער מיט שווארצע הענדלעך און נעהמט זיי ווארפען אין דער לופט. מיט אן אונגעהוירע שנעלקייט הויבען זיך די מעסער, פליהען העכער, יאגען זיך. די בלישצענדע שארפען שניידען דורך די לופט, בלענדען די אויגען און, ס'דאכט זיך, אז אט שטעכען זיי דורך שמשון'ס האנד.

אט נעהמט שמשון ארויס א בליץ־לאמפ מיט אן אבאזשור. צינד זי אן, שטעלט זי אויף א שטעקען און גיט א שליידער. די לאמפ דרעהט זיך, דרעהט זיך און פאלט צוריק אויפ'ן שטעקען.

ער נעהמט ארויס ביינדלעך, בענעצט זיי, צינד זיי אן. די ביינדלעך פלאקערען און שמשון שלינגט זיי ווי לאקשען.

— וויוואט! בראוואָ — פאטשט דער עולם.

— מאלגאזשא־אטא, מאלגא־אזשאטא — — — שפיעלט די קאטערינקע.

וועלוויל נעהמט דאס צימבעלע און פערשיעדענע מטבעות שיטען זיך אריין.

ארום האלבען טאג געהען זיי אריין אין א קעלער־שענק עסען מיטאג.

דער בעל־הבית פון שענק, א דיקער יוד מיט ארומגעשווירענע האר ווי א קאצאפ, מיט א פאר קעלבערנע אויגען, איז שמשון'ס א חבר.

זיי קענען זיך נאך פון די אלטע טיורמע.

די שענק שמעקט מיט קרויט, אנגעברענטס און ווילגאטש. כמעט אלע געסט וואס זיצען אין שענק טראגען לאקירטע שטיוועל און היטלען מיט לאקירטע דאשקעס. טהייל פון זיי שפּילען אין קארטען, טהייל — אין דאמינא, און טהייל — אין ווערפיל.

שמשון געהט זיך געלאסען דורך די שענק, ווארפט רעכטס און לינקס מיט ווערטלעך. חברה קייקלען זיך פון געלעכטער.

ביי עטליכע טישלעך כאפט ער אריין צו קופעל ביער און געהט אריין מיט וועלוועלען אין א צווייטען חדר עסען.

אין מיטען עסען קומט אריין די „מומע גאלדע", דערלאנגט שמשון'ען א קליין, דיק הענדעל און זעצט זיך אוועק.

וועלוועל האט מורא זי אנצוקוקען: איהרע קליינע, חזר'שע אויגעלעך קוקען קוים ארויס פון די געשטופּעלטע באקען. זי נעהמט איהם אויף דער שויס, קושט איהם, גיט איהם קיכלעך, זאגט איהם, אז זי איז זיינס א מומע.

נאכ'ן עסען געהט שמשון מיט גאלדען אין א צווייטען צימער אריין און הייסט וועלוועלען אכטונג געבען אויף די שטייגעלעך.

אין א פיערטעל שעה ארום קומט שמשון אריין אהן גאלדען, ער איז בייז, נעהמט די קאטערינקע אויף די פּלייצעס, טהוט א מאך צו וועלוועלען מיט דער האנד און געהט ארויס. אויפ'ן וועג זאגט ער אז וועלוועלען ער זאל גאר נישט אין דער היים דערצעהלען.

—די מאמע ווייס וואו מיר עסען מיטאג, זאגט וועלוועל.

— בהמה! נישט דאס... מיט איין ווארט — רעד נישט!... צובייזערט זיך שמשון, לאזט אראפּ דעם קאפּ און שלעפּט זיך א מיעדער איבער דער שטאדט.

* * *

שבת נאכמיטאג.

אין שטוב איז שטיל. נור דורך דעם אפענעם פענסטער לויפט דורך מיט רעש א זאמדיגער ווינד, טראגענדיג אין דער לופטען עטליכע־צעהנדליג אבגעריסענע בלעטער און ווערט פערלוירען מיט א קרעכץ ווייט ערגעץ דארט אין פרייען פעלד.

דרויסען ערגיץ צוקרעהט זיך א האן גלאט אין דער וועלט אריין און ווערט אנטשוויגען — — —

אויפ'ן בעט, צופוסענס — אנגעשפּארט מיט דעם קאפּ אויף דער האנד זיצט ביילע און קוקט זיך איין ווי איהר שמשון כראפּעט.

זי באמערקט ווי שמשון שמייכעלט אין שלאף.

— דאס חלומ'ט זיך איהם אודאי די „מומע גאלדע" — קלערט ביילע און זיפצט אפּ.

זי האט גרויס חשק זיך אריינצואווארפען אין בעט, האלדזען שמשון'ען, איהם שטארק קושען.

דאס קינד אין דער מילטער קומט אויף און צוואויינט זיך.

ביילע עפענט די טהיר, רופט אריין וועלוועלען, וועלכער שפּיעלט מיט די חברים אין קנעפּ.

וועלוועל קומט אריין א צוהיצטער, טופּעט פון כעס מיט די בארוויסע פאדעשוועס, קריצט מיט די ציין, לויפט צום קינד און ווארפט מיט כעס די מילטער. דאס קינד פאלט ארויס און פארקייכט זיך.

ביילע כאַפּט אַ האַלץ און נעהמט וועלוועלען שלאָגען.

ווי אַנ'אָבגעבריהטער שפּרינגט שמשון אַראָפּ פון בעט, כאַפּט ביילען פאַר די האָר און נעהמט זי שטיקען.

וועלוויל בעהאַלט זיך דערווייל אין אַ ווינקעל, קוקט ווי די מאַמע ליעגט ביי דעם טאַטענס פיס ווי אַ געקוילעטע היהן און אַמפּערט זיך.

— נאַ, נאַ — טראַכט וועלוועל — שפּיר אַ טעם פון שלאָגען! ווייס, אַז מיר טהוט אויך וועה!

שמשון קריצט מיט די ציין און שרייט:

— נבלה!.. כ'וועל דיר די ביינער ברעכען, אויב דו וועסט איהם נאָך איין מאָל אָנריהרען! געדענק אַלטע מַכשפה!.. געדענק!..

— שלאָג! — סאַפּעט ביילע און גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגען — כ'ווייס, דו ווילסט מיך פּטר'ן! נישט דערלעבען וועסטו עס, די כאָליעראַ איינער! דו ווילסט אַ מויד!.. כ'וועל היינט די „מומע־גאָלדע" מיט אַ קאָפּ קירצער מאַכען!...

שמשון ענטפערט נישט. גיט איהר אַ קאָפּיע און געהט אַרויס פון שטוב.

וועלוועל מיינט, אַז יעצט איז זיין טוידט. די אויגען פערמאַכט ער און וואַרט, אַז די מאַמע זאָל זיך אַ וואַרפ טהון אויף איהם און איהם אויסרייסען מיט איהרע לאַנגע, דאַרע פינגער שטיקער פלייש.

ביילע הויבט זיך אויף, ווישט אָפּ די טרערען, טהוט אויס וועלוועלען ביז צום העמד און פערשליסט די קליידער אין קאָמאָדע, זי איז איהם מכבד מיט עטליכע קלעפּ, זאָגט אָז וויעגען דאָס קינד און געהט אַרויס.

וועלוועל געהט זיך דורך איבער דער שטוב, זיפצט אָפּ און שטעלט זיך ביים פענסטער.

פון דער לאַנקע הערען זיך לאַנגזאַמע טענער פון אַ „פויאַרקע".

וועלוועל דערמאַנט זיך ווי ער וואַנדעלט אַרום מיט'ן טאַטען אויף דער פריי — — —

ער שפּירט אין די טענער אַ בענקעניש, פערלעגט זיינע הענדלעך אויף זיין ברוסט און מיט אַ דין קולעכעל הויבט ער אָן צו זינגען:

— פּאָטשעמו־ו מעניאַ מאַ־אַט ראָדי־ילאַ — — — —

ביילע איז אַרויס פון שטוב אַ פערוויינטע. מיט פערמאַכטע פויסטען לויפט זי און אין מח פּלאָנטערט זיך איהר די „מומע גאָלדע".

— אַלס דאָס גראָבע חזיר, אַלס זי! — טראַכט ביילע — זי מאַכט מיר אַזאַ פינסטער מזל ביי שמשון'ען! כ'וועל איהר אויסדראַפּען די אויגען! כ'וועל איהר ווייזען ווי אַזוי מען רעדט אָפּ אַ מאַן!

אויף דער צווייטער זייט טייך וואו ס'וואַסער איז פלאַך שטעהען יונגע שקצות, ביז איבער די קניהען, אין וואַסער און קלאַפּען מיט „קיענקעס" וועש. זיי קלאַפּען און לאַכען הילכיג צו די „פּאַראָבקעס" וואָס פּאַשען פערד אויף דער לאַנקע.

אַט פער'גנב'עט זיך אַ יונגער „פּאַראָבעק" אין אַ פּאָר ברייטע צייגענע הויזען מיט אַ רויטען שפּאַנצער און כאַפּט אָן אַ שקצה פאַר'ן פּוס.

די מיידלעך נעהמען פּליאַסקען, קוויטשען, זענען מכבד דעם בחור מיט נאַסע שטי־קער וועש.

די „פאראבקעס" פלאצען פון געלעכטער.

ביילע שטעלט זיך אפ.

זי בעטראכט די רויטע מיידלעך מיט די בארוויסע גראבע פיס, מיט די פלאקסענע צעפ, מיט די רויט-געשטרייפטע „בארכאנקעס" און זי דערמאהנט זיך :

זי איז א מיידעל.

אין א שווארצע סאמעט בלוזקע מיט ווייסע אויגעלעך, א שווארץ סאמעטיל אויפ'ן האלדז, די האר געקעמט „סעצעסיע", — זיצט זי און האלט שמשון'ס קאפ אויף איהר שויס. איהרע לענגליכע, מיט עטוואס אויסגעבויגענע שפיצען, פינגער באדען זיך אין שמשון'ס לאקען און זי דערצעהלט — — —

זי דערצעהלט אזוי שטיל וועגען דעם „שווארצען-יונגעמאנטשיק" וואס זי האט נור וואס געלעזען — — —

שמשון לאזט קיין אויג נישט אראפ פון איהר און ביילע דערצעהלט אזוי זיס, אזוי מחיה'דיג — — —

פלוצים דערפיהלט ביילע א הייסע טרעהר אויף איהר האנד. זי גיט א ציטער, גראבט טיעפער איהרע פינגער אין זיינע האר, און איהר האכט זיך, אז דאס זיצט זי א קליין מיידעלע ביי איהר מאמען אויף א בענקעלע — — —

— — — זי בעהאלט דאס קעפעל אין דער מאמעס שויס... און די מאמע דער־צעהלט פון א ציגיינערין, וואס וואהנט איינזאם אין א שטיבעל, אויף הויכע סקאלעס, צווישען געדיכטע בעוואקסענע סאסנעס... און די ציגיינערין פער'כשופ'ט דעם גאנצען געגענד ארום... און די ציגיינערין פארנארט צו זיך צווישען די מעכטיגע סקאלעס אלע מיידלעך, וואס פאלגען נישט זייערע מאמעס — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שמשון טוליעט זיך צו ביילעס ברוסט, נעהמט זי פעסט ארום און שעפטשעט :

— ביילקע, קרוין, זאג מיר, כ'בעט דיך, ביך איך נור איינער ביי דיר ? ביזטו מיר געטריי ? זאג !..

און אלם שטארקער, שטארקער קליאמרעט ער זי ארום.

— ביילעשי, — זאגט שמשון ווידער — דו וועסט נישט בלייבען א קארטען-לע־גערין. ניין ! מיר וועלען באלד נאך דער חתונה אוועק נאך ווארשא.

כ'וועל אריין אין א צירק און דו וועסט ווערען א מאדאם... מיין מאדאם !..

— —

אט ציהט זיך שמשון אוים אויף דער שלאף-באנק. ביילע קריכט ארויף אויף איהם, שפיעלט זיך, ווי א קינד פארטאג מיט זיין פאטער.

דא רייט זי אויף איהם, און דא בייסט זי לײדענשאפטליך זיין אונטערשטע ליפ ; דא לאזט זי אריין איהרע פויסטלעך אין זיינע קודלעס, רייבט איהרע פוכאווע באקען אין זיינע עטוואס שטעכענדיג-בעוואקסענע... און וואס טהוט זי נישט?!. — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— טרא-טרא-טרא-טראאא ! — צוטראמביעט זיך דער „פאטשטאריזש" אריינפאה־רענדיג אין שטאדט און וועקט ביילען אויף פון איהר חלום. ערשטווינט קוקט זי זיך ארום, זעהט ניט קיינעם, זעצט זי זיך אוועק ביי'ם ברעג טייך און פערטראכט זיך.

— שוין זעקס חדשים — זיפצט ביילע — ווי שמשון ווייכט מיך אוים, די לעצטע

צייט האָט ער מיך גאָר גענומען שלאָגען!.. אַלס די „מומע־גאָלדע", אַלס זי — — — —
— און אפשר רוזשקע?!.. בלייבט זי שטעהן א ווײַלע און צואוויינט זיך.
א ווינטעל צואוויעגט זיך.
לייכטע וואלען קלאַפּען, שווענקען אָפּ דעם ברעג.
העך טייך זשומעט.
טרערען גרויסע ווי ארבעס קאַטשען זיך אראָפּ פון ביילעס באַקען, קאַטשען און פאַלען אין וואַסער אריין.
די לייכטע וואלען טראָגען זיי אוועק ווייט, ווייט...
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויפגערעגט געהט שמשון ארוים פון שענק.
ער צושפּרייט די פיס, שטעקט אריין די הענד אין די הויזען־קעשענעס, קוקט זיך ארום, גלייך ער וואָלט געקלערט א וואו צו געהן. די שענק מיט די חברים זענען איהם יעצט נמאס. ס'ווילט זיך איהם זיין אליין, גאַנץ אליין ערגעץ ווייט און רוהיג טראַכטען.
מיט פעסטע טריט שפּאַנט שמשון אין די „ברזשעזשינקע" וואָס געפינט זיך אונטער די שטאָדט.
די „ברזשעזשינקע" איז פערגליווערט אין איהר שטילקייט.
די נאַכט שווימט צו נעהנטער און נעהנטער...
די מעכטיגע ברזשעזשינע בוימער זענען פון אונטען, ווי צונויפגעוואַקסען אין איין גרויסען אונענדליכען, ברייטביינינגען בוים, וועלכער ציהט זיך ווייט, ווייט...
פון דער צווייטער זייט „ברזשעזשינקע" הערען זיך אומעדיגע טענער פון קלויסטער־גלאָק.
שמשון זעצט זיך אוועק אונטער א בוים, שפּייט אויס און פאַרציהט א סיגאַר.
ער זיצט און קלערט ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון ביילען, זי איז שוין איהם דערעסען.
— נישט דאָס וואָס א מאָל! — זיפצט שמשון און לאָזט ארויס דינע שלענגלעך רויך.
— אפילו די „מומע־גאָלדע", דאַכט זיך א שעלמע, האַ? אָבער אַלס נישט רוזשקע! נישט דאָס!...
ס'האַרץ ציהט איהם צו רוזשקען.
אָט זעהט ער זי אין איהר לאַנגער טערקישער גאַבערלע מיט האַלבע, ברייטע אַרבעל. די האָר צושאָטען. די לאַנגע רייפען־אוירענגלעך וואַקלען זיך אין די אויערן. רוזשקע זעצט זיך אוועק מאַכט אריין די גאַבערלע צווישען די פיס און איהרע שוואַרצע, שעלמישע אויגען לאָזען נישט רוהען, ברענען — — —
שמשון שמייכעלט:
א פער'שכור'ענדע קראַפט פאַנגט אָן וואַקסען אין איהם, צוגיעסט זיך מיט א שנעלקייט איבער זיין גאַנצען קערפּער, פּילט אָן יעדען שפּאַלט, יעדען נערוו...
ער קאַרטשעט זיך איין אונטער'ן בוים ווי א פּאַנטערע און גיט א בריל:
— א מויד א ברען!...
שמשון עראינערט זיך:
ער געהט מיט רוזשקען כאַפּען פיש. זיי זיצען ביז שטאָקעדיגע נאַכט, הונגערען

זיך גוט אוים און מעהר ווי עטליכע פלאָטקעס כאַפּען זיי נישט. מיערע געהען זיי אהיים. אויפ'ן וועג פאַרגלוסט זיך רוזשקען געבאַרטענע קאַרטאָפּעל.

שמשון קאָפּעט אוים יונגע, פרישע קאַרטאָפּעל, נעמט אראָפּ א ביסעל היי פון סטאָג, רייסט אָן קאַרע פון די ביימער און א פייעריל צופלאַקערט זיך אין מיטען דער לאָנקע.

זיי שלינגען מיט אַפּעטיט די קרוכע קאַרטאָפּעל.

שמשון ציהט זיך אוים נעבען פייער אויפן בויך, שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט זיינע צוויי הענד און פערטראַכט זיך.

שטיל.

ערגיץ דאַרט ווייט, ווייט קוואַקען זשאַבעס.

מיט א ווילדע הנאה בעטראַכט ער די פלאַמען־צינגלעך וואָס הויבען זיך פון פייער. און ס'דאַכט זיך, אַז די פלאַמען־צינגלעך בויגען זיך אַלס נעהנטער און נעהנטער צו שמשונ'ען, שפּיעלען זיך מיט איהם : בויגען זיך צו און שפּרינגען אָפּ.

שטיל.

יעדע רגע ווי א זיג־זאַג שניידט דורך א בליץ.

רוזשקע זעצט זיך נעבען שמשון'ען אויף די קניהען, לאָזט פונאַנדער איהרע שוואַרצע פלעכטען, צושפּרייט איהר קלייד ווי א קוואָקע די פליגעל, נעהמט ארוים פון בוזעם א פּעשעל קאָרטען, טאַשט עס און צולעגט עס אויף שמשון'ס פּלייצע.

זי ציהט ארוים א קאָרט :

— מלכה אייכעל :

— — — א ברונעטקע, מיט אויגען ווי די נאַכט, וואַרט אויף דיר ערגעץ גאַנץ ווייט, ווייט... זי בענקט. שלעכטע מענשען לאָזען זי נישט צו דיר... זי וועט אויסשטעהן פּיעל צרות אָבער צום סוף וועט זי דיך קריגען, שמשון ! —

— פונקט ביילקע, אזוי פלעגט זי אמאָל רעדען, „וראַוזשען"... איהרע אויגען ! א העליש־פייער ! — קלערט שמשון און פיהלט ווי עפּים פלאָנטערט זיך ביי איהם אין מח, שפּרינגט אָהן סדר — — — —

רוזשקע הויבט אויף א קאָרט :

— אויבער שעל :

— — — א פּרינץ מיט בלאָנדע לאָקען איז שטערבליך פאַרליעבט אין די ברונעטקע. ער פאַנגט זי, פערשליסט זי אין זיין כשוף־פּאַלאַץ. די ברונעטקע אנטלויפט פון זיין שלאָס און קומט צו דיר, שמשון ! —

רוזשקע ווערט שטיל.

די באַקען רויטלען זיך.

א זאַנפטיג ווינטעל טראָגט זיך לייכט איבער די לאָנקע.

דאָס פייעריל דערברענט זיך.

אָט זעהט שמשון ווי א פּאָר לאַנגע הענד אָהן א געשטאַלט שטרעקען זיך אוים... די הענד ציהען, רופען אין שלאָס אריין וואו די געפאַנגענע ברונעטקע ליעגט...

שמשון כאַפּט ארום רוזשקען, קושט זי, שטופּט אריין זיין קאָפּ אין איהר שוים.

רוזשקע האַלדזט איהם און שעפּטשעט :

— שמשון, אַט, דאַ אריין, קוש — און ווייזט אויף איהר בראָנז־האַלדז.

שמשון נורקעוועט אריין זיין קאָפּ אין איהר האַלדז, שפּילעט בשעת מעשה אויף איהר בלוזקע, העקעלט אָפּ איהר קלייד.

— וואָס טהוסטו?... שעפּטשעט רוזשקע און דריקט זיך אַלס פעסטער צו שמשונען.

שמשון ענטפערט נישט, נעהמט זי אויף דער האנד און ווארפט זיך מיט איהר נעבען פייער. —

פון דעמאָלט אָן בענקט ער אַלס מעהר און מעהר נאָך רוזשקען.

שמשון דרעהט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט, לאָזט ארויס אַ פּאָר קנוילען רויך און פערטראַכט זיך:

זיין חבר שלמה „קראַדניק“ קומענדיג פון ווארשאַ האָט איהם דערצעהלט, אַז מיט אַזאַ מיידעל ווי רוזשקע קאָן מען אין ווארשאַ מאַכען אַ בכבודיג לעבען.

עס האָט פיעל נישט געפעהלט שמשון זאָל פאַר אַזאַ עצה אריינפאָהרען „קראַדניקען“ אין פּיסק אריין.

וואָס מיינסטו עפּיס, קעלבאסניק! — האָט שמשון ארויסגעזאָגט בייז — רוזשקע איז פון י ע נ ע ? !.. ניין! רוזשקע איז מיינע! —

פּלוצים פּאַרגעסט זיך שמשון און איהם דאַכט זיך, אַז ער איז אָן אַלפּאָנס.

ער שפּאַצירט זיך איבער „טאָוואַראָווע“ און אַ פּאָר ברייטע, העלע הויזען מיט קעס־טלעך, אין אַ וויים־פּיקענע וועסט, אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט. אויף די פינגער בריליאַנטען.

ער שפּאַציערט און קוקט ווי „יאָלדען“ פּאַקען זיך צו איהם.

די „מומע גאָלדע“ זיצט ביי די טהיר און נעהמט צו די פּאָר גראָשען.

אויף יום־טוב קומט שמשון אַ היים צו זיך אין שטעדטעל. אָן אויסגעפּוצטער געהט ער זיך צו די „השכמה“, קויפט מפטיר, איז מנדר אַ שעהנע נדבה.

נאָכ'ן דאַווענען פאַרבעט ער זיינע חברים אין שענק אריין, מען עסט, מען טרינקט און שמשון דערצעהלט ווי ס'לעבט זיך אין ווארשאַ, די בריה'שקייט פון ווארשעווער גנבים. חברה זיצען מיט דרך־ארץ און שלינגען זיינע ווערטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טריט — — —

אַ הויכער יונג אין אַ פּאָר לאַקירטע שטיוועל מיט אַ פּאָר געפּאַסטע הויזען געהט פערביי. ער ריקט זיין קליין היטעל „נאַ־באַקער“ מען זאָל בעסער ארויסזעהען זיין קאָ־זאַצקע פּאה.

דאָס איז „יאַן“ אַ שקץ וואָס רעדט אויך האַלב־יודיש. ער איז תמיד אין די „ברזשעזשינקע“, כאַפּט קנאַרקעס און לערענט זיי ארויס ציהען בילעטען. זיין צושווי־בערטע פּאה מיט די שטיקלעך שטרוי צייגען, אַז ער איז נור וואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

— העי, דו גוי, וואוהין שלעפּסטו זיך? שרייט שמשון.

„יאַן“ קוקט זיך ארום, דערזעהט שמשונען, שרייט אויס:

— יעזוס־מאַריאַ! און צלמ'ט זיך.

— כ'שלעפּ זיך צו דיר, שמשון — ענטפערט יאַן. עפּעס אומעדיג היינט, ברודער. ס'ווילט זיך דעם האַלדז נאָס מאַכען און דערצו בין איך הונגעריג ווי אַ וואָלף!

שמשון שטעלט זיך אויף, ציהט זיך אויס, עפענט דאָס מויל.

א ווילדער אַ־אַרא! שניידט דורך די שטילקייט פון די „ברזשעזשינקע".

— שמשון, האָסטו אפשר א סיגאַר? פרעגט יאַן.

שמשון שטעקט אריין צוויי פינגער אין וועסטעל־קעשענע, שלעפּט ארויס א סיגאַר, איז מכבד יאַנען.

זיי פערשווינדען אין וועלדיל.

אין מיטען שטוב ביי א קיילעכדיגען טיש זיצט רוזשקע מיט ביילען און שפּיעלען אין „אָקאָ".

אויפ'ן טיש אין א מערזשיל ברענט א לעמפּיל מיט א געלאַטעוועט גלעזעל. נאָך יעדען קאָן הויבען די שפּיעלערס אויף דאָס לעמפּעל און וואַרפען אריין „שווידער־געלד" אויף נאַפּט.

רוזשקע פערלייגט איין פוס אויפ'ן צווייטען, טאַלירט די קאַרטען און מיט א פרעה־ליכע מינע זינגט זי פערשיעדענע קופּלעטען, ביילע אַקאָמפּאַנירט איהר — און אויפ'ן טיש קלימפּערן מטבעות.

אויפ'ן פּיעקעלעק קאַפּטשעט א קנייטעל אין א פלעשעל נאַפּט.

דאָרט זיצט וועלוועל און ארבייט א פּליה־שלאַנג.

די טהיר עפענט זיך.

שמשון מיט יאַנען קומען אריין.

שמשון איז פרעהליך, רעדט מיט ביילען, גלייך צווישען זיי וואָלט גאָרנישט פּאָר־געקומען. ער שטעלט אוועק עטליכע פלעשלעך בראַנפען און הייסט ביילען מאַכען עפּיס פערבייסען.

רוזשקע אין א פּאָר ברוינע, שנערעוואַנע שטיוועלעך מיט הויכע אָפּצאַסען, אין א קורץ געשטרייפט האַלקעלע פון אונטער וועלכען עס קוקען ארויס קאַלירטע זאָקען, געהט אונטער צום שפּיגעל, טאַנצענדיג.

זי הויבט אויף איהרע קליינע פּוכלענקע הענד און נעהמט פלעכטען איהרע צעפּ.

די באָרדע בלוזקע ציהט זיך איין אויף איהר פולען קערפּער און צוויי אָפּגעטאָקטע ברוסטען פרעסען זיך ארויס.

שמשון שטופּט יאַנען און שעפּט נחת.

ער גנבה'ט זיך אונטער, כאַפּט רוזשקען ארום און פערשטעלט איהר די אויגען.

רוזשקע טהוט כלומרשט פון שרעק א שיפּ און רייסט זיך ארויס.

— ווי קאָן מען דאָס אזוי א מענש איבערשרעקען?! דאָס גאַנצע הארץ קלאַפּט דאָך מיר — צובייזערט זיך רוזשקע און שטעקט שמשון'ס האנד צו איהר ברוסט:

— נאַ, זעה!

שמשון רוקט ארונטער זיין האנד אונטער די בלוזקע.

רוזשקע טהוט איהם א פּעטשעל.

אַלע צולאַכען זיך.

רוזשקא פערשעהמט זיך, לויפט צו שמשונען, נעהמט איהם רייסען פאַר'ן אויער:

— דו, חזר איינער!

שמשון בויגט איין דעם קאָפּ, שמייכעלט און לאָזט זיך.

יאַן שלעפּט דערווייל אַראָפּ וועלוועלען פון פּיעקעלעק, זעצט איהם צו זיך אויף דער שויס און מאַכט נאָך אַלע חיות און פויגעל. ער טהוט א ציה אויס זיין לאַנגען האַלדז — און אַ קאַנאַרעק שפּיעלט; אַ קורטשע איין — א הוהן קרייט; אַ לזאַ אַראָפּ דעם קאָפּ און — אַ הונד בילד.

ער ציהט אַרויס פון זיין כאַלעווע „אַ פּיסצאַלקע“ און פּייפט אויס „אַ מאַזורקע“.

דער עולם ווערט פרעהליכער און צוזעצט זיך אַרום טיש.

רוזשקע געהט אַרום די געסט מיט אַ פלאַש.

די גלעזלעך ווערען געשווינד ליידיג און מען גיסט זיי ווידער אָן. די פּנים'ער קאַלירען זיך, מען גיט זיך צו קוראַזש, מען וויצעלט זיך און מען דערצעהלט מעשיות...

רוזשקע מאַכט עטליכע כוסות, ווערט פרעהליכער, לאַבוזאַוואַטער — — — — זי זעצט זיך אויף שמשון'ס שויס.

שמשון נעהמט זי אַרום און הייבט זי אָן קושען.

ביילע ווערט שטאַרק בלאַס און באַלד פּיהלט זי ווי אַ כוואַליע בלוט שלאָגט איהר אין פּנים אַריין. זי קוועטשט איין די פויסטען, וויל כאַפּען אַ פלאַש, כמאַליען איבער די קעפּ.

מיט אַ שוידער זעהט זי ווי דער האַלב שכור'ער שמשון גלעט רוזשקען און רעדט אַפּגעריסענע ווערטער. זי ציטערט פון כעס, און ס'דאַכט זיך, אַז זי וויל שמשון'ען אויפעסען מיט איהרע אויגען.

זייערע בליקען טרעפען זיך, מעסטען זיך און שטעכען דורך איינער דעם צווייטען — ביילע שפּירט ווי העמערלעך קלאַפּען אין איהרע שלייפען.

זי שפּרינגט אויף.

מיט וואַקעלדיגע טריט געהט ביילע צום קינד און נעהמט שליידערען די מילטער.

דאָס קינד פאַלט אַרויס און צושרייט זיך.

טרערען בעווייזען זיך אין ביילעס אויגען. זי קריגט רחמנות אויפ'ן קינד, הייבט עס אויף, טוליעט עס צו איהר ברוסט און קושט עס. זי פּיהלט זיך אַזוי שוואַך, אַזוי הילפלאָז — — —

יאַן גיט וועלוועלען בראַנפען און פּאַפּיראָסען צו רויכערין.

וועלוועלען טהוט עס שטאַרק הנאה: עפּיס פּיהלט ער זיך גאָר עלטער, גרעסער... אין גיכען אָבער דערשפּירט ער קאָפּ־וועהטאָג און אַלס אין שטוב הויבט זיך אָן דרעהען — — —

נאַכט.

וועלוועל קומט אויף.

דאָס לעמפּיל צאַנקט און בעלייכט דונקעל די פּנים'ער פון די שלאָפענדע.

ער דערשרעקט זיך:

די מאַמע אויף דר'ערד, די האָר פונאַנדערגעלאָזט.

זי כראָפּעט.

נעבען איהר ליעגט יאַן אויסגעצויגען ווי אַ ליעשטש אויף ברודיגע בעטגעוואַנד אָהן ציכלעך.

דער טאַטע אין די קליידער ליעגט מיט רוזשקען אויף דער שלאָף־באַנק.

דאס פעררויכערטע לעמפעל צוטראגט איבער'ן צימער א שווערען, שטיקענדען ריח.
אויפ'ן ברודיגען פאל וואלגערט זיך: שטיקלעך פאפיער, אפגעבערענטע פאפי־ראסען, שוועבעלעך.
אין א ווינקעל ליעגען צוויי שטולען איבערגעדרעהט און נעבען זיי צוויי פלעש־לעך פון נישט לאנג אויסגעטרינקענעם בראנפען.
צו דער טהיר צו ביי א בערגעל מיסט ליעגט א צובראכען גלאז, שטיקלעך צוקער.
וועלוועל דערזעהט דאס אלס ביי דעם ערשטען בליק און שרעקט זיך שטארק.
צומייסטען אבער האט ער מורא צו קוקען אין דער זייט וואו די מאמע ליעגט.
ס'דאכט זיך איהם, אז א פאר גרינליכע אויגען קוקען אויף איהם פון אונטער די פונאנדערגעלאזטע האר.
פון פיעקעלעק טראגט זיך דאס פישטשען פון א גריל.
די ים־חזר'לעך וואורטשען
משונה'דיגע שאטענס שפרינגען און טאנצען איבער די וואנד.
וועלוועל האט מורא, פערמאכט די אויגען:
בלויע רעדער מיט גאנצע פאלאצען זעהט ער פאר זיך — — —
דארט אין ווינקעל שטעהט עמיצער און בלעקט אויף איהם ארויס די צונג — — —
טיעפער, טיעפער בעהאלט וועלוועל דעם קאפ אין קישען און ציטערט פון שרעק — גוואלד.

י. י. שוואַרץ.

יפתח'ס טאָכטער

....און יפתח האָט אַ נדר געטהאָן צו גאָט
און געזאָגט: אויב דו וועסט איבערגעבען
די בני־עמון אין מיין האַנד, — איז דער
וואָס וועט אַרויס אַנטקעגען מיר פון די
טיהרען פון מיין הויז ביי מיין קומען בשלום
פון די בני־עמון, וועט געהערען צו גאָט,
און איך וועל איהם ברינגען אַ קרבן...
...און יפתח איז געקומען אין מצפה צו
זיין הויז, און זיין טאָכטער איז אַרויס אַנט־
קעגען איהם מיט פויקען און מיט טענץ...
שופטים, י"א.

און בלאַס איז דער גבור געווען... זיין געזיכט
פערצויגען מיט וואָלקענס מיט שווערע געדיכט.
אין אויג האָט געצאַפּעלט, געשימערט אַ טרער,
זיין קאָפּ טיעף געזונקען, פערצווייפעלט און שווער.
געוועהט האָבען פאָהנען, די זון האָט געשטראַהלט,
דער פויק האָט געשלאָגען, טראָמפּייט האָט געשאַלט;
די טאַצען געקלונגען אין הילכיגען קלאַנג —
נעגאָסען אין קריעגער און זיעגער געזאַנג.

ס'איז אַלעס געוועזען פערטרונקען אין שיין:
געבלויט האָט דער הימעל, געגליהט האָט דער ווייַן,
געבליהט האָט דער אתרוג, מיט דופטען געוועהט,
געווען זענען טהאָלען מיט ליליען בעשנעעט.
און פעלדער און וועלדער בעשאָטען מיט טוי,
ערוואַכט פון דעם נאַכט־טרוים אין גאָלד און אין בלוי —
שטיל האָט זיי דער מזרח'שער ווינדטעל געגלעט,
שטיל עפּעס גע'סוד'עט, שטיל עפּעס גערעדט.
און ווייטער אַרום האָט געציטערט די ערד
פון יובלענדע מחנות און קאָכיגע פערד.

און שטיל איז דער גבור געווען... זיין געזיכט
פערצויגען מיט וואָלקענס מיט שווערע געדיכט.

דאָס פּנים אַזוי ווי געגאָסען פון בראָנז;
עס ציטערט און רעגט זיך זיין שווארץ־גרויע וואָנס,
און ס׳פלאַטערט זיין באָרד אויף זיין ריעזיגער ברוסט...
די זון האָט זיין שטאָהלענעם פּאַנציער געקושט,
געשפּיעלט מיט זיין שפּיעז און געפינקעלט, געגלאַנצט.
זיין פערד אונטער איהם האָט געדרויכערט, געטאַנצט,
געגראָבען די ערד און געגאָסען מיט שוים,
געגריזשעט, געבראָכען זיין שטאָהלענעם צוים.

און ס׳האָבען די טעכטער פון מצפה געטאַנצט
מיט ראָזען און ליליען־גירלאַנדען בעקראַנצט.
אַ פּייער אַ שווארצ׳ס און אַ בלוי׳ס איטליך אויג,
און פלינק און גראַציעז יעדער קעהר, יעדער בויג.
אין האַנד האָבען צימבלען און טאַצען געבליצט
און פונקען אַנטקעגען די שטראַהלען געשפּריצט.
די לאָקען צעוואָרפען אַריבער דעם דעם נאַקען,
ווי גליהענדע רויזען — די זון־ברוינע באַקען.
זיי האָבען געלויכטען אין וויס און אין ראָז,
געפלאַטערט ווי פויגלען אין גרינקייט פון גראָז.

פאָרויס אין די קלאַנגען פון יובעל־מוזיק,
אַ רויז פון די סטעפּעס, אַ הימעל — איהר בליק,
מיט אָפענע אָרעמס צום העלד אויסגעשפּרייט —
זיין טאָכטער, זיין טאָכטער... זיין גליק און זיין פרייד:
„העי, העכער זאָל קלינגען דער קול פון דעם פלייט,
„און הילכיגער שאַלען דער פויק און טראָמפּייט...
„די גבורה פון שונא געוואָרען פערוויסט,
„ערוער און מנית פערוואַנדעלט צו נישט...
„בעזינגט און בעוואונדערט דעם גבור, דעם העלד
„דעם קריעגער און זיעגער אין בלוטיגען פעלד!“

און ברייט האָט דער ים פון׳ם גליק זיך געגאָסען,
די אויגען, זיי האָבען מיט זונען געפלאָסען.
איין האַנד האָט די צווייטע מיט ליעבע געאָרעמט,
איין האַרץ האָט דאָס צווייטע מיט ליעבע געוואָרעמט.
אין לופט האָט מיט דופטענדע בלומען געדרעגענט;
אָט דאָ האָט אַ כלה איהר חתן בעגעגענט
און איז אויף זיין ברוסט אין בערוישונג געפאַלען
אָהן ווערטער, פערטויבט אין דעם פויקען און שאַלען.
און דאָרט האָט אַ מוטער, פון שמחה פערטרונקען,
צום האַרץ פון איהר קינד שטיל אין טרערען געזונקען.

און שטורעמדיג האָט זיך דער קאָפּ פון דער טאָכטער
צום הארצען פון פאָטער געצויגען;
די לויכטענדע אָרעמס ארום איהם פערפלאָכטען,
די לאָקען די שווארצע צופלויגען.

און שטיל האָט דער גבור פון פערד זיך געבויגען,
די אויגען פערוואָלקענט מיט טרערען....
און טרויעריג קושט ער, דער זיעגרייכער גבור,
די נאכט־שווארצע לאָקען און שטערן.

און ס׳שעפּטשען קוים הערבאר די ציט׳רענדע ליפּען:
„מיין טאָכטער, זיי מוטהיג... ענטשלאָסען...
„גאָט׳ס־האנד האָט צום קרבן ערוועהלט דיך... מיין טאָכטער...
„פיעל בלוט האָט געפלאָסען... געפלאָסען

„אראָב פון דער הויך פון דעם שלאכט־פעלד אין טיעפקייט...
„פיעל מוטערס די קינדער פערלאָרען...
„און איך האָב א נדר געטהאָן... ס׳איז מיין נדר
„פון גאָט אָנגענומען געוואָרען....

„אָ, טאָכטער... מיין טאָכטער...“ — א רגע און ס׳זיינען
די אויגען די טיעפע געשלאָסען —
גאָר אויפגעבליצט האָבען זיי העלער ווי פריהער,
מיט פרייד און מיט ליעבע געשאָסען.
און קלינגענדיג גלייך ווי די שטראָמען פון פריהלינג
אזוי האָט איהר שטים זיך געגאָסען:

„אָ, פאָטער, מיין פאָטער... ווארום ביזטו בלאס?
„דיין קאָפּ איז געבויגען, דאָס אויג דיינס איז נאָס.
„פעריאָגט איז דער פיינד און בעפרייט איז דאָס לאנד
„דורך דיין מעכטיגער האנד.

„און פיעל זענען, פאָטער, אין שלאכטפעלד געפאלען
„אלס רויב פאר די וואָיענדע ווילדע שאקאלען —
„עס שוויינקט זיי דער רעגען און שלאָגט זיי דער ווינד —
„א קרבן זאָל אויך זיין דיין קינד!“

און שטיל איז געוואָרען... פערשטאָרבען די קלאנגען.
אָהן לעבען, פערשעהמט זענען פאָהנען געהאנגען.
דער שטראהל אויף׳ן שפּיעז אזוי קאלט און אָהן גלאנץ
פערוועלקט און פערטריקענט די בלומען אין קראנץ.

עס פאַלען פערשעהמטע די גאָלדענע ליכטער...
פערטרויערטע זענען די ברוינע געזיכטער,
די קעפּ צו דער ערד טיעף געבויגען, געבויגען....
און ס'זענען פערגאָסען מיט טרערען די אויגען.
פון ערגעץ פון ווייט האָט א קלאַנג זיך דערטראָגען
און האָט זיך אין טרויעריגער שטילקייט צושלאָגען.

און ווייטער גערעדט האָט די טאָכטער פון יפתח:
„אָ, פאָטער, בעזיעגער, בעפרייער —
„עס האָט זיך אין הארצען ביי מיר אָנגעצונדען
„א הייליגער געטליכער פייער.

„און ס'גיעסט זיך פאַרנאַנדער דער ברויזענדער פייער
„און קאָכט און עס זיעדט אויף די בלוטען —
„און מוטהיג, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר דיין טאָכטער,
„עמפּפאַנג איך די לעצטע מינוטען....

„אָ, פאָטער, איז ד אָ ס גאָר געוועזען די ענטשיידונג
„פון מיינע חלומות, פערלאַנגען
„וואָס האָבען ביי מיר טיעף אין הארצען געוועבט זיך
„ווי שטילע, פערטראַכטע געזאַנגען —

„און האָבען ווי ליכטיגע גוטע מלאכים
„ביי נאַכט אין מיין שלאָף מיך געליולעט;
„די מיידעלשע באַקען אין נאַכט־טרוים גערויטעלט,
„און טריי זיך צום הארצען געטוליעט.

„און האָבען ביי טאָג אין די פעלדער בעגלייט מיך,
„גע'סוד'עט מיר עפּעס אין אויער....
„געשלאָגען אין הארצען און איבערגעלאָזט דאָרט
„א וואַרעמען, צערטליכען טרויער..."

און שטיל האָט דער העלד איהרע לאָקען געגלעט,
געקושט איהרע אויגען און טרויעריג גערעדט:

„אָ, טאָכטער, מיין טאָכטער — — —
„עס וועט מעהר דיין ליעד שוין ניט קלינגען אין הויז
„און איינזאַם וועט וועלקען אין גאָרטען די רויז.
„און קומענדיג מיעד פון דער ווייט, פון דער ווייט,
„נאָך א לאַנגען און שווערען און קאָכיגען שטרייט,
„וועט מיך ניט פערוויעגען דיין צערטליך געזאַנג

„פון יאהרען וואס זענען פערשוואונדען שוין לאנג,
„פון אור־אלטע צייטען פערנעבעלט אין גרוי —
„וואס פאלט אויפ'ן הארץ ווי אויף בלומען דער טוי.
„פערוואָרפען די קלינגענדע טאצען, פעררא̇סט,
„דיין גאלדענע הארפע אויף אייביג פערלאָזט.

„און אָווענד'ס, ווען ס'ראנגעלט די זון זיך אין פלאם,
„און טרינקט זיך אין טיפען אין ראָז־בלויען ים,
„ווען ס'געהען די טעכטער ישראל'ס צום קוואל
„וואו ס'קלינגען און סוד'ען א וואל צו א וואל.
„דער קרוג אויפ'ן שולטער — א פייעריג ליעד
„ברענט היים אויף די ראָז־פרישע ליפען און גליהט.
„עס קלינגט העל א זילבערנער פריש־יונגער קול
„און ס'ענטפערען אב איהם דער בארג און דער טהאל,
„און ס'טראָגט זיך א גלוטהיגעס, קאָכיגעס זינגען —
„וועט דיין קול פון דאָרטען ניט קלינגען!...

„און ס'וועלען פערשווינדען די יאָהרען נאָך יאָהרען,
„עס בליהען און וועלקען די ליליען פון שרון,
„עס וועלקען און בליהען אין טהאלען די ראָזען.
„א ווארעמעס ווינדטעלע זאנפט וועט זיך בלאָזען
„די קעפ פון די צעדער לבנונ'ס שטיל בויגען....
„דער כרמל וועט בליהען אין גלאנץ פאר די אויגען
„מיט טויזענד קאָליערענדע בלומען שעמ'רירען —
„זיי וועלען מיט חופה גירליאנדען און קראנצען
„דיין מיידעלשען קאָפ ניט בעציערען.

„און ס'וועט דיינ'ס א קינד אויף מיין קניע זיך ניט שפיעלען,
„ניט וועקען אין הארצען קיין יונגע געפיהלען,
„זיך טוליען צום ברוסט מיר און שטיעפען און ריידען
„און גלעטען דעם זילבערנעם באָרד פון זיין זיידען.
„א קינד פון די סטעפעס מיט אָדלער'שע אויגען.
„ניט לערנען איהם שיעסען מיט פייל און מיט בויגען,
„איהם בענשען צום זיעג ווען בעפאנציערט מיט מוטה
„ער געהט צו בעשיצען זיין פאלק מיט זיין בלוט —
„איהם ווארטען מיט יובעל־געזאנגען צוריק
„ווען קומען וואָלט ער א בעקראנצטער מיט זיעג..."

און שטיל האָט דער העלד איהרע לאָקען געגלעט,
געקושט איהרע אויגען, און זי האָט גערעדט:

„לאז מיך געהן אין די בערג... אין די בערג...
„לאז מיין בליהענדען יוגענד בעקלאגען...
„דארט בעזינגען מיין פרייד און מיין לייד,
„און מיין וועה און מיין גליק ארויסזאגען.

„ס׳האט נאך קיינער צום הארץ מיך געדריקט,
„ס׳האט נאך קיינער געקושט מיינע לאקען —
„ס׳האט מיט פייעריג לוסט און בעגעהר
„נאך דאס אונשולדיג הארץ ניט געשלאגען.

„כ׳וויל בעטרעטען דעם חרמון, דעם שניר —
„כ׳וויל דעם שרונ׳ס ראז־ווייסע נארציסען
„דורך דעם פרייד און דעם לייד פון מיין הארץ
„מיט מיין הארצענ׳ס־טוי — טרערען — בעגיעסען.

„און פערזינקען אין גראז זאל מיין טרער —
„און געבענשט זאל עס ווערען און בליהען:
„און שנעע־ווייסער דער ווייסער נארצים
„און די ראזע זאל ראזער נאך גליהען.

„און דער אבקלאנג פון ליעד אין די בערג
„זאל אויף אייביג זיך טראגען און שוועבען....
„ניט פערגעסען זאל ווערען דאס ליעד
„פון מיין יונג, ניט דערזונגענעם לעבען“.

און שטיל איז די מחנה געשטאנען ארום:
די קעפ טיעף געבויגען, דערשלאגען און שטום.
און קריעגער, וואס האבען זיך קיינמאל געבויגען,
פון יוגענד דעם טויט געקוקט גלייך אין די אויגען
געלעהנט אן דעם בלוטיג־פערפלעקטען געוועהר
זיי האבען געגאסען א טרער נאך א טרער.
און מוטערס פון דריקענדען טרויער פערקלעמט
זיי האבען צו האלזען זייער קינד זיך געשעהמט.
און כלות פון חתן׳ס אומארמונג בעפרייט
זיי זענען געשטאנען בעטריעבט אן א זייט.

און ס׳האבען די חבר׳טעס איהרע, אין לייד,
געקושט איהרע הענד און דעם זוים פון איהר קלייד.
און קלאגענדיג שטיל אין דעם אנגסט און דעם וועה
איהר פערשאטען מיט ליליען מיט ווייסע ווי שנעע.

און זי איז זיך רוהיג געשטאַנען, פערטראַכט
און אין אויג טיעף — דער חלום פון אייביגער נאַכט.
און שווער אָן אַ זייט אויף דעם רוהיגען פערד
אין פינסטערע טיעפע מחשבות פערקלערט
איז געזעסען, אַ שווארצער, דער זיעגרייכער העלד
און שוויינענד געקוקט אין דאָס ווייט־ווייטע פעלד.

ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1910.

ב. ווֹלאַדעק.

א. ליעסין *)

קריטישע נאָטיצען

דער בעוואוסטער פראַנצויזישער קריטיקער סעין-ביאָוו רעדט ערגעץ וועגען דעם צושטאַנד פון פּאָעזיע אין פראַנקרייך אין דעם 16טען יאהרהונדערט און זאָגט: „עס זענען דאָרט געווען נור רמזים אויף גרויסע דיכטער, אָהן קיין שום אידעאַל, אָהן טיעפקייט פון געפיהל און ערנסטקייט, וואָס מאַכט הייליג.“ מיר דוכט, אַז אָט די דריי סמנים — דאָס האָבען פון אַ אידע-אַל, טיעפקייט פון געפיהל און ערנסטקייט, וואָס בעהייליגט — דאַרף מען שטענדיג האָבען אין זינען, ווען מען וויל בעטראַכטען, אויב אַ וועלכער ס׳איז דיכטער איז ווירק-ליך בעדייטענד. איך זאָג „בעדייטענד“ און ניט גרויס, ווייל אום גרויס צו זיין דאַרף מען האָבען עטוואָס מעהר — אַז דער אידעאַל זאָל זיין ניי און דאָס געפיהל ניט נור טיעף, אָבער אויך ענטפּלעקענד נייע ליידענשאַפטען אין דעם מענשענ׳ס האַרץ און בע-שיינען דאָס לעבען מיט אַ ניי ליכט. צום בעדויערן, זענען מיר מעהר ווי אַלע אָרעם אין גרויסע דיכטער — ווער ווייס, אויב כאָטש איינער וועט פערבלייבען פאַר דער מענשהייט און אייביגקייט — און עס וועט פיעל בערייכערען אונזער געשמאַק און עס-טעטישען גענוס, אויב מיר וועלען כאָטש וויסען ווער אונזערע בעדייטענדע זענען און וואָס פאַר אַ פּלאַץ זיי זאָלען פערנעהמען.

פאַר די לעצטע צייט זענען ביי אונז אויסגעוואַקסען פיעלע דיכטער, וואָס שיינען צו האָבען טיעף איבערגעלעבט זייערע פּאָעטישע זעהונגען און נישט ווייניגער אַזעלכע וואָס בעציהען זיך צו זייער מוזע מיט גרויסער ערנסטקייט, אָבער, ליידער, זענען צווישען זיי דאָ גאַנץ ווייניג, וואָס זייער שאַפען זאָל זיין בעלויכטען מיט דעם שיין פון אַן אידעאַל, פון אַ בעשטימטער, פעסטגעשטעלטער בעציהונג צו נאַטור, מענשהייט און לעבען, און נאָך ווייניגער אַזעלכע, וואָס די אַלע דריי אייגענשאַפטען פון אַ בעדייטענדען דיכטער זאָלען זיין געהעריג פעסט-געשטעלט, איינע די אַנדערע פערפאָלקאָמענדיג, איינע די אַנדערע פערגענצענדיג. די אַבוועזענהייט פון אַ אידעאַל איז ניט נור אַ פאַקט אין דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע, אָבער אויך אַ געהייליגטע טראַדיציע. אונזערע אינגערע דיכטער זענען כמעט שטאָלץ אויף דעם, וואָס פון זייער דיכטונג איז ניט צו דערקענען זייער בעציהונג צו דאָס גרויסע, וואָס הופט זיך לעבען און וואָס זיי נוצען מעהר זייערע פליגעל, ווי זייערע פיס. זייענדיג

*) אַברהם וואַלט, אָדער ווי דאָס לעזענדע פּובליקום ווייס איהם, א. ליעסין, האָט אָבגעדרוקט זיין ערשטע ליעד מיט אַ יאָהר 17 צוריק אין דער דאַמאָלסטיגער ניו יאָרקער „אַרבייטער-צייטונג“. אין גיכען וועלען א. ליעסינ׳ס ליעדער ערשיינען אין פערלאַג „פאַרוועהטס“.

רעדאַקציאָן.

„מאָדערניסטיש“ פאַרגעסען זיי, אַז דער מאָדערניזם איז ניט אויסגעקלעהרט פון אַן אָפּיום־טרינקענדען דעקאַדענט, נור איז אויסגעוואַקסען פון די נייע פאָרמען און פאַרבען פון לעבען. עס איז דאַרום אַן אמת'ער פערגעניגען צו וויסען, אַז באַלד וועלען ערשיינען די ליעדער פון א. ליעסין — פון אַ דיכטער, וואָס האָט אַ גרויסען און לייכטענדען איי־דעאַל און וואָס אָט דער אידעאַל האָט ניט פערפלאַכט זיין געפיהל און ניט פערוואָכעדיגט זיין ערנסטקייט. און כאָטש איך האָב ניט אַלע זיינע ליעדער פאַר זיך, איבערהויפּט פיעלע פון די לעצטע יאָהרען, וועל איך דאָך פּרואווען געבען אַ קורצע — און איך וויים, ניט פאָלקאָמע — כאַראַקטעריסטיק פון זיין פּאָעזי.

פריהער ווי אַלץ בעזיצט ליעסין אַ א י ד ע א ל. דאָס לעבען און די מענשהייט בעטראַכט ער דורך אַ געוויסען אייגענעם בעוואוסטזיין, פון אַ געוויסען פּאָעטישען שטאַנדפּונקט, וואָס גיט צו זיינע ליעדער אַ ראָמאַנטישע בעפאַרבונג און זיין סטיל — אָריגינאַליטעט. ער דערצעהלט אין זיין ליעד „ערוואַכונג“, אַז ביים דיכטער

„...היים וועט צוגאַנגען דאָס האַרץ אין די טרערען,
„טרערען פון ליעבע אָהן סוף.
„ליעבע צו אַלץ, וואָס דורכ'ן שטח פון וועלטאַלל
„אין דער נאַטור איז צושפּרייט,
„ליעבע צו אַלץ, וואָס האָט אָטעם און לעבען,
„ליעבע צו אַלץ, וואָס איז טויט“...

דאָס זענען די גלעזער, די אידעאַלע ברילען דורך וועלכע ער קוקט אויף דער וועלט — טרעהרען און ליעבע; ליעבע, וואָס איז אַי אַ רחמנות, אַי איבערגעבענהייט, ליעבע, וועגען וועלכע קריסטוס דריקט זיך ערגעץ אויס, אַז „זי ליידט פיעל און איז דאָך מילד“. אָט די ליעבע האָבען געהאַט און זיך ניט נור גרויסע מאַרטירער, אָבער אויך גרויסע דיכטער אָדער אַזעלכע, ו ו אָ ס אָ ט ד י ל י ע ב ע ה אָ ט ג ע מ אַ כ ט פ אַ ר ד י כ ט ע ר. ניקיטין, נעקראַסאָוו, נאַדסאָן און די גאַנצע „נאַראָדניטשעסקע“ שוהלע אין דער רוסישער ליטעראַטור, עדעלשטאַדט, באָווששאָווער און ט י י ל ו ו י י ז רייזין אין דער אידישער זענען די, וואָס אָט דער מעכטיגער געפיהל פון „ליעבע מיט טרעהרען“ האָט זיי געמאַכט פאַר דיכטער. דאָס איז ניט דאָס סענטימענטאַלע פערצוקערטע געפיהל פון קליינליכען רחמנות, נור דאָס אויפעסענדע פלאַקערנדע בעוואוסטזיין, אַז — אַ וועלט ליידט, אַ מענשהייט ליידט, אַז די גאַנצע וועלט־אָרדנונג איז צושטערט! און ליעסין איז נעמליך ניט סענטימענטאַל, נור קרעפטיג־ראָמאַנטיש און ער רופט ביי אייך ארויס ניט קיין טרעהרען און ניט קיין פערצווייפלונג, נור מוט און קאַמפּפסלוסטיגקייט, גלויבען און ווילען. ז י י ן מענש, ווי דער מענש פון אַלע ראָמאַנטיקער, איז ניט „דאָס קליין מענשעלע מיט קליינע השגות“, נור ד ע ר ה ע ל ד. מעג עס זיין דער אַלטער תנא רבי עקיבא, וואָס געהט לוסטיג צו שרעקליכע עגויים און טויט אין גאָט'ס נאָמען אָדער דער בויסקער בונדיסט ישראל פריעדמאַן, וואָס איז געשאָסען געוואָרען אין צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן; אַ אידיש מיידעל, וואָס פאַרגעסט ניט אין טומעל פון ניו־יאָרק איהר אַלטע היימאַט אָדער דער „אויביגער איד“. רעדט ער וועגען דעם קליין־מענשעלע, ווי צ.ב. אין „אידישען עקספּלואַטאַטאָר“, מוז ער איהם אויך מאַכען ראָמאַנ־טיש, טרוימענדיג פון אַ אידישע מלוכה און אידישע סאָלדאַטען אום ער זאָל פאַר איהם זיין אינטערעסאַנט. און אפילו דאַן בעציהט ער זיך צו איהם מיט אַ בעהאַלטען סאַר־

קאַסטיש שמייכעל, ווייל ער האָט נישט קיין קראַפט זיין טרוים צו רעאַליזירען, זיין ווילען דורכצופיהרען אין לעבען. ליעסין׳ס פאָדערונג צום מענשען איז: זיי אַ העלד! פערליר קיינמאָל דיין מוט! גלויב אין דיין ענדליכען זיעג, טרוים פון דער דרום־זון און הייסען קאַמפף אפילו אין די שנעען פון סיביר, גיב אָב דיין לעבען פאַר אַ אידעאַל אפילו דאַן, ווען דו זעהסט אין דעם קיין באַלדיגע נוצען ניט!

און ריהרענד קלינגט זיין:

„איך האָב ניט, אָה עלענדע אומה, מיט וואָס דיר צו דיענען
„אַרום אין דעם אַרימען וואַכיגען לעבען;
„דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם הוילען —
„איהם קען איך דיר געבען!"

אָט דאָס געפיהל האָבען מענשען געהאַט אין די שעהנסטע מאָמענטען פון דער מענשליכער געשיכטע. דאָס מוסר־נפש זיין זיך פאַר אַ אידעאַל, דאָס מקריב זיין זיך פאַר דער מענש־הייט, די שטאָלצע שיינענדע העלדישקייט, וואָס זוכט ניט קיין בעלוינונג, ווייל זי איז אינסטינקטיוו — זענען די בליצען, וואָס בעלייכטען אָפט די טרויעריגסטע וועגען פון דער מענשהייט, אָט דאָס געפיהל האָבען מיר אויך געהאַט אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן און — ווי פיעל געזינדער און שעהנער און רייכער מיר זענען דאַן געווען, איידער איצט אין קענינרייך פון וואָכעדיגקייט און זינלאָזע נודיעניש. ליעסין איז אין דער הינזיכט פיעל גרעסער פון ערעלשטאַדט אי צו־ליב דעם, וואָס ער איז וועניגער סענטימענטאַל, אי צוליעב דעם, וואָס ער איז ניט נור בירגער, נור אויך דיכטער.

אמת, אָפט הוכט זיך ווערט ער בעזיעגט פון דער וואָכעדיגקייט און איהר ערוואַרט אַז אָט־אָט וועט ער פערשילטען, אָט־אָט וועט ער אָבלייקענען דאָס גאַנצע זין פון לעבען און קאַמפף. ס׳בלאָזט אויף איך מיט אַ קאַלטען טויטענדען ווינד:

„און איך וויים ניט פאַר וואָס איך זאָל שטאַרבען,
„און איך וויים ניט פאַר וואָס איך זאָל לעבען!..

אָבער מייסטענס פערכאַפּט ער זיך און לאָזט אויס:

„דאָך ליעב איך דעם לעבען דעם שלעכטען,
„ווי ביטער עס דריקט ניט זיין לאַסט,
„אַזוי ווי מען ליעבט אַ געליעבטע,
„זאָגאַר, ווען זי פייניגט און האַסט"....

(„אבענד־קלאַנגען").

דאָך ליעב איך דעם לעבען — אפשר איז עס ניט קאָנזעקווענט, אָבער געזונד און נויטיג. ווייל ליעסין וויים, אַז ס׳איז שווער צו זיין אַ העלד, אַז דער קאַמפף איז האַרט און ביטער, אַז אָפט ענדיגט זיך אַלץ מיט „אַ געוועהנליכער געשיכטע", אָבער ער וויים אויך דעם דאָך און אָט דאָס קליינע וואָרט האָט איהם געמאַכט בעליעבט ביי אַלע פאַר וועמען דאָס לעבען איז ניט אַ בית־עולם, נור אַ קוזשניע, וואו עס פלאַמט

„די רויטע מעלאָדישע שפּראַכע
„פון פלאַמען און ראַכע"...

דאָס איז ליעסין, דער דיכטער מיט אַ אידעאַל און אַ אַקטיוועף געפיהל פון ליעבע און טרעהרען.

אָבער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, ליעסין איז אויך אַ דיכטער, אין דעם זין, ווי דאָס וואָרט דיכטונג ווערט געברויכט צו בעצייכנען אַ פעהיגקייט צ ו מ אַ ל ע ן אײַ־בערלעבונגען און שטימונגען. מייסטענס מייד איך אויס צו ציטירען אָדער זאָגאַר אָנוויי־זען אויף בעשטימטע ליעדער, ווייל ניט דאָס אָדער יענס ליעד איז וויכטיג, נור דעם דיכטער'ס פערזענליכקייט אין זיין גאַנצעס, אונטער דעם איינדרוק פון אַלע זיינע ווערק. איך וויל זיך דאָ אָבער ערלויבען דאָס פערגניגען אָנצואווייזען אויף זיין „לבנה־נאַכט", „אין אַ פריהלינג־נאַכט" און „אין דער פרעמד", און פיליכט נאָך, וואָס איך לאָז בשוגג איבער, אלס ביישפיעלע פון אמת־פּאָעטישען סטיל און אמת־מאַהלערישע פאַרבען. אין שילדערן די נאַטור גיבען זיך איהם בעזאָנדערס איין שטילע און וועהמיטליכע בילדער, און אין שילדערן איבערלעבונגען — טיעפע בענקעניש. די „ים־ליעדער", אייניגע פון זיי אויסגעצייכענטע באַללאַדען, גיבען דאָך ניט איבער דעם ים און זיין שרעקליכע אונענד־ליכקייט, אין זיין גרונדלאָזער טיעפקייט, אין זיין אונענדליכער בעוועגונג — צי איז עס דערפאַר, וואָס אַ מינסקער אידען איז גלאַט שווער צו מאָהלען דעם ים, אָדער ווייל די זכרונות פון דער היים האָבען פאַרשטעלט פון איהם דעם ים'ס נייע ווילדע שעהנהייט. אויב איך האָב ניט קיין טעות זענען נאָך די אַלע נאַטור־ליעדער געשריבען געוואָרען מיט אַ יאָהר צעהן־פופצעהן צוריק, ווען די אידישע מוזע איז נאָך מייסטענס געגאַנגען אין גע־באָרגטע קליידער און אין אַ נאַרישע בדחן'ישע מיץ — דאָס פערשטאַרקט נאָך מעהר מיין געדאַנק, אַז נור צו ליעסין'ס שטאַרק פּאָעטיש געפיהל איז צו פערדאַנקען דאָס ווילען זיי אָנצושרייבען:

„צווישען די מענשען כאַפּט אויף זיך דער דיכטער,
„וואַנדעלט אין מיטען דער נאַכט.
„וואַנדערט און שווימט אין די ריחות און טרעלען,
„ברייט מיט זיין גייסט אויפגעמאַכט.
„זילבערנע שטראַהלען בעפאַלען די שאָטענס,
„ציהען זיי איבער מיט שיין;
זילבערנע ריימען בעפאַלען דעם דיכטער,
„קלינגען און שלינגען איהם איין".

אין די לעצטע פיער שורות דריקט ליעסין אויס זעהר שעהן און זעהר ריכטיג די דיכטע־רישע אינטואיציע, דאָס פּאָעטישע רוח הקודש, וואָס בעפאַלט דעם דיכטער אונטער דער ווירקונג פון דער שענקייט פון דער נאַטור.

און ווען דער דיכטער וואַנדעלט מיט „אַ גייסט ברייט אויפגעמאַכט", ווען די נאַטור און דאָס לעבען וויקלען זיך פאַר איהם פאַנאַנדער ברייט, מוז ער זיך פיהלען פייערליך, ווי אַ הייליגער שליח פון גאָט, מוז ער האָבען יענע ערנסטקייט, וואָס בעהייליגט. ווען הו לעזט ליעסין'ס אַ ליעד — עס מעג זיין „גוט" אָדער „שלעכט" — פיהלסטו, אַז ליעסין אַ כ ט ע ט דעם לעזער, אַז ער גלויבט אי אין זיין פערשטאַנד, אי אין זיין ליעבע צו פּאָעזי. און דאָס איז אַ מעלה, וואָס איז גאַנץ זעלטען צו געפינען צווישען די עלטערע אידישע דיכטער, ער רייצט זיך ניט מיט דער מוזע און — זאָל מיר דער אויס־דרוק זיין ענטשולדיגט — ער האָט מיט איהר ניט קיינע אונגאַטירליכע פערהעלטניסע... ער שרייבט, ניט ווען ער האָט די ט ע מ אַ פאַר דאָס ליעד, נור דאַן, ווען ער האָט ד אָ ס ל י ע ד, ער זינגט ניט דערפאַר, ווייל אַ דיכטער אום אונטערצוהאַלטען זיין דיכ־

טערישע רעפּוטאַציע מוז נישט זעלטענער ווי כאָטש איינמאָל אַ מאַנאַט אַרויסגעבען אַ געזאַנג, נור דערפאַר, ווייל ער פיהלט די גויטיגקייט עס צו טאָן. פון די דאָטען אונטער די ליעדער איז צו זעהן, אַז גאַנצע יאָהרען נאָכאַנאַנד האָט ליעסין קיין איין ליעד ניט אָנגעשריבען און די לעזער דאַרפען איהם דאַנקבאַר זיין פאַר אָט די יאָהרען ניט ווייניגער ווי פאַר יענע, ווען ער האָט געשריבען — אין דעם טעמפּעל פון אידישער פּאָעזי איז דאָ אַזוי פיעל שטרוי — און אָפט נאָך צוגעפּוילטע — אויסגעלעגט פון אונזערע געקרוינטע דיכטער, אַז אָפט זעהט מען צוליעב די שטרוי די ציגעל ניט... עס מאַכט גאָר ניט אויס, אויב די ערנסטקייט, וואָס פאַרהייליגט ברענגט מעהר פרוכטען אָדער ווייניגער, ווייל ערנסטקייט פאַר זיך איז אַ צייכען פון ניט־געפעלשטע פּאָעטישע אייגענשאַפטען, אַ גאַראַנטיע פאַר ניט אויסגעטראַכטע פּאָעטישע איבערלעבונגען.

ליעסין׳ס בעהייליגענדע ערנסטקייט ווייזט זיך בעזאָנדערס בולט אַרויס אין זיינע נאַציאָנאַלע ליעדער. אַלע עלטערע אידישע דיכטער — פון גאָלדפאַדען און פרוג ביז יהואש׳ן — האָבען פיעל בעזונגען „דעם אויביגען איד“, פיעל בעוואונדערט זיין מאָדנע קראַפט און בעוויינט זיינע ליידען. אָבער אין זיי אַלע איז דאָ פאַר דעם אמת־אינטעליגענטען לעזער אַ מין ווידער־טעם, עפּעס אַזוינס, וואָס וואַרפט אַ חשד און וואָס שאַדט דעם ריכטיגען איינדרוק. אָט דאָס „עפּעס אַזוינס“ איז דעם דיכטער׳ס בעהאַלטענער אָדער אָפענער בעוואוסטזיין, אַז מען דאַרף מהנה זיין „דאָס פאָלק“, אַז אום צו זיין נאַציאָנאַל מוז מען אויסגיסען אַ ביסעל טרעהרען אויף גלות השכינה, אַ גראָב טאָן זיך מיט דער פעדער אין די נאַציאָנאַלע וואונדען — אָט דער ווידער־טעם פעהלט אינגאַנצען ביי ליעסין׳ען. ער שרייבט ניט די נאַציאָנאַלע ליעדער פאַר׳ס „פאָלק“, נור פאַר זיך, ווייל ער זעלבסט בעוואונדערט די אונערקלעהרבאַרע קראַפט פונ׳ם אידען, זיין אונצושטערבאַרעם גלויבען, זיין קינדערשע זיכערקייט אין זיין אייביגקייט. קיין איין אידישער דיכטער האָט ניט אַזעלכע שורה׳ס ווי איינינע אין „אויביגען איד“ אָדער אַזאַ נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישעס פרעכטיגעס געזאַנג, ווי זיין „שמחת בית השואבה“...

נאָך איניגע ווערטער וועגען ליעסין׳ס סטיל און מיינע נאָטיצען וועגען איהם זענען פערענדיגט. אַם מייסטען אָריגינאַליטעט און שטאַרקייט בעזיצען זיינע באַלאַדען — אַ גרויסער טייל פון זיינע אַלע ליעדער. די בעסערע פון זיי, ווי „רבי עקיבא“, „דער תנא און דער שטן“ בעזיצען אַ האַרטען שטאַהלענעם קלאַנג, וואָס איז צו דערזעלבער צייט קלאָר און אויסגעהאַלטען. אָבער ער פיהלט זיך אויך פריי אין אַלע איבעריגע פאָרמען פון געדיכט און אין איינינע פון זיי לעגט ער אַריין פיעל מוזיק און ריטם. די „לבנה־נאַכט“ אָדער „אין דער פרעמד“ וועלען אַריינגעהן אין אַ אידישע כרעסטאָמאַטיע אַלס ביישפּיעלען פון ניט־שרייענדער און צאַרטער ווערטער־מוזיק, וואָס די שטימונג פון דיכטער בעגיסט זיי מיט איידעלער שטילער וועהמוט. בכלל איז ער זעהר קלאָר און אָפט איז עס די קלאָרקייט פון טיעפען טייך, וואָס איז צוגלייך אויך ד ו ר כ ז י כ ט י ג. „זיי טיעף מיט קלאָהרע ווערטער און ניט מיט טונקעלע“, „קלאָהרקייט איז אַזוי פיעל די כאַראַקטעריסטיק פון וואָהרהייט, אַז אָפט נעמט מען זי אָן פאַר דער וואָהרהייט זעלבסט“ — זאָגט זשובער, אַ קלוגער פראַנצויז, וואָס האָט פיעל געוואוסט און ווייניג געשריבען; און ליעסין אין דער הינזיכט איז כמעט דער איינציגער, וואָס בעווייזט צו זיין גלייכצייטיג טיעף און קלאָהר, כאָטש איינצעלנע ווערטער און עפּיטעטען זיינע זענען זעהר פיעלבעדייטענד און רייך אין שאַטירונגען.

איך גלויב, אַז אין ליעסין׳ס ליעדער־בוך וועט דער אידישער לעזער געפינען אַ נײַ קוואַל פון פּאָעטישען גענוס און די אידישע קריטיק — אַ זעלטענע געלעגענהייט צו זײַן פרוכטבאַר. אויף דעם זשעני־לאָזען הימעל פון אידישער דיכטונג, וואו נאָר שטערען פון טאַלאַנט שײַנען צו אונז אַראָב, איז ליעסין׳ס שטערן פון די גרעסערע און מיט אַ בעזונדער חנ׳עוודיגען שײַן. ליעבע און טרעהרען זענען אַ קוואַל פון ליכט אין אַ צײַט, ווען העלדען דאַרף מען בעוואונדערען און די מענשהייט — בעווײַנען. ליעסין ליעבט און בעוואונדערט נאָך מעהר, ווי ער ווײַנט — דעסטאָ בעסער פאַר איהם און פאַר די צו וועלכע ער טראָגט זײַנע געזאַנגען.

עוזיאל פליישמאַן:

TRIO

פון די בלויע הויכען, מונטער,
לאָזט אַ פויגעל זיך אַרונטער,
מוט אַ צוויטש און יאָגט פאַרבײַ:
די וועלט איז פרײַ,
די וועלט איז פרײַ.

פון דעם הויכען קלויסטערטורם,
ווי אַ דונערקנאַל אין שטורם,
גלאָקען קלינגען: בים, באַם, בום;
די וועלט איז פרום,
די וועלט איז פרום....

אין דער ענגער גאַס בעוועגט זיך
שטיל אַ שאָטענקינד, עס שרעקט זיך:
שווארצע טעג און ווייסטע נעכט —
די וועלט איז שלעכט,
די וועלט איז שלעכט....

עמנואל:

אין גאַרטען

מיט ריחות פון גראָזען און בלומען פערשכורט,
פון ווינטעלעך שטילע און זאַנפטע פערוויעגט,
שלאָפט איין זיס דער גאָרטען אין שויס פון דער נאַכט...
עס דרעמלען די בוימער מיט בליהונג פערשנייט,
עס טרוימט יעדעס צווייגעל און בלעטעל זיין טרוים —
מיין מיידעל, זי זיצט אַזוי שטיל און פערטראַכט.

...עס האָבען די בלומען אַ ציטער געטון...
עס הערען זיך שוועבענדע טריט פון אַ נימפע...
די לופט ווערט צוואוויעגט פון אַ שטומען געזאַנג —
עס פליהען די גליה־פליגעלעך סודות׳דיג אום
פון אַ קוסט צו אַ קוסט, פון אַ בלום צו אַ בלום —
עס טראָגען זיך סודות אָהן ווערטער, אָהן קלאַנג...

עס האָט אַ קליין פייגעלען פון זיסקייט געחלשט...
ס׳האָט ערגעץ אַ צערטליכע שניי־וויסע ליליע
אין ליעבעס־עקסטאַז ביי אַ נימפע אין שויס
איהר דופטיגע זעעל מיט אַ קוש אויסגעהויכט...
און דאָרט האָט אַ נימפע פון רויזען־ווייִן שכור
צוריסען אַ בליהענדע בלוט־יונגע רויז...

אָ, שטילער, מיין טרייע, זיך טוליע צו מיר...
עס שמעקען מיט וואַלדיגען טוי דיינע האָר,
ווי זיס איז דיין אָטהעם, ווי צאַרט איז דיין האַנד,
ווי גרויס איז דאָס גליק דיינע אויגען פערשפּרעכען...
פיעל הימלישען חן און געגוס אין די שאָטענס
פון פנים בעהאַלטען האָט גאָט׳ס מילדע האַנד...

און ווען דו ווילסט וויסען דעם סוד פון מיין הארץ
ניט פרעג מיך, אָ, ליעבסטע, די שטילקייט ניט שטער,
נור שטיל לעג דיין קאָפּ אויף מיין בוזים און הער:
עס וועט דיר מיין הארץ דאַן אָהן ווערטער, אָהן קלאַנג
דערצעהלען דעם סוד וואָס איך צערטעל שוין לאַנג,
מיט ווערטער פערשוועכען — מיר איז אַזוי שווער!..

א. זעלדין :

שלמה

ערשטער אקט.

(אַ געוועהנליכער עס צימער. אַ זומער־טאָג, אַ זייגער 6 פאַרנאַכט).

ש ל מ ה (אַ יאָהר 24, ערשיינט גאַנץ איינפאַך געקליידעט, האַלט דעם רעקעל אין האַנד, רעדט מיט דבורה'ן וועלכע געפינט זיך אין קיך): משוגע מיינע שונאים, זאָלען בעסער איטאַליע־נער ארבייטען...

ד ב ו ר ה (פון קיך): וואו זשע זייט איהר געוועזען אַ גאַנצען טאָג? כיי'וואָלט איהר געוועזען קומען העלפען מיר פרעסען. אַ גאַנצען טאָג אַז איך האָסע מיט'ן אייזען, כיי'וואָלט עס עמיצען וועה טוהן די הארץ. אַ יונגער מאַן, ער ארבייט ניט, קומט ער און העלפט אַ לײדי. מען דאַרף זיין אַ דזשענטלמען, יו נאָ.

ש ל מ ה : איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב גאָר ניט געוואוסט, כיי'וואָלט איהר מיר געוועזען זאָגען נעכטען!

ד ב ו ר ה (אַלץ פון קיך): אַלץ דאַרף מען אייך זאָגען, און אַליין דאַרף מען גאָר נישט פערשטעהן? איהר האָט געזעהען נעכטען וואַשט מען, דאַרף מען פערשטעהן אַז היינט פרעסט מען.

ש ל מ ה : איך האָב זיך גאָר ניט צוגעקוקט. שאַדע בנאמנות, ווען איך וויים, וואָלט איך נאָך געקומען פאַרטאָג.

ד ב ו ר ה (שלאָגט איהם איבער): עס רעדט זיך מעהר ניט אַזוי.

ש ל מ ה : איז ביי טאָג. איך וואָלט געקומען און וואָלט אייך צופרעסט אַלע אייערע קליידלאַך מיט די אונטער־קליידלאַך, אַלעם ביז אַ שניירעל. אַזוי האָב איך ניט געהאַט וואו אהין טוהן זיך אַ גאַנצען טאָג. פון גרויס עגמת נפש בין איך אַוועק פריהער אין „אַסטאָר לייברערי" און פון דאָרטען צופוס אין „סענטראַל" פּאַרק, און אין פּאַרק, פון גרויס האַרצ־וויטאָג, האָב איך פאַוואָלינקע איינגעדרעמעלט אויף אַ צייטונג און האָב אַזוי נעבעך אָבגעשלאָפען ביז אַ זייגער 5.

ד ב ו ר ה : און נעבעך ניט געגעסען און ניט געטרונקען די גאַנצע צייט?

ש ל מ ה (מיט אַ זיפץ): יאָ! אָט אַזוי אויף האַרטען. כיי'וואָלט איהר געוועזען רחמנות האָבען און צוטראָגען אַ קישען?

ד ב ו ר ה : אַן עולה בנאמנות! (זי קומט אריין אָנגעטוהן אין אַן אונטערקליידעל און אין אַ לויזער וויסט): ווי, איז דאָס עפּעס גוט שלאָפען אין פּאַרק?

ש ל מ ה (מיט געמאַכטע התפעלות): אַ גן־עדן, עולם הבא!

ד ב ו ר ה : אַזוי גוט איז דאָס דאָרטען?

ש ל מ ה : זעהר. אויב איהר ווילט קומט מאָרגען, וועלען מיר פאָהרען ביידע, וועט איהר וויסען אַז איהר לעבט אויף דער וועלט.

ד ב ו ר ה: ווייזט אויס איהר זייט פון די גרויסע ארבייטער, איהר קענט זיין א טייערער ברויט־געבער, אבי איהר ווילט נאָך געהן חתונה האָבען....

ש ל מ ה: וואָס אַרט דאָס אייך? אייך וועל איך דאָך יעדענפאַלס ניט אָנקומען, איהר האָט דאָך שוין חתונה געהאַט....

ד ב ו ר ה: עס ווייזט אויס איהר זאָרגט זיך נאָר פאַר זיך. איך בין אַן אַנדער מענש, איך זאָרג זיך אויך פאַר לייטען.

ש ל מ ה: איך בין אויך אַן אַנדער מענש, איך זאָג: לייט וועלען זיך קענען אליין פערזאָרגען....

ד ב ו ר ה (קוקט איהם אָן אַ ווײַלע דורכדרינגענד, וויל עפּעס זאָגען און האַלט זיך אָפּ. זי געהט דורך איבער'ן עס צימער און ברייגגט אין אָרדנונג עטליכע קלייניגקייטען. אַ קליינע פּאוזע).

ש ל מ ה (איראָניש): ווי איך זעה, איז אַזאַ פערברעכען ווי ליידיג אומגעהן, קען דאָס ניט נור די פּאָליציי ניט אריבער טראָגען, נור אפילו גוטע בעקאַנטע קענען דאָס ניט דולדען....

ד ב ו ר ה (האַלב בעליידיגט): געהט, געהט, איהר זייט אַ מאָדנער. איהר ווילט קיין שפּאַס ניט פערשטעהן, זאָגט מען אייך אַ וואָרט בריהט איהר אָפּ ווי מיט אַקראָפּ.

ש ל מ ה: אָה, איהר שפּאַסט דאָס אַזוי?!...

ד ב ו ר ה (געערגערט): אַלזאָ, וואָס זשע ווילט איהר? איהר ווילט מען זאָל אייך גאָרנישט ניט זאָגען? מען זאָל מיט אייך קיינמאָל ניט ריידען? אָלל־רייט, איך וועל...

ש ל מ ה (ברעכט זי אונטער): איך וויל פון אייך אבסאָלוט גאָרנישט.

ד ב ו ר ה: טו וואָס זשע מאָנט איהר?

ש ל מ ה: איך מאָן פון אייך גאָרנישט.

ד ב ו ר ה: אָלל־רייט, אָלל־רייט (טוהט זיך האַסטיג אַ ריס פון אָרט) אוי, וועה איז מיר, דער בראַטען איז שוין אודאי פער'שרפה'ט געוואָרען (לויפט אַרויס אין קיך).

שלמה זיצט אַ ווײַלע פערטראַכט. הויבט זיך אויף, זיפצט אָב און געהט דורך איניגע מאָל איבער'ן צימער. וואַרפט אַ בליק אויפ'ן זייגער אויפ'ן רעכטען וואַנד און געהט אריין אין פראָנט צימער. אין אַ ווײַלע אַרום ערשיינט דבורה. זי בעמערקט שלמה'ס רעקעל אויפ'ן סאָפע, נעמט איהם מיט אבשייליכקייט, קערט איהם איבער מיט'ן אָבגעניצטען אונטערשלאַק אַרויף, מאַכט אַ קאָמישע מינע און בורטשעט פאַר זיך: „ספּאָרט מיינער! דאָס איז דער גאַנצער שבת און יום טוב זיינער! ער וויל נאָך מען זאָל איהם גלעטען, פעסטשען!" גיט אַ שלײַדער דעם רעקעל מיט עקעל אויף דער ערד, כאַפּט זיך באַלד צוריק, הויבט איהם אויף און וויל איהם אויפהייגען. שלמה ערשיינט.

ש ל מ ה: וואָס איז דאָ געפאַלען?

ד ב ו ר ה (זעהט אויס שטאַרק פערנומען): דאָס האָב איך אייער רעקעל געוואָלט אויפהייגען איז ער אַרויסגעפאַלען ביי מיר פון די הענד (הייגגט איהם), מיט וואָס זיינען די קעשענעס ביי אייך אָנגעלאָדען וואָס ער איז אַזוי שווער?

ש ל מ ה: מיט וואָס? דאָס וועלען מיר באַלד זעהן. (געהט צו צום רעקעל, נעמט אַרויס פון די קעשענעס) דאָס איז אַ האַרטער באַלל. מיר האָבען לעצטען זונטאג געשפּיעלט אין באַלל איז ער פערבליבען ליגען. דאָס איז אַ נאַז טיכעל, דאָס איז אַ פּעקעל שוועבעלעך מיט אַ פּעקעלע פּאַפּיראָסען. דאָס זענען אַ פּאָר קנעפּלעך, אין אַ בעל הבית'ישקייט קומט אַלעס צוניץ, און דאָס איז אויף פערשפּילען די שיך...

ד ב ו ר ה : און וואס איז אין דער קעשענע ?

ש ל מ ה : דא ? מיר וועלען באלד זעהן. דאס איז א קעסטעלע שוה־וואקס. דאס האב איך ערשט היינט געקויפט. און דאס איז א גלעזערנע באנקע.

ד ב ו ר ה : זעהסט ס'מין גנב ! די באנקע איז דאך אונזערע.

ש ל מ ה (רוהיג): אויב ס'איז אייערע, נאט אייך זי אוועק.

ד ב ו ר ה : ווי זשע קומט זי צו אייך ?

ש ל מ ה : איהר געדענקט פסח האבען מיר געשפיעלט אין הויף אין נים ?

ד ב ו ר ה : נו, איז וואס ?

ש ל מ ה : האט זי זיך מסתמא פערוואלגערט אין קעשענע.

ד ב ו ר ה : פון פסח אן ?

ש ל מ ה : אט אזא פנים האט עס.

ד ב ו ר ה (קוועטשט מיט די פלייצעס): נו, א בעל הבית קיין עין הרע ניט ! (לאנגזאם אב אין קיך).

ש ל מ ה (פאקט אלעס איין צוריק אין די קעשענעס, קוקט אויפ'ן זייגער. מיט'ן געזיכט צום קיך): וואס, אייער זייגער געהט ריכטיג ?

ד ב ו ר ה (פון קיך): איך דענק אזוי. (אין א ווײלע ארום): איך דענק זיי דארפען באלד קומען. (שלמה פערשווינדט ווידער אין פראנט צימער).

א י י ד א (קומט אריין. זי איז א יונגע מיידעל פון א יאהר 19־20. א ריהרעוודיגע, א לעבעדיגע, לאכט פיעל, הילכיג, פערגעהט זיך אין געלעכטער פון דער קלענסטער קלייניגקייט און זעהר אפט אהן קיין אורזאכע. זי נעמט אראפ די העט פאר'ן שפיגעל, פערריכט די האר, רעדט צום טיהר אין קיך): נו, וואס, סאפער איז פארטיג ? איך בין זעהר „ביזי", „ביזי"...

ד ב ו ר ה (קומט אריין): וואס איז אזא „ביזי" אויף מיינע שונאים ?

א י י ד א : „ביזי" און „דאטס אלל !"

ד ב ו ר ה : און וואו איז מערי ?

א י י ד א: זי שלעפט זיך דארטען די רביצין ! (לאכט) הערסט דאך, מיר געהען אזוי, האט זי פאר א מייל דערזעהען א קאר, איז זי געבליבען שטעהן ווארטען ביז וואנען די קאר וועט אריבער געהן. שטעהט זי נאך מסתמא אוןווארט נאך. איך האב געזעהען פון וויטען זענען געגאנגען נאך עטליכע קארס, ווארט זי זיי איבער, חא, חא, חא.

ד ב ו ר ה : שא, שטילער, וואס איז מיט דיר אזוי די שמחה ?

א י י ד א : דו ווייסט, היינט האט מיך ווייטער דוב אבגערופען אויפ'ן טעלעפאן.

דבורה ברײנגט ארויס עפעס א נאז־קלאנג עהנליך צו „הומנם".

א י י ד א : הערסט דאך, ער האט געזאגט אז ער וועט קומען א זייגער האלב נאך זיבען, אכט וועלען מיר פאהרען נאך „קוני איילאנד", אי גוט !

ד ב ו ר ה : דו וועסט פאהרען מיט'ן קאטשערע אויפ'ן אויווען.

א י י ד א : וואס איז ? דו וועסט אפשר ניט לאזען ?

ד ב ו ר ה (צייגט מיט'ן געזיכט צום פראנט צימער) געה, דארט זיצט דער בעשערטער דיינער, ער קוקט אויף דיר אוים אין פענסטער.

א י י ד א : ער איז אזוי מיין בעשערטער ווי דיינער (קוקט אין טיהר צום פראנט צימער) זאל ער זיצען, וועמען ארט עס.

ד ב ו ר ה : פון מיינט וועגען מעגט איהר זיך ביידע אראפדרעהען די קעפ.

א י י ד א (מיט היץ): וואָס בין איך ביי איהם א פערקויפטע, וואָס? איך מעג געהן און מעג פאָהרען וואוהין איך וויל!

ד ב ו ר ה: און מיט וועמען דו ווילסט?

א י י ד א (טראַכט א ווייל): גאַנץ געוויס. (צו דבורה'ן) מיט וועמען איך וויל...

ד ב ו ר ה: אָלל־רייט, אָלל־רייט (פערשווינדט אין קיך).

א י י ד א (געהט צו צום שפּיגעל, עפענט דעם מויל, קוקט אַזוי אויף זיך אַ קורצע ווייל. געהט צו צום טיער און שעפּצעט קוים וואָס מען הערט: שלמה, שלמה. געהט נאָך אַ מאָל צו צום שפּיגעל, שטעקט אַרויס אַ שפּיץ צונג און לאַכט זיך פאַנאַנדער. שלמה קומט אַריין).

ש ל מ ה: אהא, אָט זייט איהר! אבי איך זיץ און קוק אויס מיינע אויגען.

א י י ד א: קיינער האָט אייך ניט געהייסען קוקען.

ש ל מ ה: איהר זייט שוין לאַנג דאָ?

א י י ד א: שוין אַ פּאָר שטונדען.

ש ל מ ה: איך מיין אָהן שפּאַס, ווי לאַנג זייט איהר שוין דאָ?

א י י ד א: איך מיין אויך אָהן שפּאַס, שוין אַ פּאָר שטונדען.

ש ל מ ה: ווי הייסט, איך בין דאָך ערשט געווען דאָ, זייט איהר דאָך נאָך ניט געווען?

א י י ד א: איך האָב זיך אונמישנע בעהאַלטען אונטער'ן סאָפקע איהר זאָלט מיך ניט זעהן....

ש ל מ ה (מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט): אָך, דו ליגנערקע! (שפּרייט אויס די הענד, וויל זי אומאַרמען).

א י י ד א (מאַכט אַ טריט צוריק): נאָר אָהן הענד!

ש ל מ ה: גאָר אַזוי?

א י י ד א (געלאַסען): אָט דאָס וואָס איהר הערט!

ש ל מ ה (מאַכט אַ טריט פאָרווערטס): אָט דאָ וועלען מיר זעהן.

א י י ד א (אַנטלויפט): אָט דאָ וועלען מיר זעהן, אַ צטאָ טי מעניאַ דאָגאָניש?

ש ל מ ה (לויפט איהר נאָך): דאָגאָניו!

א י י ד א (פאַר'ן טיש): אַ צטאָ טי מעניאַ דאָגאָניש?

ש ל מ ה (אויף יענער זייט טיש): דאָגאָניו!

זיי מאַכען אַזוי עטליכע קרייזען אַרום טיש. דער לויפען נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ קאַץ און מויז שפּיעל, ענדליך כאַפּט זיך שלמה אַרויף אויפ'ן טיש און וויל אַריבער־שפּרינגען אויפ'ן צווייטען זייט.

א י י ד א (מיט אַ וויינענדיגער שטימע): דבורה!

מרים קומט אַריין. זי איז אַ מיידעל פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר. דאָס געזיכט איהרער איז גאַנץ יונג, נור די בעוועגונגען זענען געלאַסענע, רוהיגע, כמעט פוילע.

מ ר י ם: אַלע בייזע, וויסטע חלומות אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! וואָס איז דאָ אַ צירק? (איידאַ אַנטלויפט אין פראָנט צימער).

ש ל מ ה (קריכט אַראָפּ פון טיש אַביסעל פערשעמט): ביטטע אום ענטשולדיגונג, וויר־דיגע פרייליין!

מ ר י ם: ווי געפעלט דאָס אייך?! אַ מענש, אַ מאַן מיט פּרינציפּען, שטאַנד־פּונקטען און איבערצייגונגען זאָל אומקלעטערען איבער טישען ווי אַ וויסער חברה'ניק!...

ש ל מ ה : ענטשולדיגט אלערגנעדיגסט. (מרים אָפּ אין פראָנט צימער. שלמה געהט אַרום איבער'ן צימער, ברייננט אַלעס אין אָרדנונג, פּעררייכט די האָר פאַר'ן שפּיגעל, ענדליך געהט ער צו צום רעקעל, נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס און פּערריייכערט. קורצליך ערשיינט מרים).

מ ר י ם (דייטשמעריש): זינד זי באַרייגעז, הערר שלמה?

ש ל מ ה (אויך דייטשמעריש): אָה נײן, האָכווירדיגע מאַדמואַזעל!

מ ר י ם : האַבע איך געקריינקט איהנעם געפיהלע?

ש ל מ ה : אַ, נײן, שעצענדע פרייליין!

מ ר י ם : האַבע איך איהנעם אונטערהאַלטונג געשטערט?

ש ל מ ה : אָה יעס, בריליאַנטענע נשמה!

מ ר י ם (ציינט איהם די טיהר אין פראָנט צימער): דאַן געהען זי פאָרט!

ש ל מ ה : ערלויבט?

מ ר י ם (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שלמה אָפּ. מרים נעמט אַ צייטונג, נעהמט זי פערנאַנדער און זעצט זיך לעזען. פון פראָנט צימער דערהערט זי אַ געריוש, נאכהער איידאַ'ס געלעכטער, מרים הויבט זיך אויף, מאַכט אַ פּאָר טריט צום פראָנט צימער, קערט זיך אום באַלד צוריק און זעצט זיך אויפ'ן פאָריגען פּלאַץ. דבורה קומט אריין און גרייט צום טיש).

מ ר י ם (מיט'ן געזיכט אין צייטונג): נו, וואָס, זי פאָרט?

ד ב ו ר ה (מאַכט זיך ניט וויסענדיג): ווער? וואוהין?

מ ר י ם : איידא, אין קוני איילאַנד.

ד ב ו ר ה (מיט אַ נגון): איך וויים? איך זאָגט, זי פאָהרט.

מ ר י ם (סאַרקאַסטיש): און דערהווייל ביז'ן פאָהרען כאַפּט זי אָפּ די נשמה מיט שלמה'ן.

ד ב ו ר ה : וואָס קען איך העלפען?

מ ר י ם : איך האָב איהר געזאָגט, זי זאָל ניט פאָהרען. אַזוי לאַנג אַז שלמה ליעבט זי און זי האָט צוגעשטימט דערצו, טאָר זי ניט שפּיעלען מיט זיינע געפיהלען....

ד ב ו ר ה : אַ טייערע שמאַטע, אויך אַן עסק....

מ ר י ם : וואָס מיינסטו, אַ טייערע שמאַטע? ווער איז אַ שמאַטע, שלמה?

ד ב ו ר ה : ניין, אַ צאַצקע איז ער, אַ ליאַלקע, אַ קוקלע! אַ יונג אַ פּוסט־און־פּאַס־ניק, געהט אום ליידיג און דערצו אַזאַ בעל העזה'ניק, אַזאַ בעל גאוה, מען טאָר איהם קיין וואָרט ניט זאָגען. איך האָב איהם היינט געזאָגט אַ וואָרט, זאָלסט זעהן ווי ער האָט זיך אָנגעצונדען....

מ ר י ם : אַלזאָ, איז וואָס דערפון?

ד ב ו ר ה : וואָס וואָלסטו געוואָלט מען זאָל זיך מיט איהם ניאַנטשען?!

מ ר י ם : ווער בעט דיך דו זאָלסט זיך מיט איהם ניאַנטשען? פערגעס ניט, דאָס די גאַנצע צייט וואָס ער פלאַגט זיך, האָט ער ביי אונז קיין סענט ניט פערנומען, וואָס אַ האָר איז ווערטה, און דערווייל גיט ער אוים אויף איהר געלד, ניט זי אויף איהם. און איך זאָג דיר, ווען ניט איידיצקע מיט איהרע גאַנגען, וואָלט ער שוין לאַנג געהאַט ארבייט און וואָלט געוועזן מיט לייטען גלייך, דאָס האָט זי איהם געבראַכט ער זאָל פערנאַכלעסיגען אַלעס.

ד ב ו ר ה : ווער האָט איהם געבעטען זיין אַזאַ באַבע? אַ גליק האָט איהם גע־טראָפען, ער האָט זיך פערליעבט אין איידאַ'ן! און אַז מען פערליעבט זיך אין אַ מיידעל

איז וואָס? איז שוין עק וועלט? אַ שעהנער תכלית וואָלט געווען ווען אַלע בחורים און מיידלאַך, וואָס פערליבען זיך, וואָלטען אוועק וואַרפען די ארבייט און אומגעהן איבער די פאַרקען כאַפען פליגען, אַ שעהנער תכלית וואָלט געוואָרען פון אַמעריקע!

מ ר י ם: אָה, דו רעדסט. דו ווייסט דאָך אַליין אַז מען האָט איהם ניט לאַנג אָנ־געבאָטען ארבייט אויסער ניו יאָרק, האָט ער ניט געוואָלט. און ווייסטו פאַרוואָס? ווייל ער האָט מורא לאָזען איידאַ'ן אַליין, זי האַלט איהם אימער אין אַ צושטאַנד פון אייפערזוכט.

ד ב ו ר ה: אייפערזוכט, שמייפערזוכט, וואָס האָקסטו דאַרטען אַ טשייניק, דו ווילסט מיר נור פאַרדרייען דעם ציפּאָק מיט....

מ ר י ם (אונגעדולדיג): אָט לאָז מיר גאָר צורוה.

ד ב ו ר ה: ניין, דו ביזט נאָך גערעכט!

מ ר י ם: דו ביזט גערעכט, דו ביזט גערעכט, לאָז מיך צורוה, איהר זייט ביידע גערעכט, איינע איז ניט בעסער פון דער אַנדערער.

ד ב ו ר ה (אין צאָרן): ווי געפעלט דאָס ווענען? געפעלט דיר אפשר ניט מיין שוועסטער, ווענסטו מיט מיר קיין שידוך ניט טוהן (מרים ענטפערט ניט) הערסטע, מיין שוועסטער, וואָס איך וויל דיר זאָגען, אַז דו זאָלסט זיך בעסער גאָר נישט מישען, זאָלסט קיין עצות ניט געבען און קיין דעות ניט זאָגען. אַז מען וועט ביי דיר קומען פרעגען, ווענסטע דאַמאָלס זאָגען (פּאַוזע. מרים שווייגט. דבורה אַנגעצונדען): וואָס זשע שווייגסטו?

מ ר י ם (געלאַסען): מעגסט ריידען וואָס דו ווילסט און איך זאָג דיר נאָך אַמאָל זי זאָל אין קוני איילאַנד מיט דוב'ן ניט פאָהרען....

ד ב ו ר ה (אָבגעקיהלט): וואָס זשע זאָגסטו מיר? זאָג איהר!

מ ר י ם: איך האָב שוין איהר איינמאָל געזאָגט.

ד ב ו ר ה: טו זאָג איהר נאָך אַמאָל.

מ ר י ם: אומזיסטע רייד. איך זעה איהר זייט ביידע איין חברותא און ס'איז ניטאָ מיט איך וואָס צו ריידען (נעהמט אַ בוך און געהט).

ד ב ו ר ה: וואוהין געהסטו? מיר עסען דאָך באַלד סאַפּער, באַלד קומט קלמן. (מרים ענטפערט ניט קיין וואָרט, געהט אַרויס. דבורה קוקט איהר נאָך, מאַכט עטליכע גרימאַסען אין איהר ריכטונג און ענדליך רעדט זי אויס סאַרקאַסטיש): פּצקניות מיינע, אַ ריכטיגע רביצין! (אָפּ).

די ביהנע ווערט לוידיג אַ קורצע ווייל. די זון געהט אונטער, עס ווערט טונקעלער. איידאַ און שלמה ערשיינען. איידא קוקט אריין אין קיך, באַמערקט קיינעם ניט, געהט צו צום טיש, נעמט אַ שטיקעל ברויט און הערינג, עסט און זעצט זיך אויפ'ן סאָפע. שלמה אַן אויפגע־רעגטער געהט דורך איניגע מאָל איבער'ן צימער, זעצט זיך לעבען איידען, נעמט זי אַרום אַרום טאַליע. איידא הויבט זיך אויף.

א י ד א: ווייטער?! ווי איהר זעהט נעם איך און שמיר איך אויס דעם גאַנצען פּנים מיט'ן הערינג! זיצט אַז איהר זיצט, אַז ניט —

ש ל מ ה: אַז ניט?

א י י ד א: העץ אַ מעשה, אַ בחור זאָל ניט וויסען וואו די הענד אהין טוהן!

ש ל מ ה: פיעלייכט וואָלט איהר געווען אַזוי גוט און מיר אָנצייגען וואוהין די הענד אהין טוהן?

א י י ד א (מיט א פולען מויל): אין די פאקעטס.

ש ל מ ה (טוהט אריין די הענד אין די קעשענעס): אָלל־רייט, פאַלג איך! איך בין זעהר א געהאַרכזאַמער. אלזאָ, הערט זיך איין, וואָס איך שטעל מיר פאָר. וועל, איך וועל דאָך פריהער אָדער שפּעטער פאַרט קריגען ארבייט, איך וועל קריגען א גוטע שטעלע, איך וועל אָנהויבען פערדיענען געלד, א סך געלד, נו און מיר וועלען חתונה האָבען...

א י י ד א: פוי, גאַדאַסט, איך וויל ניט חתונה האָבען!...

ש ל מ ה: נו, וועלען מיר לעבען פרייע ליעבע.

א י י ד א: פע?!

ש ל מ ה: וועלען מיר שוין אויסטראַכטען א מין חתונה, עפּעס א נייעס. אלזאָ, קום אהער, זעץ זיך אוועק אָט דאָ לעבען מיר אויפ'ן סאָפע און איך וועל זיך צושפּאַרען און פאַנטאַזירען.... נו קום אהער (איידא געהט ניט) קומט אהער, זאָגט מען דאָך אייך! (ער נעמט זי פאר די הענד, זעצט זי אויף א שטוהל לעבען סאָפע און אליין ליעגט ער זיך אויפ'ן סאָפע): אלזאָ, הער זיך איין, מיר האָבען חתונה געהאַט. מיר האָבען גענומען עטליכע רומקעס, אָנגעלאָזען א פולע שטוב מיט באָרהער, מען דארף דאָך האָבען צושטייער אויף רענט. איך געה אין שאָפּ אריין ארבייטען, איך שטעה נאָך אויף פאַר־טאָג געוועהנליך. איך זיץ א גאַנצען טאָג ערגעץ אין א שאָפּ. אין אבענד קום איך א פערמאַטער־טער, א נערוועזער, א הונגעריגער, א בייזער, — נאָך א גוטען טאָג ארבייט קומט מען אזוי אהיים. — דו וויעדער געהסט ארום איבערן שטוב אזוי היימיש: אָהן א וויסטיל, א באָרוויסע אין א קורצער אונטערקליידעל, נאַטירליך איז אין הויז די גרעסטע אונאָרדנונג; אויפ'ן פלאָר איז אָנגעגאָסען, אויף די שטוהלען ליגען אָנגעלייגט געפּרעסטע און ניט קיין געפּרעסטע וועש. דער סינק וויעדער, נויטווענדיגערווייזע, איז פול ווי אַן אויג... איך קום אריין א צובראָכענער, א פער'חלש'טער, איך וויל זיך ערגעץ זעצען — ניטאָ אויף וואָס, איך וויל זיך ערגעץ א קעהר טוהן — ניטאָ וואו. טוה איך זיך מיר א שטעל אזוי אין מיט'ן שטוב און טוה א געשריי: „איידא, וואו ביזטו?" ענטפּערסט דו ניט. טו איך העכער א געשריי: „איידא, וואו צום טייפעל ביזטו?!" „וואָס איז פריצ'ל מיינער!" ענטפּערסט דו ערגעץ פון א לאָך — „איידא, אהער צו גענ!", שריי איך ווייטער. געהסטו ניט.

א י י ד א: ווארום עפּעס ניט?!

ש ל מ ה: אָט אזוי פּאַסט שוין דאָס צום רומעל, דאָס איז א נויטוועגדיגע איינ־צעלהייט צום בילד — אז דער מאַן קומט א בייזער און נערוועזער, דארף איהם די פרוי נאָך מעהר צורייצען, אלזאָ — — — —

א י י ד א (שלאָגט איהם איבער): טייערע גליקען זאָגט איהר מיר צו!

ש ל מ ה: וואָס זשע האָסטו געוואָלט זאָל איך דיר צוזאָגען: אויטאָמאָבילס? דימענטען? זיידענע קליידער? אָפּערא? וואו וועל איך דאָס דיר נעהמען? קיין רייכע פּעטערס אָדער מומעס האָב איך ניט און די וואָס איך האָב ווילען אויך ניט שטאַר־בען..... אלזאָ, הער זיך איין ביז ענדע. איך האָב ניט געענדיגט. וואו זשע האַלט איך? יע: ווער איך נאָך מעהר אין כעס און טוה א געשריי מיט אלע כחות (ער בייגט זיך אַן צו איהר אויער און שרייט): איידא!!!

א י י ד א (קעהרט זיך אָפּ פערטומעלט): געהט צו אלע שווארצע יאָהרען!

ש ל מ ה: אָט, טאָ, טאָ, טאָ. אָט דאָס טאַקע וועסטו מיר ענטפּערען; געוועהנליך, וועסט מיר שוין דאמאָלסט ניט איהרצען: „געה צו אלע שווארצע יאָהרען!"

א י ד א (בעטראַכט איהם אַ ווײַלע): פיליכט וואָלט געווען אַ סבּרה בעסער שיקען אײַך שוין צו אַלע גוטע יאָהרען?

ש ל מ ה (אַביסעל איבערראַשט): וועל, פיליכט.

א י ד א: אָלל־רײַט, איך וועל זיך איבערלײַגען.

ש ל מ ה: נאַ, מערעם, דאָס ניט, אז שיקען איז שוין, שפּעטער קען שוין זײַן צו שפּעט.

א י ד א: אין אַכט טאָג ארום קען אויך זײַן שפּעט?

ש ל מ ה: מעגליך.

א י ד א: אין דרײַ טעג ארום?

ש ל מ ה: אויך מעגליך.

א י ד א: און מאָרגען?

ש ל מ ה: מעגליך אז מאָרגען אויך, מיר דאַכט אז הײַנט איז שוין אויך צו שפּעט.

א י ד א: ע, ע, ע; איהר כאַפּט שוין צוריק, דאָס פּאַסט שוין ניט.... דאָס איז ניט מעשה סוחר.

ש ל מ ה: איך בין ניט קײן סוחר, איך געה זיך ניט פערבינדען מיט דיר אויס ביזנעס שטאַנדפּונקט.

א י ד א: פערפאַלען, געזאָגט איז געזאָגט, און געהט שוין צו אַלע גוטע יאָהרען...

ש ל מ ה: איהר ווילט מיך כאַפּען בײַן וואָרט, אָלל־רײַט... (מיט אַ געמאַכטער גלײַכגילטיגקײַט) אויף ווי לאַנג?

א י ד א (קאָקעטיש): אויף וויפיעל איהר ווילט נור אַלײן. איהר קענט געהן אויף אַ טאָג, אַ וואָך, אַ יאָהר, אויף אײביג....

ש ל מ ה: אָבער דאָס ווענינגסטע, אויף ווי לאַנג זאָל איך געהן.

א י ד א: דאָס ווײניגסטע, איז אויף הײַנטיגען אָבענד.

ש ל מ ה: „א'לל בעטש יו", איהר דאַרפט ערגעץ אויספאָהרען!

א י ד א: יעס.

ש ל מ ה: זאָגט מיר מיט וועמען, וועל איך געהן.

א י ד א: ס'איז אַ סוד.

ש ל מ ה: אָל־רײַט, איך וועל שוין דאָס אויסגעפינען.

א י ד א: אָלל־רײַט, אָלל־רײַט, געפינט דאָס אויס, ס'איז סײַ ווי סײַ אַ בלאָף...

שלמה קוקט אויף איהר דורכדריגענד עטליכע סעקונדען, אײדאַ שטעהט געגען איהם און קוקט איהם גלײַך אין געזיכט, ענדליך שטעלט זי איהם אַרויס אַ שטיקעל צונג און צולאַכט זיך. שלמה גיט אַ ציטער. זי לויפט אַרויס אין קיך און צולאַכט זיך נאָך הילכיגער. שלמה לאָזט זיך ראָש פון אָרט, וויל איהר נאָכלויפען, נור אין טיהר שטויסט ער זיך צו־זאַמען מיט קלמנ'ען.

ק ל מ ן (עטליכע און דרײַסיג יאָהר. אַ קײַלעכיגער, אַ פעטינקער מיט אַ שטענדיגען גוטמוטהיגען אויסזעהען, מאַכט אָבער אַן אײַנדרוק ניט פון קײן קלוגען): וואוהין איז מיט אזא אימפעט?

ש ל מ ה (אַביסעל פערלאָרען): ערגעץ ניט.

ק ל מ ן (רעזאָנירט): אַט דאָס זײַנען שוין די בחורים, ליעבען זײ זיך אײַן אין אַ מײדעל, וועלען זײ נאָך איהר נאָכלויפען אין פײַער און אין וואַסער...

ש ל מ ה: עס איז גאָר ניט אזוי די מעשה.

ק ל מ ן: וואָס לייקענט איהר נאָך? איך האָב דאָך אייך ערשט געכאַפּט נאָכ־לויפענדיג נאָך איידא׳ן. (לאַכט).

ש ל מ ה: וועלל, אָלל רייט, האָט איהר ביי מיר אן עולה.

ק ל מ ן: איך זאָג ניט אז ס׳איז אן עולה, נאָר א נארישקייט איז דאָס, יע. (ער טהוט אויס דעם רעקעל): איהר ווייסט א מיידעל וואָס מעהר איהר לויפט איהר נאָך, אַלץ מעהר אַנטלויפט זי פון אייך... (געהט אין פראָנט צימער).

ש ל מ ה: איהר ווייסט ניט מיט וואָס פאר א צוועק איך בין איהר נאָכגעלאָפען. ס׳קען זיין איך האָב זי געוואָלט כאַפּען און דערשטיקען... (ביידע אָפּ. איידא און דבורה ערשיינען).

ד ב ו ר ה: וואו איז דאָס ערגעץ מיין ברויט־געבער?

א י י ד א: ער מוז דאַרטען זיין מיט מיין בעשערטען.

ד ב ו ר ה: אַלזאָ וואָס בלייבט, פאָהרסט היינט אין קוני איילאַנד?

א י י ד א: איך וויים? איך וואָלט געווים וועלען פאָהרען. מאָרגען איז א יום־טוב, דאַרף מען ניט אויפשטעהן, וואָלט מען געקענט פערברייננגען כאָטש ביז א זייגער איינס. איי איז דאָרט גוט צו פערברייננגען! דוב איז א דזשענטעלמאַן, אז מען פאָהרט מיט איהם ספּענדט ער א פּאָר סענט.

ד ב ו ר ה: פון וואַנען ווייסטו?

א י י ד א: איך בין מיט איהם שוין איינמאָל געפאָהרען.

ד ב ו ר ה: ווען?

א י י ד א: פאַר־אַכטאָגען שבת. געדענקסט, איהר זייט דאַמאָלסט אַלע גע־פאָהרען אַפּטאַון דו, קלמן און מרים, און איך בין געבליבען אין הער היים. זיץ איך אזוי אָפּ א גאַנצען טאָג און שלמה׳קע איז ניטאָ, האָט מיך אזוי פערדראָסען... זיץ איך אזוי און קוק אין פענסטער, ערשט איך זעה ער רוקט זיך... מיינע האָט גענומען פים און גלייך צום טיהר און פערשלאָסען אי אויפ׳ן פעטען־שלאָס, אי אויפ׳ן שליסעל און איך שטעה און וואַרט. מיינער קלאַפּט און קלאַפּט און איך — שא...

ד ב ו ר ה: האָסט איהם ניט געעפענט?

א י י ד א: שור ניט. ער האָט זיך אויסגעשלאָפען קומען.

ד ב ו ר ה: איז וואָס איז געוועזען?

א י י ד א: וואָס איז געווען? גאָרנישט! ער האָט געקלאַפּט אזוי לאַנג ביז וואַנען ער איז אוועקגעגאַנגען. און אז ער איז אוועקגעגאַנגען, איז געקומען דוב און מיר זיינען געפאָהרען אין קוני איילאַנד.

ד ב ו ר ה: פון וואַנען האָט ער געוואוסט קומען?

א י י ד א: איך וויים? ער איז געקומען. זיינען מיר געפאָהרען און מיר האָבען גענומען „סוטס", מיר האָבען זיך געבאָדען. ס׳איז נאָך געווען גאַנץ פריה. דוב האָט מיר געלערנט שווימען...

ד ב ו ר ה: ער קען שווימען?

א י י ד א: איך וויים ניט, מיר האָט ער געלערנט.

ד ב ו ר ה: ווי לערנט מען דאָס שווימען?

א י י ד א (ווערט רויט): ע, ע, ע. אזוי ווי דו ווייסט ניט?

ד ב ו ר ה: ווער לערנט בעסער: שלמה צו דוב?
א י י ד א: שור דוב! שלמה אז ער לערנט קען ער דיר באלד דערטרינקען און דוב אז ער לערנט, נעהמט ער דיר אריין אין די הענד, אז דו וועסט שוין ביי איהם קיין טרוקענע ניט ארויס.
ד ב ו ר ה: ווייזט אויס דו האסט ליעב מען זאל דיר גוט אריינגעהמען אין די הענד!
א י י ד א (פערשטעהט ניט): שור! נאכהער זיינען מיר אריין אין א רעסטאראן אויף דער באוערי, שאנשענעטקעס האבען געטאנצט, און מיר האבען געהאט א גוטען סאפער. נאכהער האבען מיר גענומען א „רייד" אויפ'ן „לופ דהי לופ". הערסטע, האב איך געשריען, האב איך זיך געווארפען, האב איך געקוויטשעט, אז דוב האט מיר קוים אנגעהאלטען. נאכהער —
ד ב ו ר ה: זאל שוין זיין גענוג. און וואס האט געזאגט שלמה?
א י י ד א: שלמה? אז ער האט מיר געפרעגט וואו איך בין געוועזען שבת, האב איך געזאגט, אז איך בין געפאהרען מיט אייך אפ־טאון.
ד ב ו ר ה: גוט, מיין שוועסטער!
א י י ד א: געפעהלט דיר ניט, איז ווי דו ווילסט דיר! (מרים קומט אריין מיט'ן בוך אין האנד).
מ ר י ם: מען האט נאך אלץ קיין סאפער ניט געגעסען?
ד ב ו ר ה: מען האט אלץ אויף דיר געווארט. אט אזוי קען מען אייך ניט צו־זאמענקלייבען. זיי אזוי גוט, דו שטעהסט דאך אויפ'ן וועג, טהו א רוף קלמנ'ען. (זי צינדט אן פייער).
מ ר י ם: וואו איז ער?
א י י ד א: ער איז אוועק מיט שלמה'ן אין הויף. (לאכט, מרים אפ).
ד ב ו ר ה: ווייטער א ליעגען?
א י י ד א (היציג): שור איז ער אין הויף!
ד ב ו ר ה: דו האסט דאך מיר ערשט געזאגט אז ער איז אין פראנט צימער...
א י י ד א (איבערראשט): טאקע! האב איך פערגעסען. א דאנה, זאל זי זיך דורכגעהן, די רבי'צין. (פערטרויליך) הער, דבורה, ווי שיקט מען עפעס אוועק שלמה'ן אויף היינטיגען אבענד. מיר וועט זיין זעהר ניט אנגענעהם פאהרען מיט דוב'ן ווען ער איז דא.
ד ב ו ר ה: וואס איז? וואס האסטו פאר איהם מורא?
א י י ד א: מורא! איך האב פאר איהם קיין מורא ניט, נור איך וואלט בעסער וועלען ער זאל דא ניט זיין און ער זאל ניט וויסען.
ד ב ו ר ה: וואס קעהרסטו פאר איהם?
א י י ד א: טאקע?! (פערטראכט) ווער ווייס וואס עס קען זיך אויסלאזען.
ד ב ו ר ה: און דוב?
א י י ד א: דארף ער דאך אפריהער וועלען.
ד ב ו ר ה: פון וואנען ווייסטו, אז ער וויל ניט?
א י י ד א: איך ווייס? אזוי גיך מיינסטע קען מען וויסען? (מרים ערשיינט).
ד ב ו ר ה (צו איידא'ן): אלל רייט, ס'וועט זיין רעכט. (צו מרים'ן): נו, וואו איז ער? עס ווערט דאך פון אלעם א תל. דער פלייש האט זיך אזוי צוקאכט אז עס איז געווארען פון איהם א קוואטש.

מ ר י ם (בתמימות): אין הויף איז ער ניטאָ.
א י י ד א (רופט אויפ'ן קול): קלמן, קומט עסען סאַפּער! (קלמן ערשיינט).
ד ב ו ר ה: וואו ווערסטע פערפאַלען, דאָס מען דאַרף דיר רופען דריי יאָהר.
ק ל מ ן: איך ווער ניט פערפאַלען, איך בין געזעסען אין פראָנט צימער.
א י י ד א: אין פראָנט צימער?! (צו מרים'ן מיט אַ געלעכטער): וואָס זשע ביזטע איהם געגאַנגען זוכען אין הויף?
מ ר י ם: ביזטע אַ חכמה, האָסט אָפּגענאַרט בראַד! (איידא לאַכט) נו, גענוג שוין דיר האָהאָצען, דו ווערסט זיך דערלאַכען אַז ס'וועט דיר קיין ווײַנען אויך ניט העלפען...
אַלע זעצען זיך צום טיש, דבורה דערלאַנגט עסען. שלמה קומט אַריין און זעצט זיך אויפ'ן סאָפע.
ק ל מ ן (צו שלמה'ן): איהר ווילט כאַפּען אַ ביים?
ש ל מ ה: איך דאַנק אייך זעהר, איך בין שוין אַ געביסענער.
ק ל מ ן: ווי איהר ווילט. פערקעהרט, נאָך גלייכער, וואָס וועניגער עולם, אַלץ בעסער די סעודה. (לאַכט מיט'ן נאָז. אַלע עסען. שלמה נעהמט אַ צייטונג, פערטיעפט זיך אין לעזען. אַ לאַנגע פויזע).
ק ל מ ן: וועל, שלמה, וואָס גיט עפּעס נייעס?
ש ל מ ה: קיינע נייעס.
ק ל מ ן: איהר אַרבייט שוין פיליכט?
ש ל מ ה: ניין.
ק ל מ ן: אַז איהר וואָלט מיר ענטשולדיגען וואָלט איך אייך פרעגען: ווי זשע מאַכט איהר אַ לעבען ניט אַרבייטענדיג?
ש ל מ ה (מאַכט זיך אַרויס): אַט אַזוי לעבט מען.
ק ל מ ן: ניין, ענטשולדיגט, אַז מען אַרבייט ניט און מען פערדיענט ניט, קען זיך דאָך אַ מאָל מאַכען מען זאָל ניט האָבען וואָס צו עסען?
ש ל מ ה: מאַכט זיך טאַקע.
ק ל מ ן: ענטשולדיגט, וואָס זשע טהוט מען דאַמאָלסט? עס איז דאָך זעהר ניט גוט אומגעהן אַ הונגעריגער.
איידא הויבט זיך אויף, וואַרפט אַ בליק אויפ'ן זייגער, נאַכהער אַ צושראָקענעם בליק אויף דבורה'ן. יענע שאָקעלט איהר בערוהיגט מיט'ן קאָפּ. איידא אָפּ אין פראָנט צימער. שלמה פאָלגט נאָך איהרע בעוועגונגען, הויבט זיך אויף און געהט אום נערוועז איבער'ן צימער.
ק ל מ ן (וואַרט אַ ווײַלע אויף אַן ענטפער און בעקומט איהם ניט): ענטשולדיגט, וואָס זאָגט איהר אויף דעם?
ד ב ו ר ה: אַט לאָזט צורוה, הערר שלמה'ן געפעלט ניט מען זאָל איהם ריידען אַזעלכע זאַכען.
ש ל מ ה: יעס, איך וועל אייך טאַקע בעטען איהר זאָלט ריידען וועגען וואָס איהר ווילט נור אַליין, נור ניט וועגען דעם. איך דענק, אַז איך בין שוין אַלט גענוג ענטשיידען די פראַגע. (ער געהט צו צום פראָנט צימער און וויל אַריין. איידא האַלט צו די טהיר).
א י י ד א ס ש ט י מ ע: ווער איז?
ש ל מ ה: איך.

א י י ד א ס ש ט י מ ע: געהט ניט אריין.
ש ל מ ה: ווארום?
א י י ד א ס ש ט י מ ע: מען קען ניט.
ש ל מ ה: פאר וואס?
א י י ד א ס ש ט י מ ע: אזוי.

אין דיעזער צייט קומט לעבען טיש פאר פאלגענדע שטילע סצענע:

מ ר י ם (שטיל צו דבורה'ן): זי פאהרט?
ד ב ו ר ה (קוועטשט מיט די פלייצעס און ענטפערט ניט).
מ ר י ם (שטיל): האסט איהר ניט געזאגט?
ד ב ו ר ה: טשעפע זיך אפ פון מיר!
ק ל מ ן (נייגעריג): וואס איז, וואס איז?
ד ב ו ר ה: שא, שריי ניט, גאר נישט.

שלמה קעהרט זיך אום אביסעל פערשעהמט, אביסעל ענטטוישט. א געוויסע וויילע הערשט א שטילער שווייגען. קלמן ציהט זיך פויל).

ק ל מ ן: איך געה אביסעל זיך צושפארען. (געהט. אלע שווייגען).
ד ב ו ר ה (צו שלמה'ן): האט איהר שוין געזעהן דוב'ן?
ש ל מ ה (איבערראשט): ער איז שוין דא? ווען איז ער געקומען?
ד ב ו ר ה (קאלטבלוטיג): די טעג דאכט זיך. (צו מרים'ן): ווען איז ער דא געוועז?
ש ל מ ה: ער איז שוין דא געוועז?
מ ר י ם (טיעפזיניג): ער איז געוועז דא דאמאלסט ווען איהר זייט ניט געוועז.
ש ל מ ה: אוהום!
ד ב ו ר ה (פערוואונדערט): איהר האט נאך איהם ניט געזעהן?
ש ל מ ה: וועל, ווען האב איך געקענט איהם זעהן? צו מיר איז ער ניט געקומען, און אהער קומט ער אין דער צייט ווען איך בין ניטא. ווען האב איך איהם געקענט זעהן?
מ ר י ם (איראניש): אז איהר וועט זוכה זיין ביי גאט וועט איהר פיעלייכט האבען די זכיה זעהן איהם היינט.
ש ל מ ה: אך, זעהר צופריעדען, פארט א גוטער פריינד... (דבורה נעהמט צו פון טיש און געהט ארויס אין קיך).
מ ר י ם: איך האב גאר ניט געוואוסט אז איהר זייט אזעלכע גוטע פריינד.
ש ל מ ה: אפיציעל — יעס. (א קורצער שווייגען).
ש ל מ ה: ווי, ער איז געקומען אויף א צייט, צו אין גאנצען?
מ ר י ם: דאכט זיך אין גאנצען.
ש ל מ ה: האט ער שוין אויפגעגעבען זיינע ביזנעס אין באסטאן?
מ ר י ם: דאכט זיך.
ש ל מ ה: ער געהט שוין אהער אהן מיר און אין מיין אבוועזענהייט; ער וויים שוין, ווייזט אויס, די וועג.
מ ר י ם: ווייזט אויס.

(איידא קומט ארויס פון פראנט צימער פערפוצט. שלמה קוקט זי אן פראגענד).

א י י ד א (פרעך): וואס קוקט איהר אזוי אויף מיר?

שלמה: איהר שיינט היינט אבענד מעהר ווי געוועהנליך.

איידא: אויב איך שיין, איז אויך ניט צוליעב אייך.

שלמה: איך האָב גאָר די העזה ניט אזוי צו דענקען.

דבורה (לויפט אריין מיט אימפעט, קענטיג זי קומט פון גאַס. מיט שטארקע התפעלות): אוי קינדערלעך, זאָלט איהר זעהן וואָס עס טהוט זיך אין גאַס!

מרים, שלמה: וואָס איז דאָרטען?

דבורה (פערסאָפּעט): לויפט שנעלער צום פענסטער אין פראָנט צימער, וועט איהר עפּעס זעהן! (שלמה און מרים שנעל אָפּ).

דבורה (צו איידא'ן): כאַפּ שנעלער די העט און געה, ער וואַרט אויף דיר דאון־סטערז, איך האָב איהם קוים פערכאַפּט, ער האָט געהאַלטען ביים ארויפגעהן. (איידע לויט אריין אין שלאָף־צימער, קומט אין א רגע מי א הוט־שאַכטעל, טהוט פיבערהאַפּט אָן די הוט.

דבורה: שנעלער, שנעלער, זיי געהען שוין צוריק. (איידא אָפּ). פערגעס ניט צוריק קומען. (געהט איהר נאָך).

א קורצע ווײַלע איז די ביהנע ליידיג.

מרים (קומט אריין אויפגערעגט): ווי געפעלט דאָס אייך? אזוי אָפּנארען!

שלמה (ערשיינט, קוקט זיך אַרום): וואו איז זי דאָס די חכמה?

מרים (קוקט זיך אַרום): וואו זיינען דאָס אלע? (בעמערקט אויפ'ן טיש די ליידיגע שאַכטעל פון איידא'ס הוט, רופט הילכיג): דבורה! דבורה!

דבורה (לויפט אריין): האָט איהר איהם געזעהן?

מרים: ועמען געזעהן?

דבורה: דוב'ן?

מרים: וואו איז ער?

דבורה (געמאַכטע ערשטוינונג): איך האָב אייך געשיקט איהם זעהן דורכ'ן פענסטער; ער איז געשטאַנען דאון־סטערז.

שלמה: וואו איז ער יעצט?

דבורה: אוועקגעגאַנגען.

מרים: אוועקגעפאָהרען מיט איידא'ן אין קוני איילאנד? (דבורה ענטפערט ניט, געהט אַרויס).

שלמה: גאָר אזוי?! (שטעהט א ווײַלע פערלאָרען אין מיטען שטוב, טהוט אָן לאַנגזאַם דעם רעקעל, נעהמט די הוט).

מרים: וואוהין איז אזוי פריה?...

שלמה (מיט א פערשטיקטען קול): עס איז שוין גאָר ניט פריה, מיר דאַכט אז עס איז שוין צו שפּעט...

פאָרהאַנג.

מיכל קאפלאן:

די אלמנה

פון גתהעטא.

דערהויבען זיך ארויף, ארויף
אויף טרעפ האב איך א סך.
געקלעטערט לאנג, געשטיגען הויך,
געקומען אזש צום דאך.

מיט שטויב און קויט געשפרייט האט זיך
דער וועג הורכאוים פאר מיר...
איך האב דערגרייכט, זיך אומגעקוקט,
געעפענט שטיל א טיהר.

א טיעפער צער, א קבר־רוה
געשוועבט האט דארט ארום.
א בלאס געשטאלט האט מיך בעגריעסט,
האט מיך בעגריעסט, און.... שטום.

מיר זענען לאנג געשטאנען שטום,
די קעפ געבויגען טיעף.
און דאן — איך פרעג די בלאס געשטאלט:
„קייןווארט פאר מיר? קיין בריעף?"

זי האט געזאגט: „אהן ווארט, אהן בריעף
„דאס אונגליק איז געשעהן.
„א, אומגעריכט, מיין ליעבער פריינד,
„זיין אבשיעד איז געווען".

זי האט פארשטעלט איהר בלאס געזיכט,
דערשטיקט איהר שטיל געוויין.
זי האט דערצעהלט: „געהאלטען האט
„די זון אין אונטערגעהן.

„ער איז געקומען פון פאבריק,
„פער׳גנב׳עט זיך אין זאל:
„א ווילדער קנאל... און אויסגעשריי,
„א גוסס־קרעכץ... א פאל....

„אָ, יענער פאַל! עס פריהרט דאָס בלוט,
„עס וואַרפט אַ טויטע שרעק.
„ער האָט צו מיר די הענד פערשפרייט,
„געזאָגט: איך געה אוועק!....

„געזאָגט: „פערגיעב!...“ אַ ים מיט לייד
„געגליהט האָט אין זיין בליק,
„און שטיל האָט ער געזאָגט צולעצט:
„אהיים... אהיים צוריק...“

אַ ציטער האָט איהר שטים געטהאָן —
זי האָט דערצעהלט ניט מעהר.
פערפולט געוועזן דאָס אויג, געטריעפט
האָט שטיל פון דאָרט אַ טרעהר.

אַ טרייסט האָב איך פאַר איהר געזוכט,
גערעדט פון „זיין“, „ניט זיין“;
זי האָט געזאָגט: „צי קאָן אַ וואָרט
„דען לינדערן מיין פיין?

„די היים פיעלייכט, די אַלטע היים
„פערשטילען וועט מיין וועה;
„די ווייטע שטאָדט פון מיין געבורט —
„צוריק אהיים איך געה“.

איך האָב געזאָגט: „ערלויבט מיר איצט
„אייך זיין צו הילף, מיין פריינד“.
זי האָט געדאַנקט, געענטפערט: „ניין,
„פערזאָרגט בין איך שוין היינט.

„אַ גרויסע גאָב ברייגגט מיט דער טויט
„מיט זיך אין דיעזען לאַנד:
„מיט טויטען-בענעפיט, מיין פריינד,
„בין איך אצינד בעקאַנט.....

„איך וועל די גאָב פערטיילען לייט,
„זיך פרעהען וועט די שטאָדט:
„דאָס גאָלדען-לאַנד — מיט שטיקער גאָלד —
„בעצאָהלט זיין ווערטה מיר האָט....“

י. ל. כהן:

דאָס יודישע פאָלקסליעד*)

.1

דער בעגריעף פון דעם וואָרט „פאָלקסליעד“, ווערט ביי אונז אין אַלגעמיין זעהר אויבערפלעכליך און גאַנץ אָפט אויך פאַלש אויפגעפאַסט.

„ביי אונז“ — פאָלעמיזירט אונזער בעריהמטער שלום עליכם מיט אַ געוויסען מוזיק־קריטיקער יולי ענגעל, — „ביי אונז ווערען אָנגערופען מיט׳ן נאָמען פאָלקסליעדער, אַלע ליעדער וואָס זענען געשריעבען אין דער פּראָסטער יודישער פאָלקשפּראַכע, וואָס מע רופט זי זשאַרגאָן און וואָס זענען אַרויסגעגעבען פאַר׳ן פאָלק. נישט מעהר ס׳איז אַ טעות הדפוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון כמה יאָהרען; אָנשטאָט ליעדער פאַר דאָס פאָלק, שרייבט מען פאָלקסליעדער“. פיעל בעסער איז די דעפיניראונג פון ה׳ ענגעל, נאָך זיין מיינונג זענען פאָלקסליעדער: „געוויס אַזעלכע ליעדער וואָס זענען איבערגע־גאַנגען צום פאָלק פון אונבעקאַנטע מחברים פון גאַנץ אַלטע, לאַנג פערגעסענע צייטען, אָדער זיי זענען געשריעבען טאַקי איצט כמעט פאַר אונזערע אויגען, נאַר זיי האָבען זיך ווייט פערברייטעט צווישען פאָלק צוליעב זייער פאָלקס־כאַראַקטער (נוסח).

מען דאַרף אָבער נישט פערגעסען, אַז דאָס פאָלק קלייבט נישט איבער אין דעם, וואָס עס איז און וואָס עס איז נישט קיין פאָלקסליעד, עס זינגט אַלץ וואָס עס לאָזט זיך און וואָס עס קען נור געזונגען ווערען און עס וואָלט געווען אַ טעות אָנצורופען אַלע ליעדער, סאַי אַלטע, סאַי נייע וועלכע ווערען געזונגען פונ׳ם פאָלק — פאָלקסליעדער; און נאָך מעהר טעות וואָלט געווען צו בעהויפּטען, אַז ליעדער ווערען ווייט פערברייטע צווישען פאָלק נור דערפאַר, ווייל זיי זענען געשריעבען אין דער „פּראָסטער פאָלקשפּראַך“, אָדער צוליעב זייער פאָלקס־כאַראַקטער. ווען מיר זאָלען נעהמען, צום ביישפּיעל, ערדעלשטאַדט׳ס און ווינטשעווסקי׳ס ליעדער, וועלכע בעזיצען געוויס נישט די אויבענדערמאָנטע מעלות, און פון דעסטוועגען זענען זיי היינט ווייט פערברייטעט צווישען פאָלק און ווערען איבעראַל געזונגען; דאַגעגען רייזען׳ס ליעדער, וועלכע זענען געשריעבען אין דער אמת׳ער פאָלקס־שפּראַך און זענען אויך דאָס רוב עכט פאָלקסטימליך, און דאָך ווערען זיי כמעט אין ערגעץ נישט געזונגען.

וואָס־זשע איז די אורזאַך דערפון?

מיר שיינט, אַז דער איינציגער פאַקטאָר, וואָס מאַכט פּאָפּולער אַלע מינים ליעדער און ווירקט, אַז זיי זאָלען ווייט פערברייטעט ווערען צווישען פאָלק איז — די מעלאָדיע.

ביי דעם פּשוט׳ן עולם שפּיעלט די מעלאָדיע אָדער דער נגון פון אַ ליעד זעהר אַ וויכטיגע ראָליע און טיילמאָל נאָך מעהר ווי דאָס ליעד גופא. פאַרהאַן צווישען פאָלק אַזעלכע, וואָס כאַפּען אויף נור די מעלאָדיע פון אַ ליעד, האָבען ליעב אין דער שטיל זיך

אונטערצוברומען עפּעס אַ ניגון, אָדער „אַ גלגול פון אַ נגון“, ווי פּרץ דריקט זיך אויס. אַ ליעד, וואָס ווערט בעשאַפען אין דער בעגלייטונג פון אַ מעלאָדיע, מעג עס אפילו זיין אַ מאָדערנע קונסט־ליעד, האָט אַלזאָ די מעגליכקייט אין אַ גאַנץ קורצער צייט צו ווערען פּאָפּולער און פערשפּרייט, זאָגאַר צווישען אַזעלכע שיכטען פונ׳ם פאָלק, וואו מען הויבט גאָר נישט אָן צו פערשטעהן זיין אינהאַלט.

אַן עכטעס פאָלקסליעד איז נישט נור איינפאַך און פערשטענדליך פאַר יעדען איינציגען פונ׳ם פאָלק, נור וואָס עס איז דער עיקר, פונ׳ם פאָלק גופא געשאַפען געוואָרען, און דערפאַר דריקט עס אויך אויס אין אַ נאַטירליכער אונגעקינסטעלטער פאָרמע זיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער און שפּיעגעלט אָב די פערבאָרגענסטע ווינקעלעך פון דער קאָלעקטיווער פאָלקס־נשמה. אַן עכטעס פאָלקסליעד קען נישט געלעזען, רעסיטירט אָדער דעקלאַמירט ווערען, עס מוז נור ווערען געזונגען, ווייל עס איז צוזאַמענגעוואַקסען מיט דער מעלאָדיע, ווי גוף און נשמה וואָס קענען איינס אָהן דאָס אַנדערע ניט עקזיסטירען.

איך נעהם אָן דעם כלל: פאָלקסליעדער אָהן מעלאָדיען, זענען האַלבע פאָלקסליעדער.

מען דאַרף זיך אָבער נישט פאָרשטעלען, דאָס פלוצלונג זענען ערגעץ פונ׳ם פאָלק אַרויסגעשפּרונגען ליעדער אָדער פיעלע האָבען עס צוזאַמען געשאַפען. נאַטירליך שטאַמען די דאָזיגע ליעדער פון איינצעלנע אונבעקאַנטע דיכטער אָדער פאָלקס־זינגער, וועלכע האָבען נישט בדעה הורך זייערע ליעדער צו מאַכען זיך אַ נאָמען, בעקאַנט צו ווערען פאַר דער וועלט; קיינער ווייס נישט פון זיי און קיינער פרעגט זיך אויף זיי נישט נאָך, זיי זינגען פאַר זיך און פאַר אַלעמען און געהערען צו אַלעמען. דיעזער אונבעקאַנטער פאָלקס־דיכטער שטעהט נישט העכער פון דער אַלגעמיינער מאַסע, ער לעזט נישט קיין ביכער און קען זיינע געדאַנקען נישט אויסדריקען דורך שריפט־צייכען; די אידעען און וועלט־אַנשויאונגען פון די העכערע פאָלקסשיכטען זענען פאַר איהם לחלוטין פרעמד; זיין קוק אויף דער וועלט איז דערזעלבער ווי פון זיינע פאָלקס־גענאָסען, ער שעפּט זיינע געדאַנקען אונמיטעלבאַר פון דעם אַרומיגען לעבען, פון דעם פאָלקס־מויל און פון זיין אייגענער נשמה. ער איז אַלזאָ איינער פון דער מאַסע מיט אַ פּאָעטיש בעגאַבטע נאַטור, אָבער נישט קיין דיכטער פון בערוף און מען דאַרף איהם נישט פערבייטען אויף דעם פּראָפעסיאָנעלען בדחן אָדער מאַרשעליק, דעם פרעהליך־מאַכער אויף אַלע חתונות, וועמעס ליעדער בעשטעהען דאָס רוב פון אָבגעדראָשענע פּשט׳לעך, געשמאַקלאָזע וויצען און גראַמען, וואָס פערשווינדען גלייך מיט דעם פרעהליכען עולם און האָבען ביים פאָלק קיין קיום נישט. דאָס וואָס דער אמת׳ער פאָלקסדיכטער שאַפט איז נאַטירליך, נישט געקינסטעלט, נאַאיוו, אָבער טיעף דורכגעפיהלט. זיינע ליעדער געהען איבער צום פאָלק מינדליך, זייער עקזיסטענץ איז אָבהענגיג פונ׳ם פאָלקס־זכרון און געוועהנליך קענען אויך אַזעלכע ליעדער מיט דער צייט פערגעסען ווערען. בלייבען אָבער איבער אינ׳ם פאָלקס־מויל איינציגע סטראָפען, פערזען אָדער אַפילו מעלאָדיען פון אַלטע לאַנג פערקלונגענע ליעדער, דיענען זיי פיעל מאָל אַלס בוי־מאַטעריאַל פאַר נייערע געזאַנגען.

דאָס עכטע פאָלקסליעד ווערט אַרויסגעזונגען פון דעם טיעפעמפפינדליכען פאָלקס־געמיט אין פערשיעדענע מאָמענטען פון גליק און אונגליק, פרייד און טרויער, צער און צאָרן, ליעבע און האָפנונג א. ז. וו. ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען ענטשטעהען פאָלקס־ליעדער. אָט קומט אויף צ. ב. אַ נייער וואַלצער, אַ קאַדריל, אַ „שעהר“ אָדער אַ פאָלקע אָדער אַזוי אַ מעלאָדיע, וואָס איז ערגעץ־וואו געשפּיעלט געוואָרען אויף אַ חתונה אָדער

פון אַ שפּיעל־קאַסטען אויפ'ן גאַס; עס געדויערט נישט פיעל און די מעלאָדיע ווערט שנעל פערברייטעט צווישען פאָלק, איבעראַל ווערט עס געשפּיעלט, געזונגען און אונטער־געברומט אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז עס ענטשטעהט אַ ליעד. און דאָס איז נישט סתם אַזוי זיך אַ ליעד, „גראַם שטראַם“, ווי געוויסע בדחנים זינגען, נור טאַקע אַן אמת'ע פאָלקסליעד מיט אַן אינהאַלט, מיט האַרץ און געפיהל:

שפּיעלט־זשע מיר דעם נייעם שעהר
וואָס איז אַרויסגעקומען;
איך האָב מיך פאַרליעבט אין אַ ייִנגעלע אַ שעהנעם
און קען צו איהם נישט קומען.

וואָלט איך צו איהם געקומען
שטעהט ער זעהר ווייט
כ'וואָלט איהם אַ קוש געגעבען —
שעהם איך מיך פאַר לייט

און נישט אַזוי פאַר לייט
ווי פאַר גאָט אליין;
כ'וואָלט דאָך איהם אַ קוש געגעבען
אַז קיינער זאָל ניט זעהן.*)

אַ טייל ליעדער ווערען אַרויסגערופען דורך אַן אומגעוועהנליכע סיבה, וואָס טרעפט זיך אַ מאָל ערגעץ אין אַ קליין שטעדטעל, וואו עס איז צ. ב. ענטדעקט געוואָרען אַ ליעבעס־געהיימניס פון אַ בחור מיט אַ מיידעל, אָדער אַ חתן בחור איז דערטרונקען געוואָרען אינ'ם טאָג פון זיין חופּה, און נאָך אַזעלכע עהנליכע פּאַסירונגען, וועלכע רודערן אויף דעם שטילען, מאָנאָטאָנעם פאָלקסלעבען. ביי אַזאַ געלעגענהייט שאַפט דער פאָלקס־דיכטער אַ ליעד, אין וועלכער עס ווערט בעזונגען די גאַנצע עראייגניס מיט אַלע פּרטים. פּלוצלונג, קיינער ווייס נישט פון וואַנען און פון ווען, העבט אָן צווישען פאָלק צירקולירען אַ ליעד מיט אַ נייע, אָדער שוין פון פריהער אַלגעמיין בעקאַנטע מעלאָדיע, וועלכע זינגט זיך צ. ב. אַזוי:

אַ מאַטיוו, מענטשען, וועל איך אייך זינגען,
וואָס האָט זיך געטראָפען דאָ ניט ווייט:
ס'איז דערטרונקען געוואָרען אַ בחור, אַ פער'קנס'טער
און דערצו נאָך אַ גאַנץ גרויסער לייט.

באַלד ווערט דאָס ליעד אויפגעכאַפּט און געזונגען פון קליין און גרויס, פון יונג און אַלט, און אַ דאַנק דער מעלאָדיע ווערט עס אַזוי גיך פּאָפּולער, דאָס אין אַ גאַנץ קורצער צייט נעהמט שוין דאָס גאַנצע פאָלק אַנטייל אין דער בעאַרבייטונג פונ'ם ליעד. יעדער איינער זינגט עס ווי ער פיהלט און פערשטעהט, און גאָר אונבעמערקטערהייט, מיט אָדער אָהן וועלכע נישט איז כונה, ווערען אַרויסגעלאָזען אָדער צוגעגעבען אייגענע ווערטער און

*) אַלע ליעדער, וואָס ווערען ציטירט אין דיעזען אַרטיקעל ביי וועלכע עס איז נישט אַנגעגעבען די קוועלע, געהערען צו מיינע זאַמלונגען.

אויסדריקע, עס ווערען אַריינגעפּלאָכטען גאַנצע סטראָפען פון אַנדערע ליעדער, עס פער־מישען זיך און ס׳ווערען פערביטען פערזען און גראַמען, עס בייט זיך אפילו די מעלאָדיע און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז פערענדערט זיך אין גאַנצען דער אינהאַלט און כאַראַקטער פונ׳ם ליעד; עס פערלירט אין גאַנצען דאָס אינדיווידועלע פון איהר אורשפּרינגליכען מחבר און עס נעהמט אָן אַלע אייגענטימליכקייטען פון דעם קאָלעקטיווען פאָלקסכאַראַק־טער, און אַזוי ווערט עס דער פּראָדוקט פונ׳ם גאַנצען פאָלק — אַן עכטעס פאָלקסליעד.

דאָס ליעד בלייבט אויך נישט שטענדיג אויף דעמזעלבען אָרט, וואו עס איז געשאַפען געוואָרען. עס וואַנדערט אוים אין די אַרומיגע שטעדטלעך, פון קלענערע אין גרעסערע; עס וואַנדערט אוים צוזאַמען מיט בעל עגלות און דיענסטמיידלעך, צוזאַמען מיט רעקרוטען און אַרבייטער, און אויב דאָס ליעד איז, צום ביישפּיעל, פון אָנפאַנג ענטשטאַנען אין ליטע קען עס אויך אויסוואַנדערן נאָך פּוילען אָדער דרום־רוסלאַנד און פון דאָרטען מגלגל ווערען אין גאַליציען אָדער רומעניען. דער מאַרשרוט פונ׳ם פאָלקסליעד קען זיין אַ פערשיעדענאַרטיגער, אומעטום אָבער פּאַסט עס זיך צו צו די אָרטיגע אומשטענדען און שפּיעגעלט אָב דאָס בעזונדערע אָרט לעבען, דעם ספּעציפישען כאַראַקטער פון זיין נייער סביבה.

וואָס לענגער אַזאַ מין ליעד וואַנדערט אום צווישען פאָלק און וואָס מעהר עס ווערט געזונגען, אַלץ מעהרער נוסחאות, וואַריאַנטען ענטשטעהען פון איינעם און דעמזעלבען ליעד, וועלכע בילדען שוין פאַר זיך גאַנץ בעזונדערע ליעדער פון אַן אַנדער אינהאַלט און פיעל מאָל אויך פון אַ גאַנץ אַנדער מין כאַראַקטער. אָט די דאָזיגע וואַריאַנטען גיבען אונז מאַנכעס מאָל די מעגליכקייט, נישט נור טיעפער אַריינצודרינגען אין די פערבאָר־גענסטע ווינקעלעך פון דער פאָלקס־נשמה, נור זיי ווייזען אונז אויך דעם גייסטיגען און זיטליכען אונטערשיעד צווישען די איינוואָהנער פון פערשיעדענע געגענדען.

לאָמיר נעהמען, צום ביישפּיעל, אַן אַלט קינדער־ליעדעל, וואָס ווערט נאָך היינט אויך געזונגען אין פערשיעדענע ערטער פון ליטע און פּוילען.

אין ליטע זינגט זיך דאָס ליעדעל אַזוי:

איינגעלעך מיט מיידעלעך\
האָבען זיך גענומען;\
תשעה באָב די חתונה\
קיינער איז נים געקומען.*)

ווי עס ווייזט אוים שטאַמט נאָך דאָס ליעדעל פון דער אַזוי גערופענער „בהלה“־צייט, ווען יודישע עלטערן פלעגען בשתיקה חתונה מאַכען זייערע מינדער יעהריגע קינדער. *) אין פּוילען האָט אָבער דאָסזעלבע ליעדעל אָנגעוואָרען איהר היסטאָרישען ווערטה און האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון דעם וואָכענדיגען, אַלטעגליכען לעבען. און אָט ווי די קינדער זינגען עס דאָרטען:

כאַבאַלעך מיט קליסקעלעך\
האָבען זיך גענומען,

*) גינזבורג און מאַרעק, יודישע פאָלקסליעדער אין רוסלאַנד, סט. פּעטערבורג 1901 ז. 255.

*) דאָרטען גופא, איינלייטונג ז. 18.

תשעה באב די חתונה —
קיינער איז נישט געקומען.

ס'איז דאכט זיך דאָסזעלבע ליעדעל, און דאָך איז איהר אינהאַלט א גאַנץ אנדערער: פון „אינגעלעך מיט מיידעלעך" איז גאָר געוואָרען „באַבאַלעך מיט קליסקעלעך", דאָס בעליעבטע אַלטעגליך מאכל פון'ם אָרימען וואַרשעווער עולם.

איך וועל דאָ ברענגען נאָך א ביישפיעל.

ס'איז פאַרהאַן אַן אַלט ליעדעל, וועלכע ווי עס שיינט, איז א מאָל געווען געריכטעט געגען די יעניגע מיידלעך, וואָס האָבען נישט געקוקט אויף א יחוס־שידוך, ביי זיי איז רעכט געווען חתונה צו האָבען מיט א פּראָסטען בעל מלאכה. אָט דאָס דאָזיגע מוסר־ליעדעל זינגט זיך אין ליטע אזוי:

איך האָב דיר געזאָגט און געזאָגט און געזאָגט
א שניידער זאָלסטו נים נעהמען,
א שניידער זאָלסטו נים נעהמען!
א שניידער איז א גראָבער יונג
דער שוואַרץ יאָהר זאָל איהם קענען!

גאַנץ אנדערש קלינגט דאָס זעלבע ליעדעל אין פּוילען:

איך האָב דיר געזאָגט און געזאָגט און געזאָגט,
און זאָג דיר נאָך עד הנה,
אז דו וועסט נעהמען א שניידער פאַר א מאַן,
וועסטו האָבען צו קלאָגען און צו וויינען.

וואָס פאַרמאָגט א שניידער־יונג?
א נאָדעל מיט א פינגערהוט,
און אזוי ווי דו געהסט פון דער חופּה אַפּהער
שרייט דאָס ווייב: כ'בין הונגעריג!

ווי עס ווייזט אויס, האָט מען אין פּוילען אין די אונטערסטע שיכטען פון'ם פאָלק נישט אזוי שטאַרק געקוקט צי דער חתן איז א גראָבער יונג, אָדער א לערנער. די הויפּט־פראַגע איז געווען: צי איז ער א פערדיענער און צי וועט ער האָבען אויף — באַבאַלעך מיט קליסקעלעך...

אָבער נישט אַלע מאָל קען מען מיט זיכערהייט בעשטימען דאָס אָרט און די צייט, וואו און ווען א ליעד איז צוערשט ענטשטאַנען. דאָס וואַנדערנדע פאָלקסליעד ווייס אויך נישט פון קיין גרענצען, עס ציהט אום פון לאַנד צו לאַנד, פון פאָלק צו פאָלק, פון מויל צו מויל און שפּיגעלט אָב נישט נור דאָס קאָלעקטיווע פאָלקס־לעבען פון דער אָדער יענער סביבה, נור אויך דאָס לעבען פון דעם יחיד, פון דעם אינדיווידיום, אָט טאַקע פון דעם זינגער גופא מיט אַלע זיינע לייד׳ען און פריידען וואָס רינגלען איהם אַרום. דאָס ציינט זיך אַרויס אין איינע און די זעלבע ליעדער, וואָס ווערען געזונגען פון פערשיעדענע פערזאָנען. דאָס קענען מיר אויך זעהען פון די פאָלגענדע:

יאָך מיט מיין חתן —
מיין מאַמעשי איז דער מיט;
יאָך וויל תנאים שרייבען
מיין מאַמעשי לאָזט מיך נישט!
יאָך וועל נישט קוקען *)

און מאַכען אַן עק —
כ׳וועל נעהמען מיין חתן
און וועל מיט איהם אַוועק.

כ׳וועל מיט איהם אַוועק
אין דער וויטער וועלט אריין,
כ׳זאָל אפילו דעם טויט באַקומען
מיין מאַן מוז ער זיין!

דאָס איז דער וועה־געשריי און דער לעצטער פערצווייפעלטער שריט פון א פערליעבט יודיש מיידעל, וועלכע איז אפשר אין איהר גאַנץ לעבען נישט אַרויס פון איהר שטעדטעל איבער דער „ראָגאַטקע“. נעבען איהר פעסטען בעשלוס, פיהלט זיך אויך איהר הילפ־לאָזיגקייט, איהר מורא פאַר דער „וויטער וועלט“, אין וועלכער זי קען אפשר איהר לעבען פערלירען, און דאָך — „מיין מאַן מוז ער זיין!“

אָבער גאַנץ אַנדערש וואַריאירט דאָס זעלבע ליעדעל, ווען עס ווערט געזונגען פון א מאַן, פון א געזונדען זעלבסטשטענדיגען בחור, וועלכער קען אומעטום זיין שטעדטעל בעשטעהן:

איך מיט מיין ליובע,
מיין מאַמע איז דער מיט;
איך וויל די ליובע,
מיין מאַמע לאָזט מיך ניט.
איך וויל נישט קוקען אוי מיין מאַמעס רעד,
כ׳וועל נעהמען די ליובען ווי זי שטעהט און געהט.

איך וויל זי נעהמען
און מאַכען אַן עק,
איך וועל זי נעהמען
און וועל מיט איהר אַוועק;
איך וועל מיט איהר אַוועק גלייך קיין אָדעס,
און שטעלען א חופּה אין איין מעת לעת!

אַט אַזוי שאַפט דאָס פאָלק זיינע ליעדער, אין וועלכע עס שפּיעגעלט זיך אָב זיין אַלגעמיינער כאַראַקטער, זיין אינערליכעס לעבען אונטער פערשיעדענע צייטען און אומ־שטענדען. פון איין אייציג אורשפּרינגליך ליעד, וואָס וואַנדערט אום א לענגערע צייט צווישען פאָלק, ענטשטעהען פיעלע נייערע, וועלכע ווערען אויך אין משך פון פיעלע יאָהרען פערענדערט, צוזונגען און דורך געוויסע סיבות פערגעסען. דאָס איז אָבער נישט קיין כלל

*) נישט קוקען אויף אַלע שטערונגען.

פאַר אַלע. אַנדערע ליעדער ערהאַלטען זיך אין'ם פאָלקס־זכרון הונדערטער יאָהרען; זיי פערענדערן זיך טאַקע, בייטען זייער סטראָפען־בוי, בייטען זייער מעלאָדיע, פערלירען איינציגע פערזען אָדער גראַמען אָבער פערגעסען ווערען זיי נישט.

אַלטקייט, דאָס איז שוין אַ בעזונדערע אייגענשאַפט פונ'ם פאָלקסליעד.

.2

אַ געוויסער טייל גאַנץ אַלטע ליעדער ווערען נאָך היינט אויף געזונגען פונ'ם פאָלק אַזוי ניי און פריש, גלייך ווי זיי וואָלטען ערשט נעכטען געשאַפען געוואָרען. אין אמת'ן אָבער זענען זיי שוין אַלט פיעלע הונדערטער יאָהרען; מֵעהרערע שפּיעל און ציילל־פערזען, וועלכע ווערען געזונגען פון אונזערע קינדער, איינציגע רעטעניש און וואונש־ליעדער זענען שוין אין 15טען און 16טען יאָהרהונדערט אויף בעקאַנט געווען אין דייטשלאַנד. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות, ווען מיר זאָלען אָננעהמען, אַז די דאָזיגע אַלטע פאָלקס־ליעדער זענען פונ'ם דייטשען אורשפרונג; גיכער פון אַלץ זענען זיי „אוניווערסאַלע פאָלקסליעדער", ווייל זיי זענען אויך פערברייטע כמעט ביי אַלע אייראָפּעאישע פעלקער. יעדעס פאָלק, נאַטירליך, האַלט זיי פאַר זיין אייגענס און זינגט זיי אויף זיין אייגענעם שטייגער.

איך וועל דאָ נעהמען, צום ביישפיעל, איינע פון די דאָזיגע אוניווערסאַלע פאָלקס־ליעדער, דאָס אוראַלטע חד גדיא־ליעד, וואָס אונזערע קינדער זינגען נאָך היינט אויך אין פאָלגענדען נוסח:

האָט השם יתברך אַראָפּגעשיקט
אַ ביימעלע אַראָפּ, אַ ביימעלע אַראָפּ,
ביימעלע זאָל בארעלעך וואַקסען.
ביימעלע וויל ניט באַרעלעך וואַקסען,
באַרעלעך ווילען ניט פאַלען, באַרעלעך ווילען ניט פאַלען.1)

אָדער:

שיקט דער האַרר אַ פּייערל אין וואַלד אַריין,
אַ פּייערל אין וואַלד אַריין,
ער זאָל די באַרעלעך רייסען א. ז. וו.

דער אידישער געלעהרטער צונץ וויל אָבער האָבען, אַז דאָס חד גדיא־ליעד פון דער הגדה איז אַ נאָכאַהמונג פון אַ דייטשע פאָלקסליעד און געהערט צום 15טען יאָהר־הונדערט *). אין דער זעלבער מיינונג איז אויך י. ב. לעווענזאָהן *). קומט אָבער דר. ק. קאָהלער אין זיין אויספיהרליכען אַרטיקעל: „זאַגע אונד זאַנג אים שפּיעגעל יידישען לעבענס", און בעווייזט, אַז דיעזע טהעאָריע איז דורכאויס פאַלש *). ער צייגט אָן דאָס זאַנדערס אין זיין „פאָלקסלעבען דער נייגריעכען" איז גאָר אין דער מיינונג, אַז עהנליכע נייגריעכישע פאָלקסליעדער זענען פון יודישען אורשפרונג. דאָס גריעכישע ליעד קלינגט אונגעפעהר אַזוי:

*) גינזבורג און מארעק, יודישע פאָלקסליעדער, ז. 95.

*) צונץ, גאָטטעסדיענסליכען פאָרטרעגע ז. 133.

*) י. ב. לעווענזאָהן, אפס דמים, ז. 34.

*) אין גייגער'ס צייטשריפט פיר די געשיכטע דער יודען אין דייטשלאַנד, 1889, ז. 234.

אמאָל איז געווען אַ אַלטער,
האָט ער געהאַט אַ הענד'ל,
האָט ער געקרעהט און געוועקט
דעם אָרימען דעם אַלטען.

איז געקומען דער פוקס צוגעהן
און האָט אויפגעפרעסען דאָס הענד'ל,
וואָס האָט געקרעהט און געוועקט
דעם אָרימען, דעם אַלטען.

איז געקומען דער הונד צוגעהן
און האָט אויפגעפרעסען דאָס פיקסעל,
וואָס האָט אויפגעפרעסען דאָס הענדיל, א. ז. וו.

אויך אין די ענגלישע פאָלקסליעדער געפינען זיך אַלערליי וואַריאַנטען צו אונזער חד גדיא־ליעד, ווי דאָס בעקאַנטע „דהיס איז דהי האַוז דהאָט דזשעק בילט“, און אַנדערע, וועלכע, ווי האַללעוועל גלויבט, שטאַמען פונ'ם יודישען *). ענהליכע וואַריאַנטען געפינען זיך אויך אין רוסישע, פראַנצויזישע, איטאַליענישע און כמעט אין די פאָלקסליעדער פון אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, און אַפילו אין פערזען און סיאַם האָבען זיך געפונען פאַראַלעלען צו אונזער ליעד. נאַטירליך, זינגט עס יעדער פאָלק אויף זיין אייגענעם שטייגער. אַזוי צ. ב. זינגט זיך עס אין עלזעסישען פון „אַ חזר'ל וואָס וויל נישט געהן“ אָדער אין שווייצערישען פון „אַ קעלבעלע וואָס וויל נישט טרינקען“ א. ז. וו. קאָהלער איז אָבער שטאַרק אין ספק און גלויבט נישט, אַז די פערזער ווי די נייגריעכען און אַלטע אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער זאָלען האָבען דאָס דאָזיגע ליעד אָבגעצווייגט פונ'ם יודישען, כדי דאָס צו זינגען אין הונדערטערליי וואַריאַציאָנען. ער ווייזט אויף אַן אויף אַן אינדישע פאַראַלעל אין פאַנטשאַטאַנטראַ און קומט צום שלוס, אַז דאָס ליעד געהערט צו דער אורצייט און שטאַמט פון ווייטען מזרח.

עס איז אַלזאָ מעהר ווי זיכער, אויב דאָס חד גדיא־ליעד איז אַפילו נישט פון יודישען אורשפּרונג, איז עס אָבער אויך נישט קיין נאָכאַהמונג פונ'ם דייטשען, נור גראַד דאָס געגענטייל, ווי עס בעווייזען די העברעאישע ווערטער אין די לעצטע פערזען פון דאָס דייטשע „איין ציקליין“:

דאַ קאַם אונזער ליעבער הערר גאָטט
אונד שלעכט דען מאַלאַך האַמאָוועס (ענגעל דעם טאָדעס),
דער דאַ האָט געשלעכט דען שאָכעט (מעטצגער),
דער דאַ האָט געשלעכט דען אָכסען, א. ז. וו. *)

דאָס בעווייזט אויך, אַז עס האָט אַמאָל געמוזט פאָרקומען אַ געוויסער אויסטויש צווישען יודישע און דייטשע פאָלקסליעדער.

עס איז אַ פאַקט, דאָס שוין אין פריהען מיטעלאַלטער איז פאָרגעקומען כמעט אַ

*) דזש. א. האַלליוועלל, נורסערי רהאַימס, 1842.

*) ארנים אונד ברענטאַנאַ, דעס קנאַבען וואונדערהאָרן, אַלטע דייטשע ליעדער. רעקלאַמס יוניווערזאַל ביבליאָטעק ז. 803.

רעגעלמעסיגער אויסטויש פון ליעדער, נישט נור צווישען אזעלכע שטאמפערוואנדטע פעלקער ווי דייטשען, האָללענדער און דענען, שוועדען און נאָרוועגער, שפּאניער און פּאָרטוגעזען, סערבען און בולגארען, לעטען און ליטווינען א. ז. וו. נור אויך צווישען פעלקער פון גאנץ פרעמדער אָבשטאמונג, וועלכע זענען נור געקומען אין וועלכער נישט איז בעריהרונג. אזוי, צום בייספּיעל, האָבען דייטשע און פּוילישע פּאָלקסליעדער אויס־געוואנדערט נאָך ליטע און זענען געוואָרען דאָס אייגענטהום פון דעם דאָרטיגען פּאָלקס־געזאנג. פּונקט אזוי האָט אויך דאָס דייטשע פּאָלקסליעד אריינגעדרונגען אינ'ם לעטישען ליעדער־אוצר. די פּוילישע פּאָלקספּאָעזיע אין אבערסלעזיען האָט כמעט ווערטליך איבער־גענומען איינצעלנע דייטשע פּאָלקסליעדער. א רעגער אויסטויש פון ליעדער איז אויך פּאָרגעקומען צווישען דער סלאוועניש ער און דייטשער פּאָלקספּאָעזיע, און מעהרערע טשעכישע לעגענדען, באלאדען און ליעבעסליעדער זענען איבערגעגאנגען אין דייטשען ליעדער־אוצר. עס איז אויך זיכער, אז איינצעלנע ליעדער האָבען די דייטשען איבער־גענומען פון די פראנצויזען, און דייטשע ליעדער זענען איבערזעצט און געזונגען געוואָרען אין פראנצויזיש. פון 15טען ביז'ן 17טען יאָהרהונדערט האָבען רוסישע ליעדער אריינ־געדרונגען אין פינלאנד און האָבען אין דער פינישער פּאָלקס־דיכטונג איבערגעלאָזען שפּורען פון זייער איינפלוס; נאָך לענגער איז געווען דער איינדרוק פון דער סקאנדינאווישער פּאָלקסדיכטונג אויף די פינלענדער. *)

דאָס וואנדערנדע פּאָלקסליעד האָט אויך נישט קיין אויסנאהם געמאכט מיט'ן יודישען פּאָלקס־געזאנג. שוין גאנץ פריה האָבען איינינע פּוילישע, קליינרוסישע און מעהרערע דייטשע פּאָלקסליעדער אריינגעדרונגען אינ'ם יודישען ליעדער־אוצר, וואו זיי האָבען זיך אין משך פון פיעלע יאָהרען פערענדערט, אסימילירט און פעריודישט געוואָרען. נאָך דייטשע מוסטערן זענען געשאפען געוואָרען מעהרערע יודישע ליעדער, דאגעגען האָט דאָס סלאווישע פּאָלקסליעד בלויז געהאט א געוויסען איינפלוס אויף אונזערע פּאָלקס־מעלאָדיען. דיעזע איינגעוואנדערטע ליעדער געהערען מייסטענס צום 15טען און 16טען יאָהרהונדערט און ווי איך האָב שוין אויבען בעמערקט, שיינען זיי אויך נישט צו זיין פון דייטשען אָדער סלאווישען אורשפּרונג. די מייסטע פון זיי געפינען מיר אויך אין אלערליי וואריאציאָנען אין דער פּאָלקסדיכטונג פון מעהרערע אייראָפּעאישע פעלקער, דאָס הייסט אלזאָ, אז זיי געהערען, ווי דאָס חד גדיא ליעד, צו דעם זעלבען מין: „אוניווערסאלע פּאָלקסליעדער“.

ווי עס איז בעקאנט, געברויכען אלע פעלקער רעטענישען אלס מיטעל צו פּרואווען דעם שאַרפזינן; דאָס איז שוין אן אוראלטער מנהג, וועלכע די אייראָפּעער האָבען מיט־געבראכט פונ'ם אָריענט. כמעט אין אלע שפּראכען געפינען זיך פּאָלקס־באלאדען, וואָס ענטהאלטען א גאנצע רייהע פון פראגען און אנטוואָרטען דורך וועלכע א בחור וויל אויס־געפינען דאָס קלוגקייט פון זיין צוקינפטיגען זווג. אין מעהרערע ענגלישע אָדער שאָטישע באלאדען איז דער שידוך אין גאנצען אָבהענגיג פון דיעזע אָדער עהנליכע פראגען:

א וואָס איז לענגער פאר דעם וועג,\
און וואָס איז טיעפער פאר דעם ים?\
אָדער וואָס איז (היילכט) העכער פאר א האָרן,\
און וואָס איז שאַרפער פאר א דאָרן?\
אָדער וואָס איז גריגער פאר דאָס גראָז,\
און וואָס איז ערגער פאר א פרוי?

*) אָטטאָ בעקעל, פּסיכאָלאָגיע דער פּאָלקסדיכטונג לייפּציג 1906 ז. 171—184.

און ער לאָזט זיך צופריעדען שטעלען מיט פאָלגענדען אַנטוואָרט :

א די ליעבע איז לענגער פאר דעם וועג,
און די העלל' איז טיעפער פאר דעם ים,
און דער דונער הילכט העכער פאר דעם הארז,
און הונגער איז שארפער פאר א הארז,
און סם איז גרינער פאר דאס גראז,
און דער טייוועל איז ערגער פאר א פרוי.*)

אין א סערביש ליעד זיצט א מיידעל ביים ברעג פון ים און פרעגט :

צי איז פערהאַן וואס ברייטער'ס פאר דעם ים ?
צי איז פערהאַן וואס לענגער'ס פאר דאס פעלד ?
צי איז פערהאַן וואס שנעלער'ס פאר דאס פערד ?
און וואס קען זיסער זיין פאר האָניג ?
און ווער איז טייערער פאר דעם ברודער ?

א פיש שטעקט ארוים דעם קאָפּ פונ'ם וואסער און ענטפערט :

איז נישט דער הימעל לענגער פאר דעם ים ?
איז דער ים נישט לענגער פאר דאס פעלד.
איז דאס אויג נישט שנעלער פאר דאס פערד ?
איז נישט צוקער זיסער נאך פאר האָניג ?
דער געליעבטער נישט טהייערער פאר דעם ברודער *)

אַזעלכע רעטעניש־ליעדער ווערען ביי אונז אויך געזונגען אין אַלערליי וואריאציאָנען און מיט פערשיעדענע מעלאָדיען. עס פעהלט זיי אָבער דער הייראט'ס מאָטיוו און די פערשיעדענע ערקלעהרונגס־סטראָפען, ווי אין עהנליכע ענגלישע און דייטשע ליעדער. ביי אונז זענען זיי פשוט'ע רעטעניש־ליעדער און דאָס זאָגען זיי אויך באַלד פון אָנפאנג :

מיידעל־לעבען, קרוין־לעבען,
איך בין געקומען א רעטעניש פרעגען:
וואס איז העכער פאר א הויז
און וואס איז פלינקער פאר א מויז ?

„נארישער בחור, נארישער טראפּ,
דו האסט ניט קיין שכל אין דיין קאפּ :
דער רויך איז העכער פאר א הויז,
א קאטץ איז פלינקער פאר א מויז".

מיידעל־לעבען, קרוין־לעבען,
איך בין געקומען א רעטעניש פרעגען :
וואס איז טיעפער פאר א קוואל,
און וואס איז ביטערער פאר א גאל ?

*) טשיילד, אינגליש ענד סקאטיש פאפיולאר באלאדס, ז. 2

*) טאלוו, כאראַקטעריסטיק דער פאָלקסליעדער גערמאנישער נאציאָנען. לייפּציג, 1840 ז. 37—136.

„דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ:
די תורה איז טיעפער פאַר אַ קוואַל,
דער טויט איז ביטערער פאַר אַ גאַל" 2)

אַט אַזוי זינגט זיך עס אין ליטע, אָבער גאַנץ אַנדערש קלינגט דאָס זעלבע ליעדעל אין פאָראָלער געגענד, דאָס קען מען אויך מערקען פון דעם געענדערטען ריטמוס:

דו מיידעלע, דו שיינס,
דו מיידעלע, דו פיינס,
איך וועל דיר עפּעס פרעגען
אַ רעטעניש אַ קליינס:

וואָו איז פאַרהאַנען
אַ מלך אָהן אַ לאַנד?
וואָו איז פערהאַנען
אַ וואַסער אָהן אַ זאַמד?

דו נאַרישער בחור,
דו נאַרישער כלאָפּ,
דו האָסט דאָך ניט קיין שכל
אין דיין קאָפּ:

דער מלך אין קאָרט
האָט קיין לאַנד,
דאָס וואַסער אין די אויגען
האָט קיין זאַמד.

אין ענגליבעס ליעד געפינט זיך אויך אינ'ם דייטשען, וועלכע ענטהאַלט מעהרערע סטראָפען און פון וועלכע איך וועל דאָ אבזיכטליך אויס בלויז די פאָלגענדע וואָס שטימען מיט'ן יודישען:

וואָס פיר איין קעניג
איז אָהנע לאַנד?
וואָס פיר איין וואַסער
איז אָהנע זאַנד?

„דער קעניג אויף דעם שילדע
איז אָהנע לאַנד,
דאָס וואַסער אין דען אויגען
איזט אָהנע זאַנד" *)

פון די איינינע איבעראיינשטימענדע פערזען דאַרפען מיר אָבער נישט שליסען, אַז

*) גינזבורג און מאַרעק, פאָלקסליעדער, ז. 314.
*) דעס קנאַבען וואונדערהאָרן, אַלטע דייטשע ליעדער, רעקלאַמס אוניווערז. ביבל. ז 584.

דאָס יודישע ליעד איז ענטנומען אָדער נאָכגעאהמט פונ'ם דייטשען; אין איינינע ערטער שטימט עס דאָך אויך מיט'ן ענגלישען און ווען מיר פערגלייכען עס מיט עהנליכע ליעדער אין אנדערע שפּראַכען, ווייזט זיך ארויס דיזעלבע אונערליכע איבעראיינשטימונג, די זעלבע פערוואַנדשאַפט, וועלכע פיהרט אונז צום לאָגישען שלוס, אז די דאָזיגע ליעדער פון דער עלטערער פעריאָדע אין זייערע אַלערליי וואַריאַציאָנען שטאַמען אַלע פון איין אורשפּרינג־ליכען קוואַל, וואָס איז שוין לאַנג פערלאָרען געגאַנגען.

עס טרעפט, אז פון אַלטע, לאַנג פערקלונגענע ליעדער בלייבען איבער איינינע סטראָ־פען אָדער פערזען, וועלכע וואַנדערן אום פון לאַנד צו לאַנד, פון פאָלק צו פאָלק און בירגערן זיך אומעטום איין אין דעם נייערען פאָלקסגעזאַנג. דערפאַר טרעפען מיר אזוי אָפט איינע און די זעלבע פערזען אין אַלערליי ליעדער פון פערשיעדענעם אינהאַלט און אפילו ביי פערשיעדענע פעלקער וועלכע זענען אין שפּראַך און קולטור, גאַנץ ווייט איינע פון די אַנדערע.

איך וועל דאָ ברענגען צ. ב. פאָלגענדע פערזען, מיט וועלכע עס שליסען זיך מעהרערע דייטשע ליעבעסליעדער:

ווען גלייך דער הימעל פּאַפּיערען ווער'
און יעדעס שטערענליין איין שרייבער'לי ווער'
אונד שריעבע איין יעדעס מיט זיעבען הענד'
זאָ שריעבען זיע מיינער ליעבע קיין ענד'.

די זעלבע פערזען געפינען מיר אויך אין די פאָלקסליעדער פון אַנדערע פעלקער. סערביש:

ווען דער גאַנצער הימעל וואָלט א בלאַט פּאַפּיער געווען,
ווען דער גאַנצער וואַלד וואָלט ראָהר־פעדערן געווען,
ווען דער גאַנצער ים וואָלט שוואַרצע טינט געווען;
און ווען איך וואָלט מיט דעם דריי יאָהר געשריעבען,
נישט אויסשרייבען וואָלט איך געקענט מיינע שמערצען.

ניינריעכיש:

ווען דער גאַנצער וועלט־ים וואָלט געוועזען טינט,
דער הימעל אין גאַנצען פּאַפּיער;
און איך זאָל וועלען מיינע שמערצען בעשרייבען,
נישט גענוג וואָלט עס געווען פאַר מיר*)

און די זעלבע ליעבלינגס־געדאַנקען געפינען מיר אויך אין מעהרערע פון אונזערע ליעבעסליעדער:

פון אַלע ביימעלעך זאָל ווערען פּענעס,
פון אַלע וואַסערלעך זאָל ווערען טינט;
טינט און פּענעס וועט פאָרט נישט קלעקען
צו בעשרייבען מיינע צרות פון אצינד.

---

*) טאַלוו, כאַראַקטעריסטיק דער פאָלקסליעדער גערמ, נאַצ. ז. 450.

צווישען די קנאַפּע זיעבּען הונדערט יודישע פאָלקסליעדער, וועלכע זענען ביז אהער געזאַמעלט געוואָרען, האָב איך, נאָך א לאַנגען זוכען און נישטערן, געפונען א פּאָאַר צעהנדליג אַזעלכע וואַריאַנטען, פון וועלכע עס לאָזט זיך אויך שליסען, אַז דער אָנפאַנג פון'ם יודישען פאָלקסליעד פערלירט זיך אין פריהען מיטעלאַלטער און אַז אונגעפעהר אין דער זעלבּער צייט איז אויך ענטשטאַנען אונזער עראַטישעם פאָלקסליעד.

3.

שוין אין'ם 16טען און 17טען יאָהרהונדערט האָט די יודישע מאַסע אין מערב אייראָפּאַ אַרויסגעוויזען א שטאַרקע נייגונג צו די דאַמאָלס אין יודיש־דייטש בעאַרבייטע און איבּערגעדיכטעטע דייטשע אַבּענדטייער־ראָמאַנען און זאַגען, ווי „דיעטריך פאָן בערן", „קעניג אַרטים", „די ליעבשאַפט פאָן פלאָרים אונד בלאַנשעפליר", „טיעל איילענשפּיעגעל" און פיעל אַנדערע. דיעזע ביכער זענען צו יענער צייט אַזוי בעליעבּט און פּאָפּולער געווען אין יודישע קרייזען, אַז רבנים פלעגען אין די פאָררעדען, צו זייערע עטיש־רעליגיעזע ספרים, זיך שטאַרק בעקלאָגען וועגען דעם. און אַז די דאָזיגע בעללעטריסטישע ביכער האָבּען טאַקע געהאַט זייער לעזער־קרייז און אפשר נאָך א פיעל גרעסערען, ווי די פערשיעדענע מוסר־ספרים, קען מען אויך זעהן פון קאָרנעליא אַדעלקינד'ס פאָררעדע צו לעוויטאַס תהילים איבּערזעצונג, אין וועלכער ער זאָגט, אַז ער האָט לעוויטאַן בעוואויגען צו מאַכען די איבּערזעצונג, כדי הערמיט נוצען צו ברענגען ווייבּער און די יעניגע מענער, וועלכע האָבּען אין זייער יוגענד קיין צייט נישט געהאַט העבּרעאיש צו לערנען, וועלכע ווילען אָבער שבת און יום טוב בעסער לעזען אַזעלכע „געטליכע" ביכער ווי „דיעטריך פאָן בערן", אָדער „דער שענען גליק".

אַן עהנליכע פאָררעדע ציטירט אויך שטיינשניידער אויס דעם מעשה־בוך: „דרום איר ליבן מאַנען און פרויען, לייענט אָפט דאַרויס זאָ ווערט איר דרינגען בעהויען אום ניט צו לייענען אויס דעם ביכער פאָן קיהען (וואהרשיינליך דאָס „קוהבוך", ערשיענען 1555) און פאָן דיטריך פאָן בערן און מייסטער הילדאַבּראַנט זאָלט איר אך אייך ניט טון מיען, נון עס זיין וואָרליך אייטעל שמיטץ, זיע געבען אייך ניט וואָרעם נאָך היטץ, אָך זיין זיע ניט געטליך דאַרבּיי, איר בעדאַרפט וואָל, אַז אייך'ס גאָט פערצייי אונזרע ספרים שרייבען עס איז איין זינט אַז איין הויז, צו לייענען אַן דעם הייליגען שבת דאַרויס, וועללט איר אייער צייט מיט לייענען פערטרייבען, אַזאָ וויל איך איין שען מעשה־בוך שרייבען". *)

אָבער נישט אַלע מאָל האָבען אַזעלכע מוסר־ווערטער געקענט האָבען א ווירקונג אויפ'ן יונגען לעזער, וועלכער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער געפונען, ווי אַזוי זיין צייט צו פערטרייבען.

אונגעפעהר אין דערזעלבער צייט, ווען די אויבּענדערמאָהנטע פאָלקסביכער האָבּען געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג צווישען דער יודישער מאַסע, איז ענטשטאַנען א יודיש־דייטשע האַנדשריפטליכע פאָלקסליעדער זאַמלונג, וועלכע געפינט זיך אין דער באָדלעיאַנאַ, אין אָקספאָרד. איבּער דיעזען זעלטענעם מאַנוסקריפּט האָט פ. ראָזענבערג אָנגעשריעבען א היבשע אָבהאַנדלונג *), אין וועלכער ער איז זיך משער, אַז די זאַמלונג איז ענטשטאַנען

*) פערגלייך מיטטיילונגען צור יידישען פאָלקסקונדע, 27 ז. 102-3.

*) פ. ראָזענבערג, איבּער איינע זאַמלונג דייטשער פאָלקס־אונד געזעלשאַפטסליעדער אין העבּ־רעאישען לעטערן, בערלין, 1888.

צווישען די יאָהרען 1605—1595 און זאָל זיין צוזאַמענגעשטעלט פון א געוויסען אייזיק וואליך אוים וואָרמס. די זאמלונג ענטהאלט 1 שווישפיעל און 54 ליעדער, פון וועלכע 12 שטאמען פון יודישע מחברים; די איבריגע כמעט פיער־פינפטעל פון דער זאמלונג בעשטעהען פון דייטשע פאָלקס־און געזעלשאפטס־ליעדער, וועלכע געהערען מייסטענס צום סוף פונ׳ם 16טען יאָהרהונדערט. צווישען די פערשיעדענע ליעדער־פראָבען, וועלכע ראָזענבערג גיט איבער אין זיין אַבהאנדלונג, געפינען זיך אויך איינינע טאַנץ און ליעבעס־ליעדער, פון וועלכע איך וועל דאָ ציטירען איינינע סטראָפען:

איך קאם פאר מיין פיינעם ליעבעס טיר,
די טיר וואר צוגעשלאָסען,
דער ריגעל וואר דערפיר.

פיינעס ליעב, אונד לאס מיך איין,
איך בין אלזו לאנג געשטאנדען
דערהפראָרען מעסט איך זיין.

איך לאס דיך ניט אריין
דענן דו געלאבסט מיר די טרייע דיין,
דאס דו מיין אייגען וויסט זיין.

די טרייע געלאב איך דיר ניט,
ליעב וויל איך דיך האבען,
אבער נעמען וויל איך דיך ניט.

אַט די איינינע סטראָפען האָבען זיך נאָך ערהאַלטען אין אונזערע היינטיגע ליעבעס־ליעדער. די ערשטע דריי דערמאָנען אָן אונזער ליעד:

עפען מיר די טירעלע,
„עפענען וועל איך ניט!"

א רעגען געהט, א ווינד וועהט,
איך וועל פטר׳ן מיין זיידען קלייד.
„עפענען וועל איך ניט!"

די לעצטע סטראָפע ווידערהאָלט זיך אין מעהרערע ליעדער:

איך האב דיך ליעב, דו מעגסט מיר זיכער גלויבען,
איך קען אהן דיר נישט לעבען איין מינוט;
דו ביזט ביי מיר טהייערער ווי מיין לעבען,
נור נעהמען, דושענע, קען איך דיר ניט.

דער בעשרענקטער פּלאַץ ערלויבט מיר נישט צו ברענגען מעהרערע ציטאַטען, וועלכע וואָלטען נאָך בולט׳ער בעוויזען, דאָס די ביז אהער אָנגענומענע מיינונג, אז אונזערע ליעבעסליעדער זענען ענטשטאַנען אין לעצטען העלפט פונ׳ם פערגאַנגענעם יאָהרהונ־

דערט, *) איז דורכאויס פאלש. עס איז טאקע א פאקט, אז אין די פריהעריגע יאהרען איז ביי אונז דאס ווארט „ליעבע" געוועזען א שפאט־ווארט און „ליעבען זיך" איז בעטראכט געווארען פאר א פערבאטענע זאך, פאר א מאראלישען פערברעכען אינ'ם עפענטליכען יודישען לעבען; ראמאנען נישט נור געדרוקטע, נור טאקע אינ'ם ווירקליכען לעבען, האבען זיך געטראפען זעהר זעלטען. דאס אלץ קען נור געזאגט ווערען אין בעצוג צו די בעל־הבתי'שע קלאסען, אבער נישט וועגען דער יודישער מאסע אין אלגעמיין. אין די אונטערסטע פאלקסשיכטען, צווישען שניידער־יונגען און שוסטער־געזעלען, בעקער און בעל־עגלות, נייטארינס און דיענסטמיידלעך א. ז. וו. איז ליעבע און ראמאנען נישט נור נישט געוועזען א זעלטענהייט אדער א צופאל זאך, נור א גאנץ געוועהנליכע, אלטעגליכע ערשיינונג. הגם אונטער דעם איינפלוס פון מוסר־זאגער און עפענטליכער מיינונג, האט די מאסע אויך געגלויבט, אז „ליעבען זיך" איז אן עבירה, א מאראלישער פערברעכען; אינערליך איז אבער ביי איהר דער אלגעמיין מענשליכער טריעב, דאס עראטישע געפיהל אונפערגלייכבאר פיעל שטארקער געוועזען פון דער עפענטליכער מיינונג.

און די מאסע האט געזינדיגט און — געליעבט.

עס האבען נישט געהאלפען אלע שטערונגען און פערפאלגונגען, שפאט און סטראשונקעס, און אפילו נישט דער מוסר פון אזעלכע ליעדלעך:

וועלכעס מיידעלע ס'וויל ביי טאטע, מאמע חשוב זיין,
איז עס דאך ביי אלע מענטשען טהייער;
וועלכעס מיידעלע, אי וועה, ס'וויל זיך א ליעבע פיהרען,
פארברענען זאל מען זי אויפ'ן פייער!

אין דער צייט, ווען פרומע יודען און יידענעס פלעגען שבת נאכ'ן „טשאלנט" אוועקגעהן אין שוהל אריין הערען א מגיד אדער א „זאגער", אין דער זעלבער צייט פלעגען זיך בחורים און מיידלעך ערגעץ פערקלייבען אין א קעלער אדער אויף א דאך־שטיבעל טאנצען און זינגען ליעדער, און דאס רוב ליעבעסליעדער.

און געליעבט האט מען זיך בסוד, בעהאלטענערהייד, און אויף פערבארגענע וועגען איז מען שפאציערען געגאנגען, אט אזוי ווי עס זינגט זיך אין די ליעדלעך:

שעהן ביזטו, רחל'לעבען,
שעהן זאלסטו דיך ציערען;
טו דיר אן דיין אויבערמאנטעלע,
וועלען מיר געהן שפאציערען.

שפאצירען, רחל'ע, וועלען מיר געהן
צווישען די געדיכטע בוימער,
שפאצירען וועלען מיר ביידע געהן
דארט, וואו עס געהט נישט קיינער.

שפאצירען וועלען מיר ביידע געהן
צווישען די געדיכטע בלעטער;

*) פערגלייך ל. וויענער, דהי היסטארי אף יידדיש ליטרעטשור, ניו יארק 1899 ז. 57.

טאָמער טרעפט דיך דיינס אַ חבר׳טאָריז,
זאָג — דו געהסט צו דיין פעטער.

שפּאַצירען וועלען מיר ביידע געהן
נעבן אייזערנע גראַטען;
האָב נישט מורא, מיין דושקע־ליעבען,
ס׳וועט דיר גאָר נישט שאַטען!

דאָרט, וואו עס געהט נישט קיינער, „צווישען גערדיכטע בוימער“ אָדער נעבען „אייזערנע קראַטען“, וואָס געפינט זיך ערגעץ הינטער׳ן שטאָדט, איז אויך נישט געווען קיין זיכערע בעהעלטעניש פון פרומע, חטאים זוכענדע אויגען, וואָס האָבען געלויערט אויף אַלע וועגען.

און סוף כל סוף ווערט מען געוואָהר פון דער געהיימער ליעבע, עס געפינט זיך שוין איינער אין שטעדטעל, וואָס „קלעהרט אויס“ אָדער „מאַכט“ דערפון אַ ליעד און דוקא אין נאָמען פון געליעבטען:

אַ חיים, לובטשו, וועל איך דיך אַבפיהרען,
ביים גלעקעלע וועסטו אָנקלינגען;
אַ ליעד וועל איך אויס אונז ביידען מאַכען,
די גאַנצע וועלט זאָל פון אונז זינגען.

און די געליעבטע הערט „צומאָרגענס אין דער פריה די גאַנצע וועלט קלינגען“, נור זי פערהאָפט צו גאָט, אַז איהרע „שונאים וועלען ווערען צושפּרינגען“. פילאָזאָפיש און ביי־טערליך זינגט זי אויס צום סוף:

וואָס דער רעגען ווערט גרעסער,
ווערען די שטיינדעלעך נאַסער;
אונזער ליעבע איז ארויף געשוואומען
אזוי ווי בוימעל אויפ׳ן וואַסער.

ווי בוימעל אויפ׳ן וואַסער שווימט ארויף די געהיימע ליעבע, זי ווערט ווען עס איז ענטדעקט, אָבער די ליעדער פון דער ליעבע — קיינמאָל נישט. דיזע צירקולירען נור אום בסוד צווישען דער יונגוואַרג און „פערקלינגען די וועלט“ ערגעץ אין אַ פינסטערער קעלער־שטוב אָדער אַ קנייפּע.

דאָס יודישע ליעבעס־ליעד איז פון תמיד אָן געווען און געבליבען פערבאָרגען אין׳ם פאָלקסמונד, עס איז קיינמאָל נישט אויפגעטרעטען אין דער עפענטליכקייט, נישט גע־זונגען געוואָרען ערגעץ אויף אַ שמחה אָדער אזוי אין דער געגענוואַרט פון בעל הבתישע מענשען, וואו בדחנישע און אַנדערע גאַטונגען ליעדער האָבען אַלע מאָל געפונען צוהערער. דאָס ליעבעס ליעד, אַלס פּראָדוקט פון די אונטערסטע פאָלקסשיכטען, האָט געמוזט בליי־בען אין יענע קרייזען, וואו עס איז געשאַפען געוואָרען; איהר עכט לירישער אינהאַלט, איהר נאַאיוויטעט און האַרציגקייט איז צו פיעל געווען אין קאָנטראַסט מיט דער טרוקענער בדחנישער אַטמאָספערע, וועלכע האָט אין די פריהעריגע יאָהרען בעהערשט די מיטעלערע פאָלקסשיכטען. און אין אמת׳ן, וואָס פאַר אַ פנים וואָלט עס געהאַט און ווי לעכערליך

וואָלט עס אויסגעזעהען, ווען א יודיש מיידעל שטעלט זיך אוועק פאר אן עולם יודען און יידינעס זינגען אזא מין ליעד:

אי וואס איך האב געוואָלט האב איך אויסגעפיהרט,
זאל איך אזוי לעבען! ,
כ'האב געוואָלט א שעהן ייִנגעלע,
האט מיר גאט געגעבען.

כ'האב געמיינט אז ער איז שוין מיין,
כ'האב איהם שוין בעקומען —
איז געקומען א שעהנער מיידעלע
און האט איהם צוגענומען.

און דאָס וואָלט טאקע קיינמאָל נישט געקענט פּאַסירען, ווייל ביי א פשוטע מיידעל פון פאָלק איז דאָס ליעבעסליעד, איהר טיעפסטע געהיימנים, איהר הייליגסטער סוד פון'ם הארצען, און דיעזע הערצענס סודות זינגט זי נור פאר זיך אליין, אָדער פאר איהרע אינ־טימסטע חבר'טאָרינס, בתנאי, ווען א פרעמדער מענש, איבערהויפּט א מאַנספּערזאָהן איז נישטאָ הערביי. נור פאר איהרע אינטימסטע חבר'טאָרינס קען זיך א פערליעבט מיידעל בעקלאָגען:

ווי אזוי קען איך לוסטיג זיין,
אז פארשטערט זענען מיר מיינע וועגען?
אז איך דערמאן מיך אן זיין שעהן פנים,
ווי אזוי קען איך לעבען?

איך עס און טרינק און שלאָף ביי נאכט,
נאָר מיין הארץ איז מיר פערטראכט.

ס'הוב זיצט אָבער די פערליעבטע אליין און שטיבעלע מיט איהר „פארטראכט“ הארץ:

זיץ איך מיר אין שטיבעלע
און טראכט נאָר וועגען דיר,
ס'עפענט זיך מיר א גריבעלע,
ווען איך הער א קלאַפּ אין טיר.

ווייל נאָר צו דיר ציהט מיין הערץ,
מיין הארץ וויים גיט קיינער;
אי וועה, ווי ביטער איז מיר מיין שמערץ,
די ליעבע צובערכט מיר מיינע ביינער.

גאַנץ אנדערש בעציהט זיך דער מאן פון פאָלק צו די ליעבעסליעדער; ביי איהם זענען זיי נישט קיין הערצענס־סודות און איבערהויפּט זינגט ער זעהר זעלטען פון ליעבע. נור אין גאַנץ זעלטענע פעלע, מייסטענס ווען די געליעבטע העבט אָן רעדען וועגען א תכלית, וועגען חתונה האָבען, אָט דאמאָלס זינגט ער אויך זעהר ליעבעספּול, אָפען און זעהר ערנסט ערקלעהרט ער:

איך האָב דיך ליעב, דו מעגסט מיר זיכער גלייבען,
איך קען אָהן דיר ניט לעבען איין מינוט,
דו ביזט ביי מיר טייערער ווי מיין לעבען —
נאָר נעהמען אָהן קיין געלט קען איך דיר ניט!

אָבער נישט אַלע מאָל איז ער שולדיג אין דעם, וואָס די ליעבע „קען נישט קומען צו אַ צוועק", גאַנץ אָפט שטערען איהם דערייין זיינע עלטערן, אָדער „דער קיסר נעהמט איהם צו" אין סאָלדאַטען, אָדער אַן אַנדער סיבה טרייבט איהם ערגעץ אַוועק. ביים צושיידען זיך זאָגט ער צו, אַז ער וועט נאָך צוריק קומען, אַז ער וועט נאָך אַמאָל מיט איהר, זיין טייער־לעבען, אַ חופה שטעלען. אַמאָל ווערט ער אויך גערירהרט פון דער געליעבטערס טרערן, פון איהר טרויעריגע לאַגע און ער פערטראַכט זיך וועגען איהר:

דאַרטען אויפ'ן בערגעלע שטעהט נאָך אַ ביימעלע,
דאָס ביימעלע איז שוין לאַנג איינגעבויגען;
דאַרטען שטעהט נאָך מיין געטרייע כלה
מיט איהרע אויסגעוויינטע אויגען.

און ער טרייסט איהר, זיין „קרוינעשי", זיין „דושעניו" און בעט זי, זי זאָל נישט וויינען, זי זאָל נישט הערען וואָס לייט רעדען, ווייל נאָך אַלעמען האָט זי ביי איהם „חן געפונען". און חאָטש זיינע עלטערן בעטען איהם, ער זאָל שוין אָן איהר פארגעסען, פון דעסטוועגען פערזיכערט ער איהר:

נישט איין וואַסערל וועט פאַרביי לויפען,
אונזער ליעבע וועט קיינער נישט פאַרלעשען.

און נאָך איידער איין וואַסערל לויפט פאַרביי, פאַרגעסט ער אָן אַלע זיינע פערשפּרעכונגען און הבטחות, און זיין ליעבע ווערט פערלאָשען, אַזוי גיך ווי עס האָט זיך אָנגעצונדען.

דערפאַר איז אָבער די איינפאַכע, נאַאיווע פאָלקסמיידעל פיעל שטאַרקער און דויער־האַפטער אין איהר ליעבע; און אַז זי ליעבט, ליעבט זי מיט'ן גאַנצען פייער פון איהר ריינעם האַרצען. איהר גאַנצען לעבען ביז אין איהר גרויען צאָפּ, ביז אין איהר פינסטערן קבר, הערט זי נישט אויף צו ליעבען און צו האָפען, צו טרוימען און צו זינגען פון איהר געליעבטען:

דייגע אויגען זענען שעהן,
זיי זענען ביי מיר טייער,
מיט דיין ליעבען, זיסען חן
האַסטו אָנגעצונדען אין מיין האַרץ אַ פייער.
און מיין האַרץ ציהט צו דיר,
אַזוי ווי מאַגנעט צו אייזען, שטאָהל;
און די ליעבע ברענט אין מיר,
זי ווערט פאַרגרעסערט וואָס אַ מאָל.

ווען איך זאָל האָבען פליגעלעך
וואָלט איך צו דיר געפלויגען;
ווען איך זאָל האָבען שטריקעליך,

וואלט איך צו דיר געצויגען.
און מיין הארץ ציהט צו דיר,
אזוי ווי מאגנעט צו אייזען, שטאהל, א. ז. וו.

אן אנדער מיידעל לאזט זיך נישט צופרידען שטעלען בלויז מיט'ן וואונש צו קריגען פליגעלעך, זי נעהמט זיך אונטער:

אויפ'ן ים'עלע וועל איך פאהרען,
אויפ'ן וואסערל וועל איך שווימען
כ'וועל אוועקוואַרפען מיינע עלטערן —
נאר צו דיר מיין ליעבינקע וועל איך קומען!

שוין די איינציגע פערזען צייגען אונז, ווי נאטירליך און שטארק א יידיש מיידעל קען ליעבען און ווי וויט זי קען געהן אין איהר ליעבע.

נאך שטארקער דריקט זיך אויס איהר ליעבע אין די אבשיעדס-ליעדער. דא, ביים צושיידען זיך פלאקערט זי אויף אין איהרע העלסטע פלאמען; געפיהלען פון טרויער און בענקשאפט, ליעבע און אייפערזוכט מישען זיך אויס צוזאמען און מאכען אויף איהר א שווערען איינדרוק. און מיט א שווער געמיטה זינגט זי:

מיין הארץ, מיין הארץ וויינט אין מיר,
אז איך דארף מיך שיידען איצט מיט דיר;
מיינע געדאנקען, אהין — אהער,
מיט דיר צו שיידען איז מיר שווער!

יא, שיידען איז שווער, שיידען טוט וועה, אבער נאך מעהר שמערצט עס איהר, וואס זי ווייסט נישט וואו ער וועט אהין קומען, אויף וועלכען וועג זי וועט איהם דארפען זוכען. און דאך שטארקט זי זיך און בעט איהם ער זאל כאטש:

פון ערשטען שטעדטעלע, פון ערשטען דערפעלע,
דאס ערשטע בריוועלע שרייב צו מיר.
בעטען, בעט איך דיך, מיין טייער-ליעבען,
פארגעסען זאלסטו נישט אן מיר!

ועסטו קומען צו א וואסערל,
זאלסטו דיך נישט טרענקען;
וועסטו קומען צו אן אנדער מיידעלע —
זאלסטו מיך געדענקען!

„א ליעבע פאנגט זיך אן פון א שמייכעל, פון א שמייכעל ביז צו א קוש; עס נעהמט אוועק ביים קליגסטען מיידעל דעם שכל, דעם קליגסטען מענשען מאכט זי צום ניש'," פילאזאפירט זיך אין א געוויסע ליעדעל; און לויט אן אנדער ליעד „פאנגט זיך אן די ליעבע צוקער-זיס, אבער איהר סוף לאזט זיך אויס זעהר מיאוס". אונבעשרייבליך זענען די צרות פון א מיידעל, וואס ווערט אבגענארט אין איהר ליעבע, א ביטערער געפיהל פון נקמה ערוועקט זיך אין איהר, נישט נור צו איהר בעטריגער, נאר אויך צו אלע „פאלשע

יינגלעך" פון דעם זעלבען מין. און זי וואָרנט איהרע חבר'טאָרינס, נאָך דעם ווי זי האָט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פון איהר אונגליקליכער ליעבע:

הערט'ס אוים אלע מיידעלעך,
קיין ליעבע איז נישט גוט צו קענען:
מען דאַרף צוזאַמען נעהמען אלע פאַלשע יינגעלעך
און אויפ'ן פייער זיי פאַרברענען!

א צווייטע מיידעל קומט דורך איהרע ביטערע ערפאהרונגען און צרות צו אן אנדער שלום:

מיינע צרות האָבען מיך אַרומגערינגעלט,
אַזוי ווי אַ בעדנאַרזש אַ פאַס;
היינטיגע יינגעלעך איז אַזוי פיעל צו גלייבען,
אַזוי ווי דעם הונד אויף דער גאַס!

אויפ'ן פייער זאָל מען זיי פאַרברענען
ביז אויף דראָבנע קוילען;
פינף יאָהר געפיהרט אַ ליעבע,
און נישט צו קענען פועל'ן!

פול מיט גאל און ביטערניס זענען די ליעדער, וואָס בעהאַנדלען די אונטרייע ליעבע, עס פעהלט אָבער אויך נישט אין זיי דער מילדער טאָן, דאָס הארציגע און דאָס פיינע געפיהל צו שענקייט, וועלכע דריקט זיך אוים אַזוי רייך און פערשיעדענאַרטיג, כמעט אין אלע אונזערע ליעבעסליעדער.

אינהאלט:

אבענד און נאכט (ליעדער)	מאני ליב.
א ווינטער נאכט (ערצעהלונג)	דוד איגנאטאוו.
מיר האבען זיך געבאדען... (ליעדער)	מ. ל. האלפערין.
א מעת לעת (זעהונגען)	סאפיע גערשוי.
שווארצע שאטענס (ליעדער)	א. מ. דילאן.
די דעמאקראטישע קונסט (עסעי)	דזשאן עדינגטאן סיימאנדס.
פון אומעט (ערצעהלונג)	א. מ. מאנדעלבוים.
א חלום	ר. אייזלאנד.
ווייסע טויבען (ערצעהלונג)	ב. באטווויניק.
ליעדער	מ. סאסין.
חברים (ערצעהלונג)	הערמאן גאלד.
* * *	י. ראלניק.
* * *	יצחק בלום.
די ענטפלעקונג (ערצעהלונג)	ש. פאקס.
שרעק (ליעדער)	ב. לאפין.
אויף יענער זייט בריק (ערצעהלונג)	י. אפאטאשו.
יפתח'ס טאכטער (פאעמא)	י. י. שווארץ.
א. ליעסין (קריטישע נאטיצען)	ב. ווראדעק.
"TRIO"	ע. ל. פליישמאן.
אין גארטען	עמנואל.
שלמה (דראמע)	א. זעלדין.
די אלמנה	מיכל קאפלאן.
דאס אידישע פאלקס ליעד (אפהאנדלונג)	י. ל. כהן.

אינהאַלט: פון ערשטען בוך.

ל י ע ד ע ר :

אָקטאָבער	י. י. שווארץ.
מיין היים	י. אדלער.
ליעדער	י. ראלניק.
פראגמענט	ה. רויזענבלאַט.
שאָטען־טענץ	י. רייז.
בעגינען	מ. באסין.
געליטערט	י. סלאָנים.

ע ר צ ע ה ל ו נ ג ע ן :

דאָס ברעגבעל	א. ראבאי.
אין גרויען־ליכט	מ. חאאימאָוויטש.
הינטערן קוזניע	י. עפשטיין.

אַ ר ט י ק ל ע ן :

צווישען מזרח און מערב	י. ענטין.
גאָט זוכעניש און זיך גופא־זוכעניש	מ. קאַטץ.
באדלער און זיין פּאָעזיע.	א. ליעאָנטיעוו.
אָסקאר ווײילד	י. סלאָנים.
שרייבען אָדער שרייבען ?	י. יאפע.

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פ י ע :

שטילע געזאנגען	י. פּ.
צארטען קלאנגען	
אַ פּאָעט א מאלער	
פארשפּרעכענדע פּראָבען	
די אידעשע באלאדע	י. ע.
אַ רויהער טאלאנט	
אַ יונגער טראכטער	
דער ים	מ. י. ח.
אַ זוכע פון אידעשע גבורים.	

דיזער, צווייטער זאמעלבוך „ליטעראַטור" איז רעדאגירט געווארען דורך אַ נייע רעדאקציאָן.

פעראיין **„ליטעראַטור."**

GRAYZEL & CO., PRINTERS AND LINOTYPERS
65-67 SUFFOLK STRE   NEW YORK.